STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10297

DI FARKISHUFTE VELT FUN AMOL

Zvi Shuber

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי שובער

די
פאַרכּישופטע
וועלט
פון
אַמאָל

שער־בלאַט, אילוסטראַציעס און וויניעטן
געצייכנט דורך דער קינסטלערין:
רות קרוין

●

רעדאַקטאָר:
משה קנאַפּהייס

●

געזעצט און געדרוקט אין דער
דרוקעריי „סטילאָס" פון
סימאָן עדעלמאַן

●

לינאָטיפּיסט: חיים־אַהרן יום־טוב
מעטראַמפּאַזש: קלמן שענקער
דרוקערס: פּיניערא און אַרליאַ

צבי שובער



די פאַרכישופטע וועלט פון אַמאָל

דערציילונגען

פאַרלאַג
יידישלאַנד
בוענאָס־איירעס

ZVI SHUBER

EL ENCANTADO MUNDO DE ANTAÑO

DI FARKISHUFTE VELT FUN AMOL

Copyright by
ZVI SHUBER
TORONTO — CANADA

Printed in Argentina
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Registro Nacional de la
Propiedad Intelectual
Nº 1099644

Este libro se terminó de imprimir
en julio de 1973, en los Tall. Gráf.
STYLOS de Simón Eidelman

EDITORIAL
Idisch Land
Buenos Aires
1973

אין הייליקן אָנדענק פון די אומגעבראַכטע ייִדן אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, און מײַן גרויסע משפּחה וואָס איז פֿאַרשניטן געוואָרן דורכן דײַטשן רוצח אויף די אויגן פון אַ גלײַכגילטיקער וועלט —
געהייליקט

די פאַרבישופטע וועלט פון אַמאָל

במקום א הקדמה

ווען אלע ימען זאלן זיין טינט, אלע וועלדער זאלן פארוואנדלט ווערן אין פאפיר און אלע יידן זאלן זיין שרייבערס, וואלט נישט גענוג געווען צו באשרייבן די רומפולע איבער טויזנטיאריקע אייראפעישע יידישע געשיכטע פון אויפשטייגנדיקן שאפן, בויען די ווירטשאפט, דעם האנדל, די אינדוסטריע, די גייסטיקע שעפערישע ווערטן, דאס יידישע קולטור־לעבן וואס האט געשפרודלט אין די קאמפאקטע יידישע שטעט און שטעטלעך — צענטערס פון פארברייטן שטייגער, טראדיציע און וויסן. וכל המרבה לספר הרי זה משובח.

נישט קיין מצבה, נישט קיין פ"נ איז דער מחבר אויסן געווען מיט אט דעם בוך, נאר א פאן, א פלאטערנדיקע פאן פון אונדזערע פארשניטענע ישובים וואס האבן געלעבט א וואונדערלעך שיין פילפאריק שטייגער־לעבן און פארגעשטעלט מיט זיך אאזיסן אין מידבר פון באמישקייט און אומוויסן; בליענדיקע גייסטיקע רעזערווארן פון תורה און חכמה; יידישע קולטור־פרדסים. צעווארפן איבער דער אייראפעישער קאנטינענטאלער סאהארע פון האס און שנאה האבן די יידישע גייסטיקע ברכים, די קולטור־מעטראפאליעס געשפרייט ליכט, סנאפעס שיין, לייכטנדיקן וויסן וואס אפילו די היטלעריסטישע קאטאסטראפע האט נישט געקאנט פארלעשן פולשטענדיק.

ס'געוועב פון יידישן לעבן, די גראע הארבע יידישע קעגנווארט איז געווען דורכגעצויגן מיט גאלדענע און זילבערנע פעדעם פון יידישן עבר און נביאישן, וויזיאנערישן עתיד, פון באחרית־הימים, באפעסטיקט מיט א תוכיק טעגלעך וואכעדיק תהילימדיק און תפילהדיק לעבן. מאנטיק און דאנערשטיק האט מען געפאסט אויפן גלות און וועלטוויי. יידישער גלות איז וועלטשמערץ איינגעהילט אין דביקותדיקן ניגון. ווי צו א וועלט וואס האט דערלאזט אז א פאלק זאל געפייניקט און פארפייניקט ווערן בפני כל עם ועדה. קיין גוטס קאן עס איר זיכער נישט ברענגען. דער פלעק, דער שאנדפלעק, דער קיד־צייכן וועט איי־

ביק ברענען אויף די קופּערנע שטערנס פון די דײַטשע רוצחים וואָס האָבן אומגעבראַכט מיט אַלע מיתות־משונות אַ דריטל פון ייִדישן פאָלק.

ווי וואַקלדיק דאָס ייִדישע וואָכעדיקע לעבן איז געווען האָט דער ערב־שבת און דער שלווהדיקער שבת — אין אַ כּולו־וואָכיקער אַרומרינגלונג — געגעבן דעם ייִד אַ באָדן אונטער די פיס. פאַריאָכט און פאַרשקלאַפט אין אייראָפּעיִשן מצרים האָבן די זמנים און ימים־טובים געקריגן מלוכישן אינהאַלט און באַטײַט. באַפאַרבט מיט פאָלקישן טרוים זענען זיי געווען דער נאַציאָנאַלער נר־תמיד וואָס האָט געפלעמלט מיט הייליקן שײַן אין דער ייִדישער נשמה.

פּסח, דער יום־טוב פון אונדזער ערשטער באַפרײַונג; די גאַנצע עפּאָפּיי פון יציאת־מצרים, וואָס איז אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן, דאָך אַזוי רײַך, אַרײַן אין די עטלעכע צענדליגג בלעטלעך פון דער הגדה — האָט געצונדן די ייִדישע פאַנטאַזיע און געגעבן האָפענונגען אויף בעסערע צײַטן, בטחון אויף באַפרײַונג פאַר אַלע פאַריאָכטע צו די נײַע פרעהס, די הײַנטיקע פיזישע און גײַסטיקע פאַרשקלאַפערס פון פעלקער.

אַ לאַנד, אָן פעלדער, ווײַנגאָרטנס, סעדער; אָן שניט־אײַנזאַמל פון תבואה און פרוכטן האָבן די מועדים וזמנים ימים־טובים געזעטיקט די נאַציאָנאַלע ייִדישע בענקשאַפטן. אין דער פאַנטאַזיע, אינעם דמיון האָבן זיך ייִדן געזען אויף ערד, בינדן תבואה־גאַרבן, אַראָפּנעמען פרוכטן פון די סעדער און ווײַנגאָרטנס און טראָגן ביכּורים קיין ירושלים. דורך די תפילות זענען זיי עולה־רגל געווען צו די הייליקע ערטער פון אַמאָל.

ייִדן אין די שטעטלעך האָבן אין דמיון, מיט האַרץ און נשמה געלעבט אין ארץ־ישראל. מיט עמאָציאָנעלע פעדעם זענען זיי געווען פאַרבונדן מיטן ייִדישן לאַנד. מיטן טראַדיציאָנעלן שטייגערישן אופן פון זייער אויפפיר און הלבשה האָבן זיי פאַרביק אויסגעשפּילט דאָס נאַציאָנאַלע יום־טוב־לעבן פון פאָלק. ווער פון אונדז קען פאַרגעסן די פרייד וואָס האָט אַראָפּגעשטראַלט פון ייִדישן קינד און זקן, מאַן און פרוי. ווי פײַערלעך זיי האָבן געלעבט שבת און יום־טוב! פרײַטיק נאָך מיטאָג, ערב שבת איז מען געוואָרן גאָר אַנדערע ייִדן, אויס וואָכעדיק, אויס מיט אַלע עולן, נשמה־יתירהדיקע ייִדן.

כאָטש דאָס ייִדישע שטעטל איז געווען, ווי אַן אינדזל, אַרומגערינגלט מיט אַ ים שנאה, האָבן ייִדן דאָך געלעבט אַ לעבן אָן עצבות,

אָן צווייפל, מיט בטחון און האָפענונג אַז דער יידישער גלות וועט זיך ענדיקן, ווי ס׳האָבן זיך אין די פריערדיקע צייטן געענדיקט גלות־בבל, גלות־אַנטיאָך, גלות־רוים, גלות־שפּאַניע. אַזוי האָבן יידן געהאָפט אַז ס׳וועט זיך ענדיקן גלות־אייראָפּע. געהאַלטן זיך צוזאַמען און אָנגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַל יידיש לעבן מיט דער האָפענונג אויף דער גאולה אַז זי זאָל קומען ווי צום גיכסטן. דער פעסטער באָדן אונטער זייערע פיס זענען געווען די יידישע ימים־טובים, די תורה, טראַדיציע, יידישע געשיכטע וואָס איז פול געווען מיט די איבערגעלעבטע גלותן.

כדי צו דערהאַלטן די יידישע אייגנאַרט האָבן יידן אין מיטלאַלטערלעכן אייראָפּעישן בבל געשאַפן די יידישע שפּראַך, און די אַלטע יידישע קולטור איבערגעאָפן אין אַ נייעם קרוג, צו האָבן גייסטיקן כוח איבערצולעבן דעם בין־השמשות אין יידישן לעבן און זיך נישט אויסמישן מיטן נישט־יידישן אַרום בעת מ׳איז געוואָרן געטריבן פון איין גירוש צום אַנדערן, פון פּאָגראָם צו פּאָגראָם, אַזוי ווי מ׳איז געלאָפן פון די קרייצצוגלערס און פון דער אינקוויזיציע.

אָט דאָס געיאָגטע און געפּלאָגטע יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן פון זיך טרוימערס, וויזיאָנערן פון יידישער און מענטשלעכער אויסלייזונג. ווי אַ קוואַל האָט געשפּרודלט די יידישע שעפערישקייט אין אַלע אירע פאָרמען. די הומאַניטאַרע זוימען האָבן באַפרוכפערט די יידישע אינדזלען וואָס זענען אַריבערגעוואָקסן דעם נישט־יידישן מידבר, די שדה צִיות, די סטעפּפעלדער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די יידישע אָאַזיסן און געדראָט מיט פאַרווילדעווען דעם בליענדיקן יידישן גאָרטן.

פון די קאַסרילעווקעס זענען אַרויסגעוואָקסן גייסטיקע יידישע ריזן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער מי, פון אַלזייטיקן וויסן; מיטשאַפערס פון יידישער קולטור, שאַפערס פון ליטעראַרישע קונסטווערק וואָס האָבן ווי פּייערזיילן באַלויכטן די אַרומיקע פינצטערניש. מיט זייערע פילקאָלירקע, רייכמעלאָדישע געדאַנקען־סימפאָניעס ביז די דינסטע ניואַנסן האָבן זיי באַרייכערט די יידישע גייסטיקע אוצרות. די יידישע אָדלערס האָבן געטראָגן אויף זייערע ליפן און מוח־פליגלען דעם יידישן הומאַניזם, ווי נוחם טויב דעם איילבירטבלאַט צו דער וועלט וואָס איז געשטאַנען פאַרפלייצט אין אומווייסנקייט און עם־הארצישן מבול. די וועלט האָט פאַרצערט, זיך צוגעאייגנט, אַסימילירט אונדזערע אינטעלעקטועלע ריזן, שלעכט פאַרדייעט זייערע קאָנצעפּציעס און טעאָריעס וועגן דער וויל־איינאָרדענונג פון דער מענטשלעכער גע-

זעלשאַפט, געקריגן בלוטשטורצן, אָנגעוואָרפן און אַרײַנגעוואָרפן די פעלקער אין געווירבל פון בלוטיקע מלחמות.

ברמיך חיי! דאָס יידישע שטעטל האָט געבלוטיקט אָבער געלעבט. ווי צו להכעיס זענען זיך נאָך מער צעוואָקסן די רײַכע יידישע קולטור־געוויקסן, די ליטעראַרישע סאָסנעס, צעדערביימער פון געדאַנק און וויזיע וואָס האָט געקוואַלט פון די שטאַמען זייערע ביז אַרויף צו די שפיצן און פון דאָרט האָט אַראָפּגעריזלט אין דער וועלט אַרײַן יידישע רענעסאַנס־שטרעבונגען, גאולה־האָפענונגען פאַרן ייד, פאַר דער וועלט.

זיי זענען געקומען, די יידישע מדריכים, צו די שיידוועגן פון ספקות, מדריך צו זײַן די בלאָנדזשענדיקע און זוכנדיקע. זיי האָבן אויסגעמיטן די סכנות וואָס האָבן געלויערט אויף זיי אויף די וועגן פון בלאָנדזשעניש. אַ סך זענען געשטרויכלט געוואָרן און געפאַלן — קרבנות אויף פרעמדע מזבחות.

דעם יידישן פאָלק איז צוגעקומען נאָך אַן אַנטוישונג און אַ דערפאַרונג מיט אַ מוסר־השכל; יידישער רענעסאַנס וועט קומען נאָר דורך יידישע הענט אָן אַנדערע שותפים. אָבער די, וואָס זענען אַוועק פון שטעטל אין דער וועלט אַרײַן, זענען שוין צוריק נישט געקומען. די וועלט האָט געוווּנען. זי האָט נהנה געווען פון שטעטל ווי אַלע מאָל ביז איצט און דאָס שטעטל איז ווײַטער געבליבן פאַרטרויערט, אָפּגעזונדערט מיט זײַנע לײַדן און לעבן־תשוקה, אַפילו זיך נישט צו גרייסן מיט די נצחונות און מיטן יחוס.

דאָס יידישע שטעטל האָט אין יענער צײַט געלעבט אין לײַדן און נויט. דאָך האָט עס ליב געהאַט דאָס לעבן, געפילט דערצו אַ חוב, געהאַלטן דאָס לעבן פאַר אַ זכות, פאַר אַ מצווה צו לעבן און לאָזן לעבן; צו העלפן אַנדערע מקיים זײַן לעבן. מ'האָט ווײַטער געשאַפן ישובים, פונאַנדערגעשפרייט די ווענט פון ענגן שטעטלדיקן לעבנסשטח — צו ברייטע האָריזאָנטן, וואָס האָבן דערווײַל זיך אויסגעשפרייט בלויז אין זייער דמיון, געטראָגן אויף די פליגלען פון זייער פאַנטאַזיע.

אויב דער עתיד, די צוקונפט איז געווען אַ נישט־ממשותדיקע, אַ לופטיקע, הוילע פאַנטאַזיע, איז די קעגנוואַרט פון שטעטל, וואָס האָט געלעבט מיטן עבר, געווען אַ גרונטיקע, אַ פעסטע, באַפעסטיקט מיט אַ בטחון, אַן אויסגעפּרוּווטן, וואָס האָט געלערנט אַז: מע לעבט און מע לײַדט נישט ווײַל מע קאָן נישט שטאַרבן, נאָר ווײַל מ'איז מחויב צו לעבן. וואָס איז עס אַזוינס פאַר אַ חכמה נישט צו לעבן?

פארן רוב איז אין שטעטל געווען פרנסה בצימצום. די נכסים קליינע. מ'האט געלעבט פון האנט צום מויל. מ'האט זיך קוים געהאט צו דערנערן פון דער שווערער ארבעט. זיך ארומגעשלעפט איבער די דערפער, זיך געלאזט איבער די יארידן. ביי נאכט געפארן און ביי טאג געיארידעוועט. א גאנצע וואך האט מען זיך געשפייזט מיט אבי וואס, מיט טרוקן ברויט, כדי שבתדיק צו מאכן דעם עונג־שבת מיט א שטיקל עוף.

געווען א סך, וואס דער שבתדיקער „ראסקאש", די הרחבה איז ביי זיי געווען א שטיקל קישקע אין טשאלנט און א מארכביין אין מייערן־צימעס. דאס אפגעשטאנענע לעשטשל, די פיש מיט דער פיש־יויך זענען געווען די „מעדני מאכלים", פארזונגען מיט די מתיקות־דיקע שבתדיקע זמירות, וואס האבן אריינגעגעבן א נשמה־יתירהדיק געפיל און אנגעטון פליגלען דעם מינדסטן, געהויבן אים צו די הימ־לען, אוועקגעטראגן אים פון דער גראער ווירקלעכקייט, פארוואנדלט זיין הויז, צוזאמען מיטן געלן זאמד אויפן דיל, אין א ידישן פאלאץ, וואס האט עונג־שבתדיק דערפרייט דאס הארץ; אראפגעשיינט פון די פנימלעך ביי די ידישע קינדערלעך, ארויסגעשיינט פון זייערע אויי־געלעך מיט עולם־הבאדיקן נחת־רוח.

אין שטעטל זענען געווען א סך אנדערע נכסים און הכנסות וואס דאס שטעטל האט זיך גערימט מיט זיי, געקאכט און גערודערט. מ'איז געווען מיט זיי פארטון און פארנומען, פארהאוועט און פארהארע־וועט מיט זיי. „הכנסת־כלה", „הכנסת־אורחים", „ביקור־חולים", „מלבוש - ערומים", „גמילות - חסדים", „תומכי - עניים", „לינת - הצדק", „תלמוד־תורה" און אנדערע פילאנטראפישע הילף־אינסטיטוציעס און געזעלשאפטן צו הילף דעם מענטש, אן אונטערשיד ווער, ייד און קריסט. מיט דעם האבן זיך די כלל־טוערס פארנומען לא על מנת לקבל פרס, אדער צו קריגן פירסום, כבוד, לויב...

געווען אויך א חברה „מתן־בסתר", צו שאנעווען מענטשלעכע געפילן, נישט צו פארצאפן קיינעם קיין בלוט. מ'האט געגעבן הילף בסוד, נישט צו פארשעמען, חלילה, די נעמערס — געוועזענע גבירים, אפגעקומענע שיינע ידן, וואס האבן זיך געשעמט צו קומען בעטן מתנת־יד פון מענטשן. די מתן־בסתרניקעס האט מען געטראגן די הילף געהיים, בסוד, מע זאל נישט וויסן ווער ס'גיט און ווער ס'נעמט די הילף.

אויב ס'האט זיך ווער געיאגט נאך געלט, נאך עשירות, איז עס נישט געווען לשם געלט סתם, צו לייגן עס אין די בענק אריין

נאָר צוליב מפרנס זיין ווייב און קינד, צו האָבן צו צאָלן שכר־לי־מוד, אויסהאַלטן טאַטע־מאַמע, געבן צדקה, אַריינלייגן פריטיק פאַר ליכטבענטשן אין די צדקה־פושקעס וואָס האָבן באַצירט די ביישטיי־לער פון די טירן איבער ייִדישע הייזער; געבן פּדיון־שבוים אויס־לייז־געלט פאַר געפאַנגענע, אויף מעות־חיטים, פאַר אָרעמע אויף מצות, פאַר אויסהאַלטן ייִדישע הילף־אינסטיטוציעס אין שטאָט, אין לאַנד און אין חוץ־לאָרץ, אין ארץ־ישראל און אומעטום ווו ייִדישע נויט פאַרלאַנגט הילף.

דער מינדסטער האָט אַהיימגענומען אַן אורח אויף שבת. דער אָרעמסטער האָט געגעבן אויף אויסצוהאַלטן אַ טאָג, צוויי אַ ישי־בה־בחור וואָס האָט געגעסן טעג. אַליין ביי זיך אין שטוב געגעבן צו עסן אַ לערנער, אָדער באַצאָלט פאַר זיין טאָג עסן ביי אַן אַנ־דערן. פאַרן אָרעמסטן איז עס געווען אַ מצווה צו וואַרפן עפּעס אַ מטבע אין דער מאיר־בעל־נס־פּושקע, צי אין בלאָ־ווייסן פּושקעלע פון קרן־קימת, קרן־היסוד נישט דווקא ערב־שבת, נאָר ווען דער גראָשן איז געווען אין קעשענע. פון מויל האָט מען אָפּגעשפּאָרט דעם ביסן ברויט שבת־שירה און געוואָרפן פאַר די פייגעלעך אין דרויסן, ווען דער פראָסט האָט געברענט און דער שניי האָט פאַר־דעקט די וועלט. ס'זאָל גרינגער זיין איבערצוטראָגן דעם ווינטער האָבן אַלע געהאַט אַחדותדיקע אַחריות און שותפות־געפיל פאַר אַלע קהלי־שע הצטרכותן — פון דער זאַמד־גאַס, בית־מדרש־גאַס ביז די רייכע ליפּעס־גאַס. ביידע, דער רב און דער בעדער האָבן אַ סך מאָל גע־בענטשט מיטן זעלביקן אתרוג, צוזאַמען געגאַנגען שמחת־תורה אין הקפות־טאַנץ מיט דער זעלבער ספר־תורה. באַגלייט צוזאַמען אַ נפטר צום בית־עולם, געאַמפּערט זיך און געקריגט זיך צוזאַמען לשמה, לשם־שמים.

איבער דער ווייטער פּרנסה־מלחמה בשוגג, איבער דער שרעק פון הסגת־גבול באין רצון, נישט־ווילנדיק אויסגעקויפט אַ קערצל תּבו־אה אָדער אַ קעלבל — האָט מען זיך ראָש־השנה אַליין געשטעלט צום הימלישן משפּט, מחילה געבעטן ביים ספק געקריוודעטן נאָך נעילה, נאָכן איבערביישן צוזאַמען אַריינגעקלאַפּט די פלעקלעך פאַר דער סוכה, און שמחת־תורה געטאַנצט אַקסל ביי אַקסל.

דאַקעגן האָט מען זיך פייערדיק געשפּאַרט און געאַמפּערט איבער אַ שווער שטיקל תוספות, מהרש"ה, תנאי, דעם רמבמס „מורה נבו־כים", אחד־העמס „לא זו הדרך" און „על פרשת הדרכים", איבערן „חובבי הלבבות", איבער הערצלס „יודענשטאַט", איבער אַ פּרק מענ־

דעלע, פּרץ, שלום־עליכם, אַש, ביאַליק, אַנסקי, פרישמאַן, פרוג און איבער דער ביבליאָטעק וואָס האָט געזאָלט זײַן פול מיט אַפּיקורסות און טריפה־פּסולים פון וואַנען ס׳קומען אַרויס די פורצײַ־דרך וגדר.

ביטערע מלחמות זענען אין די ייִדישע שטעטלעך געפירט געוואָרן פון מחלוקה־„גענערעלער״ און אַנשי־מלחמה־סאָלדאַטן לשמה. מ׳האָט „געשאָסן״ מיט הלכה־פײַלן אין די קעפּ און מוחות פון די וואָס האָבן געוואָלט אײַנקנייטשן די וועלט אין דער ייִדישער תורה־פעסטונג מיט קאַנטס „ריינער שכל״, העגעלס דיאַלעקטיק, פינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע״, משה העס „רוים און ירושלים״, דעם רמבמס „מורה־נבוכים״, שלמה־בן־גבירולס „מקור החיים״ — צו עפענען אַ שפּאַרע פאַר די השכלה־ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן פון אַשכּנז און נאַפּאָלעאָנס מדינה.

די שטעטלדיקע מחזיקי הדת האָבן צוריק געשלאָגן מיטן צור פון מעזשביזש מיטן בעל־התניא, מיט רש״י, אַבאַי און פּפּא, מיט „משנה־תורה״ און „יד־החזקה״, מיט „עין־יעקב״, מיט ש״ס. פײַערדיקע פעטש זענען געפלויגן איבער אַ קוצו של יוד — צווישן די קאָצקער און גערער; צווישן די אחד־העמניקעס און חובבי־ציון; צווישן די הערצליאַנער און אוגאַנדיסטן; צווישן מותר און איסר און שוחטם שחיטה; צווישן אַ גלאַנציקן און מאַטן חלף; צווישן בונד און פּועלי־ציון.

אין די פײַערדיקע מוח־און מויל־קאַמפן האָבן זיך אין צווישנצײַט געטוישט די דינאַסטיעס פון די שומרי־החומות פון דער ייִדישער פעסטונג, און מ׳האָט אַ סך מאָל פאַרגעסן פאַרשליסן טיר און טויער, און ס׳האָבן זיך אַרײַנגעשפּאַרט אין ייִדישן שטעטל אַרײַן צוגווינטן פון פּרודאָן, באַקונין, מאַרקס, ענגלס, קראָפּאָטקין, קויצקי, דער ערפורטער פּראָגראַם, דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט, דער קאַפּיטאַל, אַלטנײַלאַנד, פאַר וועמען ייִדישע יונגע לײַט, מענער און פרויען פון די קליינע ייִדישע שטעטלעך האָבן זייער לעבן געלייגט אויף די באַריקאַדעס און אין די ארץ־ישראלדיקע זומפּן.

מיר האָבן געהאַט פאַר זיך ייִדן, וואָס האָבן דורך דער וואָך זיך געשפּײַזט מיט שוואַרץ ברויט אָנגעריבן מיט קנאָבל מיט אַ קאָפּ פון אַ הערינג. אַ קראַצבאָרשטש פון הערינגמילך, אײַנגעהאַקט מיט אַ ציבעלע, באַשמאָלצן מיט עסיק איז געווען אַ יום־טובדיק מאַכל פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. און מיט דעם איז מען איבערגעקומען די גאַנצע וואָך.

שבת ראש־חודש־בענטשן האָט דער „מבורכים״ מעלין בקודש

געווען מיט אַ מדרגה העכער די הייליקייט פון שבת. ראָש־חודש איז געווען אַ יומא דפגרא, אַ יום־טוב אין דער וואָכן. דער תענית, דער פאַסטטאָג איז געווען צו לײַטערן דעם גוף פאַר דער דערהייבונג פון דער נשמה.

אָפט האָבן אין די רוחניותדיקע תורה ומסורה, קולטור־רעגנבויגנס איבער די ייִדישע שטעט און שטעטלעך זיך אויך אַרײַנגעמישט די קנאה און שנאה — גרין־געל, בלײַ־גראָ, בלוטיק־רויט. דאָך האָט דאָס ייִדישע שטעטל געהאַט כוח אָנצוהאַלטן דעם נאָרמאַלן לעבנס־ריטעם, דעם אומדערשיטערלעכן ייִדישן לעבנס־שטייגער. זייער זעלטן האָט מען אין אַ ייִדיש שטעטל געדאַרפט גראָבן אַ קבורת־חמור פאַר אַ המאַבד־עצמו־לדעתניק, פאַר אַזעלכן וואָס האָט זיך גענומען ס'לעבן, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און אַז ס'איז צעשטערט געוואָרן אַ ייִדיש הויז, אַ מקום־קדוש, האָט מען אויפגעבויט אַ שענערס, אַ בעסער הויז. אַזוי איז דאָס ייִדישע שטעטל דורך דורות ייִדן געבויט און איבערגעבויט געוואָרן — שטוב בײַ שטוב, הויז בײַ הויז, הויף בײַ הויף, גאַס בײַ גאַס — פאַרן אייגענעם נוצן, במילא פאַרן נוצן פון לאַנד.

ייִדן האָבן געקאָנט וואָכן גאַנצע אויסקומען אָן פליש, זיך אַליין געמאַכט אַ בשר־תענית, אַ פליישלאָזע וואָך משבת לשבת. אָן עוף־יאַכל האָט מען געקאָכט ווען מ'האָט זיך געדאַרפט דערהאָלן נאָך אַ שווערער קרענק. פונעם טאַטנס זשופּיצע איז געוואָרן אַ „נײַ" מלבוש פאַרן יונגן לערנער, דעם עלוי. דעם זיידנס טאַפּטשאַן איז געווען דרשה־געשאַנק פאַרן טאַטן, זון, אייניקל און אוראייניקל. אין קיין שום קריזיס־צײַט האָט זיך פון זיי נישט אָפּגעטון די מענטשלעכקייט און די לאָגיק. דער שכל־הישר, די רעכט און גערעכטיקייט זענען נישט דערשטיקט געוואָרן אין זייער ענגן לעבנסרוים. זיי זענען געבליבן באַוווּרצלט און באַזאַלצן מיט רחמנות, צדק און יושר.

פרעמד איז זיי אויך נישט געווען מענטשלעכע גלײַכקייט און פרײַקייט, דעמאָקראַטיע און ליבעראַלע פירונג. דער געשיכטלעכער נביאישער קאַמף קעגן מלך־תקיף און גבירישע תקיפים איז געפירט געוואָרן פון אינעווייניק און פון דרויסן. פון ייִדישן עמך און פון אַזעלכע ייִדישע שרײַבערס, ווי מענדעלע, פּרץ, אַש און אַנדערע. דער אַליין געמאַכטער חצי־שקל איז געווען דאָס שטימצעטל. מ'האָט עס אויסגעקויפט צו קאָנען זאָגן אַ דעה אין קהלישע ענינים, באַרעכטיקט צו זײַן מיטשותפים צו קהלישע הצטרכותן.

דער חצי־שקל, וואָס האָט געגעבן שטימרעכט און פּריווילעגיע

צו זײַן אַ בעל־דעה אין דעת־הקהל, האָט אויך מקבל־קנין געווען קהלי־שן עול און אַחריות כלפי־חוץ, צום נישט־יידישן אַרום; צו פאָלגן דעם יידישן בית־דין, דעם רב און די דיינים פון די קהילות, וואָס האָבן מקיים געווען דעם „אל תהי דן יחידי״ און זיי האָבן געמישפּט צווישן ייד און ייד, ייד און נישט־ייד מיט צדק און יושר.

נישט די צאַרישע פּאָלקן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די דערפער און שטעט, נישט דער סטראַזשניק, גאָראָדאָווױ, נאַטשאַלניק זענען געווען די מאַכט אין יידישן שטעטל, נאָר שמואל־יצחק שמשם דלת, מיט וואָס ער האָט אין די פרימאָרגנס גערופן צו עבודת־הבורא; פריי־טיק פאַר ליכטצינדן געקלאַפּט אין די געוועלבער צו מאַכן שבת, און סליחות־צײַט גערופן, געוועקט אויפצושטיין צו סליחות. ער, דער שול־שמש איז געווען דאָס געזעץ אין שטעטל. ער האָט געהאַט מער אויטאָריטעט ווי דעם צאַרס יוצא־משרתים.

אַז דער הילצערנער דלת האָט אָנגעקלאַפּט אויפן בײַשטידל פון דער טיר אונטער דער מזוזה און געלאָזט וויסן אַז: שלמה בן פלוני רופט אײַך לדין, איז מען מיט אַ שעה פריער געקומען — גרייט מקיים־פסק זײַן. און אויפן פסק פונעם רב, צי פונעם בית־דין איז נישט גע־ווען קיין אַפּעלאַציע, ווײַל דער פסק איז נישט געווען זײַנער, נאָר לפי התורה הקודש און לפי החז״ל.

דעם הײַנטיקן ייד און נישט־ייד, געבוירן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז זיך שווער פאָרצושטעלן און זיי קענען נישט באַ־גרייפן ווי אַזוי ס׳האָט געדייעט אַ יידיש לעבן אין ענגן שטעטלשן לעבנסרוים — אַרומגערינגלט מיט בײַסיקער ביטערער שנאה. שווער איז זיי אויך זיך פאָרצושטעלן אַ נאָרמאַל, מענטשלעך, גײַסטיק, קול־טורעל, מאָראַליש יידיש לעבן מיט יושר, מיט גערעכטיקייט פאַר ייד און נישט־ייד, און דער היטער פון שיינעם, מאָראַליש־ריינעם עטישן און עסטעטישן לעבן איז געווען — דער פאַרפאָלגטער ייד פון די שטעטלדיקע ענגע געטאָס.

שווער זיך פאָרצושטעלן אַז פון די געטאָדיקע פאַרבלאָטיקטע יידי־שע שטעטלעך זענען געקומען פלעיאַדעס יידישע דענקערס, שרײַבערס, וואָגיקע וויסנשאַפט־לײַט, אידעאַל־פּרעדיקערס און קעמפערס, מוטיקע פאַרטיידיקערס פון מענטשנרעכט און מענטשלעכער חשיבות; דער־פינדערס, רבנים, חלוצים, פּיאָנערן אויף אַלע געביטן פון מענטשלע־כער מי און אַרבעט; לערערס און פירערס פון אַליינהילף און זעלבשוץ.

איז אַ מצווה צו דערציילן, למען ידעו דורותכם, אַז פון די קליינע

ראַנדשטעטלעך זענען אַרויסגעקומען די פאַקל־טרעגערס וואָס האָבן באַלויכטן די חושכדיקע טעג און נעכט; די טרעגערס פון ייִדישן עמוד־האש האָבן אַרײַנגעלויכטן אין דער פינצטערער בלוטיקער וועלט אַרײַן אַז מיר וועלן נישט אונטערגיין. פון די ייִדישע הײַזער, וואָס האָבן געלעבט אין אָרעמקייט, זענען געקומען קעמפערס און מאַרטירערס, געפאַלענע אויף באַריקאַדן; אָט אַזעלכע וואָס האָבן געלייגט זייער קאָפ אויפן עשאַפאָט; וואָס האָבן אומדערשראָקענע מקדש־השם געווען. פון דאָרט זענען געקומען די דרײַסטע, מוטיקע און שטאָלצע מאָנערס און פאָדערערס פון עלעמענטאַרן מענטשנרעכט און יושר.

פון דאָרט, פון יענע ממעמקים, פון די קליינשטעטלדיקע יאָמערטאָלן זענען אַרויסגעוואָקסן די מאָדערנע גאונים אונדזערע, די נײַע עזראס און נחמיהס, די מאָדערנע זרובבלס, די טרוימערס, די נײַע מולכוס און ראובנים, די בעל־שמס, די שומרי־החומות און די פורצי־גדרים, די צווימברעכערס, השכלה־לײַט. אויך די איקאָנאָ־קלאַסטן, די צעברעכערס פון אָפגעטער. די הירש לעקערטס און די ברוך שולמאַנס, די ערליכס און אַלטערס, די ענגעלס און באָטווינס, די מרדכי אַנילעוויטשס און חנה סענעשס, די יאַשונסקים און די זיגעלבוימס וואָס אַלע זענען זיי געגאַנגען אויף קידוש־המענטש און פאָלק.

פון מעזשביזש און לובלין, פון ווילנע און וואָלאָזשין, פון גער און קאָזשעניץ, פון פשיסכע און קאָצק, פון מאַרקאַשעוו און סאַדי־גורע, און פלאָנסק און מאָטעלע און נאָך קלענערע געאָגראַפישע פינטעלעך — זענען זיי געקומען, די גרויסע שטאָלצע ייִדן, די מאָדערנע אפרימס פון אייראָפעיִשן גושן; די אומגעדולדיקע יוצא־אייראָפע, וואָס זענען אַוועק פון אייראָפעיִשן מצרים פאַר דער מכה־בכורה, פאַר דער היטלער־מגפה אַוועק אין צוגעזאָגטן לאַנד אַרײַן, צוגרייטן אַ מקום־מקלט פאַרן געיאָגטן־געפלאָגטן ייִדנטום. און זיי האָבן אָנגעהויבן די נײַע תקופה — די דריטע ייִדישע מלוכה.

דער ייִדישער פאָלק־זשעני האָט אין גלותדיקן מידברשן אייראָפע געשאַפן זײַן אייגענעם שפּראַך־אינסטרומענט פון אַן אומגעהײַערן ווערט פאַרן ייִדישן פאָלק. זײַן באַטײַט איז געווען ווי די תורה אין מידבר סיני, ווי די משנה אונטער דער רוימישער שווערד, ווי דער תלמוד אין גלות בבל, אַזוי איז געווען דאָס שאַפן דאָס ייִדישע לשון אין אייראָפעיִשן עמק־הבכה. ייִדיש איז געוואָרן די קרוין וווהין מ׳האָט איבערגעגאָסן דעם אַלטן ייִדישן ווײַן, וואָס האָט זיך געקעלטערט אין אַלטן ייִדישן אַלף־בית, אין די ייִדישע אותיות, וואָס זענען באַנײַט

געוואָרן, האָבן אַרויפֿגעצויגן אויף זיך אַ נײַע הויט און ס'איז אין זיי אַרײַן אַ נײַער רוח־החיים.

די ייִדן, אײַנגעוואָרצלטע אין ייִדישן שטייגער, ייִדן אָפּטימיסטן האָבן געלעבט מיטן אימפּעראַטיוו פֿון לעבן. באַהבה גענומען נויט, לײַדן און צוריק געצאָלט מיט אַ קוואַליק אומאויסשעפּיקע שאַפֿנדיקע ענערגיע, אַ לעבן־עקסטאַז פֿול מיט עמאָציאָנעלן טעמפּעראַמענט; מיט אַן אומפֿאַרגלײַכיקן מוט און לעבן־חכמה, ערודיציע, וואָס האָט זיי אַרויסגעפֿירט פֿון די ברענענדיקע קאַלכאויוונס, געהאָלפֿן זיי אַריבערשווימען די בלוטיקע מבולים וואָס וועלט־רשעים האָבן אויף זיי אָנגעיאָגט.

נאָך יעדער בלוטיקער פֿאַרפֿלייצונג האָבן זיי געהאַט אַ קריעת ים־סוף. נאָך יעדער שטורעם זענען פֿון די שטעטלעך אַרויס אַן אַברהם ושרה, אַ משה, אַ נחשון, אַ יהושע, אַ בן־זכאַי, אַ בר יוחאי, אַ מתתיהו, אַן אליעזר, אַ רבי עקיבא, אַ שמשון הגיבור. יעדער שטעטל איז געווען בבחינת יבנה, בני־ברק, ביתר, מודעין. יעדער הויז אַ מצדה. ייִדישע פֿעלדזן זענען זיי געווען — די צעוואָרפֿענע ישובימלעך איבער אייראָפּע.

די ייִדישע שטעטלעך זענען פֿול געווען מיט אַרומגייענדיקע לעבעדיקע געשטאַלטן, אַרויסגענומענע פֿון תנך. מכבים, פּילונס, בר־כוכבאַס, אלישעס, יוכבדס, מרימס, חולדהס, האַחים שמעון ולוי, וואָס האָבן נקמה גענומען פֿאַר ייִדישע טעכטערס ערע, געקעמפֿט מיט די שכמער און מאָדערנע העלעניסטן, אַנטיאָכוסעס. דעם שטעטל האָט אויך נישט געפֿעלט קיין הרוגי־מלכות און די מאָדערנע רוימס וואָס זענען סוף־כל־סוף געגאַנגען דעם וועג פֿון אַמאָליקן רוים.

די צאַרישע אימפּעריע האָט געקראַכט און ס'איז געפֿאַלן די נײַע רוים, וואָס האָט פֿאַרן פֿאַלן באַוויזן צו צעשטערן אַ סך ירושלימס אין אייראָפּע און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די קירישע, עסטרײַך־אונגאַרישע אימפּעריע פֿון פֿראַנץ יאָזעפֿן וואָס צוליב איר האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה. דער קייזער ווילהעלם איז אין גלות האָלאַנד געוואָרן אַ האָלצהעקער. ווי קאָרטנשטיבלעך זענען אײַנגעפֿאַלן אַלטע רשעותדיקע רעזשימען און אויף זייער אָרט זענען אויפֿגעשטאַנען אַנדערע רשעים, רעזשימען וואָס האָבן פֿאַרפֿינצטערט די וועלט. ס'זענען אויפֿגעקומען קריפּלען און פֿאַרזעענישן פֿון כלערליי איזמען וואָס האָבן פֿאַרפֿלייצט די וועלט מיט פּײַן און לייד, פֿאַרזייעט האַס און צאָרן און געבראַכט מיט זיך דעם צווייטן בלוטיקן וועלטשטורעם, דעם וועלט־

קאַטאַקליזם, דעם חורבן פון די יידישע שטעט און שטעטלעך, דעם אומקום פון אַ ליכטיקער יידישער וועלט.

די העלדן פון דעם בוך, ווי אַלע אונדזערע יידישע העלדן, זענען ליכטפּאָנען איבער פינצטערע תהומיקע צייטאָפּשניטן אין אונדזער געשיכטע; העלדן וואָס רוען אין אונדזער זכרון־פּאַנטעאָן. זיי לייכטן אַריין אין אונדזער וועלט מיט זייער אומקום אַפילו, ווי רבי חנינא בן־תרדיון, ווי רבי עקיבאַ; ווי דער שאַפער פון „ונתנה תוקף" ר' אמנון, ווי די וואָס האָבן זיך געוויקלט אין דער יידישער פאָן אין די ברענענדיקע געטאָס און קאַלכאַוויונגס, קרעמאַטאָריעס און טויטן־לאַגערס; העלדישע קעמפערס פאַר אַ פריי מענטשלעך לעבן, פאַרן עלעמענטאַרסטן פון לעבן; פאַר די שיינקייטן אינעם מענטש, פאַרן בעסערן און שענערן אין לעבן.

זאָל דאָס בוך זיין די פאָן פון אָט דעם שיינעם לעבן און וווּנדערלעכן קאַמף, וואָס די טויזנטער יידישע שטעט און שטעטלעך האָבן געפירט קעגן נאַצישן שונא. אינעם נישט גלייכן קאַמף זענען מיליאָנען יידן אומגעקומען, זייערע לעבנס זענען ברתדיק פאַרשניטן געוואָרן. זייער אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט יאָמערט און שרייט צו אונדז, מאָנט אַ חשבון פאַר זייערע אומגעבראַכטע לעבנס, פאַר זייער געביין וואָס איז געוואָרן צו אַש, צעשפרייט איבער שבעה ימען.

די יזכור־פּינקסים און אַלע אַנדערע חורבן־ביכער פון אונדזער שטעטלדיקן אַמאָל זענען אונדזער חשבון וואָס מיר שטעלן־צו דער וועלט פאַרן אומברענג פון זעקס מיליאָן קדושים. קיין מאָל וועלן מיר נישט אויפהערן מאָנען דעם חשבון, דעם בלוט־חשבון פון אונדזערע גיבורים, וואָס ווען זיי בלייבן לעבן וואָלטן זיי געגאַנגען פאָרויס ווי די פאָנען־טרעגערס אין אַ וועלט פון פרייקייט און מענטשלעכקייט, אין אַ באַחרית־הימימדיקער אויסגעלייזטער וועלט.

צבי שובער

די לעבעדיקע מתנה

אלץ איז שוין פאַרטיק געווען צו דער לאַנג-אויסגעבענקטער ווייַטער נסיעה, וואָס יחיאל-מלך מילנער האָט אונטערגענומען. ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון אָפּפאָר, שוין אַ גרייטער זיך צו לאָזן אין וועג, איז ער אַרייַן צו זייַן אַלטן בלינד-געוואָרענעם רבין, ר' שלום-שכנא, נעמען שלום-אָפּשייד, זיך געזעגענען מיט אים און קריגן פון אים זייַן ברכה, זייַנע גוטע ווונטשן צו האָבן אַ גליקלעכע רייַזע מיטן טראַדיציאָנעלן „פאָר געזונט און קום געזונט".

דער אַלטער ר' שלום-שכנא האָט דערפילט זייַן אַרייַנקום, און גלייַך ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אים, האָט ער זיך אַ ריס געטון פון זייַן פאָטעל. אָנגעשפּאַרט אויף זייַן שטעקן האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געגומען גיין אַנטקעגן זייַן באַליבטן תלמיד וואָס האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו פאָרן אין הייליקן לאַנד אַרייַן, אין לאַנד פון די אָבות.

— שוין, יחיאל-מלך? — האָט ער געלאָזט פאַלן זייַן שטעקן און אויסגעשטרעקט זייַנע אויסגעדאַרטע הענט אין דער לופטן.

— שוין, רבי! שוין געקומען די גליקלעכע שעה, רבי — איז יחיאל-מלך אים אַקעגן געלאָפן און אונטערגעכאַפּט דעם רבינס הענט מיט אַ פאַריבל וואָס דער רבי שטעלט זיך אויף פאַר אים און גייט אים נאָך אַנטקעגן.

— לכבוד הארץ הקדושה, לכבוד דעם הייליקן לאַנד, ווו מיר וועלן זיך אַלע אַ מאָל אומקערן אַהיים — האָט ר' שלום-שכנא זיך ווי פאַרענטפערט און זייַנע בלינדע אויגן זענען פייַכט געוואָרן און האָבן געקריגן אַ לעבעדיקן גלאַנץ.

רבי און תלמיד זענען זיך ביידע געפאַלן אין די אָרעמס, האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען אַ לענגערע ווייַלע, ווי דאָס צעשיידן זיך וואָלט זיי שווער אָנגעקומען.

— גיט מיר אייַער ברכה, רבי, לאָמיך נישט פאָרן מיטן ליידיקן. אייַערע ברכות וועלן מיך שטאַרקן אין וועג, און אַז דער וועג איז אַ ווייַטער דאַרף איך דאָך אייַך נישט זאָגן, איר ווייסט עס בעסער פון מיר. יאָ, וואָס פאַר אַ מתנה זאָל איך אייַך, רבי, ברענגען? איך ווייס, אפשר... — האָט יחיאל-מלך אָפּגעהאַקט, נישט וועלנדיק אַליין עפּעס פאַרלייגן דעם רבין.

— ברענג מיר עפּעס פון דער ארץ-ישראלדיקער קדושה... אַפילו דער שטויב איז דאָך דאָרט הייליק — האָט דער אַלטער שלום-שכנא געדריקט צו זיך זײַן תלמיד מיט זײַנע ציטערדיקע הענט, געווונטשן אים אַ נסיעה טובה, אָן מכשולים, אָן שטערונגען און אַ רויִק געמיט, ער זאָל קענען אײַנזאַפּן אין זיך די הייליקייט פון ייִדישן לאַנד, זוכה זײַן צו פילן דעם הייליקן אָטעם, דעם רוח הקודש, וואָס נישט אַלע, וואָס קומען דאָרט אהין, זענען זוכה צו פילן מיט אַלע חושים כאָטש זיי טרעטן אויף דער הייליקער ערד און אָטעמען אין זיך אַרײַן די הייליקע לופט.

— לאו כל אָדם זוכה, יחיאל-מלך, זאָלסט געדענקען ירושלים, דו ביסט זוכה לדרוך על אַדמתה ולנשום את אוירה. ברענג צוריק פון דאָרט איר קדושה — האָט ער אים געדריקט די האַנט, יחיאל-מלכן — ארץ-ישראל-ערד, אויף דער צײַט ווען דער רבונו-של-עולם וועט באַשטימען, האָב איך שוין ברוך השם — האָט דער אַלטער שלום-שכנא געציטערט מיט אַלע זײַנע אברים — דו ברענג מיר עפּעס לעבעדיקס, אַזוינס וואָס וואַקסט אויף דער הייליקער ערד, אַ פּרי-הדר, וועסט שוין אַליין זען. עפּעס אַזוינס וואָס מע קאָן ברענגען פון דאָרט און ס'זאָל נישט קאַליע ווערן... יעדער זאַך דאָרט איז דאָך קדשי-קדשים — האָט דער אַלטער געשײַנט פון התלהבות.

אַ ווייכהאַרציקער האָט זיך יחיאל-מלך איבערגענומען מיט דער חדוה פון אַלטן רבין זײַנעם וואָס ס'האָט אים געריררט ביז טרערן. ער האָט געקוקט אויפן בלינדן רבין, וואָס זוכט אים מיט אויגן וואָס זעען נישט מער, קאָנען זיך מער נישט טרעפן מיט זײַנע אויגן, נאָר בלאָנדזשען אומזיכער אין אַלע זײַטן אַרום אים:

— אָבער דער עיקר שבעיקרים, יחיאל-מלך: פיל דאָס הייליקע לאַנד מיט נשמה, מיט האַרץ. זײַ זוכה צו תפיסה-שלימה. וואָס דײַנע אויגן וועלן זען, זאָל דערפילן דײַן האַרץ און ס'זאָל תופס זײַן דײַן מוח. ארץ-ישראל איז בײַ ייִדן אַ נשמה-זאַך. דערפאַר קאָן מען עס נישט אויסמעקן, אַרויסרײַסן עס פון אונדז, אַפילו נישט ווען מע רײַסט אונדז אויס. ווי קאָן מען אַרויסרײַסן אַ האַרץ בײַ אַ פאָלק?

— כ'בין זיך מודה ומתוודה — האָט שלום-שכנא דערטאַפּט זײַן האַנט — כ'האָב מער ווי אַ שמינית גאווה וואָס מײַנס אַ תלמיד האָט די זכיה צו פאָרן אין הייליקן לאַנד און כ'בין דיך אויף אַזוי פיל נישט מקנא, ווי דער פסוק זאָגט, אַז קינדער און תלמידים איז מען נישט מקנא. כ'האָף אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט עס מיר מוחל זײַן.

ר' שלום-שכנא האט ווידער א מאל ארייַנגעכאפט זייַן געוועזע-נעם תלמיד אין זייַנע שוואכע אָרעמס, געדריקט אים צו זיך מיט נישט-זייַנע כוחות, ווי ער וואלט זיך געוואלט אַרייַנקוועטשן אין זייַן תלמידס וועזן, ווערן איינס מיט אים איצט, אין דער מינוט פון געזעגענען זיך מיט זייַן תלמיד.

— א גרויסע זכיה, יחיאל-מלך, א גרויסע זכיה! ארץ-ישראל איז מכפר אויף אלע זינד. זיי זשע מצליח, האָב הצלחה אין דייַן נסיעה בכל אשר יפנה. פאר בשלום און קום צוריק בשלום — האט ר' שלום-שכנא באַפרייַט יחיאל-מלכן פון זייַנע אָרעמס, ארויסגענומען א פאָר מטבעות פון קעשענע און זיי אים אַרייַנגערוקט אין האַנט, ער זאָל אַפּגעהיט ווערן פון שלעכטס, פון מכשולים.

— נעם, נעם, יחיאל-מלך, זיי מייַן שליח-מצוה. געדענקסט דאָך: שליחי-מצוה אינן נזיקין. ס'איז דאָך א מהלך-רבו! — האט ר' שלום-שכנא אלץ געהאַלטן יחיאל-מלכס האַנט אין זייַנער, ווי ס'וואלט אים געוווען א שאָד וואָס ער דאַרף זיך שוין מיט אים צעשיידן.

יחיאל-מלך האט נישט געקענט פארגעסן דעם רבינס ברכות, די הייסע ווונטשן און די אויסגעלאָשענע אויגן וואָס האָבן אים באַגלייט אויפן גאַנצן וועג. ביז ער איז אויפגעזעסן אויף דער שיף, וואָס האט אים געדארפט פירן אין הייליקן לאַנד, האט ער שוין געהאַט צעטיילט ס'גאַנצע געלט וואָס דער רבי האט אים געגעבן. איצט האט ער גע-געבן צדקה זייַן אייגן געלט אויף אלע זייַנע וואַנדערונגען אין לאַנד פון די אבות.

ווו ער איז געגאַנגען און געפאָרן, איבער די בערג און אין די טאָלן, בייַם כותל-מערבי, אין די שמאָלע שיפּע געסלעך פון ירושלים — אומעטום האט ער געדענקט אין זייַן רבין און געבעטן א רפואה-שלימה פאָר זייַנע אויגן. ווען ער האט זיך געפונען בייַם כותל האט ער אַרייַנגעלייגט א קוויטל צווישן די שפּאַלטן דאָרט. יחיאל-מלך האט אויך נישט פארגעסן דעם רבינס פאַרלאַנג צו ברענגען אים עפּעס לעבעדיקס, עפּעס וואָס לעבט, וואַקסט, געדוויערט. ער האט געזוכט פאַרן רבין זייַנעם עפּעס אַזוינס וואָס זאָל האָבן אין זיך לעבן, וואָס מע קען עס אין חוץ-לארץ נישט געפינען.

אַז ס'איז געקומען די צייַט אַוועקצופאָרן צוריק אַהיים און קיין מתנה פאַרן רבין האט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט, איז ער אַרומגע-גאַנגען א פאַרדאַגהטער. ער האט געהאַט גרויס עגמת-נפש וואָס ער קען נישט געפינען עפּעס וואָס זאָל נישט פאַרוויאַנעט ווערן, נישט אייַנדאַרן, נישט פאַרטרוקנט ווערן. דעם לעצטן טאָג פאַר זייַן אָפּ-

פאַרן האָט ער זיך פאַרקלאָגט פאַר זײַנס אַ חבר, וואָס ער קען נישט געפינען עפּעס אַ געוויקס אַזאַ, אַ בלימל כאָטש וואָס זאָל געדויערן, ס׳זאָל נישט אַזוי גיך אײַנדאַרן, ער זאָל עס קאָנען ברענגען אַהיים — אַ מתנה פאַרן בלינדן רבין.

זײַן פרײַנד האָט אים אַרויסגעפירט אין פעלד, ווו ס׳איז געשטאַנען אַן אַלטער צעוואָקסענער אשל-בוים, אַ טאַמאַרניק, אַ זעלטענער מדבר-בוים וואָס ס׳טריפט פון אים מן, איינער פון דיביימער וואָס אברהם-אָבינו האָט געפלאַנצט פאַר די מידע מדבר-גייער, זיי זאָלן האָבן שאָטן און קאָנען אָפּרוען אין די הייסע ברענענדיקע טעג, עפּעס אָפּעסן, טרינקען און כאַפּן אַ דרעמל, זיך אויסרוען אונטער אים, צו קאָנען ווײַטער גיין מיט פרישע כּוחות.

אונטער אָט אַזאַ בוים האָט אברהם-אָבינו געשפּײַזט, געשטילט דעם דאָרשט און געגעבן רו זײַנע אורחים, זײַנע מלאָכישע געסט וואָס ער האָט זיי מכנים-אורח געווען. פאַר דער דרײַפאַכיקער נוצלעכקייט פונעם בוים האָט ער אים טאַקע אַ נאָמען געגעבן „אשל״, די ראָשי-תיבות פון: אוכל, שתיה, לינה. ס׳הייסט: עסן, טרינקען און שלאָפן. די דרײַ זאַכן וואָס די דורכגייער אין מדבר נייטיקן זיך צום מערסטן.

פון אָט דעם בליִענדיקן אשל-בוים האָט דער באַגלייטער זײַנער אָפּגעבראָכן אַ צווײַגל, אַרײַנגעשטעקט עס פאַרזיכטיק אין אַ סלאָי מיט פײַכטער ארץ-ישׂראל-ערד און איבערגעבנדיק דאָס סלאָיִקל מיטן איבערגעפלאַנצטן צווײַגל יחיאל-מלכן האָט ער אים פאַרזיכערט אַז: זה הקטן גדול יהיה, פון אָט דעם קליינעם צווײַגעלע וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מעכטיקער בוים.

מיטן גאַנצן האַרץ האָט יחיאל-מלך געהאָפט אַז זײַן פרײַנדס ברכה זאָל מקוים ווערן. ער זאָל דאָס צווײַגעלע ברענגען אַהיים בשלום, אַ לעבעדיקס, ס׳זאָל געדויערן אַ געזונטס. ווי נאָר אָבער ער איז אַרויף אויף דער שיף איז זי האָט זיך גענומען דערוויַיטערן פון הייליקן לאַנד, האָט דאָס צווײַגל אָנגעהויבן אײַנגיין, אײַנדאַרן פון טאָג צו טאָג. ס׳האָט פאַרלוירן דעם גלאַנציקן ברוינלעך-גרינעם קאָליר, געקריגן מאַטע טונקעלע פלעקן און באַקומען דעם אויסזען פון אַ שטאַרן בוים איןווינטער.

יחיאל-מלך איז געווען אויסער זיך פון צער. ער האָט דאָס צווײַגעלע געווייקט אין וואַסער, געהאַלטן עס אויף דער זון. אָבער די אַלע סגולות האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. ס׳צווײַגל איז אײַנגעגאַנגען

פון איינזאַמקייט און בענקשאַפט נאָך זיין שטאַם, נאָך זיינע ברי־דער צוויַיגן, נאָך דער ארץ־ישראלדיקער זון, וואָס האָט עס געוואַ־רעמט, געגעבן עס כוח צו וואַקסן, צו געדייען, און פון וואַנען מען האָט עס אָפּגעריסן מיט געוואַלט.

יחיאל־מלך האָט געפּאָלגט דעם שיף־קאַפּיטאַנס עצה, צו וויק־לען עס אין פייַכטער וואַטע, געבן צו טרינקען געקאָכט וואַסער, אַז די משחיתים וואָס ראַיען זיך אין רויען וואַסער און פאַרדאַרבן געוויקסן. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. און יחיאל־מלך האָט מיט גרויס צער צוגעקוקט ווי דאָס צווייַגעלע דאַרט איַין, גייט אויס און פאַרלירט דאָס לעבן.

איצט האָט אים שוין באַנג געטון וואָס מ'האָט דאָס צווייַגעלע אָפּגעריסן מיט כוח פון זיַין בוים, אָפּגעבראָכן פון זיַין שטאַם, און ער שלעפּט עס, ווי געצוווּנגענערהייט, אין אַ פרעמד לאַנד אַריַין, ער־געץ אין גלות אַריַין. אָבער איבערלאָזן עס, אַוועקוואַרפן עס האָט ער נישט געהאַט קיין הארץ. אַפילו איבערלאָזן עס אויף דער שיף אויף הפקר האָט ער נישט געקאָנט ביַי זיך פועלן. ער האָט עס אַזוי געלאָזט זיך וויקן אין וואַסער און געהאָפט אויף אַ נס.

דער נס איז אָבער נישט געקומען. וואָס וויַיטער די שיף האָט זיך אַוועקגעשיפט אין גלות אַריַין, אַלץ ערגער איז דעם צווייַג גע־וואָרן. דאָס וואַרעמע וואַסער האָט נישט געהאָלפן, אויך נישט דאָס וואַרעמע הארץ פון יחיאל־מלכן וואָס האָט זיך אַזוי געזאָרגט איבערן גורל פונעם צוויַיגל. וואָס מער ער האָט זיך געדאגהט אַלץ טיפער זענען געוואָרן די ברוינע פלעקן וואָס האָבן דעם צוויַיגל געגעבן די מראה פון האַרבסטיקע צוויַיגן.

גרויס איז געווען יחיאל־מלכס צער און אַנטוישונג, וואָס ער קאָן נישט האַלטן זיַין צוזאָג צו ברענגען אַזאַ מתנה וואָס זאָל דערפרייען דאָס הארץ פון זיַין אַלטן בלינדן רבין, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל האָבן אַ ניצוץ פון הייליקן לאַנד. ער האָט זיך גאָר נישט געקענט מוחל זיַין וואָס ער קומט צוריק צום רבין מיט די ליידיקע הענט.

ווי וועט ער זיך וויַיזן פאַר זיַין רבין, דעם סגי־נהור? ווען ער ברענגט אים כאָטש אַן אתרוג, אַ לולב. ס'גייט דאָך צו ימים־טובים, צו סוכות. מיט וואָס קומט ער צו אָט דעם טיַיערן אומגליקלעכן מענטש? מיט גאָר נישט. ער וועט גלייַך נאָכן קומען אַהיים נישט גיין צו אים, וועט ער שוין אַליין פאַרשטיין, דער רבי. ער האָט זיך אָבער באַלד מיישב געווען: ניין, ס'קען נאָך הייסן מבייש גע־ווען. וואָס הייסט, ער וועט נישט באַלד גיין זען דעם רבין?

ווי נאָר יחיאל־מלך איז אַהיימגעקומען האָט ער פּייַכט געמאַכט דאָס אָפּגעדאַרטע צווייַגל אין סלאָיִקל און עס אַוועקגעטראָגן צום רבין. געטראַכט האָט ער בייַ זיך, אַז ער וועט אים אָפּרעדן, זיך אַליין מטפל זייַן מיט דעם, וועט ער עס צוריקנעמען און שפּעטער שוין געפינען אַנדערע תירוצים, אַבי נישט מצער זייַן דעם רבין.

— אַן אמתע פּרי־הדר, רבי, אַ שתול, אַ יונגער אָפּשטאַם פון אברהם־אבינוס בוים, פונעם אשל — האָט יחיאל־מלך גלייַך נאָכן נעמען שלום פון רבין אים דערלאַנגט מיט ציטערדיקע הענט דאָס סלאָיִקל מיטן פּייַכטן צווייַגל אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

ר׳ שלום־שכנא האָט אַרייַנגעכאַפּט דעם סלאָי אין ביידע הענט. זייַנע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן גענומען אַרומלויפן איבערן סלאָיִק און מיט איין האַנט האָט ער עס גענומען גלעטן, לאַשטשען און צערטלען. די מאַטע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ פּייַכטקייט, פאַרצויגן מיט אַ גלאַנץ און טרערן־טראָפּנס האָבן אַרייַנגעטריפט אין סלאָי אַרייַן און ווי טוי־טראָפּעלעך אַרויף אויפן צווייַגעלע.

דער אַלטער איז אַרייַן אין התפעלות. ס׳האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ התלהבות וואָס האָט אויפגערודערט זייַן געמיט. ער האָט אין גאַנצן געפיבערט. די פרייד האָט אַרויסגעקוואַלט פון זייַן יעדער באַוועג, ווי איינער וואָס האָט צוריק אָפּגעפונען זייַן פאַר־לוירן אָפּגעפרעמדט קינד.

לאַנג אָבער האָט די אויפרודערונג נישט אָנגעהאַלטן. ער האָט די פינגער זייַנע אַ פיר געטון איבערן צווייַגל און די גאַנצע רי־רעוודיקייט אין אים האָט זיך אָפּגעשטעלט. זייַן פּנים האָט זיך פאַר־צויגן מיט אַ שאָטן פון זאָרג. ער האָט דאָס צווייַגל צוגעטראָגן נענטער צום פּנים, געגלאָצט דערויף מיט זייַנע אויסגעלאָשענע בלינדע אויגן, באַשמעקט עס פון אַלע זייַטן און מיטן חוש־הריח דערפילט דאָס וואָס די אויגן האָבן נישט געזען.

ער האָט איצט צערטלעכער געפירט די פינגער איבערן צווייַגל, ווי ער וואָלט געוואָלט דערשפּירן דעם אָטעם לעבן פון דער קאָרע און ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— אַזוי אויסגעטרוקנט... אויסגעדאַרט געוואָרן אין וועג... אָפּגע־צערט און מאָגער געוואָרן פון דער ווייַטער נסיעה. כ׳וועל דיך פלעגן, צוזען, שטעלן צוריק אויף די פיס, דיך ברענגען צו די כוחות — האָט ר׳ שלום־שכנא גערעדט צום צווייַגעלע, ווי צו אַ קראַנק קינד, אַן אָפּגעשוואַכטס וואָס מע דאַרף עס צופילנעווען.

— ביידע וועלן מיר עס כאַוועז, יחיאל־מלך, האָסט רעכט געטון

מיט דער מתנה. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַן אתרוג, אַ לולב קאָן מען דאָ אויך קריגן. אָבער אַן אשל — היכן תימצא? איך האָב פאַר אים אַן אָרט ווו כ׳וועל אים איבערפלאַנצן און ווען ער וועט אונטערוואַקסן, ווערן אַ בוים, וועלן זיך ייִדן אונטער אים, אין זײַן שאָטן אונטערלענען ס׳האַרץ מיט אַ וואָרט תורה.

יחיאל-מלך איז געשטאַנען אַן לשון פון דעם אַלעם וואָס ער האָט דאָ געזען און געהערט פון זײַן בלינדן רבין, דעם פיקח, וואָס האָט געקריגן אַנדערע, מער פילעוודיקע חושים אויפן אָרט פונעם פאַרלוירענעם חוש-הראיה, און ער זעט, הערט, פילט שאַרפער, קלאָרער, טיפער, און באַנוצט זיך מיט די פאַרשאַרפטע חושים ווי מיט זעעוודיקע אויגן.

ער איז געשטאַנען, יחיאל-מלך, אַן אומגעדולדיקער און געוואַרט אויף אַ מאָמענט צו קענען זאָגן דעם רבין זײַנעם דעם אמת: אַז ער באַדויערט שטאַרק... דאָס צווײַגעלע איז טויט, ס׳לעבט נישט מער, ס׳איז שוואַרץ ווי די ערד, אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחה ווײַטער עס צו פלעגן, ווי ס׳איז אוממעגלעך אַרײַנצובלאָזן אָטעם אין אַ טויטן. ער האָט זיך שיִער נישט אַרויסגעכאַפּט אַז ער זעט בעסער פון רבין די מראה פונעם צווײַגל און אַז ס׳איז אַ ברכה לבטלה זיך צו פאַרנעמען דערמיט... די אויסגעבעטע ערד אַרום צווײַגל וועט שוין איצט זײַן אַ קנאַפּע סגולה.

אין דער מינוט האָט זיך ר׳ שלום-שכנא אויסגעגלײַכט און אַ זאָג געטון פעסט און זיכער, ווי ער וואָלט געוווּסט געטראָפן זײַנע געדאַנקען:

— יחיאל-מלך, נעם זיך נישט איבער... זה הקטן גדול יהיה. פון אָט דעם קליינעם צווײַגעלע, וואָס מיר האָבן איצט אַרומבאַלייגט מיט ערד, וועט מערצעשעם אויסוואַקסן אַ גרויסער בוים. פון איצט אָן וועט זײַן מאכל זײַן וואַסער מיט מילך. אָט ווי מע כאָוועט אַן עופעלע אַ קליינס, אַ נײַ געבוירן קינד און ס׳וואַקסט דערפון אויס אַ מענטש אַ גאַנצער. אויך פון דעם פאַרחלשטן צווײַגעלע, וואָס וועט גיך קומען צו זיך, וועט אויסוואַקסן אַן אשל, אַן אשל-בוים אין גלות. נישקשה, די שכינה איז אין גלות און ס׳פאָלק ישראל איז אין גלות און ס׳ווערט נישט פאַרלוירן, חלילה, וועט אויך דער אשל-בוים דאָ וואַקסן און געדייען.

— אָמן! — האָט יחיאל-מלך, אַ גערירטער ביז טרערן, געזאָגט הויך אַז דער רבי זאָל הערן. פון אונטער זײַנע פאַרלאָפּענע אויגן, פאַרנעפּלטע פון טרערנשײַן, האָט זיך אים געדאַכט אַז ער זעט דאָס צווײַגעלע זיך אויסגלײַכן און די פאַרברווינטע פלעקן נעמען זיך גאַל-

דיקן איבערגעצויגן מיט אַ גרינלעכן גלאַנץ. די טיפע קאַרבן גלײַכן זיך אויס, די קנייטשן ווערן אויסגעפּילט. ס'גאַנצע צווײַגל ווערט צו־ריק יונג און לעבעדיק, ווי דער רבי דאָ לעבן אים.

— אָמן ואָמן!.. יהי רצון מלפניך... — האָט יחיאל־מלך געזאָגט אי צום רבין מיטן סלאָיִקל אין האַנט, אי צום צווײַגל וואָס ער האָט שוין געזען אין געדאַנק אויסגעוואַקסן גרויס.

יחיאל־מלך האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן ווײַזן אָפטער צום רבין און פאַר איין וועגס אַ קוק געגעבן צום צווײַגל, זען וואָס עס מאַכט, צי ס'האָט זיך אָנגענומען און ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן ווען ער האָט פּורים־צײַט געזען, ס'צווײַגעלע לעבט. ס'איז משנה־מראה גע־וואָרן, ס'האָט געטווישט די פאַרבן, די קאָרע איז געוואָרן איבערגע־צויגן מיט אַ פרישער גרינקייט — אַ מחיה צו קוקן דערויף!

— ס'איז שוין אפשר צײַט, רבי, איבערצופלאַנצן עס דעם פרילינג?

— וואָס רעדסטו, יחיאל־מלך, אַז אַ קינד הייבט אָן גיין, לאָזט מען עס באַלד לויפן? צום ערשטן דאַרף עס קאָנען גוט גיין און נאָך דעם קאָן עס שוין לויפן. להכל זמן — האָט ר' שלום־שכנא געוועדנט מיט ליבשאַפט זײַנע בלינדע אַפּלען צום סלאָיִקל וואָס איז געשטאַנען אויפן פאַראַפּעט פון פענצטער און ס'צווײַגל האָט זיך געוואַרעמט אויף דער זון און איז געוואַקסן.

סוכות־צײַט, ווען יחיאל־מלך איז געקומען נעמען זײַן בלינדן רבין צו זיך אין סוכה אַרײַן, צו די ערשטע אושפּיזין, האָט ר' שלום־שכנא אים געבעטן, ער זאָל אים פירן דורכן שולהויף, ער וויל אים ווײַזן דאָס אָרט, ווו מע וועט דאַרפן, לויט אים, איבערפלאַנצן דאָרט דעם אשל אָין ער וויל זײַן דעה, ווײַל ער, יחיאל־מלך, וועט פון איצט אָן דאַרפן אויפפּאַסן אויף דעם, אַכטונג געבן, נאָכקוקן עס, אָפּהיטן.

— אסרו־חג, אם ירצה השם וועלן מיר זיך נעמען צו דעם און מיר וועלן איבערפלאַנצן דעם אשל. איבער ווינטער וועט זיך עס אָננעמען. לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט זײַן נישט קיין שווערער ווינטער. כ'מיין, יחיאל־מלך, אַז ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אונדז, צו אונדזערע וועטערן, צום גלות־קלימאַט, ווי מיר, וואָס מיר האָבן אין גלות קאַלטס און וואַרעמס. די לעצטע צײַט האָב איך עס אַלע טאָג אַרײַנגעשטעלט אין דרויסן, פאַר דער שוועל אין די פאַרמיטאָג־שעהען, אַפילו אין די גרעסטע פרעסט, און ברוך־השם, זעסט דאָך — האָט דעם אַלטנס קול געקלונגען פריש, האָפערדיק און מונטער

גלײַך ווי אין צווײַגל וואָלט געלעגן דער כּוח וואָס האַלט אים אויף בײַם לעבן.

אסרו־חג של סכּות איז געווען אַ טאָג ווי נאָכן מבול. פון שמיני־עצרת בײַ נאַכט ביז שמחת־תּורה אין אָוונט האָט געכליאַ־פּעט. ס'האָט געהאַלטן אין איין גיסן. דער גאַס־רעגן האָט געשטערט די פּריזיוואָניקעס אין שטעטל זיך צו לאָזן ווױלגיין, און להבדיל, די חסידים — צו גיין איבער די הײַזער און מאַכן לחיימס, טרינקען משקה, די גוטע שאַרפֿע געטראַנקען, פאַרבײַסן מיט לעקעך און איי־ער־קיכלעך, עסן די גוטע מאכלים וואָס יעדן האָבן אָנגעגרייט לכּבוד התּורה. צוליב די גוטע מאכלים מסתּמא האָט אסרו־חג אויפגעהערט רעגענען און די זון האָט גענומען שײַנען און וואַרעמען, מע זאָל די גוטע זאַכן נישט עסן אין אַ טרויעריק וועטער.

נאָכן דאַווענען האָט יחיאל־מלך אָפּגעטרעטן בײַ זײַן רבין אָפּ־רעדן אים אפשר פון איבערפּלאַנצן דעם אשל אינעם פּײַכטן בלאָ־טיקן טאָג, אָפּלייגן עס אויף אַ שענערן טאָג ווען אין דרויסן וועט זײַן טרוקן, ווען ס'וועט זײַן אַ יום שכּולה שמש. אי ס'וועט גוט זײַן פאַרן אשל, אי פאַרן רבין. דער רבי אָבער האָט נישט גע־וואָלט הערן פון דעם. ער האָט דאָך געטון אַ נדר אַז הײַנט, אסרו־חג פּלאַנצט מען איבער דעם שתול.

— איז אפשר פאַרלאָזט איר זיך אויף מיר? — האָט יחיאל־מלך פאַרגעשלאָגן אַז ער וועט אַליין איבערפּלאַנצן דאָס צווײַגל.

— ס'איז מיר אַ גרויסער חידוש אויף דיר, יחיאל־מלך, אַ חידוש גדול. פּלאַנצן אַ בוים איז ווי חתונה מאַכן אַ קינד! וואָלסטו גע־הייסן אַ טאַטן זיצן אין דער היים אין יום־החתונה פון זײַן איינציק קינד? נו, זאָג מיר — האָבן דעם אַלטנס בלינדע אויגן אַריבער־געקוקט איבער יחיאל־מלכן.

— אָבער טאָקע ווי אַ טאַטע קודם החופּה זאָלט איר זיך פירן, בענטשן, געבן אײַער ברכה — האָט זיך יחיאל־מלך אויסגענומען מיטן רבין, גלײַך ווי דער רבי וואָלט געקאָנט טראָגן שטיינער אויף די מויערן, אַ כּל־יכול.

יחיאל־מלך האָט גענומען דעם סלאָי מיטן צווײַגל אין איין האַנט, דעם טלית אונטערן אָרעם און מיט דער צווייטער האַנט אָנגערירט דעם אָרבל פונעם אַלטן. ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין צום שולהויף.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס שמאָלע געסל און אַרײַן אין שול־

הויף, ווו די זון גייט אין משך פון טאָג פון איין עק הויף צום אַנ־דערן ביזן אונטערגאַנג. די זון איז געווען אויף דער צווייטער העלפט הויף, ווען דער רבי האָט פאַרפלאַנצט דאָס אשל־צווייַגל.

מיט כוונה האָט ער צונויפגעמישט די ערד פונעם שולהויף מיטן ביסל ארץ־ישראל־ערד אויפן גרענעץ־בערגל צווישן שול און בית־מדרש, בעת־מעשה געשעפטשעט עטלעכע פסוקים איבערגעבויגענער־הייט, זיך אויסגעגלייַכט און געזאָגט צו יחיאל־מלכן:

— מע קען שוין גיין.

די צייַט האָט זיך געטון דאָס איריקע און דאָס צווייַגל איז דאָרט אויסגעוואָקסן און מיט דער צייַט געוואָרן אַ שאָטנדיקער בוים פול מיט גרויסע בלעטער און האָט געשפרייט שאָטן איבער די גרענעצן אַריבער צו די טירן פון דער שול אין איין זייַט, און בית־מדרש־טירן פון דער צווייטער.

ייִדן זענען געקומען צום בוים מיט בענקשאַפט און אים אַרומ־געריגלט מיט ליבשאַפט, גערוט דאָרט בייַ די עליות פאַרקויפן, מפּיל־פּול געווען איבער אַ שווערער סוגיה, זיך דערציילט חידושים פון רביים, און אין תעניתים־טעג, פאַרן לייענען ויחל, דאָ געלערנט תורה. דער אשל־בוים איז אַזוי אַרייַנגעוואָקסן אין לעבן, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן שטעלן חופּות אונטער אים און מוצאי־יום־כיפּור נאָך מעריב האָט מען דאָ געבלאָזן שופר. מ׳האָט לעבן אים מחדש געווען די לבנה און שמחת־תורה איז מען דאָ געגאַנגען צו הקפות. און ייִדן זענען געווען זיכער, אַז אונטער אָט דעם בוים וועלן זיי הערן בלאָזן דעם שופר של משיח.



די דין־תורה און דער שדים־טאַנץ אין שיל

1. תשעה־באָב אין שטעטל

די מעשה שהיה מיט דער דין־תורה איז פאָרגעקומען באַלד גאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914. אַ חוץ וואָס די ייִדישע דאַטע האָט געוויזן אַז ס׳איז תשעה־באָב איז אין שטעטל באַזונדער געווען תשעה־באָב. ר׳ ישראל טאָכטערמאַן — דער גבאי־ראשון פון דער שול, געוועזענער דיין און כסדרדיקער פרעזעס פון הכנסת־אורחים, ביקור־חולים, גמילת־חסדים־קאַסע און הכנסת־כלה — איז געזעסן אין בית־מדרש אין איינעם מיט קהל לעבן רב ר׳ מענדעלע ניי אויף די איבערגעקערטע בענק, אין די זאָקן מיט שטעכלקעס אין די בערד, וואָס קונדייסים־קינדער און בית־מדרש־בחורים האָבן אַרייַנגעוואָרפן דורכן פענצטער. דער עולם האָט געזאָגט איכה מיט אַ געבראָכן קול. מ׳האָט געזאָגט די קינות אויף די צוויי חורבנות, אויף די צוויי צעשטערטע בית־מקדשן און אויף אַלע דורכגעגאַנגענע גלותן.

אין דער אָפענער טיר פון בית־מדרש האָבן זיך פּלוצים באַוויזן צוויי ניקאָלייַעווסקי סטאַרשינעס מיט אַ סטראַזשניק. דאָס מורמלענדיקע זאָגן די קינות איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. בערדיקע קעפּ האָבן זיך אַ קער געטון פאַרהיבענע צו דער טיר. גאָרנישט ווי זייער טבע זענען די סטראַזשניקעס געבליבן שטיין און נישט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל. זיי האָבן געוואָרט, אַז ר׳ ישראל דיין, וואָס זיי האָבן אים גוט געקענט, זאָל צו זיי צוקומען, אָדער זיי אַרייַנבעטן אינעווייניק אין בית־מדרש אַרייַן. דער רב מיט ר׳ ישראל דיין האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר געשיקט דעם שמש, ער זאָל גיין זען וואָס זיי ווילן.

די סטראַזשניקעס האָבן אייַנגעטענהט מיטן שמש, געשאָקלט מיט די קעפּ, געוויזן אים עפּעס אַ פּאַפּיר און פאַרלאַנגט אַז דער דיין אַליין זאָל צוקומען צו זיי, ס׳איז אַ פאַרטרוילעכער ענין. ר׳ ישראל האָט זיך שווער אויפגעהויבן פונעם אומגעלייגטן בענקל און אין די בלויזע זאָקן איז ער צוגעגאַנגען צו זיי, אונטערקרעכצנדיק, וואָס מ׳איז אין גלות און מע קען אים אפילו נישט באַווייַנען רויִק, אומגעשטערט.

איין סטראַזשניק, דער עלטסטער האָט זיך צוגעבויגן צו ר׳ ישראלם אויער און אים אייַנגערוימט אַ סוד. מיט אַ שטרענגן פיר מיט

דער האַנט האָט ער געפּאַכעט מיטן פּאַפּירל, אַז די מלחמה דערנענטערט זיך אַהער און די ייִדן מוזן פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה. זיי האָבן אים איבערגעגעבן דעם באַפעל פון דער צאַרישער מאַכט און געפּאָדערט, מע זאָל תיכף פאַרלייענען פאַר קהל וואָס דאָרט שטייט געשריבן. זיי גייען פריִער נישט אַוועק, זיי ווילן זײַן דערבײַ און זען ווי מע וועט איבערלייענען דעם באַפעל פון פּאַפּיר אַרויס.

ר׳ ישׂראל דיין, בלייך ווי אַ מת, מיטן בייגעלע פּאַפּיר אין דער צעציטערטער האַנט האָט זיך נישט געקענט גלײַך דעצידירן און גע-האַט מיט זיך אַ ישוב-הדעת צי ער זאָל לייענען דעם באַפעל שוין, צי נאָך די קינות. באַלד איז ער געקומען צו זיך, געכאַפּט אַ קוק אויף די סטראַזשניקעס און דערלאַנגט דעם שמש דאָס פּאַפּיר, ער זאָל עס לייענען פאַרן פאַרזאַמלטן עולם.

שלום-יעקב שמש האָט אַרײַנגעקוקט אין פּאַפּיר און זיך נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. אויך ער איז געוואָרן ווײַס ווי קאַלך און האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ס׳האָט אים גענומען שטיקן אין קעל און זײַן שטים האָט זיך געבראָכן. מיט די אויגן האָט ער געזוכט הילף בײַ ר׳ ישׂראלן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרײַען פון דער בייזער בשורה וואָס ער דאַרף אָנזאָגן די עדה ייִדן.

ר׳ ישׂראל דיין האָט צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו, נו, נישטאָ וואָס צו וואַרטן, מע דאַרף לייענען...

דער שמש האָט געפילט ווי די פּיס ברעכן זיך אים אונטער, אַ היץ האָט אים געשלאָגן צום קאָפּ. אויפן שטערן איז אים אַרויס-געטרעטן אַ שווייס און די צונג האָט זיך אים נישט געלייגט צום רעדן. ווי קען מען אַרויסברענגען פאַרן מויל אַזאַ גזר-דין אויף גאַנץ קהל?

ר׳ ישׂראל דיין האָט געזען אַז ער וועט מיט אים גאָרנישט מאַכן האָט ער גענומען פון אים דאָס פּאַפּיר און אַליין אָנגעהויבן לייענען דעם באַפעל, וואָס איז געווען געחתמעט פון ירום-הודו אַליין און פון זײַן פעטער, אַז אַלע ייִדן, וואָס וווינען אין שטאָט לעבן דער פעסטונג, מוזן זי פאַרלאָזן אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה.

די סטראַזשניקעס האָבן זיך אָפּגעטראָגן און אין בית-מדרש איז געוואָרן אַ טומל, אַ בהלה מיט אַ יללה. קיינער האָט שוין נישט גע-דענקט אַז ס׳איז הײַנט תשעה-באָב, אַז מ׳האַלט אין מיטן זאָגן די קינות. אַלע האָבן גערעדט, געשריגן, געשטעלט קלאָץ-קשיות. פון דער

ווייבערישער שול אין דער הויך האט זיך געטראגן א גערעמער, א ביטער געוויין. א סך האבן גלייך געוואלט אנטון די שיך און לויפן אהיים, זיך גרייטן אין וועג אריין. נאר זעענדיק ווי דער רב מיטן דיין און די גבאים פון די דאוון-שטיבלעך זעצן זיך צוריק אויף זייערע ערטער — גרייט צו פארענדיקן דאס קינות-זאגן, — האט אויך קהל זיך צוריקגעזעצט אויף וואסער ארט איינער האט געטראפן, אויף די איבערגעקערטע בענק, אויפן אויסגעשפרייטן שטרוי, אויף דער הוילער ערד און די קינות זענען פארענדיקט געווארן מיט געוויין, מיט אכצן און קרעכצן. מ'האט שוין אויך אפגעזאגט „ויחל" און מ'איז זיך צעלאפן — יעדער צו זיך אהיים, ווייל שתדלנים זענען גלייך אוועק עפעס אויספועלן ביי דער מאכט, אפשרייען דעם קורצן טערמין פון דער גזירה.

2. ר' ישראל דיינס שאלה

ר' ישראל דיין איז געבליבן מיטן רב. ער וויל זיך מיט אים אן עצה האלטן, פרעגן א שאלה: וואס זאל ער טון מיט די פקדונים, די נדנים פון די ארעמע כלות, וואס מ'האט ביי אים איינגעלייגט, אפגעשפארטע געלטער פון טאטעס און מאמעס, לעבעדיקע און טויטע, פאר זייערע טעכטער, די כלה-מיידלעך. אויך צירונג, גאלדשטיקלעך, ווערטזאכן, וואס יידן-יורדים, אפגעקומענע עלטערן האבן ביי אים איינגעלייגט אין מורא, אז ביי זיי אין הויז וועט דער נדן פאר די קינדער פארטאכלעוועט ווערן, מע וועט אים אויפעסן, ער וועט צערונען ווערן אונטער די הענט. די טעכטער וועלן חלילה, פארבלייבן אן נדן און דארפן פארזיצן ביזן גראען צאפ.

דער „המפקיד" אין בבא-מציעא איז פאר ר' ישראלן געווען דער וועגווייזער וואס ער זאל טון מיט די פקדונים פון די לעבעדיקע עלטערן. די שאלה איז געווען מיט פקדונים פון די יתומים, קינדער וואס זענען געבליבן אן עלטערן און ס'איז נישטא וועמען צוריקצוגעבן די פקדונים. א סך זענען נאך קליינע קינדער.

די שאלה איז דעריבער: צי איז ער, ישראל דיין, חייב בעצמו צו זיין דער שומר דערפון, צי קען ער עס איבערלאזן אין דער „סקלעפיעניע", אין זיין פארמויערט באהעלטעניש אין קעלער אונטערן הויז? מעג ער אפשר אין דער חרום-צייט, אין צייט פון מהומות צוריקגעבן די פקדונים די יתומים, וואס האבן עלטערע פון זיך, שוועסטער און ברידער? ווער איז דער חייב קודם? קיין נדר צו היטן די פקדונים אין מלחמה-צייט האט ער מיט קיינעם נישט געמאכט,

אָבער אַ הבטחה, אַז ער וועט היטן, האָט ער יאָ געגעבן. אין מוציא שפתיך תשמור, האַלטן אַ וואָרט איז דאָך איצט אויך נישט פון די לײַכטע זאַכן. איז וואָס זשע זאָל ער טון?

דער רב האָט געקנייטשט דעם שטערן, זיך געריבן די שלייפן, געצופּט זיך בײַ דער באָרד און לסוף געזאָגט, אַז לפי דעתו, איז ר׳ ישראל נישט מחויב צו זײַן אין אַזאַ צײַט דער שומר פון די נדנים און פונעם צירונג פון די כלה־מיידלעך, וואָס האָבן אייגעם פון די עלטערן, אַ טאַטן אָדער אַ מאַמען. די גמרא זאָגט אַז זיי זענען קודם און ער, ר׳ ישראל דאַרף זיי איבערגעבן די התחייבות צו היטן זייערע טעכטערס נדנים. און אַזוי ווי די גמרא זאָגט אַזוי איז אויך דער שכל מחייב.

אָבער וואָס טוט מען מיט די מיידלעך, וואָס זענען, רחמנא־לצלן, געבליבן אַליין, אָן ביידע הורים? — זייערע נדנים דאַרף ער היטן ווי ער האָט צוגעזאָגט און די עלטערן האָבן זיך אויף זײַן צוזאָג אין גאַנצן פאַרלאָזט. ווען ער גיט נישט זײַן צוזאָג, וואָלטן זיי געווען גע־זוכט און זיכער געפונען אַן אַנדערן שומר. על־כן איז ער דעריבער מחויב אויסצופירן זײַן הבטחה יהיה מה, וואָס ס׳זאָל נישט זײַן.

אַזוי איז געווען דעם רבס דעה און ער האָט ר׳ ישראלן דער־מאָנט אָן דער גמרא: „אין רצוני שיהא פקדוני ביד אחר״. וואָס מע קען עס אים זאָגן.

ר׳ ישראל האָט פריער געוווּסט אין וואָס ס׳באַשטייט זײַן אַח־ריות. דער „המפקיד״ האָט עס אים געזאָגט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט שטעלן אויף זיך אַליין. ס׳קען נישט שאַטן אַז ער וועט אויך הערן דעם רבס דעה. פאַר איין וועגס האָט ער שוין אויך געפרעגט זײַן עלטסטן זון שמואל־אהרן, ער זאָל אים זאָגן זײַן מיינונג, ווי ער זעט די זאַך.

שמואל־אהרן, וואָס האָט מיטן אויסזען געכאַפּט דעם אָנבליק פו־נעם טאַטן, דעם דיין, האָט כמעט ווי מסכים געווען מיטן רב, אַז דער טאַטע זײַנער האָט אַ חוב, און אַז ער האָט זיך מתחייב געווען דאַרף ער אים אויספירן.

— דער שכל איז מחייב — האָט שמואל־אהרן זיך אָנגענומען פאַרן שפּיץ באָרד — אַז די עלטערן פון די יתומים האָבן זיך בײַ זייער לעבן געוואָלט באַוואָרענען מיט אַ זיכערן אַפּיטרופּוס איבער זייערע טעכטערס נדנים דווקא אין מהומה־צײַט. אין נאָרמאַלע צײַטן איז דאָך נישט קיין רבותא. דער שכל איז אויך מחייב אַז אין דער צײַט קאָנען די מיידלעך נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכ־

קייט צו היטן זייערע נדנים. אָבער קריגצײַט איז נישט קיין געוויינט־לעכע שלעכטע צײַט אין מלחמה־שווערקייטן זענען נישט קיין געוויינטלעכע שווערקייטן. בעת אַ קריג ביסטו נישט קיין חייב צו היטן. על־כן, ראָט איך דיך, טאַטע, גיי און גיב צוריק קודם די וואָס קומען.

3. דער דיין גיט צוריק די נדנים

איצט האָט דער דיין געוווּסט וואָס ער האָט צו טון. ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַנאַנדער אין איז געלאָפן אָפּגעבן די פּקדונים, די כלה־נדנים אַלע כלה־מיידלעך וואָס האָבן געהאַט עמעצן, אַ טאַטן, צי אַ מאַמען, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קרוב, אַ גואל. זיי האָט ער אָפּגעטראָגן אַלץ וואָס ס׳איז געווען זייערס. אָפּגעגעבן זיי די פּק־דונים און די ערבות די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נאָר איין פייגע־מירלס די ברענערקע האָט נישט געוואָלט צוריקנעמען ס׳צירונג, וואָס זי מיט איר גאָטזעליקן מאַן האָבן אָװעקגעלייגט ווי אַ נדן פאַר זייער טאָכטער צלאָווע.

— פריִער גאָט אין דערנאָך איר, ר׳ ישראל. איר זאָלט געזונט און שטאַרק זײַן. נאָר אַ דאַנק אײַך וועט מײַן צלאָוועלעס נדן אָפּגע־היט ווערן. כ׳געטרוי זיך אַליין נישט, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקע. ווער שמועסט נאָך אין אַזאַ צײַט ווי הײַנט... ווער ווייס וואָס ס׳קען זיך אַלץ מיט מיר טרעפן? איין זאַך ווייס איך: ביי אײַך איז עס געזיכערט — האָט פייגע־מירלס אין אים אַרײַנגעטענהט און בשום־אופן נישט געוואָלט צוריקנעמען קיין שום זאַך.

אין דער גאַנצער ליל־שימורים־נאַכט האָבן אַלע געהאָלפן פּאַקן. דער דיין מיט זײַנע זין האָבן געאַרבעט, געשוויצט בײַם פאַרפּאַקן אַלץ וואָס לאָזט זיך פאַרפּאַקן, און באַהאַלטן דאָס וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך. אויך דער האַלבער פרימאָרגן איז אָוועק מיטן באַזאָרגן און באַוואָרענען ס׳הויז, פאַרקלאַפּן די לאָדנס מיט טשוועקעס און פאַרפרענטעווען די טירן. אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צו פאַרלאָזן די שטאָט. דאָס אייגענע פאַרמעגן, האַלב אויף הפקר, איז שוין געווען פאַרמויערט אין דער „סקלעפּיעניע", אין דער וואַנט־פאַר־טיפעניש אין קעלער אונטערן הויז, אַנדערע זאַכן באַגראָבן אין הייפל לעבן האָלצקעמערל און בית־הכסא. ערשט דעמאָלט איז דער דיין אַרײַן צו זײַן זון, צו שמואל־אהרנען, אים צונעמען פאַר אַ שותף צו דער מצווה צו היטן די נדנים פון די כלהס, די יתומות:

— די נדנים פון די קלײנעכדיקע יתומות בין איך בעצמי מחויב

צו היטן, פייגע-מירלם האָט נישט געוואָלט צוריקנעמען איר צלאָוועס צירונג, וועלן מיר זיך טיילן מיטן היטן. דו וועסט האַלטן ס׳צירונג און איך ס׳געלט. מירן עס צעטיילן, ווי יעקב-אָבינו, ווען ער איז גע־גאַנגען באַגעגענען זײַן ברודער עשוון, אין צוויי מחנות. אויב איינעם וועט, חלילה-וחס, עפּעס געשען און דער צווייטער וועט זיך ראַטעווען, וועט אויך אָפּגעראַטעוועט ווערן אַ טייל פון דער צלאָוועס נדן.

דער דיין האָט זיך אַ ווײַל געפּאָרעט בײַ זײַן געפּעק און דער־לאַנגט שמואל-אַהרנען אַ זעקעלע מיט צירונג גוט פאַרנייט מיט אַן אָרײַנגעצויגן שטריקל אויפצוהענגען אויפן האַלדז.

שמואל-אַהרן האָט זיך געקווענקלט, נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אַחריות. קיין מחויב צו טון עס איז ער דאָך נישט. ער האָט אָבער אויך נישט געוואָלט פּוגע-בכבוד זײַן קעגן פֿאָטער, עובר זײַן אויף כיבוד-אב. און געזוכט זיך צו ווערן קעגן פֿאָטערס פֿאָרשלאָג מיט רחמים, גוטע רייד, מיט סבלנות, מיט אַ פּסוק פון דער גמרא; שלך קודם משל אחרים, דײַנס איז בילכער פון אַנדערע. ער האָט דאָס אַלץ געדאַרפט איבערלאָזן אין דער סקלעפּיעניע צוזאַמען מיט זײַן אייגנס, ווי ס׳איז על־פּי דין און נישט טון לפני משורת-הדין.

דער דיין האָט אויסגעהערט דעם מוסר פונעם זון און געשוויגן, נישט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט אָנגעטון אויף זיך דאָס צוויי־טע זעקעלע און זיך געוואָלט לאָזן גיין צו דער טיר. נאָר שמואל-אַהרן האָט אים פאַרהאַלטן. ער האָט אַראָפּגענומען ס׳זעקעלע צירונג פֿון פֿאָטערס האַלדז און זיך עס אָנגעטון, אײַנגעהילט זיך אין דער וואַ־כעדיקער קאַפּאָטע און פון אויבן אַרויפגעצויגן די שבתדיקע:

— נו, מע קען שוין גיין.

4. דער גירוש פונעם שטעטל

דאָס שטעטל האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער צעפּאָרענער יאַריד פול מיט פורן און וועגעלעך באַלאָדנט ביז אַרויף.

טאַטע און זון, דער דיין מיט שמואל-אַהרן האָבן זיך אויפגעזעצט אויף די פורן און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. די פורן זענען אָבער נישט געפאָרן גיכער פון די פוסגייער. דער שאָסיי הינטער דער שטאָט איז פול געווען מיט מענטשן, וואָס זענען אַרויס פֿון שטאָט, און איבער דער שאָסיי-זײַט אין שטאָט אַרײַן האָבן געצויגן טאַבאָרן מיליטער — צו פאַרטיידיקן די שטאָט מיט דער פעסטונג.

דער דיין, אָנגעטון אין רבנישן קאַפּעלוש מיטן ווינטערדיקן טור־

ליפּ אויף זיך איבער ביידע קאַפּאָטעס, איז געזעסן אויף איין פור, און שמואל-אַהרן מיט ווייב און קינדער — אויף דער צווייטער. זיין כאַלאַטל אָפן, נישט פאַרקנעפּלט, מיטן זעקעלע צירונג אויפן שטריקל אָנגעטון אויפן האַלדז.

פאַר זיי איז געפאָרן דער רב, ר׳ מענדעלע ניי מיט נאָך עטלעכע פאַמיליעס אויף פולגעפּאַקטע פורלעך און ביי די זייטן האָבן זיך געשלעפּט צו פוס יונג און אַלט, בחורים, מיידלעך, גאַנצע משפּחות, ייִדן מיט זעק און פּעק, מיט קלומיקלעך אויף זייערע פּלייצעס, טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס, קינדער ביי די הענט, און עלטערע, דערוואַקסענע, וואָס האָבן געקאָנט גיין צו פוס, האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס גרויסע פּעק, גרעסער ווי זיי אַליין זענען געווען. קינדער האָבן געטראָגן קלענערע קינדער. קליינע פּיצלעך האָט מען געפירט אין וועגעלעך, קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך. אַן אויסגעמיש פון כלערליי אָנטועכצער פון אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און אָפּגעריסענע טראַנטעס און שמאַטעס האָט זיך באַוועגט איבערן שאָסיי. אַלץ ווייטער פון שטאָט אַוועק — פון איין זייט, און אויף דער צווייטער זייט שאָסיי, וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין, זענען געריטן און געפאָרן אַרטילעריסטן אויף פערד און אויף די האַרמאַטן, קאַוואַלעריע און קאַזאַקן, טשערקעסן און קאַלמיקן. צו פוס האָט זיך געשלעפּט די פּיעכאָטע, די פוסגייערס, אָנגעלאָדן, ווי די אייזלען, מיט פּלעצאַקעס און צונויפגעלייגטע גראָע קאָצן מיט די ביקסן אָנגעהאָנגען אין דער קרום אויפן רימען, איבערגעוואָרפן פון הינטן אויף דער פּלייצע. זיי האָבן געקוקט גלייכגילטיק אויף די אַרויסגעטריבענע ייִדן, אויפן יציאת השטעטל. די רייטערס אָבער, וואָס זענען געזעסן פעסט אין זאָטל, האָבן זיך געחכמהט, געלאַכט פונעם אומגעלומפּערטן געגיי פון די צעקראָכענע און צעבראָכענע ייִדן און זיי צוגעוואָרפן אַ זידל-וואָרט.

5. שמואל-אַהרן מיטן זעקעלע צירונג אויפן האַלדז און דער קאָזאַק פון דעניקינס אַרמיי

פון די רייטער-רייען האָט זיך פּלוצעם אויסגעטיילט איינער אַ קאָזאַק, וואָס איז געריטן אויף זיין פערד, אַריבערגעריטן צו די פורן און רייטנדיק, חוזקנדיק באַטראַכט די פורן מיט די פאָרערס, צוגעריטן ביז דער ערשטער פורמאַנקע און איינגעהאַלטן ס׳פערד. מיט אַ מאָל האָט ער געהייסן אַלע פורן זיך אָפּשטעלן. ער איז זיי אַרומגעריטן

פון אַנהייב ביזן סוף און צוגעקומען צוריק צו דער ערשטער פּור, ווו ס'איז אויף איר געזעסן דער רב.

דער קאָזאַק פון דער צאַרישער אַרמיי האָט אַרויסגעצויגן די בלאַנקעדיקע שווערד פון דער שייד און מיטן שפּיץ אָפּגעשניטן ביים רבס טולופּ אַלע קנעפּ און אים אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ. דער רב איז אַ צעטומלטער און פאַרלוירענער געבליבן זיצן אין בלויזן קאַפּל אויף דער פּור. דער רייטער אין דער פּאַפּאַכע האָט מיט דער שווערד אונטערגעהויבן דער רביצינס שוואַרצן שאַל פון איר שייטל אַראָפּ, אַ וואָרף געטון אין דער לופטן און מיט אַ פּאָך פון דער שווערד איבערגעשניטן דעם שאַל אויף צווייען.

אַז דער קאָזאַק האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן רבס פּור איז ער אַוועק צו יוחנן מילנערס פּור, ווו יוחנן איז געזעסן מיט זיין פאַמיליע. דער רייטער האָט דורכגעשטאָכן דאָס שטרוי צווישן זייערע פיס, איין מאָל און נאָך אַ מאָל און איז אַוועק מיט חיהלע דעם מילנערס קאַראַקולענע מופקע, וואָס זי האָט מיטגענומען מיט זיך אויף ווינטער און דערווייל דאָרט געהאַלטן פאַרשטעקט די צוויי געפרוירענע הענט, וואָס זענען איר געווען קאַלט פון שרעק און עגמת-נפש. וואָרן אין דער מופקע, וואָס דער רייטער האָט צוגענומען איז געלעגן איר מאַמעס צירונג, וואָס איז געווען באַשטימט ווי דער נדן פאַר איר, דער יתומה.

מיט דער מופקע, פאַרהויבן אויפן שפּיץ שווערד איז דער רייטער-קאָזאַק צוגעריטן צו שמואל-אַהרנס פור, דורכגענישטערט מיט די אויגן און דערזען דאָס שנירל אויף זיין האַלדז. ער האָט אַ נייגעריקער אַ פרעג געטון וואָס ער טראָגט אַזוינס אָנגעהאַנגען, אַ וואָרף געטון די מופקע צווישן מאַרשירנדיקן מיליטער און מיטן שפּיץ שווערד געוואָלט איבערשניידן ס'שטריקל אויפן האַלדז. אין דער רגע האָט שמואל-אַהרנס ווייב אַ געשריי געטון:

— ניע טראַגאַיטיע! עטאַ איקאָנאַ! איקאָנאַ!...

דער קאָזאַק האָט אַוועקגענומען דעם שפּיץ שווערד פון שמואל-אַהרנס האַלדז און אים איבערגעפרעגט וואָס ער טראָגט אַזוינס אָנגעהאַנגען אויף זיך און געוואָרט אויף אַן ענטפער פון אים אַליין.

ביי שמואל-אַהרנען איז ס'לשון אָפּגענומען געוואָרן פאַר שרעק. ער איז געזעסן אויף דער פור אַן איינגעקאָרטשעטער מיטן געלבלעךווייסן פּנים און געשוויצט אין אַלע זיינע קאַפּאָטעס וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, גלייך ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס מע וויל פון אים. דער קאָזאַק האַלט דעם שפּיץ שווערד אונטער זיין גאָמבע, ביים גאָרגלקנאָפּ, אונטערן

שטריקל — גרייט עס איבערצושנײַדן צוזאַמען מיטן גאָרגל. די שווערד צופּט אים די באָרד, רײַסט אים די האָר.

— עטאָ טשטאָ ? ! — שיפּעט דער קאָזאַק מיט רציחה צו שמואל־אַהרנען און די שווערד קראַצט אים די הויט פון האַלדז.

— איקאָנאַ ! עטאָ איקאָנאַ ! — שרײַט חנהלע, שמואל־אַהרנס ווײַב, צוריק צום קאָזאַק פּעסט אָין זיכער, ווי זי פּלעגט אַ שטרענגע שרײַען אויף די פּויערים אין איר שווערם שניטקראָם.

דער רײַטער אויפן פערד האָט צוריקגעצויגן די שווערד פון שמואל־אַהרנס האַלדז, אַ טראַכט געטון אַ ווײַל, זיך דערמאָנט אַוודאי, אַז אַיך ער טראָגט אַזאַ בענדל אויפן האַלדז מיט אַן איקאָנעלע, אַ קליין קמיע־בילדל, וואָס ער האָט געקריגן פון גלח אין צערקווע פאַרן גיין אויפן פראָנט. מיט דער שווערד פאַררוקט צוריק אין שייד האָט ער אַוועקגעאײַלט פון שמואל־אַהרנס פור צו זײַן אָפּטייל וואָס איז געהאָט ווײַט אַוועק.

שמואל־אַהרן האָט געדאַנקט דעם וואָס לעבט אייביק פאַרן גרויסן נס, געוואָלט גומל בענטשן אויפן אָרט, נישט וואַרטן ביז ער וועט זיך געפינען אין אַ מקום־קדוש צווישן אַ מנין ייִדן. פּלוצעם איז צוריק אָנגעלאָפן דער קאָזאַק מלא־רציחה און מיט דער נאַגײַקע גענומען שלאָגן שמואל־אַהרנען, ווו נאָר ער האָט געטראָפן, רעכטס און לינקס, איבערן קאָפּ, איבער דער פּלייצע. די שמיץ פונעם קאַנטשיק, וואָס זענען געפאַלן איבער זײַן קערפּער, האָבן ווי פײַער געבריט זײַן לײַב.

פון שמואל־אַהרנען האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט און די שמיץ האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט פאַלן אויף אים ווי שטיקער פײַער. זײַן ווײַב און קינדער אָין אַלע אַרום האָבן געשריגן, געמאַכט גע־וואַלדן, און דער רום, דער קאָזאַק האָט ווײַטער געקאַטעוועט. פון שמואל־אַהרנס פּנים, נאָז און מויל רינט דאָס בלוט און דער צעיושעטער רײַטער שלאָגט אַן אויפהער, ביז דער קרבן זײַנער איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער צעלייגט מיט הענט און פיס איבער דער פור. דער קאָזאַק האָט אַראָפּגעריסן פון אים דאָס זעקעלע צירונג און אַוועקגעיאָגט אויפן פערד צווישן די רײַטערס — קאָזאַקן און טשערקעסן.

דער איבערגעשראָקענער גוי, דער געדונגענער פורמאַן מיט דער פור, וואָס איז געזעסן אויפן היכן געזעס און געציטערט אימת־מוות, בעת דער קאָזאַק האָט געשלאָגן שמואל־אַהרנען, האָט זיך איצט שנעל אַרויסגעריסן פון דער ריי פורן. ער איז אַראָפּ פון שאָסיי און מיט אַ זײַטיק שטעגל האָט ער זיך געלאָזט לױפן מיטן צעבלוטיקטן פאַר־חלשטן שמואל־אַהרנען און זײַן פאַמיליע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט

שרײַען און קלאָגן ווי נאָך אַ טויטן. דער פורמאַן האָט אַרײַנגעיאָגט מיט דער פור אין נאָענטסטן שטעטל אַרײַן, פאַרפאָרן פאַרן ראָטהויז אין מיטן מארק, אַראָפגעוואָרפן ס׳גאַנצע געפעק, געהייסן אַלעמען אַראָפגיין פֿון דער פור און אַנטלאָפן מיט דער ליידיקער פורמאַנקע ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

6. דאָס שטעטל נאָכן ערשטן מלחמה־שטורעם

שמואל־אַהרנען האָט מען געברענגט אין שטעטל אַרײַן אַ חולה־מסוכן. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט קרענקען און מער נישט געקומען צו זיך פון די קלעפּ און שמיץ וואָס ער האָט געקריגן פונעם רוסישן קאָזאַק. קירע עסטרייַך האָט געבראַכט פאַרשטאַרקונגען, זיך גע־לייגט אין דער לענג און ברייט, געשאָסן, געקעמפּט, עטלעכע מאָל זיך געריסן פאָרויס מיט שטורעם. קירע האָט זיך דאָ, בײַם רוסישן „קרע־פּאָסט״ גוט אויסגעמאַטערט, אַרויסגעשלאָגן פון זיך די כוחות און גע־זעצט זיך אָפּרוען אויף איבערן ווינטער, צו גרייטן זיך אויף ס׳נײַ אויפן זומער.

נאָך סוכות, ווען די רעגנס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען צוריק געעפנט דעם וועג אין שטעטל אַרײַן. יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן — יעדער צו זיך אַהיים. אָבער ס׳שטעטל איז שוין מער נישט געווען ס׳זעלבע וואָס פריער. אין די פּאָר מלחמה־חדשים האָט זיך אַלץ געענדערט. חרוב איז איצט ס׳שטעטל, חרוב די מענטשן, חרוב דאָס יידישע לעבן, די יידישע הײַזער. די יידישע היימען זענען פאַראָרעמט געוואָרן. די יידן זענען איצט געווען היימלאָז בײַ זיך אין זייער אייגן שטעטל.

בלויז עטלעכע חדשים מלחמה און שוין האָט דאָס פײַער געלאָזט טיפע וווּנדן אויפן שטעטל, אויף די יידן, אויף זייערע היימען און הײַזער. די גויים פון און אַרום דעם שטעטל זענען אויך שוין נישט געווען די זעלבע. זיי האָבן זיך באַרײַכערט אויפן חשבון פון די שטעטלשע יידן, באַרויבט זיי פון זייער האָב און גוטס. אַ סך יידי־שע פרויען האָבן דערקענט זייערע קליידער אויף די פּויערטעס און זייערע טעכטער. אַפילו די גויישע בעטלערס און שנאָרערס זענען פראַנק און פרײַ אַרומגעגאַנגען אין יידישע ווינטער־פּאַלטנס און פּוטערס.

נישט געווען קיין איין יידיש הויז וואָס זאָל האָבן געבליבן גאַנץ, אומבאַרירט. די זאַכן, וואָס מ׳האָט געקאָנט אַוועקטראָגן, האָט מען צוגענומען און ס׳איבעריקע איז געוואָרן צעשטערט, צעטרעטן. אַלץ,

וואָס ס'האָט נישט געהאַט פאַר זיי קיין נוצן, האָבן זיי צעבראָכן. אין אַ סך ייִדישע הײַזער האָבן אַפילו געפעלט די טירן און פענצטערס וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די ראַמען. די קאַפּלאָווע אויוונס צום באַהייצן די הײַזער האָט מען צענומען און צעוואָרפן — קאַפּלע בײַ קאַפּלע. קירעס האַרמאַטן האָבן אויסגעמיטן ס'שטעטל, אָבער די שפּאַרבערישע הענט פון די פּוילישע שכנים — נישט, זיי האָבן אַלץ צעשלעפּט און צעטראָגן.

פון דיינס הויז האָט געיאָגט אַ ווינט. ס'איז געשטאַנען אויסגערויבט, אויסגענישטערט פון בוידעם ביזן קעלער. די סקלעפּיעניע־פאַרמויערונג איז געווען אויפגעבראָכן און אויסגעליידיקט. די פאַרלייגטע אײַזנס און פרענטן איבער די טירן־אַרײַנגענג, וואָס האָבן באַדאַרפט באַוואָרענען קעגן די רויבערשע אַפּעטיטן ר' ישראל טאָכטערמאַנס שניטקראָם, האָבן געשטרעקט אײַנגעבויגענע, ווי צעווייטיקטע אויסגעדרייטע גלידער.

די הילצערנע צויטן־שטיקער פון די צעהאַקטע טירן און פענצטער־לאָדנס מיט די אויסגעהאַקטע שויבן און אָפענע פינצטערע לעכער האָבן עדות געזאָגט אויף אַ ווילדן אַרײַנברעך, אויף פּאָגראָם און רציחה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיינס הויז און דאָ געבושעוועט הפקר און אומבאַשטראָפט ביז אַלץ איז חרוב געוואָרן און געגאַנגען צו גרונט.

נישט אַלע ייִדן פון שטעטל זענען געקומען צוריק אין זייערע חרובֿע היימען נאָכן ערשטן גירוש. אַ סך זענען געבליבן אין זייערע גלות־שטעטלעך, בײַ משפּחה, באַקאַנטע. אַנדערע זענען אַרײַן אין די הקדשן. וואָס וועלן זיי זיך שלעפּן צוריק? ס'קען זײַן, אַז פרילינג וועט קירע זיך ווידער נעמען צום „קרעפּאָסט" און מע וועט ווידער נעמען טרײַבן פון שטעטל אַרויס.

שמואל־אַהרן, אַ מסוכן־קראַנקער, איז געבליבן אין דער פרעמד איבערקרענקען דעם ווינטער אין איבערוואַרטן ניקאָליים מפּלה. דעם טאַטן זײַנעם ר' ישראל דיין, האָט אָבער געצויגן צוריק אין שטעטל אַרײַן. ער האָט דאָך דאָרט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר, איז ער דאָ געזעסן אין דער פרעמד ווי אויף הייסע קוילן, און געווען פון די ערשטע וואָס האָבן זיך געלאָזט צוריק אַהיים. מע וועט דאָך נישט לאָזן אַ ייִדיש שטעטל זאָל אונטערגיין. צוזאַמען מיט אים זענען שוין אויך צוריק געגאַנגען אין שטעטל אַרײַן דער רבֿ מיט די גבאים פון די שטיבלעך און בית־מדרש, די דאָזאָרס און שטאָט־פאַרזאָרגערס.

דער דיין, איינער פון אַ סך, איז נאָכן צוריקקומען אין דער

אויסגעהייבטער שטוב געוואָרן איבער נאַכט אַ יורד, אַן אָפּגעקומע־נער, אַן אָרעמאַן. בלויז דער שם־טוב זײַנער, דער גוטער נאָמען איז אים געבליבן בײַ אַלע אין שטעטל און אויסערן שטעטל — בײַ די מאַנופאַקטור־סוחרים און פאַבריקאַנטן, בײַ שייבלערן און פּאָזנאַנ־סקין, בײַ רודערן אין לאָדזש, דעם פּוילישן מאַנטשעסטער. דאָס האָבן די פּוילישע שפּאַרבערס נישט געקאָנט בײַ אים צורויבן, זיך צוגע־געגנען. דער גוטער שם איז איצט געווען זײַן גאַנץ פאַרמעגן.

פּונקט ווי ער האָט אָפּגעראַטעוועט זײַן לעבן אַזוי האָט ער אויך געראַטעוועט דאָס נדן־גאָלד, וואָס איז בײַ אים געווען אײַנגע־לייגט דורך די טאַטעס און מאַמעס פאַר זייערע כלה־מיידלעך.. דאָס גאָלד האָט ער געהיטן מער ווי זײַן נשמה. די נשמה האָט ער אַלע נאַכט איבערגעענטפערט דעם וואָס לעבט אייביק, אָבער ס׳נדן־גאָלד האָט ער שטענדיק געטראָגן מיט זיך, נישט געשיידט זיך מיט דעם, געטראָגן עס ווי אַ קמיע. ער איז איצט אַרומגעגאַנגען און געטראַכט טאָג און נאַכט וואָס צו טון דערמיט און אויך אי־בערגערעדט וועגן דעם מיטן רב און מיט גבאים.

— כ׳וואָלט עס גערן איבערגעגעבן אײַך, רב, אָדער וועמען אַנ־דערש. מײַן שמואל־אהרנען, ווייסט איר דאָך אַליין, איז עס שוין געווען אַ מכשול, און כ׳האָב מורא, ס׳זאָל מיר נישט זײַן אַ שטרויכ־לעניש — האָט ער געזאָגט בײַ דער ערשטער אסיפה אין חרוב־גע־וואָרענעם שטעטל.

דער רב האָט אים נאָך אַ מאָל דערמאָנט אָן דעם המפקידים „אין רצוני שיהא פקדוני ביד אחר", וואָס די אײַנלייגערס פון די פקדו־נים קענען אים זאָגן אויב ער זאָל איצט, מלחמה־צײַט איבערגעבן אַנדערע די פקדונים. און דאָס נדן־גאָלד איז ווײַטער געבליבן בײַ אים אין זײַן רשות ביז איבער דער מלחמה, ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן און די וועלט וועט ווערן צוריק וועלט.

7. אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע

אונטער דער ערשטער זון האָט דער שניי געגומען צעגייז און איז אָפּגעלאָפן אין ריטשקעס און שטראָמלעך גאַס אַראָפּ. דער פרי־לינג האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך טיר און טויער. און ווידער האָט מען גענומען טרײַבן די ייִדן פון שטעטל. קירע האָט זיך פאַר־לייגט מיט אַלע כוחות אויפן „קרעפּאַסט", ווו די רוסן זענען געווען פאַרפעסטיקט און ס׳האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ כוח וואָס זאָל זיי קאָנען רירן פון אָרט. דאָס מאָל איז קירע געגאַנ־

געָן אויפן „קרעפּאַסט" מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַרטילעריש פּײַער און צום סוף געָנומען די פעסטונג מיט שטורעם, אײַנגעוואָרפן די אַלטע ווענט פונעם „קרעפּאַסט" אין אין יענעם שבתדיקן טאָג צווישן קי־דיש און הבדלה איז די פעסטונג געפאַלן. ניקאָלײַס מפּלה איז גע־קומען אויף אַלעמענס אויגן און ייִדן זענען פּטור געוואָרן פון די צאַרישע סאַטראַפּן און נגשים וואָס האָבן איבערגעלאָזט אויף זייער אָרט זייערע פּוילישע יורשים וואָס האָבן איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דאָס ייִדישע שטעטל האָט איצט געהאַט נײַע באַלעבאַטים און אַלטע שונאים. ס'איז אָבער שוין מער נישט צוריק געקומען דאָס פולסירנדיקע ייִדישע לעבן פון אַ מאָל. קיין שום זאַך איז שוין דאָ נישט געווען ווי אַ מאָל. ס'שטעטל איז געבליבן מיט אַ שראַם, מיט וווּנדן איבערן גאַנצן קערפּער וואָס לאָזן זיך מער נישט פאַרהיילן. די האַרמאַטן האָבן צעטרייסלט די וועלט און זי אַראָפּגעפירט פון די רעלסן. אויך ס'ייִדישע לעבן אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע איז אַראָפּ פון די שינעס. ס'זענען צעטרייסלט געוואָרן די פונדאַמענטן פון שטעטלשן ייִדישן לעבן און מ'האָט עס נישט געלאָזט זיך שטעלן צוריק אויף די פיס.

מיט שנעלע שווינדלשריט האָט די טײַוולשע מלחמה־מאַשין צע־טרייסלט אימפּעריעס, אומגעוואָרפן טראָנען, אַראָפּגעריסן קרוינען פון די קעפּ פון די זעלבסטהערשערס, אַליין־געזאַלבטע מאַכטהאָבערס. פאַרטריבן זיי פון זייערע פּאַלאַצן און געמאַכט פון זיי האַלצהעקערס און וואַסערטרעגערס, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער פאַרשנייטע וועגן אין לאַפּטשעס און טרעפּעס און ווער ס'איז געפאַלן אין וועג האָט געקריגן אַ קויל אין נאַקן און איז מער שוין נישט אויפגעשטאַ־נען. און ווי אַט דער געפאַלענער וועט אויך דאָס צאַרישע סאַטראַפּן־רוסלאַנד מער שוין נישט אויפשטיין קיין תחית־המתים.

פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט זיך ס'גאַנצע לעבן גענומען ענ־דערן, געקריגן אַן אַנדער פּנים. מיטן טויש פון די מערכות פון דעם און יענעם האָט זיך אויך געביטן דער אויסזען פונעם געזעלשאַפט־לעכן פּנים אין די אינסטיטוציעס און אין די שולן און דאַוון־שטיב־לעך, אין בית־מדרש. די שיינע ייִדן פונעם אויבנאָן, וואָס די מלחמה האָט זיי רויִנירט, זענען געוואָרן יורדים און קיינער האָט זיך מער נישט אומגעקוקט אויף זיי. די טיר־ייִדן האָבן זיך אַ רוק געטון צו די אייבערשטע בענק, מער אַרויפצו צו דער מזרח־וואַנט. אויך דעם דיינס מזרח־שטאָט, וואָס ער האָט געהאַט אויף איר אַ חזקה מכמה יאָרן, האָט זיך אַ ביסל אָוועקגערוקט אין אַ זײַט. אַנדערע שכנים, אַרויפּ־

געאַרבעטע, גבירים האָבן זיך דאָרט באַוויזן, מיט ברייטקייט און זיכערקייט, ווי איינער וואָס זיצט שוין פעסט אין זאָטל. דעם דיין האָט מען געלאָזט בלויז צוליב זײַן גוטן נאָמען. דאָס איז איצט גע־ווען אַלץ וואָס איז אים געבליבן פון זײַן אַמאָליקן שטאַנד.

אויפן שם־טוב־טראָן איז ער געבליבן פעסט אַפילו איצט ווען ער האָט פאַרלוירן זײַן פאַרמעגן. די וויסטע מלחמה האָט עס נישט געקאָנט בײַ אים צונעמען, די רוױבערס — נישט גזלנען און קיין בער־זע — נישט פאַרביליקערן נאָר איין פייגע מירלם און איר זון, יעקב יצחק, האָבן אים געדראָט אָפּערצוריַיסן די שם־טוב־שטול אויב ער וועט זיי נישט אָפּגעבן צלאָוועס צירונג.

8. ווי איז אַהינגעקומען צלאָוועס צירונג?

ווי נאָר דער דיין, מיט זײַן אומבאַשעדיקטן גוטן נאָמען און מענטשנס פאַרגלייבטן צוטרוי צו אים, האָט צוריק אויפגעבויט זײַן הויז מיט גרויסע שוועריקייטן און אָנשטרענג און ענדלעך צוריק אײַפגעעפנט זײַן שניטקראָם, קוים זיך גענומען שטעלן אויף די פיס, איז דער ערשטער קונה וואָס האָט געעפנט די טיר געווען — יעקב־יצחק, וואָס האָט צודרינגלעך פאַרלאַנגט צוריק דאָס צירונג וואָס זײַן מאַמע האָט אײַנגעלייגט בײַם דיין פאַר צלאָוועס נדן.

ר׳ ישראל דיין האָט זיך נישט פאַרלוירן פאַר דער חוצפה פו־נעם יונגנמאַנטשיק און מיט אַ רויִקן געזעצטן טאָן אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, יעקב־יצחק — האָט דער דיין גע־מאַכט אַ טראָט נענטער צו אים — דער ראַבושניק, דער קאַזאַק האָט אַלץ צוגעזלט. מײַן שמואל־אַהרן קרענקט נאָך עד־היום צוליב דעם, ער לײַדט אויפן מוח. גאַנץ קהל ווייסט עס, ס׳גאַנצע שטעטל ווייס פון דעם. וואָס זשע מאָנסטו? ווו זאָל איך דיר נעמען צירונג? שווה־כסף וועל איך, בלי־נדר, מיט השם־יתברכם הילף אײַך אָפּצאָלן.

— די מאַמע וויל ס׳צירונג, נישט קיין געלט.

— ווי זאָל איך נעמען צירונג? פאַר וואָס קומט נישט די מאַמע אַליין? לפי הדין קום איך דאָך דיר גאַרנישט נאָר דער מאַמען, זאָל זי קומען.

— די מאַמע קאָן נישט קומען, זי איז קראַנק, לא־עליכם, ליגט אין בעט און קרעכצט.

— וואָס זשע גייסטו נישט זאָגן קיין תהילים, בעטן אויף איר אַ רפואה־שלימה? — האָט דער דיין געפרעגט פאַרזאָרגט.

— ר׳ ישראל, ס׳וועט נישט גוט זײַן — האָט אין יעקב־יצחקס פּנים זיך אָנגעגאָסן אַ צונטער־רויטקייט — ס׳וועט בפירוש זײַן שלעכט, איר הערט, ס׳וועט זײַן ערגער אַז די מאַמע וועט דאַרפן קומען.

— ווייסטו כאַטש, אַז כ׳האָב דײַן מאַמען געוואָלט צוריקגעבן ס׳צירונג? כ׳האָב זי געבעטן, זי זאָל עס נעמען צוריק, און זי האָט נישט געוואָלט... ווייסטו דערפון?

— איך ווייס פון גאָרנישט. כ׳ווייס נישט צי ס׳איז געווען צלאָ־וועם צירונג וואָס דער קאָזאַק האָט אַראָפּגעריסן פון אײַער זונס האַלדז אַראָפּ — האָט יעקב־יצחק גיך אָפּגעזאָגט, ווי ער וואָלט גע־האַט הייסע בולבעס אין מויל.

דער דיין האָט אויף אים אָנגעשטעלט זײַנע געדיכטע פאַרגראָ־לעכטע ברעמען:

— ביסט אַ חצוף, יעקב־יצחק, אַ דראָב ביסטו, אַ שייגאָץ! מער זאָלסטו נישט קומען אַהער! כ״פאַרווער עס דיר, דו הערסט?!

נישט קוקנדיק מער אין זײַן זײַט האָט זיך דער דיין אָפּגעקערט פון אים און זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע.

— ס׳וועט ערגער זײַן אַז די מאַמע וועט דאַרפן קומען. זי וועט מאַכן שוואַרץ־שבת, איר הערט? שוואַרץ־שבת וועט זי אײַך מאַכן!

געזען אַז ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן איז ער אַרויסגע־לאָפן פון דיינס שניטקראָם און האַסטיק פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

פאַרנאַכטצו, פאַר מנחה־צײַט האָט דער דיין, ר׳ ישראל טאָכ־טערמאַן אַרויסגעקוקט דורך דער פאַרהײַכטער שויב פון זײַן שניט־קראָם און ווי דורך אַ נעפּל געזען ווי יעקב־יצחק פירט זיין מוטער, פייגע מירלס גלײַך צו אים. דאָס בחורל לויפט אומגעדולדיק עטוואָס פאָרויס מיט צוויי צענומענע פאָלעס פונעם אָפענעם כאַלאַט און זי שלעפּט זיך אים נאָך, קוים וואָס זי שטעלט אַ טריט. ער האָט שנעל פאַרהאַקט די קראָם און מיט פאַרגיכטע טריט איז ער אַוועק דאַ־ווענען מנחה. יעקב־יצחק האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט מיט די פויסטן ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער דיין מוז אוודאי זײַן אין בית־מדרש, בײַ מנחה. ער האָט געכאַפּט די מאַמע זײַנע און זיך פאַר־קירעוועט מיט איר גלײַך אַהין, זי גלאָזט אין פאָדערהויז און אליין איז ער אַרײַן צום דיין, אים וואָרענען, אַז ער פירט שוין אַרײַן די מאַמע צו אים, אויב ער זאָגט אים נישט צו אָפּצוגעבן ס׳צירונג.

ר׳ ישראל טאָכטערמאַן איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע

הענט אַן טיש און מיט דער פּלייצע צוגעדריקט צום הויכן אָנלען פון דער הילצערנער באַנק. ער האָט כובש את יצרו געווען, זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אָנצוכאַפּן דעם חצוף און אים מקיים־פּסק זיין, אַרויסטרייבן אים פון בית־מדרש.

די מתפללים אַרום האָבן גענוקעט מיט אַ ש־ש־שי אויף יעקב־יצחקן, פאַר זיין רעדן און טומלען, מפסיק זיין אין מיטן דאַווענען, אויך דער רב האָט זיך צענופט אויף אים: — נו, נו, מנחה! — האָט ער זיך געוויגט אין יעקב־יצחקס זייט ווי אַוועקצוטרייבן אים, און אויך דער שמש האָט זיך געלאָזט צו יעקב־יצחקן:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, יעקב־יצחק — איז דער שמש גע־גאַנגען אויף אים — דו דאַוונסט נישט קיין מנחה ? !

יעקב־יצחק האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זייערע רייד און שושקערייַ. ער איז אַרויס צו דער מוטער זיינער וואָס האָט גע־וואַרט אויף אים אין פּאָדערהויז אַן אומרויִקע, אַ דענערווירטע מיט אַ פרעגנדיקן בליק אין אָפענע הענט, נאָר אַריינצולייגן אין זיי ס׳ציי־רונג. אַ בייזער, אַן אויפגעקאָכטער האָט יעקב־יצחק אַ געשריי גע־טון צו דער מאַמען: — קום, מאַמע! — און זיך געלאָזט גיין פאַר איר וואָרטשענדיק — ער איז נאָך נישט מיינע פטור! מאָרגן נאָך שחרית, מאַמע, גייען מיר צו אים, דעם שקרן!

אויפן אַנדערן טאָג איז פייגע מירלס ערגער געוואָרן. זי האָט געקריגן פיבער און זיך געבעטן ביי איר זון, ער זאָל נישט מבזה זיין דעם דיין, נאָר נאָך אַ מאָל אַליין גיין צו אים בעטן ס׳צירונג אָדער אָדורכקומען און נעמען געלט. זאָל ער זיך נישט קריגן מיט אים, נישט פאַרשעמען אַ בכבודיקן ייִד, אָדער ווערן פון זיין הויז. נעמען וויפל ער גיט, אַבי אַראָפּ פון מאַרק. זיך אויסגלייכן מיט אים ווי די אַנדערע, הורכקומען. יעקב־יצחק האָט אָבער נישט געוואָלט גיין אַן איר אַז יענער האָט אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן, ווי ס׳וואָלט נאָך אים געקומען אַ רעשט. אַ שרעק אַ טראַכט צו געבן וואָס די מלחמה האָט געמאַכט פון מענטשן — נישט צו דערקענען.

9. ביקור־חולים־קוויטלעך אַנשטאָט נדן־געלט

ס׳איז געווען פרייטיק אין דער פרי באַלד נאָך שחרית. ר׳ ישׂ־ראל טאָכטערמאַן איז געשטאַנען אין דער שניטקראָם, געזופּט דאָס גלאָז באַווארקע, וואָס ער טרינקט אַלע טאָג, העלפט מילך, העלפט וואַסער מיט אַ קאַפּיטשקע סענץ אויף אַ טעם. אויסגעטרונקען, האָט

ער זיך גענומען פוצן דעם קידוש־בעכער, געשײַערט די מעשענע לײַכטער, געטון זײַן חלק אַרבעט לכּבֿוד דער שבת מלכּותא קדושא, און בנעימות זיך אונטערגעברומט אַן אַלטן דבֿיקותדיקן חסי־דישן ניגון. פאַרטון אין דער אַרבעט האָט ער באַמערקט ווי יעקבֿ־יצחק האָט צוגעפירט די מוטער צו זײַן שניטקראָם, אַרויפ־געפירט זי אויף די דרײַ טרעפּלעך אין קראָם אַרײַן און אַליין איז ער געבליבן וואַרטן אין דרויסן פאַרן געשעפט. פון אַ זײַט האָט ער אַרײַנגעקוקט מיט זײַנע פײַערדיקע אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט וואָס אין קראָם טוט זיך.

פייגע מירלם איז געבליבן שטיין עטלעכע טריט פון דער שוועל און געשוויגן. זי איז געשטאַנען פאַרלוירן, נישט געוווּסט ווי אַזוי אָן פון וואָס אָנצוהייבן. זי האָט אויך נישט געוואַגט צו מאַכן אַ טריט ווײַטער פון שוועל צו זײַן נענטער צום דיין.

ר׳ ישראל דיין האָט פאַרהויבן דעם בליק מיט די גערדיכטע ברע־מען און אַ לײַכטן ציטער געטון. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פייגע מירלם איז פאַר אים אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד אַרויס. געקוקט אויף איר מיט שטוינונג, אָן צו פרעגן אַ וואָרט.

דאַ איז שוין פייגע מירלם געקומען צו זיך און אַרויס מיט לשון:

— מײַן צלאָווע איז געבליבן אין דער פרעמד, ווי איז מיר, כ׳וויים אַליין נישט וווּ. אָבער זי שרײַבט מיר אַז מיר זאָלן אָפּנעמען פאַר איר ס׳צירונג. זי דאַרף נישט קיין נדן, דאַרף זי נישט. האָב איך אים געבעטן, מײַן יעקבֿן, ער זאָל צוגיין צו אײַך אָפּנעמען ס׳צירונג כּדי צו קויפן רפֿואות פאַר מײַנעט וועגן. די אַפּטייק וויל מער נישט געבן אויף באָרג. און בײַ מיר, ר׳ ישראל, איז באו מים עד נפש, איר פאַרשטייט...

דער דיין האָט געקוקט אויף איר מיט אַ גלײַכגילטיקן בליק און געבליבן קאַלט צו אירע רייד:

— אַלע ווייסן דאָך — האָט ער זיך אַראָפּגעגלעט די באָרד — אַז דער קאָזאַק האָט עס אַראָפּגעריסן פון מײַן שמואלן און אים נאָך געפּלעט דעם קאָפּ. אײַער צירונג איז בײַם קאָזאַק. האָב איך אײַך אַליין נישט געבעטן אַז איר זאָלט עס צוריקנעמען? — האָט איר דער דיין אויסגעשטרעקט אַן אָפענע ליידיקע האַנט.

— אמת, ר׳ ישראל, אַלץ איז אמת. אָבער מײַן יעקבֿ... — האָט זי נישט דערזאָגט, אַז איר זון רעדט איר אײַן, אַז ס׳איז נישט גע־וועןן ס׳צירונג וואָס דער קאָזאַק האָט צוגעראַבעוועט.

ווי לייענענדיק אירע געדאַנקען האָט דער דיין זיך אָנגערופן:

— כ'פאַרשטיי גאַנץ גוט אַז יעקב-יצחק איז אויך נישט שולדיק. מע רעדט אין אים אַרײַן, רעדט עס פֿון אים אַרויס. ער רעדט נאָך די רכילותן. כ'האָב אַלעמען באַצאָלט, וועל איך, בלי-נדר, אײַך באַ־צאָלן ווען השם-יתברך וועט מיר העלפֿן — האָט דער דיין גערעדט אין חלל אַרײַן, צו דער טיר, אַהינצו, ווו יעקב-יצחק איז געשטאַנען אַ נישט-דעצידירטער, צי יאָ אָדער נישט אַרײַנגיין.

פייגע מירלס האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. זי איז אַלץ גע־שטאַנען און געוואַרט, ווי זי וואָלט נישט געהערט וואָס דער דיין רעדט צו איר. זי האָט געוואַרט, ער זאָל איר געבן ס'צירונג, אָדער געלט פֿאַרן גרויסן פֿאַרמעגן, וואָס זי האָט בײַ אים.

דער דיין האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין עפּעס. ער האָט זי געלאָזט שטיין אַליין אין דער שניטקראָם און געגאַנגען צו דער הינ־טערטיר פֿון דער קראָם, וואָס האָט געפֿירט אַראָפּ אין קעלער, ווו ס'געפֿינט זיך די סקלעפּיעניע, די „אײַזערנע קאַסע" זײַנע. ער האָט זיך דאָרט פֿאַרזוימט אַ ווײַל און איז צוריק געקומען אַרויף אין גע־שעפֿט אַרײַן מיט אַ שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט. ס'איז געווען אַ בייגעלע פֿון דער חברה ביקור-חולים, באַשריבן און געשטעמפּלט מיט דער חתימה פֿון דער פֿאַרוואַלטונג.

— נעמט עס און גייט מיט דעם אין אַפּטייק אַרײַן — האָט ער איר דערלאַנגט ס'פּאַפּירל צום עק טיש ווו זי איז געשטאַנען — איר וועט באַקומען אײַערע רפֿואות. איך וועל שוין פֿאַר דעם באַצאָלן אין ביקור-חולים.

— לאָז דיך נישט אָפּחורשן, מאַמע! לאָז זיך נישט פֿאַררעדן די ציין! — האָט יעקב-יצחק אַרײַנגעשריגן אין דער קראָם אַרײַן, זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף די דרײַ טרעפּלעך און שוין געוואָלט אַרײַן אין קראָם.

— דאָס איז דער כיבוד-אָם? דאָס איז דער דרך-ארץ וואָס מע לערנט אין די ביכלעך? אַזוי הייסן זיי באַהאַנדלען אַ מאַמען? שרײַען אויף איר ווי אויף אַ שפּחה? אַ קעגן שפּרינגען איר, האַ? — האָט דער דיין געפֿרעגט אין דער וועלט אַרײַן און געקוקט אַהין צו די יונגע לײַטלעך וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער שניטקראָם.

ווי אַ וויכער האָט זיך פייגע מירלס אַ טראָג געטון צו דער אָפּע־נער טיר און גאָר נישט ווי קיין קראַנקע האָט זי צוריקגעשטופּט יעקב־יצחקן פֿון די טרעפּלעך אַראָפּ אין דרויסן אַרויס. זי האָט זיך גע־לאָזט לויפֿן פֿאַר אים, ווי אַ קוואָקע פֿאַר די הינדלעך מיט אַ נישט־פֿאַרשטענדלעך קוואָקעניש.

יעקב־יצחק איז איר נאָכגעלאָפן מיט צעשפּרייטע הענט און צע־פלאַטערט כאַלאַטל, ווי אַ נאַסער האָן וואָס וויל זיך לאָזן פליִען און קאָן נישט. ער האָט געשריגן אַז מ׳האָט זי אָפּגענאַרט, מ׳האָט זי שוין אָפּגעכוּרשט... און אַז מע גיט איר גראָשנס פאַר אַ גרויס פאַרמעגן.

פון איצט אָן איז פייגע מירלס כסדר געקומען מאָנען ס׳צירונג, אָדער דעם שווה־כסף און אַלע מאָל געגומען אָן אַדערויף, און פאַר־געסן דאָס וואָס זי האָט שוין גענומען פריִער. זי האָט אָבער שטענ־דיק געדענקט צו דערמאָנען, אַז איר יעקב־יצחק הייסט נישט נעמען קיין גראָשנס פאַר אַ פאַרמעגן, נישט בעטלען נאָר מאָנען דאָס וואָס ס׳קומט. אָבער אַזוי לאַנג ווי זי קאָן גיין אויף אירע פיס וועט זי נישט דערלאָזן צו קיין סקאַנדאַלן, אַז ס׳זאָל חלילה קומען צו בזיונות.

מיט אַלע אַנדערע האָט ר׳ ישראל זיך שוין געהאַט פאַרגלייכט און אויסגעצאָלט דעם באַטרעף, אַ חוץ מיט פייגע מירלס און איר זון, יעקב־יצחק. זיי האָבן שטענדיק געמאָנט ס׳צירונג פאַר אַלעמענס אייגן און אין דער שטיל גענומען די ביקור־חולים־קוויטלעך, אָדער דאָס מזומן, דאָס קליינגעלט און ווייטער נישט אויפגעהערט מאָנען ס׳צירונג „וואָס האָט די ווערט געהאַט אַ פאַרמעגן", ווי יעקב־יצחק האָט געשריגן, געמאָנט און גערעדט צו טויבע ווענט.

10. פייגע מירלס מאַכט שוואַרץ־שבת דעם דיין

איין מאָל, אין אַ פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, איז ר׳ ישראל טאָכ־טערמאַן געזעסן אין זיין האַלבליידיקן שניטקרעמל און געמאַכט זיין אייגענעם חשבון־הנפש, דעם אַריטמעטישן חשבון פון די האַלבליידיקע פּולקעס מיט די אָנגעוואָרפענע רעשטלעך און שטיקלעך סחורות אויף זיי. מיט זיך אַליין געהאַט אַ ישוב־הדעת, זיך מתווכח געווען, צי ער זאָל טון וואָס קלוגע סוחרים טוען אין זיין מצב — באַנקראָטירן און וואַרפן פון זיך אַראָפּ אַ שווערע משא פון די פּלייצעס, ווערן באַפרייט פון איבעריקע עולן און דער עיקר פון זיינע חובות און בעלי־חובות וואָס דערקוטשען און דערגייען די יאָרן. מ׳איז זיך מודה בפרהסיה אויף דער אומפעיִקייט צו היטן פרעמד פאַרמעגן און אויך אייגן האָב און גוטס און מע ווערט פּטור פון קלאָפּאָטן. איי, דער שם־טוב איז און דאַרף זיין ווי אַן אבן־טוב, איז מילא, אַז מע קען נישט אַריבער, זאָגט ס׳ווערטל...

ר׳ ישראל דיין האָט נישט דערטראַכט ביזן סוף פונעם ווערטל, ווייל פייגע מירלס האָט זיך אומגעריכט אַריינגעשטעלט אין דער

שניטקראַם. אין זײַן פאַרטראַכטקייט האָט ער זי צו מאָל נישט באַמערקט און זיך אַפילו נישט געכאַפּט, אַז אַרום אים איז טונקעלער געוואָרן פון איר לאַנגן שאָטן. ער האָט איצט געהאַלטן אין טראַכטן פון זײַן שם־טוב, וואָס איז אים אַז אבן־נגף, אַ שטיין אין וועג צו קאָנען צוריק קומען צו זיך. ער וויל מיט אַלע מיטלען און וועגן פאַרהיטן זײַן גוטן נאָמען, וויל זײַן גערעכט צו די אַלע וואָס האָבן געהאַט צוטרוי צו אים צוליב זײַן ערלעכקייט, זײַן גערעכטקייט און יושר וואָס ער האָט שטענדיק צוגעטיילט די גערעכטע.

— גערעכטיקייט און יושר — האָט ר׳ ישראל דיין געפּלעגט זאָגן — זענען נישט קיין קאָניונקטור־סחורות, ווי סאָבּרינען פאַרן ווינטער און אַלפּאַגע אויפן זומער.

ער האָט פאַרהויבן זײַן בליק און גלײַך דערקענט פייגע מירלס שאָטן אויף דער וואַנט וואָס האָט זיך באַוועגט אַלץ נענטער און נענטער צו אים. און אָט שטייט זי פאַר אים — אַליין ווי אַ שאָטן וואָס האַלט אים אין אײן פאַרפאַלגן, אַ שאָטן אַ געשפּענסט.

פייגע מירלס האָט אַלע מאָל בעסער געוואָלט, אַז איר זון זאָל גיין מאָנען וואָס ער האָט געשריגן אַז ס׳קומט בײַם דיין. און ער האָט געזאָגט, אַז זי האָט אים געגעבן ס׳צירונג, דאַרף זי עס גיין מאָנען. איז ער איין מאָל געגאַנגען און דער דיין האָט אים אַרויסגעטריבן פון קראָם און אים פאַרווערט מער נישט צו קומען מאָנען, געהייסן שיקן די מאַמע. האָט ער זי בלויז צוגעפירט צום דיינס קראָם און געוואַרט אין דרויסן. ער האָט מער זײַן שוועל נישט איבערגעטרעטן.

אויך איצט האָט ער זי באַגלייט ביז צו די טרעפּלעך, געבליבן אין דרויסן וואַרטן און זיך געוווּנדערט, וואָס אין קראָם איז שטיל, גלײַך ווי דאָרט וואָלט קיינער נישט געווען. עטלעכע מאָל איז ער פאַרבײַ די קראָם, אַרײַנגעקוקט און גאָרנישט געזען וואָס אינעוויניק טוט זיך, ווײַל די מאַמע זײַנע איז געשטאַנען אין מיטן דער קראָם ווי אַ געליימטע און פאַרשטעלט מיט זיך אַלץ פאַר זײַן אויג.

פייגע מירלס איז געשטאַנען אַ פאַרווירטע פון דיינס פאַרטראַכטקייט און פון דער ווײַסטער אָרעמקייט וואָס האָט געיאָגט פון די פּאָליצעס, וואָס האָבן געקוקט אויף איר טרויעריקע און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי האָבן פאַריבל אויף איר וואָס זי קומט באַלעסטיקן דעם וואָס האָט איר געהאָלפן ווען זי האָט פון אים פאַרלאַנגט הילף, גענומען אויף זיך אַ גרויס אחריות, איר ערב געווען פאַר איר טאָכטערס נדן און גענומען אויף זיך דעם עול אָפּצוהיטן עס ווי אַן אויג אין קאָפּ.

יעקב־יצחק איז געשטאַנען אין דרויסן ווי אויף הייסע קוילן. נישט

ער האָט עפּעס געזען און נישט קיין קול איז צו אים דערגאַנגען פון דאָרט. ער האָט געהוסט, געקלאַפּט מיט די פיס אין די שטיגן, אויפגעוועקן די מאַמע, דערמאָנען איר נאָך וואָס זי איז געקומען, באַוועגן זי פון אָרט, זי זאָל עפענען ס׳מויל. זיין רודערן אין דרויסן האָט טאַקע געהאָלפן. באַלד איז פייגע מירלס צוריק געוואָרן — פייגע מירלס. זי האָט זיך דערמאָנט נאָך וואָס זי איז געקומען אַהער. מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום סופיט אַריבער די לײדיקע פאַכלעך האָט זי פאַרזיכערט דעם דיין, אַז זי וועט בעסער נעמען קצבה, איידער חלילה פאָלגן איר זון און אויפהייבן אַ הויך קול, זיך פאַזעווען, גיין צו דין־תורהס. זי וויל אים בלויז פאַרשטופן ס׳מויל. זי איז געקומען אַהער בלויז ווייל ער שלעפּט זי מיט כוח.

— דאָס איז, חלילה, נישט קיין קצבה, פייגע מירלס, איך באַצאָל דער חברה ביקור־חולים יעדער גראָשן. און מערצעשעם וועל איך אײַך באַצאָלן, ווי כ׳האָב באַצאָלט אַלע אַנדערע — האָט ר׳ ישראל געמאַכט אַ חשבון אין זכרון, אַ חשבון פון דעם וואָס ער האָט איר שוין געגעבן על חשבון.

— אַלע אַנדערע, ר׳ ישראל, האָבן געהאַט שמאַכטעס, נישט קיין צירונג. מיין צירונג איז גאַרנישט געווען אַפּצושאַצן. ר׳ ישראל ווייסט דען וויפל ס׳האָט געהאַט אַ ווערט? מיין חיימל ע״ה האָט פאַר דעם באַצאָלט אַ מאַיאָנטעק געלט, אַ ליכטיקו גן־עדן זאָל ער דאָרט האָבן. שווער אויסגעהאָרעוועט געלט איז עס געווען. איר, ר׳ ישראל, ווייסט עס. ווי זשע קען מען פאַרגלײַכן מיין צירונג צו זייערע בלעכלעך, גאָלדענע רענדלעך.

מיטן אַרײַנגענומענעם געלט אין דער פאַרקוועטשטער האַנט האָט זי ווײַטער גענומען שרײַען וואָס איר יעקב־יצחק זאָגט:

— מיין יעקב־יצחק זאָגט אַז די גוטע שלעפּן די הינט אַרום. איצט זע איך אַז ער איז גערעכט. כ׳האָב גענומען בײַ אײַך אַ שיבוש, מיינט איר אַז איר וועט מיך אַפּחורשן? איר מאַכט שוין אוודאי דעם חשבון אַז איר האָט מיר שוין אַלץ אויסגעצאָלט. זאָג איך אײַך איצט קלאָר און אָפן: אַז נישט. מיין צירונג איז אײַך נישט זייערע שמאַכטעס, ריין גינגאָלד! — האָבן די אויגן בײַ איר געפינקלט ווי בײַ אַ צערייצטער בערעכע.

מיטן געלט אין דער האַנט, וואָס ר׳ ישראל האָט איר געהאַט פאַרקוועטשט אין דער דלאָניע, האָט זי געפאָכעט אין דער לופטן און געהאַלטן אין איין שרײַען אַז זי וויל צוריק איר צירונג, איר טאַכטערם נדן. דאָס צירונג וויל זי, נישט קיין געלט, ס׳צירונג, וואָס איר

חיים, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט געקויפט פאַר זײַן צלאָ־וועןאיידער ער איז געשטאָרבן. אלף־אלפים, טויזנטער האָט ער פאַר דעם באַצאָלט. אַ פאַרמעגן אַ גאַנץ האָט עס אים אָפּגעקאָסט... זי וועט נישט נעמען קיין גראָשנס. זי וועט זיך נישט לאָזן באַשווינ־דלען, נעמען אַ שיבוש פאַר דעם — שרײַט זי מיט באַנומענע קולות ווי אַ וואַנזיניקע.

פאַר דער שניטקראָם האָבן זיך געזאַמלט מענטשן, נײַגעריקע. זיי האָבן אַרומגערינגלט יעקב־יצחקן און צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אַרויסרופן די מאַמע זײַנע, ער זאָל זי אַרויסנעמען פון דײַנס געוועלב, זי זאָל אויפהערן פאַרשעמען ר׳ ישראלן, מע טאָר נישט פאַרשעמען אַ שיינעם ייִד אומזיסט־אומנישט, אַן אומשולדיקן מענטש, און נישט פאַרזינדיקן זיך קעגן אים. און זי מיט יעקב־יצחקן — ווי דער סמבטיון רוט נישט, אַזוי רוען נישט זייערע מײַלער.

— פאַרשעמען אַן אומשולדיקן מענטש?! — שרײַט פייגע מירלס אַראָפּ פון דער שוועל צום עולם — נישט ער איז אומשולדיק, נישט ער שעמט זיך. זעט, ווי ער זיצט און קוקט גאָר אַרײַן אין אַ ספר׳ל... ער וויל פאַרשטעלן דערמיט דעם אמת, פאַרשטעלן מיט זײַן יראה — זײַן גזלעוואַיע! מײַן צירונג זאָל ער מיר אָפּגעבן! מײַן צלאָוועס נדן זאָל ער צוריקגעבן, דער ראָבושניק! ער באַראַבעוועט אַן אַל־מנה, אַ יתומה!

ר׳ ישראל כאַפּט זיך אויף, לאָזט זי איבער אין קראָם און מיטן ספרל אין האַנט שאַרט ער זיך אַרויס דורך דער הינטערטיר פון געוועלב און מיטן סקלעפּיענע־קעלער קריגט ער זיך אַרויף צו זיך אין שטוב אַרײַן, ליִפּט זיך באַהאַלטן אין דער בית־דין־שטוב. אָבער אירע געשרייען און געוואַלדן יאָגן אים נאָך אַהין און דערגרייכן אים אויך דאָרט. מע קען זיך גאָרנישט אויסבאַהאַלטן פאַר איר. זי שטייט אין דער אוליצע, וואָס פירט צו זײַן הויז און שרײַט אַרויף צו אים, אַז זי וויל נאָר איר צירונג וואָס ער האָט גענומען בײַ איר, איר צלאָ־וועס, איר יתומהס נדן.

11. איטשע־לייב שוסטער זאָגט מוסר...

אויף אירע געוואַלדן אין דער אוליצע איז אָנגעלאָפן איטשע־לייב שוסטער, וואָס האָט געוווינט אונטערן דײַנס גאָרן, אונטן, אונטער זײַן בית־דין־שטוב. ער האָט זי אַרײַנגעבעטן צו זיך אין וואַרשטאַט אַרײַן:

— וואָס שרײַט איר גלאַט אין דער וועלט אַרײַן? קומט אַרײַן צו מיר אין שטוב, וועל איך דערגיין אַ טאָלק פון אײַך, לאָמיר הערן

אין וואס ס׳גייט אייך, זאגט וואס איר פארלאנגט פון אים, וואס מאנט איר ביי אים, וואס קומט אייך ביים דיין?

פייגע מירלס אבער האט זיך נישט גערירט פון ארט, זי האט נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— מיין צירונג, מיין צלאָוועס נדן זאל ער מיר אפגעבן! — האט זי געשריגן מיט א וויינענדיק קול.

איטשע-לייב האט זי געלאזט, זי זאל זיך אויסוויינען און אויס־שרייען און האט זי איבערגעגעבן אין זיין ווייבס הענט אריין:

— גיי, לאה-שרה, בארויק זי, נעם זי איין, מע זאל קענען מיט איר רעדן... אז זי לאזט נישט צו זיך רעדן קיין ווארט. וואס קען מען מיט איר מאכן, וואס?

לאה-שרה, איטשע-לייב שוסטערס ווייב, האט פייגע-מירלס אוועק־געפירט פון שוסטער-ווארשטאט צו דער דייזשע-טייג, וואס זי האט געהאלטן פארקנעטן לכבוד שבת, און איר דערמאנט, אז ס׳איז היינט ערב-שבת. זי האט איר פארגעלייגט, אז זי זאל איר צוהעלפן באקן חלות און אין איין וועגס איר דערמאנט, אז ס׳צירונג האט א קאזאק אוועקגעראבעוועט פון שמואל-אהרנס האלדז אראפ און אים געמאכט פאר א קאליקע, געלאזט אים מיט א קאפוויטיק, מיט א קאפ-שווינד־לעניש.

— איר פארזינדיקט זיך, פייגע-מירלס — זאגט איטשע-לייב צו איר פון שוסטער-בענקעלע אראפ — ר׳ ישראל טוט פאר אייך לפני משורת הדין און צאלט איבער זיינע כוחות. ער לעבט היינט פון גרייטן. ער עסט אויף ס׳העמד פון לייב און איר פארשעמט א ייד א בן-תורה, צאפט אים זיין בלוט. איר באגייט אן עבירה, פייגע-מירלס.

— יא, אן עבירה, ווי מיר האבן היינט ערב-שבת אויף דער וועלט — פאטאקעוועט צו לאה-שרה צו איר מאנס רייד.

בעריש יונהלעס, איטשע-לייבס געזעלן, וואס זיצט מיטן פנים צו די ווייבער און זעט ווי פייגע-מירלס דרייט זיך אויף איר שטול, פארריכט זיך די פאטשיילע אויפן קאפ, לייגט צו די האנט צום שטערן, ווי זי וואלט געוועזן געהאט קאפוויטיק — מישט זיך אויך אריין אין עסק:

— אז זי איז מבייש אן אומשולדיקן מענטש, פארשעמט א שיי־נעם ייד, א געוועזענעם דיין, א בעל-צדקה, אפילו אין זיין ארעמקייט טוט ער צדקה, טוט אלץ וואס איז צדק, כאטש ער איז גארנישט מחויב, ווייל ער איז געוועזן א שומר-חינם, און ווען ער שווערט איז ער פטור. איז ער דאך אבער אן ערלעכער ייד וואס וועט אפילו פאר געלט נישט שווערן כאטש ער איז גערעכט — ליידט ער און צאלט. איז פאר

דעם קומט אים מצער צו זײַן, אַנטון חרפּות און בושות? — פרעגט בעריש יונהלעם מיט אַ שטראָף־פראַגע, ווי ס'וואָלט גאָר קיין יושר נישט געווען אויף דער וועלט.

זעט אויס, זײַנע רייד האָבן געהאָלפן. פייגע־מירלם האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך צעכליפּעט, צעהעשעט, זיך ביטער צעוויינט.

ביידע מענער זענען אַנטשוויגן געוואָרן. און לאה־שרה האָט איבערגענומען איר ראָל פון אַ באַלעבאָסטע. זי האָט פייגע־מירלם מכבד געווען מיט טיי מיט סאַק, גוט אָנגעצוקערט, און צוגעלייגט אַן אייערקיכל. פייגע־מירלם אָבער האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט טועם געווען, נישט צוגערירט זיך צו די אַלע גוטע זאַכן. אַז זי האָט זיך אַ ביסל בארויִקט, האָט זי געבעטן מחילה ביַי אַלע און פאַרלאָזט דאָס הויז. זי איז אַריבערגעגאַנגען די אוליצע און אַוועק אַהיים. זי האָט זיך דאָ מער נישט געוויזן אין געסל, זי איז נישט געקומען מער מאַנען וואָס ס'קומט איר...

12. פייגע־מירלם יורש ווערט גערופן לדין

ר' ישראל, וואָס האָט אַלעמען פאַרגיטיקט אין גאַנצן, האָט פייגע־מירלם נישט דערצאָלט, ווײַל זי איז מער נישט געקומען אַהער. זי איז באַלד, נאָכן „שוואַרץ־שבת" וואָס זי האָט אָפּגעשפּילט ר' ישראלן, קראַנק געוואָרן און מער נישט אויפגעשטאַנען פון איר קרענק. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַרײַן און איז אַזוי אויסגעגאַנגען. זי האָט זיך אַפילו נישט באַוויזן אָנצוגרייטן קיין תכריכים. דאָס האָט שוין ר' ישראל באַזאָרגט אויף זײַן חשבון. ער האָט געגעבן פון זײַן קראָם נײַע שניי־ווײַסע לײַוונט, און מיט דעם אָפּגעצאָלט זײַן חוב פייגע־מירלס. אַזוי האָט ער גערעכנט און אַזוי האָט אויך פאַרשטאַנען דער רב.

אַזוי האָט אויך געמיינט דאָס שטעטל, און אַלע האָבן געלויבט ר' ישראלס גערעכטיקייט, אָבער נישט יעקב־יצחק פייגע מירלם זון. ער האָט די שולד פון זײַן מוטערס טויט אַרויפגעלייגט אויפן בעל־חוב, אויף ר' ישראלן צוליבן פאַרלוירענעם צירונג, וואָס האָט גורם געווען דאָס אומגליק מיט זײַן מאַמע, איר פאַרקירצט די יאָרן. זי האָט ביז איר לעצטן אָטעם נישט מוותר געווען אויף גאָרנישט און קיינעם נישט מוחל געווען.

יעקב־יצחק, פייגע־מירלס, האָט זיך נאָך זײַן מאַמעס טויט פאַרלייגט אויף ר' ישראלן, ער זאָל אים באַצאָלן פאַרן צירונג, און ווי די

מאַמע זײַנע גענומען אים דערגיין די יאָרן, אים מבייש געווען, ווי נאָר ער האָט אים געטראָפן. ער האָט אים נאָכגעשריגן ווי אַ וואַנ־זיניקער: — „שמאַטעס פאַר צירונג!...” — און אַלץ געשריגן אַז אַראָפּגעריסן האָט דער קאַזאַק עפּעס אַנדערש, נישט ס׳צירונג.

איטשע־לייב, דער שוסטער, מיט זײַן געזעלן, בעריש יונהלעס, האָבן אים געוואָרנט ער זאָל אויפהערן מיט די פּײַניקונגען, מיטן מבזה זײַן אַ מענטש, מבייש זײַן דעם דיין... ער דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַר זײַן גאָטזעליקער מוטער, וואָס האָט נאָך בײַ איר לעבן אים מוחל גע־ווען און מער נישט געמאָנט, נישט ס׳צירונג און נישט קיין געלט. מעג ער איצט, ווען זײַן מאַמע ליגט אין ר׳ ישראלס תכריכים, דרך־ארץ האָבן און שאַנעווען איר אָנדענק און אָננעמען דעם חוב פאַר געסילוקט.

— אויב ר׳ ישראל וועט דיך נישט רופן לדין, וועלן מיר דיר אָנ־ברעכן די ביינער אויב דו וועסט נישט אָפּשטיין — האָבן זיי אים גע־וויזן די לעדערנע רימענס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט בעת זיי זענען אַרוים צו אים, הערנדיק אים אַרײַנשרײַען צום דיין אין קראָם: — „שמאַטעס פאַר צירונג!”

זיי האָבן אָנגענומען יעקב־יצחקן בײַ די אַקסלען און אים אַוועק־געפירט צום רב. בעריש יונהלעס האָט אים געהאַלטן פעסט, ער זאָל נישט אַנטלויפן. איטשע־לייב שוסטער האָט דערציילט דעם רב, אַז זיי האָבן אַליין געהערט ווי ער האָט אַרײַנגעשריגן צום דיין: „שמאַ־טעס פאַר צירונג!” ווי וואַגט ער מבזה צו זײַן דעם דיין.

— לאָז אים אָפּ, בעריש — האָט זיך דער רב דערנענטערט און געהייסן בערישן, ער זאָל אים אָפּלאָזן, און זיך אָננעמענדיק פאַרן שפּיץ באָרד געוואָרנט יעקב־יצחקן — כ׳בין דיך מוזהר, יעקב־יצחק, לפני עדות, אַט הערן די ייִדן, אויב דו וועסט נישט אויפהערן, וועל איך דיך מחרים זײַן.

יעקב־יצחק איז מער נישט געקומען צום דיינס קראָם, נאָר ווי ער האָט אים געטראָפן, איז ער אים נאָכגעגאַנגען און האָט אים אַרײַנגע־רעדט אין דער פּלייצע: — „שמאַטעס פאַר צירונג!” — דאָס איז גע־וואָרן דער „מי שברך” זײַנער, וואָס ער האָט מיט אים געבענטשט דעם דיין אומעטום, ווו ער האָט אים נאָר געזען, אפילו אין מרחץ, אין דער הייסער פאַרעדיקער מיקווה. דאָס האָבן געהערט דער שוסטער מיט זײַן געזעלן, וואָס פלעגן באַגלייטן דעם דיין אין בית־מדרש אַרײַן און אפילו אין מרחץ אַרײַן. און זיי האָבן משפּיע געווען אויפן דיין, ער זאָל דעם חוצפּהניק רופן לדין.

דער רב האָט געשיקט דעם שמש צו יעקב־יצחקן, ער זאָל אים

לאָזן וויסן, אַז ר׳ ישראל בן מאיר-אַנשל רופֿט אים לדין מאַנטיק קריאת התורה פּרשת במדבר באַלד נאָך מעריב.

ווען ס׳איז געקומען מאַנטיק, איז דער דיין גלײַך נאָכן אָפּדאַווע-נען מעריב געגאַנגען צום רב אונטערגעפֿירט פֿון איטשע-לייבן מיט בערישן. אָבער יעקב-יצחק איז נישט געקומען. מ׳האָט געשיקט נאָך אים אַ צווייט מאָל און ער איז ווידער נישט געקומען. דער רב האָט געשיקט נאָך אים צום דריטן מאָל מיט אַ וואָרענונג, אַז מע וועט מכריז ומודיעה זײַן אין שיל און אין בית-מדרש, אין אַלע „שטיבלעך", מע וועט קלאַפּן מיטן דלד אין זײַן טיר, און אים מחרים זײַן.

דער שוסטער איטשע-לייב מיט זײַן געזעלן בעריש זענען געווען מלא חימה אויפֿן חצוף, דעם עזותניק יעקב-יצחק, און מיטגעגאַנגען מיטן שמש, צו זײַן עדות אַז מ׳האָט אים מזהיר געווען, ווי אין דער גמרא שטייט: „אין עונשין באין מזהירין".

דער שמש שלום-יעקב האָט געקלאַפּט דרײַ מאָל מיטן דלד אין יעקב-יצחקס טיר, און נאָך יעדן קלאַפּ געזאָגט דעם פּסוק:

— יעקב-יצחק בן חיים ופייגל-מירלם! ר׳ ישראל עוזר בן מאיר אַנשל טאָכטערמאַן רופֿט דיך לדין.

און נאָכן לעצטן שפּרונג ווידער צוגעקלאַפּט דרײַ מאָל מיטן דלד, ווי דרײַ עדות וואָלטן צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ.

דאָס זעלבע האָט דער שמש געטון באַלד אין דער פֿרי, ווען ער האָט געקלאַפּט אין שול אַרײַן, געוועקט צו שכמה: — דאַווענען! דאַ-ווענען!... און דאָס גלײַכן פֿאַר מנחה. איידער מ׳האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען האָט שלום-יעקב שמש געקלאַפּט דרײַ מאָל אין שולחן, מכריז ומודיע געווען פֿון באַלעמער אַראָפּ לפני די קהילה קדושה, אַז ר׳ ישראל-עוזר, דיין של לעבר, רופֿט יעקב-יצחק בן חיים ופייגע-מירלם לדין. ואים לא יענה, אויב ער וועט נישט ענטפֿערן און זיך נישט שטעלן לדין, ווי ביז איצט, נאָך דרײַ מאָל רופֿן, וועט מען אים מחרים זײַן, אים שטעלן מחוץ למחנה.

פֿאַר נאַכט, צווישן מנחה ומעריב, האָט פּנחסל גלעזער געזאָגט דעם שמש, אַז יעקב-יצחק איז מוכן ומזומן זיך שטעלן לדין בײַם רב, נאָר נישט בפּרהסיא; ער וויל אַ דין-תורה בײַם רב און בוררים. נאָך איידער ר׳ ישראל האָט צײַט געהאַט זיך מיישב צו זײַן מיט זיך אָדער מיטן רב, ענטפֿערן צי ער נעמט אָן בײַ בוררים, האָבן איטשע-לייב מיט בערישן גענומען מורמלען:

— בפּרהסיא, דווקא בפּרהסיא.

באַלד האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט זייער געמורמל און געפּאָ-

דערט הויך אויפן קול, אַז די דין־תורה זאָל זײַן אין שיל, פאַר קהל, מחמת ער האָט געזידלט בפרהסיא, פאַרן דיינס קראָם, אין גאַס, אפילו אינעם מקום־קדוש, מבזה געווען פאַרן רבים. דאַרף דער רבים מיש־פטן. די גאַנצע עדה מתפללים האָבן מיט זיי מסכים געווען, אַז חטא בפרהסיא, מבזה געווען דעם דיין בפרהסיא, פאַרן גאַנצן קהל, דאַרף קהל מישפטן. און פנחסל גלעזער איז צוריקגעגאַנגען מודיע זײַן יעקב־יצחקן קהלם דעה, קהלם באַשלוס.

13. גאַנץ קהל לויפט אין שיל אַרײַן צו דער דין־תורה

דאָנערשטיק, ב׳ דראָש חודש תמוז, קודם מנחה, האָט קהל זיך אָנגעהויבן צונויפקומען אין שיל אַרײַן, ווי די מודעה אויף דער וואַנט בײַם כיור האָט געהייסן. ייִדן האָבן פאַרמאַכט די געוועלבער, בעל־מלאכות — זייערע וואַרשטאַטן. מ׳האָט אָפּגעלאָזט די געזעלן פרי, פאַר מנחה, מיטן צוזאָג, אַז מאָרגן וועט מען אָפּאַרבעטן די צײַט פון דער דין־תורה.

די שווימער האָבן פאַרלאָזן די ווײַסל, באַלעגאַלעס — זייערע געשפאַנען, בעקערס — די אויוונס און די דייזשעס טייג, געלאָזט זיי יעירן. אַפילו סראָלע וואַסער־טרעגער מיט זײַן ווײַב, דרייזל טשויש, האָבן אויפגעהערט טראָגן וואַסער. טויטל, דער שטאָט־בעטלער, האָט אויפגעהערט בעטלען. די געסלעך, וואָס האָבן געפירט צו דער שיל און די גאַסן אין שטעטל האָבן אויסגעזען ווי סליחות־צײַט, ווען ייִדן, אַלט און יונג, ווײַבער און קינדער גייען צו סליחות. פון אַלע גאַסן און געסלעך איז מען איצט געגאַנגען אין שיל אַרײַן.

זייער פרי איז די מזרח־וואַנט געוואָרן באַשטעלט און באַזעצט. אָנגעפּראָפּט איז די שיל געוואָרן, ווי הערינג אין אַ פאַס. בלויז די „שטעט” פונעם רב און דעם דיין האָבן, ווי דערשראָקענע און פאַר־וווּנדערטע, אַרײַנגעגלאָצט אין טומלדיקן עולם. אויך הינטערן באַלע־מער ביזן פּאָליש אַרײַן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מענטשן, באַשטעלט געוואָרן ביז די ברעגן, ביז די שטיגן צו דער ווײַבערישער שיל.

די ווײַבער זענען געקומען מיט זייערע טעכטער, כלה־מיידלעך און שנורן. זיי האָבן באַזעצט אַלע „שטעט”. אויך דאָ איז איצט גע־ווען לויטן סדר: כל הקודם זכה, ווער ס׳איז געקומען פריִער, האָט פאַרכאַפּט אַ בעסער אָרט, דאָס בעסטע פענצטערל, וואָס האָט אַראָפּ־געקוקט אונטן, אין דער מענערישער שיל אַרײַן, און די שפּעטער גע־קומענע זענען געשטאַנען הינטער זיי.

דרייזל טשויש, סראָלע וואַסער־טרעגערס ווײַב, איז געשטאַנען

אין שרהלע יאָסל גאָלדס „שטאָט", זי איז נישט געזעסן, נאָר טאַקע געשטאַנען אויף דער שטול מיטן קאָפּ אין פענצטערל. אַרומגערינגלט פון אַנדערע ווייַבער האָט זי זיי פאַרגעזאָגט וואָס ס'טוט זיך אונטן, אין דער מענערישער שיל. ווער ס'שטייט און ווער ס'זיצט באַקוועם, ווו ווער ס'געפינט זיך, און גאָר אָנגעקוואָלן וואָס איר סראָלע האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט בייַ די באַלעמער-שטיגן.

— איר הערט כאָטש, איר הערט? ס'קאָכט זיך דאָרט און ס'קאָ־לעקאָטשעט זיך ווי אין דער דיניצע דער קרופּניק — האָט זי נישט אָוועקגענומען דעם קאָפּ פון דער פולגעפּאַקטער שיל אונטן.

אַ שטיק פאַר מנחה איז די שיל פול געוואָרן — אַ שפּילקע נישט אַרייַנצוּוואַרפן. אַ טומל, ווי אין אַ בינשטאָק, האָט פאַרזשומעט און פאַרזשווישעט אַלעמען — פון אָרון־קודש ביזן כיור, וואָס איז געהאַנ־גען בייַם אַרייַנגאַנג אַרייַנגעקוועטשט אין עולם און געשוויצט, אַרויס־געשוויצט פון זיך די לעצטע טראָפּנס וואַסער פאַר די ייִדן וואָס זענען געקומען שפּעט און מיט די שפּיץ פינגער אים געגעבן שלום־עליכם, דעם כיור, געוואַשן זיך די הענט איידער מ'איז אַרייַנגעטרעטן אין מקום־קודש.

פּלוצעם איז אַלץ שטיל געוואָרן, דער גערויש און געזשום איז געוואָרן אָפּגעהאַקט. קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער טיר, ווו ס'זענען געשטאַנען איטשע־לייב מיט זייַן געזעלן, בעריש יונהלעס, און פאַר זיי ביידע — ר' ישראל דיין. דער עולם האָט געמאַכט אַ וואָרע דעם דיין און זייַנע אונטערפירערס, איטשע־לייבן מיט בערישן, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען דעם דיין ווי צוויי שמשים, אים באַגלייט צו זייַן „שטאָט".

נאָך זיי איז אָנגעקומען דער רב מיטן שמש שלום־יעקב, וואָס האָט דעם רב צוגעפירט צו זייַן אָרט, רעכטס פון אָרון־קודש, און מ'האָט זיך געשטעלט דאַוונען מנחה. אין מיטן דאַוונען האָט פּנחסל גלעזער אַרייַנגעפירט יעקב־יצחקן. ביידע האָט שלום־יעקב שמש אַרויפ־גענומען צו זיך אויפן באַלעמער, דערשוויצטע וואָס זיי האָבן זיך קוים דורכגעקריגן צווישן עולם. דער שמש האָט זיי געשטעלט אויף איין זייַט באַלעמער, לעבן שולחן. ער האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט צו קיינעם פון זיי, בלויז געוקעט צו די שטיגן־זיצערס, מע זאָל זיי דורכלאָזן:

— נו, נו, זוז קצת, הצדה! רירט זיך אַ ביסל, רוקט זיך אין אַ זייַט! — האָט ער געמאָנט אין לשון־קודש און ייִדיש בייַ די וואָס זענען געזעסן אויף די טרעפּלעך און פאַרשטאָפּט מיט זיך דעם אַרויפ־

גאַנג אויפן באַלעמער. גלײַך ווי ער האָט באַשטעלט לעבן זיך יעקב-יצחקן מיטן גלעזער, האָט ער זיך געשטעלט זאָגן שמונה-עשרה מיט כוונה, מיט פאַרקוועטשטע אויגן האָט ער זיך צעשאָקלט און הויך געזאָגט דעם ולמלשינים אין יעקב-יצחקס זײַט אַרײַן.

14. דער מישפּט אין שיל בײַ אָנגעצינדענע ליכט

דער רב, ר' מענדעלע ניי, איז נאָכן מנחה-דאַווענען געבליבן אויף זײַן אָרט מיטן בלייכן פּנים צו דער וואַנט און געוואַרט, מע זאָל זיך שטעלן דאַווענען מעריב און ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן מעריב, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום באַלעמער, ווי אַ צייכן אַז ער איז גרייט, אַ שאָקל געטון מיטן שיטערן ציגן-בערדל צום שמש, ער זאָל אײַנשטילן דעם עולם און אָנהייבן די דין-תורה.

שלום-יעקב שמש האָט אַ הויכן הוסט געטון באַגלייט מיט אַ הילכיקן קלאַפּ אין שולחן און אַ רוף געטון אין עולם אַרײַן מיטן קוויטשיקן קולכל זײַנם: — רבותי! מיט גרוים כוונה האָט ער גענומען אָנצינדן די צוויי ליכט אין די לײַכטערס, אַוועקגעשטעלט איינעם אין יעקב-יצחקס זײַט און דעם צווייטן לײַכטער מיטן אָנגעצונדענעם ליכט אויפן צווייטן עק שולחן פונקט אַנטקעגן יעקב-יצחקן.

אין דער אָנגעצויגענער שטימונג האָט דער עולם אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. אין שיל איז געוואָרן שטיל ווי פאַרן מספּיד זײַן אַ מת. די שטילקייט האָט שלום-יעקב שמש איבערגעריסן מיט אַ פרישן קלאַפּ אין טיש און מיטן מודיע זײַן אַז די דין-תורה צווישן ר' ישראל-עוזר בן מאיר-אַנשל טאָכטערמאַן און יעקב-יצחק בן חיים ופייגע-מירלס הייבט זיך אָן.

ביידע שילן, די מענערשע אונטן און די ווײַבערשע אויבן, האָבן זיך אַ ריר געטון ווי מיט אָפּגענומענעם לשון. בלויז אַ גערויש איז דורכגעלאָפן ווי אַ ווינט איבער אַ צעכוואַליעט פעלד מיט תבואה און אָנגעמאַכט אַ גערודער. ווידער האָט שלום-יעקב שמש אַ קלאַפּ געטון אין שולחן און אין ביידע שילן, אונטן און אויבן, איז שטיל געוואָרן ווי אויף אַ בית-עולם.

דער רב האָט אַ שאָקל געטון מיטן ציגן-בערדל און דער שמש שלום-יעקב האָט הויך אויפן קול אויסגערופן דעם נאָמען פון באַשולדיקטן אַזש די ליכטפלעמלעך אין די לײַכטערס האָבן זיך צעציטערט דערשראָקענע, אָפּגעבויגן אויף אַ זײַט זענען זיי אויפגעגאַנגען מיטן צעפלעמלטן שײַן און גלײַך צוריק אַראָפּגעפאַלן, אָט נאָר צום אויסגיין, זיך אויסצולעשן.

— יעקב־יצחק בן חיים ופייגע־מירלס — האָט דער שמש זיך געווענדט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אין זײַן זײַט — שוין דאָס פערטע מאָל, אַז ר׳ ישראל־עוזר בן מאיר־אַנשל רופט דיך לדין. ביסטו איצט גרייט זיך צו שטעלן לדין?

— ער איז גרייט, גרייט, וואָדען, ער איז נישט גרייט? אָט איז ער דאָך דאָ — האָט פּנחסל זיך אָנגערופן.

— זאָל דער בעל־דבר אַליין רעדן — האָט שלום־יעקב אַ ברום געטון שטרענג.

— פּנחסל איז גערעכט, כ׳בין דאָך דאָ! — האָט יעקב־יצחק גע־זאָגט מיט אַ געבייזער.

— זאָג זשע: יאָ, צי ניין — האָט שלום־יעקב פאַרלאַנגט אַ קלאָרן ענטפער.

— יאָ, על כורחו יאָ! — האָט יעקב־יצחק אַ וואָרטשע געטון.

— ער זאָגט יאָ. איר האָט אַלע געהערט? ער זאָגט יאָ — האָט דער שמש איבערגעחזרט און געקוקט איבערן עולם צום רבס פאַר־הייבענעם ציגן־בערדל, צו זען צי דאָס בערדל האָט געהערט און וואָס ס׳בערדל זאָגט. ווען ער האָט געזען אַז ס׳בערדל שאָקלט זיך אויף יאָ, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— זײַ זשע געוואָרנט, יעקב־יצחק, ביסט מחויב צו זײַן אָפּגעהיט מיטן אמת, דאַרפסט זאָגן נאָר דעם ריינעם אמת. מיר אַלע דאָ אינעם מקום־קדוש וועלן זײַן עדות קעגן דיר, אויב דו וועסט חלילה נישט גיין מיטן אמת.

דער שמש האָט ווידער געכאַפּט אַ בליק אין רבס זײַט, אַליין דערפילט דעם פחד, וואָס האָט אַרומגענומען דעם עולם פון באַלעמער ביז צו דער טיר, און ממשיך געווען זײַנע רייד:

— דו מוזסט צוזאָגן, אַז דו וועסט האַלטן דעם פּסק וואָס מע וועט דאָ הײַנט אַרויסטראָגן. ר׳ ישראל האָט געגעבן זײַן הבטחה. ביסטו, יעקב־יצחק, מבטיח און זאָגסט צו, אויך זיך מתחייב צו זײַן אויסצו־פאָלגן און האַלטן דעם פּסק, וואָס אונדזער רב, זאָל לעבן, און די עדה וועלן דאָ הײַנט אַרויסטראָגן? אויב יאָ, זאָג זשע מיר נאָך בקול־רום, אַז אַלע זאָלן הערן און זען, אַז דו ביסט מבטיח.

יעקב־יצחק האָט מיט אַ געבראָכן קול נאָכגעזאָגט דעם שמש וואָרט בײַ וואָרט:

— איך, יעקב־יצחק בן חיים ופייגע־מירלס בין מבטיח און זאָג צו צו הערן און פאָלגן און אויספירן וואָס פאַר אַ פּסק מע וועט דאָ הײַנט אַרויסטראָגן פאַר דער עדה, אמן.

שלום-יעקב שמש האָט אַראָפּגעדרייט דעם בליצלאָמפּ וואָס איז געהאַנגען איבערן באַלעמער. דאָס זעלבע האָט מען געטון מיט די אַנדערע בליצלאָמפּן. געבליבן ברענען זענען בלויז די ליכט, וואָס האָבן פלעמלדיק געצאַפּלט אין דער אַרומיקער פאַרטונקלטקייט, ווי צו כל-נדרי. דער רב האָט זיך דערנענטערט, ווי מיט שאַרכלאָזע טריט, צום עמוד, געעפנט איין טירל פון אָרון-קודש און זיך גענו־מען צום מישפּט.

— יעקב-יצחק — האָט דער רב געזאָגט מיט אַ שוואַך קול — געדענק, האָסט צוגעזאָגט צו גיין מיטן אמת, צו זײַן אמתדיק מיט אונדז, מיט דער עדה, וואָס איז דאָ פאַרזאַמלט צו מישפּטן צווישן דיר און ר׳ ישראלן. זאָג זשע, יעקב-יצחק, פון וואַנען ווייסטו, אַז דאָס וואָס מ׳האָט צוגעזלט בײַ שמואל-אַהרנען פון האַלדז אַראָפּ איז נישט געווען ס׳צירונג וואָס דײַן מאַמע האָט געגעבן ר׳ ישראלן צו באַהאַלטן?

אין שיל איז געוואָרן אַ גערודער, אַן אויפגעררויש ווי פון בלעטער אויף אַ בוים וואָס אַ ווינט איז דורך זיי אַדורך, צעשאָקלט די צווײַגן און צעוויגט דעם שפּיץ בוים מיט אַ גערויש און געזשום. אַזוי האָט איצט גערוישט איבער די קעפּ פון שול-עולם. אָבער דעם שמשס „שאַ!“ האָט באַלד אַלעמען באַרויִקט אײַנגעשטילט. דער גערויש איז אָפּגעשטאָרבן. דער רב האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער ווי מע זאָל אים בעסער הערן:

— נו, יעקב-יצחק, מיר וואַרטן דאָך אויף דײַן ענטפער.

— די מאַמע, זאָל זיך מיִען, האָט אַזוי געזאָגט און אַנדערע זאָגן אויך אַזוי.

— וואָס אַנדערע זאָגן איז רכילות. אָבער דו אַליין, וואָס זאָגסטו אַליין וועגן דעם? האָסטו עפּעס באַווײַזן? — האָט דער רב געפרעגט מיט אַ געהעכערט קול.

יעקב-יצחק שווײַגט. ער ענטפערט נישט. אַלע אַרום וואַרטן מיט אומגעדולד, שטרעקן די קעפּ אין יעקב-יצחקס זײַט, שפּיזן אים דורך מיט די אויגן.

— נו, נו — מינטערט אים דער רב, און אויך דער עולם קוקט אויף אים מיט פרעגנדיקע בליקן. בלויז צוליב דרך-ארץ צום רב האַלטן זיך די ייִדן אָפּ פון נועץ צו אים, ווי דער רב האָט גענוט מיט אַ רגע פריִער.

— כ׳האָב שוין געזאָגט, רבי, פאַר מיר איז גענוג, אַז די מאַמע האָט אַזוי געזאָגט, און אויך די אַנדערע זאָגן אַזוי, נישט איך אַליין זאָג עס — האָט יעקב-יצחק איבערגעחזרט הויך אַז אַלע זאָלן הערן.

— האָסט עפּעס אַ כתב, אַ שריפט, אַ שטר, אַ קוויטל פון דײַן מוטער, אַז זי הייסט דיר אויפמאָנען עפּעס בײַ ר׳ ישראלן, אַז זי הייסט דיר פאָדערן עפּעס פון אים נאָך איר טויט? — האָט דער רב געפרעגט אין גאַנצן אַ צעציטערטער ווי אַ לולב.

— ניין, רבי, מײַן מאַמע האָט אַזאַ כתב נישט געהאַט — האָט יעקב-יצחק זיך געוועדט — ר׳ ישראל האָט איר אַזאַ כתב נישט געגעבן. אָבער אַלע ווייסן, אַז ר׳ ישראל האָט געהאַלטן צלאָוועס צירינג, איר נדן, ביז זי וועט אויפוואַקסן און אַ כלה ווערן. איצט איז צלאָווע אויפגעוואַקסן און קיין נדן איז נישטאָ. ווו וועל איך נעמען אַ נדן פאַר מײַן שוועסטער? — האָט יעקב-יצחק געפרעגט הויך אויפן קול, אַז קהל זאָל הערן.

— ר׳ ישראל לייקנט נישט אַז ער האָט געהאַט צלאָוועס נדן — איז דער רב באַשטאַנען אויף ס׳זײַניקע — און נישט אויף אָפּצולייקענען ס׳צירונג רופט ער דיך לדין, נאָר צוליב דײַנע רכילותן און בזיונות וואָס דו פאַרשאַפסט אים צוליב דעם, צוליבן שם-רע וואָס דו פאַרשפּרייטסט אויף אים, און אויף דײַן „שוואַרץ-שבת״ וואָס דו מאַכסט אים. אויף דעם וואָס דו טראַכסט אַז איס אויף אים אַ בילבול, אַז ער האָט געלאָזט פאַר זיך דאָס צירונג וואָס דער קאָזאַק האָט אַוועקגערויבט.

— ס׳איז פאַראַן אַ סברה...

— טרײַבסט רכילות, יעקב-יצחק! — האָט דער רב אים איבערגעריסן מיט שטרענגקייט.

— ר׳ ישראל האָט געוווסט — איז יעקב-יצחק נישט אָפּגעטרעטן — אַז ער נעמט אויף זיך אַ גרויסע התחייבות. ווי זשע ווײַזט ער זײַן התחייבות. איך ווייס, רבי, וואָס ס׳זאָגט דער המפקיד. כ׳ווייס אַז דער המפקיד זאָגט: שומר חינם נשבע ויוצא. אָבער דער נדן פון אַ קײַלעכדיקער יתומה איז פאַרלוירן געגאַנגען. איך אַליין בין אַ ייִד אַן אביון און איך קאָן איר קיין נדן נישט געבן. און אָן אַ נדן וועט צלאָווע, חלילה, פאַרזיצן. זי וועט בלײַבן אַן אַלטע מויד. השומר שמסר לשומר שכר אפילו, זאָגט ר׳ יוחנן, חייב.

אין שיל בײַ די מענער איז געוואָרן אַ גערויש, און אין דער ווײַבער-שיל — אַ שטיל געוויין, אַ יללה, אַ כליפעריי. דער שמש האָט געקלאַפּט אין שולחן און געשריגן: — שטיל זאָל זײַן!

אָבער אַז די ווײַבערישע שיל צעוויינט זיך, איז זי נישט אײַנצוהאַלטן. אפילו צען שמשים וועלן זי נישט אײַננעמען. בפרט נאָך אַז דאָרט אין דער הייך זיצט צלאָווע און גיסט מיט ביטערע טרערן אויף איר געשטאָרבענער מאַמע און אויפן פאַרלוירענעם צירונג.

דער רב איז מיט די טרעפּלעך אַרויף צום אָרון-קודש און אויס-געשריגן:

— רבותי, זאָל זײַן שטיל! זאָלן זיך די נשים אויבן באַרויִקן! אַ נישט וועט מען אַלע פאַרטרײַבן פון עזרת-נשים און אויך די נשים פון די פענצטערס אין דרויסן.

דעם רבס באַפעלערישקייט האָט יאַקאַש געהאָלפן. דער ווײַבע-רישער טרערן-ים האָט זיך אָפּגעשטעלט. בלויז צלאָווע האָט שטיל געהעשעט, געזיפצט.

— יעקב-יצחק! — האָט דער רב צוריק אָנגעהויבן אַז ס'האָט זיך אײַנגעשטילט דאָס ווײַבערישע געוויין — מיר האָבן גרויס צער און עגמת-נפש וואָס ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ ייִדישע טאָכטערס נדן. אָבער ווער האָט געקענט וויסן אַז ס'וועט קומען אַזאַ עת-צרה אויף דער וועלט, אַזעלכע גזירות-רעות אויף ייִדן? שמואל-אַהרן האָט דאָך שוּער נישט באַצאָלט מיטן לעבן בײַם אָפּהיטן פרעמד פאַרמעגן. ווי זשע קענסטו חושד זײַן אַזעלכע אָפּגעהיטע ייִדן אין דעם וואָס דו ביסט זיי חושד?

אין שיל איז ווידער געוואָרן אַ גערודער מיט אַ געמורמל. אָבער דער הילך פון שלום-יעקבס קלאַפּ מיטן דלד איבערן שולחן האָט אַלע-מען אײַנגעשטילט.

— פאַראַן אַ סברה — האָט יעקב-יצחק רויִק דערקלערט — אַז די בעסטע זאַכן האָט מען פאַרמויערט אין דער סקלעפּיענע, באַהאַלטן אין קעלער און נישט געפירט מיט זיך.

— טרײַבסט ווײַטער רכילות, יעקב-יצחק — איז דער רב געוואָרן אַמרויִק אַזש דאָס ציגן-בערדל האָט גענומען ציטערן שטעכיק, פאַר-שפּיציקט — כ'בין דיך מסרה, איך וואָרן דיך! מיר פרעגן דיך אויף באַווײַזן און נישט אויף קיין סברות. ברענג באַווײַזן אויף דעם וואָס דו זאָגסט, נישט קיין סברות, נישט קיין רכילותן זאָג אונדז, יעקב-יצחק. ווייסטו אַז ר' ישראל האָט זיך יאָ מתחייב געווען און אַלעמען באַצאָלט, מיט אַלע זיך אויסגעגלײַכט, אַלעמען פאַרגיטיקט לפי זײַנע כוחות נאָך, אפילו מיט דײַן מוטער זכותה יגון אָלינו.

— שמאַטעס האָט ער געגעבן פאַר צירונג! תכריכים — פאַר די-מענטן מיט גינגאָלד — האָט יעקב-יצחק זיך געשטיקט מיט די טרערן וואָס זענען אים געשטאַנען אין קעל.

— שמש! — האָט דער רב אויסגעדרייט זײַן ציגן-בערדל צו שלום-יעקבן — פרעג דעם עולם, וואָס געפינט זיך דאָ אין מקום-קדוש, צי

ס׳זענען דאָ אַזעלכע, מיט וועמען ר׳ ישראל האָט זיך פאַרגלײַכט, זײ פאַרגיטיקט לויט זייער צופרידנקייט און באַצאָלט צו אַ גראָשן.

דאָס ווענדן זיך צום שמש מיט אַ וואָכעדיק קול איז שוין געווען אַזוי גוט ווי צום עולם אויך. שלום־יעקב שמש האָט בלויז פון יוצא וועגן איבערגעחזרט דעם רבס רייד.

— יאָ, רבי, יאָ! — האָבן זיך געהערט שטימען צווישן עולם אַרום דעם באַלעמער. אַפילו פון דער ווײַבערשיל האָט זיך דערטראָגן אַ גע־רייד, אַז יאָ, מ׳איז צופרידן פונעם פאַרגלײַכן זיך מיט ר׳ ישראלן.

— ס׳איז אויך באַוווסט, יעקב־יצחק — האָט דעם רבס קול שוין געקלונגען זיכערער אין זיך — אַז נאָך בײַ איר לעבן, האָט דײַן מוטער, עליה השלום, מוחל געווען ר׳ ישראלן. זי האָט אָנגענומען זײַן פאַר־גיטיקונג און מער נישט געמאָנט פון אים גאָרנישט.

— זי איז נישט געקומען מאָנען, ווײַל זי איז שלאָף געוואָרן פאַר קרענקונג און יסורים און נישט געקאָנט מער גיין צו אים — האָט יעקב־יצחק פאַרענטפערט זײַן מאַמעס אויפהערן מאָנען ס׳צירונג — און ווײַל זי האָט געלעבט האָב איך נישט געוואָלט גיין.

— חצוף, שייגעץ, בן־סורר! דו האָסט דײַן מאַמען, אין גן־עדן זאָל זי זײַן, געמאַכט דעם טויט! פאַרקירצט איר די יאָרן, אין קבר האָסטו זי אַרײַנגעטריבן! פאַרוויסט און פאַרפינצטערט איר ס׳לעבן! — האָט פרימעטל די גבאיטע אַראָפּגעשריגן פון דער הייך, פון דער ווייבע־רישער שיל — יידן! זי האָט זיך פאַר מיר מתוודה געווען, פייגע־מירלס, אַז דאָס האָט ער זי געצווינגען צו מאַכן ר׳ ישראלן שוואַרץ־שבת! אין אַלץ איז ער שולדיק! אין אַלע בזיונות, אין אַלע שוואַרץ־שבתן. כ׳קען עס שווערן בײַ אַ ספר־תורה...

ביידע שילן האָבן זיך צערוישט און צעווייגט פון פרימעטלס רייד גלײַך ווי זי וואָלט געווען געוואָרפן שטיקער פײַער אין עולם אַרײַן. ס׳האָבן זיך דערהערט געשרייען: — רשע! רשע מרושע! שייגעץ איינער! אויסוואָרף! חצוף!

15. דער רב בלאָזט שופר בײַם אָפענעם אָרון־קודש

דער שמש האָט געקלאַפּט אין שולחן, געשריגן ס׳זאָל זײַן שטיל. אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט און נישט געלייגט קיין אַכט אויף זײַן שרײַען און קלאַפּן אין שולחן אַרײַן. איינער האָט געוואָלט אַריבערשרײַען דעם אַנדערן. אין די שילן האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. יעקב־יצחק איז געשטאַנען אַ בלייכער — ווײַס ווי די וואַנט און זײַנע אויגן האָבן געבליצט מיט פײַער ווי בײַ אַ גערודפטער חיה.

דער רב איז אַרויפגעשטיגן אויף אַ טרעפּל העכער צום אָרון-קודש, אָבער נאָך אַלץ נידעריקער מיט אַ קאָפּ פון די ספר-תורהס אין אָרון-קודש. דאָס ציגן-בערדל זײַנס איז בײַ אים געלאָפן אַראָפּ-אַרויף. די ליפּן האָבן זיך באַוועגט מיט אַ ציטער. ער האָט גערעדט, זיך גע-בעטן, ס׳זאָל זײַן שטיל. אָבער דער עולם האָט פאַרטומלט זײַנע רייד. מיט איין האַנט אויף הינטערווײַלעכץ האָט ער אַרויסגעגראַבלט דעם שופר פון אָרון-קודש-ווינקל, גענומען אים צו די ליפּן, געשטעלט זיך אין אַ פּאָזע ווי ראָש-השנה צום שופר-בלאָזן, און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן אויסגעשאַל, אַ תקיעה-גדולה וואָס האָט אַלעמען אויפגעציטערט.

די תקיעה-גדולה האָט געהאָלפן. דער עולם האָט איבערגעריסן די וויכוחים צווישן זיך. ס׳גערויש האָט זיך אײַנגעשטילט. קעפּ האָבן זיך אַ ווענד געטון צום רב מיטן שופר אין האַנט — גרייט געבן נאָך אַ פּאָר תקיעות. דער שמש האָט גערופן די ווײַבערשע שיל זי זאָל זיך באַרויִקן און אויך די וואָס זענען געשטאַנען אַרום די אָפענע פענצטערס, זיי זאָלן זײַן שטיל, געסטראַשעט אַז מע וועט פאַרמאַכן די פענצטערס אויב ס׳ווערט נישט תיכף ומיד שטיל.

— רבותי, רבותי! — האָט זיך דער רב געבעטן מיטן שופר אין דער באַהאָריקטער האַנט מיטן אַרויפגעשאַרצטן אַרבל. ער האָט גע-טאַדלט מיטן שופר אין עולם אַרײַן, ווי אַ וואָרענונג און פאַרוואָרף.

ווי פאַרשעמטע קינדער, וואָס האָבן אָפּגעטון אַ לאָבוסערײַ, איז דער עולם געשטאַנען, ווי פאַרשולדיקט און געגלאָצט איינער אויפן אַנדערן, געשעמט זיך פאַר זייער צעיאַכמעטקייט איבער פּרימעטלס רייד, אַזש זיי האָבן פאַרגעסן אָן זייער רב, פאַרגעסן ווו זיי געפינען זיך, פאַרגעסן דרך-ארץ. ווי זיי וואָלטן אַליין געווען שולדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן זיי געוואַרט, דער מישפּט זאָל ווײַטער פאַר-געזעצט ווערן.

— רבותי! — האָט דער רב אַלץ געהאַלטן די בלייכע ביינער-דיקע האַנט מיטן אויסגעשטרעקטן שופר קעגן עולם, וואָס הערט זיך מער צו צו דער גבאיטע פּרימעטלען ווי צו אים. דער רב האָט גע-וואָרנט מיט אים אין דער לופטן — רבותי! לפי דעתי האָט ר׳ ישראל געטון לפני משורת הדין, ווײַל די גמרא זאָגט: שומר חינם נשבע ויוצא, ס׳איז געווען אַז ר׳ ישראל, דער שומר-חינם האָט געשוווירן, און צוליב דעם: אין ריצוני שיהא פקדוני ביד אחר. ר׳ ישראל האָט דעריבער געטון שאין לפי כוחו און זיך אויסגעגלײַכט מיט די וואָס האָבן אים געטרויט. ער האָט געצאָלט איבער די כוחות אַלץ צוליב

זײַן ערלעכקייט און אָפּגעהיטקייט, נישט נכשול צו ווערן בשבועה, חלילה. ולפי דעתי האָט ער אױך לגבי פײגע־מירלס, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, אַלץ מתקן געווען און געטון מער ווי זײַן חוב אָבי נישט דאַרפן נשבע זײַן, ווי ס'דאַרף טאָן אַן אָפּגעהיטער ייִד, אַ ירא־שמים. על־כן, איז מײַן דעה און מײַן פּסק לפני הקהילה־קדושה זו, אין דעם מקום־קדוש, הײַנט, ב' דראָש־חודש תמוז, אַז די תביעה פון יעקב־יצחק, בן פײגע־מירלס, כנגד ר' ישׂראל־עוזרן בן מאיר־אַנשל, איז בלי שום יסוד, אָן אַ האָפּט און במילא אָן אומגערעכטע... הערסט, יעקב־יצחק? ס'איז אויך אונדזער פּסק, אַז דו זאָלסט, מהיום והלאה, אויפהערן מיט דײַנע בזיונות, שוואַרץ־שבתן, רכילותן און בילבולים קעגן ר' ישׂראלן, אָדער שמואל־אַהרנען, צי קעגן ר' ישׂראלס מישפּחה. אַזוי פּסקן איך, רב פון דער קהילה־קדושה, פון דער עדה דאָ אין דעם מקום־קדוש, אָמן ואָמן.

אַלע פאַרזאַמלטע אין שיל האָבן פרום נאָכגעזאָגט אָמן, צוגעפּלים־טערט זײער הסכמה צום רבס פּסק און זיך שוין געהיט נישט צו מאַכן קײן צופיל גערויש. דער גערוש איז איצט געווען אַן אײַנגעהאַלטע־נער, אַ געצוימטער. קײנער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מ'האָט זיך נישט געאײַלט צו פאַרלאָזן די שיל אײדער ס'גײט אַרויס דער רב און דער דײַן.

דער רב איז געשטאַנען אויף זײַן אָרט מיטן שופר אין האַנט, אַ סימן אַז דער מישפּט איז נאָך נישט געענדיקט. ער האָט געגלעט דעם שופר, ווי ער וואָלט אים געוואָלט איבערבעטן פאַרן מטריח זײַן אים צו אַ דבר חול, צו אַזאַ וואָכעדיקע זאַך, ווי אַ דין תורה וועגן חשד אין רכילות. ער האָט אַוועקגעלײגט דעם שופר און אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ צײכן אַז ער האָט נאָך צוצוגעבן עפּעס וויכטיקס:

— זאָל פריִער דער וואָס לעבט אײביק און הערנאָך ר' ישׂראל און שמואל־אַהרן דיר מוחל זײַן, יעקב־יצחק, פאַרן צער, חרפּות און בושות, וואָס דו האָסט פאַרשאַפט מיט דײַנע בילבולדיקע רײד קעגן זײ. מחילה וסליחה איז אַ גרויסע און שײנע מידה פון אל רחום וחנון און פון אונדז, ייִדן, און אויך תשובה איז אַ גרויסע זאַך, דו הערסט יעקב־יצחק? — האָט זיך דער רב אַריבערגעבויגן צום באַלעמער, ווו ס'איז געשטאַנען יעקב־יצחק — במקום שבעל־תשובה עומד אין צדיק גמור יכול לעמוד, און זאָל זײַן שלום על ישׂראל באשר הם שם, אָמן ואָמן — איז דער רב צוריק אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך צום אָרט, ווו ער איז פריִער געשטאַנען. ער האָט צוריק אַרײַנגעלײגט דעם

שופר אין אָרון־קודש און פאַרמאַכט ס'טירל מיט אַ וויש און אַ קוש דעם ברעג פרוכת.

מיט דריבנע ווייכע טריט איז דער רב צוריק געגאַנגען צו זיין „שטאָט" לעבן אָרון־קודש, נאָענט פון דיין און זיך געזעצט אויף זיין שטול מיט די הענט אונטערגעשפאַרט דעם מידן קאָפּ און אריינגע־שוויגן אין זיך. אויך דער עולם האָט געשוויגן. קיין וואָרט האָט זיך נישט געהערט אין דער גאַנצער שיל ביזן פאַליש. מ'האָט בלויז געדרייט די קעפּ דאָ און דאָרט, צו זען וואָס ס'טוט זיך אויף דער מיזרח־וואַנט, אויפן באַלעמער מיט אַ געשטאָרקעריי אַזוי אונטן, ביי די מענער, ווי אויבן אין דער ווייבערשער שיל.

דער עולם אין שיל האָט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. מ'האָט געוואַרט, געוואָלט זען וואָס די בעלי־דין־תורה וועלן טון, וואָס זיי וועלן זאָגן. געקוקט דאָ צו יעקב־יצחקן און צום דיין, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין אָרט און וואָרט נישט ארויסגערעדט צו קיינעם אַרום אים, נישט צום רב און נישט צו זיינע אונטערפירערס, נישט צו איטשע־לייבן און נישט צו בערישן.

דעם שטילשטאַנד האָט אויסגענוצט ר' ישראל דיין. ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ ווונק צום שמש שלום־יעקב, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, ער זאָל אים געבן צו רעדן. זיין אויפשטעלן זיך פון אָרט, האָט צעוויגט די עדה יידן אין שיל. מ'האָט זיך גענומען רוקן נענטער אַרום באַלעמער, געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער צו קאָנען בעסער זען און הערן וואָס ס'וועט דאָ געשען.

אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן אַרויפצו, די וואָס זענען געשטאַ־נען ווייט פון דער מיזרח־וואַנט און די פון הינטערן באַלעמער און אויך די וואָס האָבן זיך געפּינען ביי די טירן פון פאַליש — אַלע האָבן זיך געשטופּט אין דער ענגשאַפט, צו הערן וואָס דער דיין האָט צו זאָגן. די גאַנצע צייט האָט ער קיין פּיפּס נישט געלאָזן פון זיך הערן, גלייך ער וואָלט דאָ נישט געווען. דער עיקרשט האָט מען געוואָלט דערגיין וואָס ס'געדויערט אַזוי לאַנג, פאַר וואָס רעדט ער נישט? דער שמש האָט דאָך געלאָזט וויסן אַז ר' ישראל וויל עפּעס זאָגן, וואָס זשע הערט מען אים נישט? מ'האָט זיך געהויבן איבער די אַקסלען פון די וואָס האָבן פאַרשטעלט מיט זיך די מיזרח־וואַנט מיט זייערע ברייטע פּליי־צעס. מ'האָט זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט, זיך געשטופּט צווי־שן די הויכע פעסטע יידן און נישט געהערט זייערע שטראַפרייד און געבייזער, נישט צו שטופּן זיך, נישט צו רוישן, צו לאָזן הערן דעם דיין, וואָס האָט ער אַזוינס צו זאָגן?

16 ר׳ ישראל דיין איז מוחל פייגע־מירלס יורש

דער דיין איז געשטאַנען פאַרטון אין זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן און געוואַרט, דער עולם זאָל זיך באַרויִקן. ער איז געווען פאַרטון אין זײַנע חרטה־מחשבות און פאַרדראָס אַיף זיך אַליין, וואָס ער האָט גאָר דערלאָזט, ס'זאָל קומען צום מישפּט דאָ אין מקום־קדוש, צו שטעלן יעקב־יצחקן צום נישט גלײַכן נסיָון מיט אים, געצוווּנגען אים זיך צו שטעלן בעל־כורחו פאַר קהל צו דער דין־תורה. יעקב־יצחק — האָט ער בײַ זיך געטראַכט — האָט בעסער פאַרשטאַנען וואָס אַזאַ מישפּט מיינט.

די גאַנצע צײַט פון דער דין־תורה האָט עס אים פאַרדראָסן וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן, זיך צוגעהערט צו דעם שוסטערוק, דעם איטשע־לייבן, נישט גובר געווען דעם יצר־הרע אַנצולערנען אַן אַפּי־קורס, ווײַזן אים ווער עלטער איז. מיט וועמען פאַרגלײַכט ער זיך? בײַ וועמען וויל ער געווינען? וועמען וויל ער דאָ גובר זײַן? וואָסער מישפּט־צדק קען עס זײַן צווישן אים, דעם געוועזענעם דיין, דעם גבאי פון שיל און די צדקה־חברות, דעם לובלינער חסיד, דעם געוועזענעם גרויסן סוחר, דעם דאָזאַר, איש חשוב, מיטן פאַרבלאַנדזשעטן, פון גלײַ־כן וועג אַראָפּגעגליטשטן אָרעמען יעקב־יצחקן?

פאַרטון אין די מחשבות האָט ער נישט באַמערקט און נישט גע־הערט די שטילקייט אין שיל, ווי אַלע, גאַנץ קהל, טאַקע אַלע וואַרטן אויף אים, ער זאָל רעדן, אַרויסברענגען פאַרן דעת־הקהל וואָס ער האָט צו זאָגן. ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט, מיט די אויגן פאַרטראָגן צו די ליכטפלעמלעך אין די לײַכטער, וואָס האָבן שווער געאָטעמט, זיך געדושעט אין דער שיל־ענגשאַפט, ווי ס'וואָלט זיי געפעלט לופט צו אָטעמען, זיך געצויגן, אויפגעפלאַמט, נאָכגעיאָגט ס'ביסל זויערשטאָף וואָס האָט אַוועקגעשוועבט אַרויף, אויבן, צום סופית. אויך אים איז איצט אַזוי שווער געווען דאָס אָטעמען אין דער פאַרחלבטער דושנע־קייט. ווען ס'וואָלטן געברענט די בליצלאָמפּן, וואָלט מען געזען ווי ס'ציטערן אים די ליפּן, ווי שווער ס'קומט אים אָן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. וואָס לענגער ער איז אַזוי געשטאַנען אָן לשון, אַלץ מער איז געוואַקסן דער אומרו, ביז דער שמש האָט אַרײַנגעשריגן אין זשומענ־דיקן עולם אַרײַן:

— זאָל אויפהערן דאָס שושקעניש! לאָזט רעדן! ר׳ ישראל וויל עפּעס זאָגן!

ר׳ ישראל האָט אַ צאַפּל געטון, זיך אויפגעכאַפּט פון די פאַרפלאָנ־

טערטע געדאַנקען, זיך אַ ריס געטון ווי די ליכטפּלעמלעך און אַ בליץ געטון איבערן עולם מיט זײַן שאַרפן בליק.

— רבותי, ייִדן! זײַט עדות, אַז איך, ישראל־עזר בן מאיר־אַנשל, בין מוחל במחילה גמורה יעקב־יצחקן בן פייגע־מירלס פאַר אַלץ און אַזוי זאָל אויך זײַן דער רצון פון השם־יתברך. איך בעט און וועל בעטן, אַז אויך דער אין הימל זאָל אים מוחל זײַן במחילה גמורה. כ'האָף אויך, אַז מײַן שמואל־אַהרן זאָל אים קאָנען מוחל זײַן דעם צער וואָס ער האָט אים גורם געווען, די חרפה וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט. און איך, ווי גבאי פון דער חברה הכנסת־כלה, זאָג צו, בלי־נדר, אַז ווען דער מזווג־זיווגים וועט צושיקן צלאָווען דעם אמתן זיווג, וועט אויך צלאָווע האָבן אַ נדן.

דער רב, ווי ער וואָלט בלויז געוואַרט אויף דעם וואָס ר׳ ישראל האָט געזאָגט, האָט זיך ווי אויפגעוועקט פון זײַן מידקייט, געהאַלטן דעם גאַנצן ענין פאַר פאַרענדיקט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. דער שמש, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט בײַם באַלעמער, איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים. דער עולם האָט געמאַכט פאַר זיי אַ וועג. אין דער פולגעפּאַקטער שיל איז פּלוצעם געווען גערוים, ווי די ווענט וואָלטן זיך צערוקט. דער עולם האָט זיך גענומען צעגיין, זיך געשטופּט נענטער צום אַרויסגאַנג.

יעקב־יצחק האָט אָפּגעוואַרט ביז די שיל האָט זיך אַ ביסל אויסגעליידיקט. ער איז אַריבער צום דיין, וואָס האָט זיך נאָך זײַן וואָרט אַראָפּגעזעצט אין זײַן שטול, ווי אָן כוחות, דערלאַנגט אים די האַנט און געבעטן מחילה. איציק פּנחסל גלעזער האָט געגעבן צום דיין און מיט אַ שטיל קול אַ זאָג געטון:

— זײַט מוחל, דיין.

— סלחתי כדברך — האָט ר׳ ישראל זיי אויסגעשטרעקט זײַנע ציטערדיקע הענט זיצנדיקערהייט, אַרויפגעקוקט צו זיי און צוגעגעבן — במחילה גמורה... און געבליבן אַזוי אין זײַן שטול אַ פאַרמאַטערטער און דערשעפּטער..

17. דער שדים־טאַנץ אין די בײַנאַכטיקע שילפּענצטער

אַז יעקב־יצחק מיט פּנחסלען זענען אַוועק, האָט דער דיין אויך אַוועקגעשיקט איטשע־לייבן מיט בערישן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אים און געוואָלט אים באַגלייטן אַהיים. ער האָט איצט אַרײַנגענומען דעם קאָפּ מיט דער ברייטער באָרד אין ביידע הענט, פאַרזונקען טיפער אין דער שטול, מהרהר געווען מיט דאַנקבאַרקייט וואָס אַלץ האָט זיך

געענדיקט מיט סליחה ומחילה, בכי טוב. און אַזוי זיצנדיק האָט ער דערפילט אַ שוועריקייט אין אַלע אברים, אָנגעהויבן דרעמלען און פעסט איינגעשלאָפן.

די שיל האָט זיך גיך אויסגעליידיקט, באַלד איז זי געוואָרן פוסט. די ליכט אין די שפּאַרערס, האַלב-צעטאָפּיעט פון היץ, האָבן זיך אויסגעברענט מידע. נישט געצאַנקט, נישט געגוססט, נישט געקעמפּט, נאָר זיך אויסגעברענט ביזן לעצטן טראָפּן חלב, ביז סוף קנויט און פונקט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָשן ר׳ ישראלס באַוווסטזיין. דער שלאָף האָט אים אַריבערגעטראָגן אינעם מלכות פון אומבאַוווסטזיניקייט.

שלום-יעקב שמש איז צוריק געקומען נאָכן אָפּפירן דעם רב אַהיים, פאַרשליסן די שיל. די ליכט האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעברענט. אין שיל איז געווען טונקל און שטיל. בלויז דאָס נר-תמיד-פלעמל האָט געוואָרפן שאָטנס איבער די ווענט. דער שמש האָט פאַרלייגט די פּרענטן איבער די טירן, פאַרשלאָסן די שיל און איבערגעלאָזט אַלץ ווי געווען, נישט באַמערקנדיק אַפילו דעם שלאָפנדיקן דיין.

נאָכן ערשטן טיפן שלאָף, נאָענט צו חצות אין דער קבר-שטילקייט פון דער פוסטער טויטער שיל, האָט זיך דער דיין אויפגעוועקט אין דער זיצנדיקער פּאָזע אויף דער שטול. זיינע אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די פאַרשאָטנטע טונקעלע ווענט. ס׳איז אים געוואָרן קלאָר אַז ער געפינט זיך איינער אַליין אין שיל. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס ס׳איז געשען נאָך דעם ווי דער שמש האָט אָפּגעפירט דעם רב אַהיים צו זיך אין שטוב אַריין. ער האָט אַפילו נישט אַ קוק געגעבן וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק, אין שיל. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז אַוועק.

ר׳ ישראל האָט זיך אָן שוועריקייט צוגעשאַרט צו דער טיר וואָס האָט געפירט צום פּאָליש. ער האָט געטראָפן די טיר אָפן. ער איז אַוועק ווייטער, צו די דרויסנדיקע טירן און זיי געפונען פאַרשלאָסן אין פאַרהעמערט אויף אַלע פּרענטן און ריגלען. ער האָט געוווּסט אַז אין דער צייט, נאָך חצות, קאָן זיך די שיל, אָן איינגעהילטע אין איר נאַכטיקער פוסטקייט, געפינען אין דער שליטה פון נישטגוטע, בייזע רוחות, באַעוולהטע, ווי ס׳גלייבן אַ סך אין שטעטל. און כאָטש ער האָט געוווּסט אַז ס׳וועט איצט דאָ קיינער נישט דורכגיין פאַרביי דער פוסטער שיל, וואָס זאָל אים העלפן אָדער הערן, דאָך האָט ער מיט די בלויזע הענט געגעבן עטלעכע קלעפּ אין די מאַסיווע טירן וואָס זענען איצט געשטאַנען שטייפע און שטומע — פאַרפרעגטעוועטע, פאַרהעמערטע.

ער האט אויך זיך אפגעגעבן חשבון, אז אפילו מע זאל אים הערן אין דרויסן, אויף יענער זייט שיל, וועט קיינער נישט דערוועגן צו־צו־טרעטן נענטער אהערצו. פארקערט, מע וועט גאר לויפן פון שילהויף, ווי פון א בראנדפייער מיט דער זיכערקייט אז אין שיל וואיעווען ארום שדים און רוחות, נשמות פון געקריוודעטע מענטשן וואס קאנען נישט קריגן קיין תיקון. מיטן זעלבן וועג איז ער פון פאליש צוריק אריין אין שיל. ער האט צוזאמענגערוקט די טישן אונטער די פענצטער, ארויפגעשטעלט אויף זיי א ט״ש, צו דערגרייכן צו די פענצטער אין דער הייך, צוגעשטעלט א באנק צו די טישן און א באנק צום טיש אין דער הייך, און מיט צוויי ברענענדיקע ליכט אין די הענט האט ער גענומען שפאנען איפן אויבערשטן טיש ביי די פענצטערס, געלאפן אהין, געלאפן אהער, ארומגעטאנצט מיט די ליכט פאר די שויבן — פון פענצטער צו פענצטער.

ר׳ ישראל דיין האט דערפילט א מידקייט פון ארומטאנצן און לייפן הין און צוריק מיט די ליכט אין די פענצטערס. ער האט שוין אליין געצווייפלט צי ס׳וועט דא ווער פארבייגיין דאס שילגעסל און דערקע־נען אין די ליכטסיגנאלן א הילפרוף פון א פארשלאסענעם צווישן די פיר ווענט פון דער שיל.

פלוצעם האט ער אין דער דרויסנדיקער חשכות דערזען הינטער פענצטער ווי ס׳באוועגן זיך שאטנס אין נעפל. דריי מענטשן, האט זיך אים געדאכט, וויגן זיך הין און צוריק, וואקלען זיך אין גיין, ווי שיכורים, שוועבן איינער לעבן אנדערן. די שאטנס האבן, אפנים, דערזען די ברע־נענדיקע ליכט אין די שילפענצטערס און דערשראקענע זיך גלייך אפגע־טראגן אין מורא, נישט געניזיקט ווערן. זיי זענען געבליבן שטיין ביים עק געסל, האבן נאך א מאל זיך אויסגעדרייט, געקוקט צו דער שיל, ארויפצו צו די גלאנצנדיקע פענצטערס, צו די אויף ס׳ניי צעטאנצטע ליכטפלעמלעך און גיך זיך געגעבן א טראג אפ אין געסל, אנטלאפן ארומ־געכאפטע פון שרעק פאר די שדים און לצים, וואס טאנצן ארום מיט אנגעצונדענע ליכט אין דער שיל, גלייך זיי וואלטן דארט געגאנגען הקפות, ווי אין שמחת־תורה.

ר׳ ישראל, א פארמאטערטער פון ארומטאנצן, האט א רעזיגניר־טער גענומען אראפקריכן פון די טישן, זיך געזעצט אויף א באנק און איז געוועזן זיכער, אז ער וועט שוין דא איבערנעכטיקן די נאכט ביז דער שמש וועט עפענען די שיל. נאך א נס — האט ער געטראכט ביי זיך — וואס ס׳איז ז׳מער און די נעכט זענען קורצע. ער וועט

זיך נישט באַוויַיזן אַרומצוקוקן ווען נעמען טאָגן און ייִדן וועלן קומען צו השכמה.

פלוצעם האָט פון דרויסן זיך דערטראָגן צו אים אין שיל אַריַין אַן עכאָ פון אַ גערויש, אַ געפּילדער. ער האָט זיך צוריק אַרויפגעדראַפּעט אין דער הייך צום פענצטער. מיט די ליכט אין די הענט האָט ער גענומען פאָכען אין דרייען אין אַלע זיַיטן, מע זאָל אים באַמערקן. אין שילגעסל האָבן זיך ווידער באַוויזן די פריערדיקע צעוויגטע שוועבנדיקע שאָטנס און הינטער זיי — שפּרינגענדיקע, לויפנדיקע און גייענדיקע פיַיערלעך וואָס האָבן אַריַינגעטאַנצט אין שילגעסל און זענען געבליבן שטיין.

צוויי הענגענדיקע קליינע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געהוידעט פון ביידע זיַיטן דעם הויכן לאַנגן שאָטן, האָבן זיך אַ וויַיל פאַרהאַלטן אין מיטן געסל פאַרזיים די פיַיערלעך, וואָס זענען זיי נאָכגעגאַנגען שריט ביַי שריט — אַלץ נענטער צו די שילשטיגן און האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט. אַנדערע זענען שטיין געבליבן אויף אַ שטח פאַר די שטיגן.

די הענגענדיקע שאָטנס האָבן זיך געהויבן אַרויף־אַראָפּ, געטאַדלט צו די טאַנצנדיקע ליכטער אין שילפענצטער. די פיַיערלעך אין שילגעסל האָבן זיי נאָכגעטון נאָכגעטאַנצט די ליכטפלעמלעך — אַרויף־אַראָפּ, אַהין־אַהער. טייל פיַיערלעך האָבן זיך מיט אַ מאָל געלאָזט לויפן אויף צוריק, אַנטלאָפן פון שולגעסל און אַריַין אין דער הויפּטגאַס.

פון די איבערגעבליבענע פיַיערלעך אין שילגעסל האָט ר׳ ישראל דערקענט היימישע קולות באַגלייט מיט פיַיערלעך־באַוועגונגען אין דער לופטן — אַרויף צו אים, און ער האָט זיי געענטפערט מיט זיַינע ליכט־באַוועגונגען, האָפנדיק אַז זיי וועלן אים דערקענען, דערזען אין העלפן. לויט די קולות, וואָס זענען דערגאַנגען צו אים אין דער הייך, האָט ער זיך אַנגעשטויסן אַז דאָס מיינט מען נישט אים. דאָס האָבן זיך יענע דאָרט געאַמפּערט און אַרויסגעזאָגט סברות וועמען פון די שטעטלדיקע טויטע זיי דערקענען אין די פענצטערס פון שיל, צו וועמען געהערן זייערע העוויות און באַוועגונגען און צו וועמען זענען ענלעך די טאַנצנדיקע שדים־שאָטנס אין דער הייך, אין די שילפענצטערס.

די שאָטנס דאָרט אונטן האָבן אין די שילפענצטערס געזען שטעטלדיקע מתים, וואָס ווינט און רעגן האָבן שוין פון לאַנג אָפּגעמעקט זייערע נעמען פון די האַלב־פאַרזונקענע מצבות אויפן בית־עלמין און

די צײַט האָט שוין באַלד געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן אין זיי. אָבער דאָ האָבן די סילועטן אונטן דערקענט די מתים ווי לעבעדיקע מיט אַלע זייערע שטריכן, מעלות און חסרונות, אפילו זייערע קערפּער־לעכע מומים און זייערע צונעמען.

אָט האָט עמעצער דערזען און גלײַך דערקענט ביילע די משומדת מיט איר פּסחל שמדאַלניק. זיי האָבן אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל, אָפּגע־זאָגט דעם פּסוק, זיי זאָלן גיין אין זייער רו אַרײַן, און זיך געזומען רוקן אויף הינטערווייַלעכץ פון געסל אַרויס, איבערלאָזנדיק די צוויי קליינע הענגענדיקע שאָטנס מיטן שטייענדיקן לאַנגן שאָטן צווישן זיי, אויף וועמען זיי זענען געהאַנגען און זיך געהוידלט פון ביידע זײַטן.

ר׳ ישראל האָט זיך גוט אײַנגעקוקט און גלײַך איז דאָס רעטע־ניש אים געוואָרן קלאָר. אינעם לאַנגן שאָטן האָט ער דערקענט סראָלע וואַסערטרעגער און די צוויי קליינע שאָטנס — די קובלעס אויף די נאָשלקעס. אוודאי איז עס אַזוי. ס׳איז סראָלעס שאָטן צווי־שן די צוויי וויאַדרעס. ער האָט אים נישט איין מאָל געטראָפן אין די פינצטערע נעכט טראָגן וואַסער צו אים און צו די שכנים.

ער האָט געזען, ר׳ ישראל, אַז ער קען גאָרנישט פּועלן בײַ די נײַגעריקע מענטשן אונטן, האָט ער פאַרטריפט די ליכט אויפן טיש און אַליין, אָן די ליכט, זיך באַוויזן אין פענצטער. אפשר וועט אַזוי זײַן גרינגער אים צו דערקענען, ווי ער האָט סראָלען דערקענט. ער ליפּט פון איין פענצטער צום צווייטן, מאַכט מיט די הענט, רופט און שרײַט. סראָלע אָבער שטייט אַלץ צוגעשמידט צו זײַן אָרט און ווײַזט מיט גאָרנישט אַרויס עפּעס אַ צייכן, אַז ער דערקענט אים.

סראָלע וואַסערטרעגער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרווירטער פון שרעק, אַרומגעכאַפּט פון אַ צעפּלאָטערטער מורא האָט ער געגלאָצט צו די שילפענצטערס און זיך צוגעקוקט צום שדים־טאַנץ וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען. ער איז געווען זיכער, אַז נאָר שדים און רוחות קאָנען באַווײַזן די קונץ צו שוועבן צווישן שילדאַך און דיל אין איין און דער זעלבער רגע. ער האָט געוואָלט דערקענען ווער ס׳זענען די שדים און דער שד וואָס שטייט בײַם פענצטער און מאַכט צו אים מיט די הענט, רופט אים צו זיך, ער זאָל זיך דערנענטערן...

ער האָט געוואָרט, סראָלע, ס׳זאָל זיך אפשר באַווײַזן זײַן טאַטע, מאַטעלע וואַסערטרעגער, אָדער גאָר זײַן פעטער, וואָס מ׳האָט אים גערופן „זײַנוועלע קליסקעלעך מיט אַרבעס", וואָס האָט ס׳גאַנצע לעבן זײַנס געחלומט זיך אַמאָל אָנצועסן צו דער זעט מיט דעם מאכל, געחלומט פון אַ פולן בוידעם קליסקעלעך מיט אַרבעס פון ערב שבת

ביז מוצאי-שבת. ער זאָל קאָנען אין שבתדיקער רו זיצן געמיטלעך ביים טיש און עסן קליסקעלעך מיט אַרבעס ביי דער שבתדיקער סעודה, אױף שלוש-סעודות און אויך צו דער שבתצונאַכטיקער וועטשערע, ער זאָל וויסן דעם טעם פון אַן אמתדיקן עונג-שבת. ער האָט אים טאַקע געוואָלט זען צי ער איז שוין אַן אַנגעזעטיקטער, אַ באַרויִקטער.

אָבער פון דער הויפּטגאַס האָט מען אים געשטערט זיך צו דער-וואַרטן אויף זיי. ווידער האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן אַ גערויש און פּייערלעך האָבן אויף ס'ניי גענומען אַרייַנטאַנצן אין שילגעסל, געשטעלט זיך הינטער סראָלען, גערוישט אַרום אים, געשראָקן די שדים מיט זייערע פּייערלעך. ער איז זיכער געוועזן, סראָלע, אַז שדים און רוחות פאַרטראָגן נישט קיין ליכט, אַ סימן, אַז ווען אין שיל איז העל און ליכטיק קומען זיי נישט.

די דרייסטערע, וואָס האָבן נאָך פון זייערע קינדעריאָרן געהאַט חשק צו זען צי ס'זענען אמת די מעשהס וועגן שדים און לצים אין שיל נאָך חצות, זענען צוגעקומען נענטער צו די שטיגן פון דער ווייַ-בערשיל, זיי האָבן זיך אייַנגעהערט און צוגעקוקט וואָס אין די פענצ-טער טוט זיך. די וואָס זענען געבליבן הינטער זיי האָבן זיי אונ-טערגעזאָגט אַז זיי הערן יאָמערדיקע קולות, קלאָגרייַען, געוויין פון די פאַרוואָגלטע נשמות, די זינדיקע וואָס קאָנען נישט קריגן קיין תיקון נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט. און נאָך חצות כאַפּן זיי זיך אַרייַן אין שיל און זוכן זייער תיקון. אָט לויפן זיי אַרום, די פאַרוואָגלטע נשמות, מיט ליכטפלעמלעך אומרויִקע, צעשויבערטע דאָ אויף מזרח, דאָ אויף מערב, דאָ אויף צפון, דאָ אויף דרום. וואָגלען אַרום אין אומרו, וויינען און קלאָגן.

אַזוי שטייענדיק האָבן זיי זיך דערמאָנט אַן דער דין-תורה, וואָס איז פאָרגעקומען הייַנט אָוונט אין שיל, צווישן יעקב-יצחקן און דעם דיין. מ'האָט איצט בפירוש געהערט פייגע-מירלס קול, אויך דאָס קול פון דער מוטער אירער, מירל, ווי זיי באַוויינען דעם גורל פון זייער טאָכטער און אייניקל, דאָס כלה-מיידל, צלאַווע, די קיילעכדיקע יתומה, וואָס איז נעבעך געבליבן אַן נדן און וועט חלילה פאַרזיצן, פאַרבלייַבן אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד ביזן גראָען צאָפּ.

אַנדערע האָבן דערקענט די געדיכטע שוואַרצע באָרד פון חיימען, פייגע-מירלס מאַן. ער איז דערטרינקען געוואָרן בעת ער האָט זיך געבאָדן זומער אין דער ווייַסל און איז קיין מאָל נישט געקומען צו קבר-ישראל. איצט האָבן זיי געהערט ווי ער וויינט און בעט, מע זאָל אים אָפּגעפינען, מע זאָל אים זוכן און געפינען, כדי אים קובר

צו זײַן, די נשמה זײַנע זאָל קאָנען קריגן אַ תיקון, מע זאָל וויסן ווו זײַנע ביינער זענען ווען ס'וועלן קומען די ימי־משיח און אַלע וועלן אויפשטיין תחית־המתים.

18. די שדים, רוחות און פאַרוואָגלטע נשמות טרעטן אָפּ פאַרטאָג פון דער שיל

אַ הילפלאָזער און פאַרצערטער האָט ר' ישראל געזען באַשײַנ־פערלעך, אַז דער עולם אונטן נעמט אים אָן פאַר איינעם פון יענע לײַט, פון די שדים, מזיקים, וואָס פראַוועץ שטיק, און מע דאַרף זיך האַלטן פון זיי וואָס ווײַטער, נישט געניזיקט צו ווערן. ער האָט אָנגע־טריפט די צוויי ליכט אויפן טיש אין דער הייך און זיך געזעצט לעבן זיי. אַן אָנטוישטער, אַ רעזיגנירטער, האָט ער אַרײַנגענומען זײַן פּנים מיט דער געדיכטער באָרד איןביידע דלאָניעס און איז געבליבן זיצן בײַם פענצטער ווי בײַ דער דין־תורה. ער האָט אַראָפּגעקוקט אין געסל אַרײַן, אין עולם אַרײַן, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט אויפן האָנס ערשטן קריי אויף טאָג איידער ס'נעמט טאָגן אָן די שדים און נישט־גוטע גייען אין זייער רו אַרײַן.

אונטן האָט זיך כסדר געקליבן אַלץ מער עולם. מ'איז געקומען פון אַלע אַרומיקע געסלעך קוקן אויפן בייזן וווּנדער, זען וואָס ס'וועט דאָ אַרויסקומען פונעם שדים־טאַנץ. פלוצעם האָט זיך דערהערט אַ ווײַבערישער קוויטש:

— אוי ווי איז מיר נישט! ס'איז דאָך ר' ישראל, יאָ, ר' ישראל דיין! ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקע!

דאָס האָט שרהלע, די לעקעך־בעקערין, אויפגעהויבן דעם גוואַלט. זי באַקט איר לעקעך בײַ נאַכט און פאַרקויפט אים בײַ טאָג. זי איז איצט געקומען פון איר אויוון, פון איר לעקעך־באַקן זען וואָס עס רוישט און טומלט זיך אַזוי אַ גאַנצע נאַכט אין שיל־געסל. זי האָט אַ קוק געטון און שילפּענטצטער און גלײַך דערקענט דעם דיין.

ר' ישראל, הערנדיק אַז שרהלע די בעקערין האָט אים דערקענט, איז צו צום פענצטער און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַז שרהלע איז גערעכט, ס'איז ער, ישראל דיין. איצט האָבן אים שוין אויך אַנדערע דערקענט. נאָר איינצלנע האָבן זיך געשפּאַרט, אַז שרה רעדט פון היץ, ווי קען עס זײַן ר' ישראל? ער האָט דאָך צוזאַמען

מיט אַלע פאַרלאָזט די שיל נאָך דער דין-תורה. מענטשן האָבן דאָך געזען ווי איטשע-לייב שוסטער מיט זײַן געזעלן, מיט בערישן, האָבן געוואַרט אויף אים ביי דער זייט און אים אָפּגעפירט אַהיים.

יידל קאַשע-מאַכער, וואָס האָט געוווּסט, אַז איטשע-לייב, דער שוסטער, זיצט נאָך ביי חצות-אַפריכטן און לערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט ווייל ביי טאָג איז מען פאַריאָגט מיט דאגות-פּרנסה — האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און איז אַוועקגעלאָפן צום שוסטער. ער האָט אים טאַקע געטראָפן ביים נאַפטלאַמפּ פאַרטיפט אין לערנען און נישט געפילט אַפילו אַז יידל קאַשע-מאַכער שטייט הינטער אים ביים אָפענעם פענצטער.

איטשע-לייב האָט זיך דערמאָנט, אַז ר׳ ישראל האָט זיי ביידע, אים מיט בערישן אַהיימגעשיקט און אַליין איז ער געבליבן אין שיל. איצט גייענדיק מיט יידלען צום שילהויף האָט ער ביי זיך געטראַכט: אַ סברה אַז דער שמש האָט אים פאַרשלאָסן אין שיל. און ווי נאָר ער איז צוגעקומען נענטער צו דער שיל, האָט ער אַ געשריי געטון נישט מיט זײַן קול:

— ווי געשריגן, ס׳איז דאָך טאַקע ר׳ ישראל!

ער האָט אַלעמען איבערגעלאָזט און זיך גלײַך פאַרקערעוועט צום שמש, געלאָפן אים ברענגען אַהער, ער זאָל עפענען די שיל, דער אַלטער נאַר, ווי קאָן מען עס אָפּטון אַזאַ זיך? ווו האָט ער געהאַט זײַנע אויגן? דער גאַנצער עולם האָט זיך געלאָזט נאָך אים, באַגלייט אים צום שמש, און מיטגענומען אַלע וואָס זענען זיי אַקעגנגעקומען אין וועג.

— ס׳קען נישט זײַן, ס׳איז נישט מעגלעך! — האָט דער שמש זיך געבעטן אַ פאַרשלאָפענער, מע זאָל אים לאָזן צו רו — וואָס רעדט איר עפּעס? ווי פאַלט איר אוים? וואָס הייסט, כ׳וועל אַ מענטש לאָזן אַליין אין שיל אויף אַ גאַנצע נאַכט? כ׳האָב אַרײַנגעקוקט אין שיל פאַרן פאַרשליסן און געזען אַז ס׳איז דאָרט קיינער נישטאָ. ווען ר׳ ישראל וואָלט דאָרט געווען, וואָלט איך אים זיכער געזען.

— נו, איר זעט דאָך — האָט אים איטשע-לייב דערווידערט — איר זעט דאָך אַז איר האָט אים נישט געזען.

— איך קען די שיל ווי מײַנע צען פינגער. כ׳קען שווערן אַז ער איז דאָרט זיכער נישט געווען.

— יאָ געווען, נישט געווען, יאָ געזען, נישט געזען — האָט אים

איטשע-לייב אונטערגעטריבן, ער זאָל זיך צוּאײַלן — עפנט די שיל און לאָמיר אַ קוק געבן, אײַלט זיך צו...

שלום-יעקב שמש האָט גענומען דעם הילצערנעם דלד, וואָס ער קלאַפּט מיט אים אין שיל אַרײַן יעדן טאָג, אויך נעכטן האָט ער מיט אים גערופן לדין — יעקב-יצחקן און רירט זיך נישט אָן אים אויף קיין אָרט.

איטשע-לייב האָט זיך אָן אומגעדולדיקער געלאָזט גיין פאָרויס און דער שמש מיטן דלד אין דער האַנט נאָך אים. דער עולם אָן ייִדענעס האָבן אים אַרײַנגענומען, דעם שמש, אין מיטן, אים אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, געמאַכט אים אַ לעבעדיקע בײַנאַכטיקע לוויה. נענטער צו דער שיל האָט מען דעם שמש געפירט ווי אַ חתן צו דער חופה. אַלע, יונג און אַלט, צעשויבערטע, נישט-דערשלאָפענע, טייל אין בלויזער אונטערוועש, זענען געווען זײַנע אונטערפירערס אינעם שילגעסל.

ר' ישראל איז איצט געשטאַנען אומבאַוועגלעך מיטן קאָפּ אין פענצטער און מיט די צוויי צאַנקענדיקע ליכט פון ביידע זײַטן. ער האָט אַ פאַרשטאַרטער אַרויסגעקוקט אין פינצטערן דרויסן אַרויס. דורכן פענצטער האָט ער געזען, ווי פון דער הויפּטגאַס כמאַרעט זיך אַ קופּע שאָטנס, אַ נײַגעריקער קנויל, וואָס האָט זיך געשטופּט אין ענגן שילגעסל אַרויף צו דער שיל.

דער געשפּאַר פונעם עולם איז געקומען אַלץ נענטער. ערשט איצט האָט ר' ישראל פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען דעם שמש, שלום-יעקבן, ער זאָל עפענען די שילטירן. אַ באַרויִקטער האָט דער דיין מער נישט גערופן, געדולדיקט געוואַרט אין אַזוי געבליבן זיצן אַ באַלויכטענער פונעם געלן וואַקסענעם שײַן פון די צוויי צעפלעמלטע ליכט.

צוקומענדיק צום אַרײַנגאַנג איז דער שמש געבליבן שטיין, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך, אַרויפגעקוקט צום זיצנדיקן אויבן מיט דער געדיכטער באָרד, אַ רויטבאַלויכטענער פון די ברענענדיקע ליכט. ער האָט, זעט אויס, געוואָלט זײַן זיכער, אַז ס'איז טאַקע דער דיין. אָבער אין גאַנצן זיכער איז ער פאָרט נישט געווען.

— נו, שלום-יעקב — האָט איטשע-לייב געפרעגט אומגעדולדיק — גלייבסט נאָך אַלץ נישט?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איטשע-לייב — האָט אים דער שמש אײַנגערוימט מיט אַ קרום שמייכעלע אויפן פאַרשלאָפענעם פנים —

מיט די צוויי ליכט ביי די זייטן זעט ער אוים ווי פּסחל שמדניק ווען מ׳האָט אים געפירט צום באַשווענצלען...

ער איז אַרויף אויף די ברייטע שילטערפּלעך, אויפגעהויבן דעם דלד אַ קעגן די מאַסיווע טירן מיט די פאַרלייגטע פּרענטן, ווי אַ וואַרענונג קעגן אַלעם שלעכטן און מיט פאַרגיכערטע טריט אַרויף די לעצטע אייבערשטע טרעפּ. ער האָט אָנגעקלאַפּט מיטן הילצערנעם דלד דריי מאָל, ווי ער טוט עס יעדער מאָל און יעדן טאָג איידער ער עפנט די שיל. איצט אָבער, זיך צו פאַרזיכערן, אַז די שדים הערן אים אַז ער באַפעלט זיי גיין צוריק אין זייער רו אַריין, האָט ער אויך אָנגעקלאַפּט אין דער שוועל און אין די טירן פונעם פּאָליש.

די שדים און רוחות האָבן טאַקע דערהערט, אַז מע טרייבט זיי אַרוים, כאָטש ס׳איז נאָך ווייט צו טאָג, און זיי זענען זיך צעלאָפן, ווי מייז, אַנטלאָפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. ערשט איצט האָט דער שמש שלום-יעקב געעפנט די טירן און אַ זיכערער אין זיך איז ער אַריין אין שיל מיטן דלד אין דער האַנט. די אַלטע שיל איז איצט געשטאַנען אַ באַפרייטע פון די נישטגוטע און מזיקים. אַלע האָבן געקוקט אויף ר׳ ישראל דיין ווי אויף איינעם וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון גרויסע סכנות, וואָס האָבן אויף אים געלויערט פון אַלע זייטן און זעט אוים אַז ער האָט אַזעלכע זכותים אין הימל, אַז ער איז נישט געניזיקט געוואָרן ביים אָפּריכטן חצות מיט שדים אין שיל און איז דאָך אַרוים גאַנץ, בשלום פון אַלע מכשולים און געפאַרן.

דאָס שטעטל איז נאָך דער געשיכטע געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. ס׳האָט זיך געקאָכט ווי אויף אַ יאַריד. ווו דער דיין האָט זיך געוויזן, האָט מען געזען אין אים אַ לעבעדיקן שד, אַ נישטגוטן, איינעם וואָס האָט געהאַט צו טון מיט יענע לייט. און ווי העלדן האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט די „קענערס” און „דערקענערס”, וואָס האָבן „אַליין” געזען און „אַליין” געהערט וואָס ס׳האָט זיך אַלץ אָפּגעטון אין יענער נאַכט נאָך דער דין-תורה אין דער אַלטער שיל.

איין ייִד אין שטעטל, יאַסעלע מאַנטשאַזש, דער מעל-סוחר, וואָס האָט זיך געפינען צווישן איבערגעשראָקענעם עולם, האָט געזען מער פון אַלעמען די אויסטערלישע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטון אין שיל, ווי די שדים טאַנצן אין טליתים מיט פּסולע ציצית און פּסולע ספר-תורהס אין די הענט צוזאַמען מיט פאַרשייטע פּרויען, מיט דער משוּמדת און מיטן שמדאַלניק. ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן וואָס ער זעט אַלץ און ווען ער זעט; לאַנג פאַרשטאַרבענע וואָס מ׳האָט

שוין מער נישט דערמאָנט זייערע נעמען און אַזעלכע וואָס זענען נישט לאַנג געגאַנגען פון דער וועלט. ייִדן פאַר דער שיל אינעם ענגן געזעמל האָבן אים כסדר געפרעגט:

— יאָסעלע, וואָס זעסטו?

פון דעמאָלט אָן איז שוין דער מעל־סוחר געבליבן ביַים צונאָמען: „יאָסעלע וואָס זעסטו". און אין פינקס פון דער קהילה איז פאַרשריבן געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס די מעשה־נורא פון דער דין־תורה און דעם שדים־טאַנץ, אַז מע זאָל זי שטענדיק געדענקען אויף עולם ועד, כאָטש ר' ישראל דיינען איז געגאַנגען אין לעבן, אַז מע זאָל די מעשה מיט די שדים וואָס גיכער פאַרגעסן, אַז זי זאָל אויסגעמעקט ווערן פון זכרון פון פאָלק, ווי ס'וואָלט קיין מאָל נישט געווען געשען די אומהיימלעכע אויסטערלישע געשיכטע פון דער דין־תורה און דעם שדים־טאַנץ אין דער אַלטער שיל.

דער בעל־מלאכה

אלע האָבן אים גערופן „דער ווײַסער יאָסל״. ער האָט געהאַט אַ פּעכשוואַרצן קאָפּ האָר, אַ באָרד מיט פּיאות פון שוואַרצע סאַמע־טענע פּעדעם וואָס האָבן אַרומגעזוימט אַ פּנים — בלוט און מילך. פון אונטערן שטערן אָפּער האָבן אַרויסגעפינקלט אַ פּאָר טיף־ברוינע אויגן וואָס האָבן געהאַט אין זיך דעם געהיימען כוח פון קאָנען היפּ־נאָטיזירן.

שוין אין זײַנע קינדעריאָרן, ווען די מאַמע האָט אים נאָך גע־האַלטן אויף דער האַנט, האָט דער קליינער יעקב־יוסף, אין די שניי־ווײַסע ווינדעלעך און העמדעלעך, מיטן שוואַרצן קעפּל און ברוינע מאַנדל־אויגן געצויגן צו זיך די בליקן פון די דורכגייערס און די מער באַרעדעוודיקע געצווינגען זיך אָפּשטעלן, אַ רעד טון צום קינד און צו דער מאַמען.

יעקב־יוסף איז געווען דאָס אויסגעוויינטע, אויסגעבענקטע קינד פון אַברהם־ראובן און ריווע דעם גלעזערס. זיי האָבן אַלע זייערע יונגע און מיטעלע יאָרן געהאָפּט און געבעטן אויף אַ בן־זכר, אַ קדיש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. זיי האָבן מנדר געווען נדרים פאַר אים, און שטילערהייט האָבןביידע געשפּונען חלומות וואָס זיי וועלן אַלץ מאַכן פון גאָטס געשאַנק, ווען דער רבונו־של־עולם וועט פאַר־נעמען זייער געבעט, געפינען אַ זכות פאַר זיי און שענקען אַ בן־זכר, וואָס זיי וועלן מגדל זײַן לתורה, לחופּה ולמעשים טובים, ווען זיי זאָלן אַפילו דאַרפן צוליב דעם גיין איבער די הײַזער.

מיט שטילן ציטער און צאַפּל האָט ריווע, אַ דערוואַרטנדיקע, גע־שוויגן, און אויפגעשײַנט אַ פריידיקע ביז אין די טיפעניש פון איר נשמה, ווען זי האָט געקריגן דעם חודשלעכן סימן, אַז די שערי־רחמים האָבן זיך געעפנט און פאַרנומען איר געבעט. ביז אַברהם־ראובן האָט זיך אַליין נישט געכאַפּט האָט זי זיך פאַר אים אַפילו נישט געמאַכט ווייסן. ערשט, ווען זי איז שוין אַרײַן אין די הויכע חדשים און די בײַכיקע אָנגעקוואָלנקייט האָט רונדער גענומען אַרויסשטאַרצן אַלץ בולטער און פולער, איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, דער אין הימל האָט געעפנט איר טראַכט וואָס האָט געטראָגן אין זיך גאָטס געשאַנק.

⁂

אַברהם-ראובן איז געווען אַ ייִד אַ גבר, דער איינציקער אין שטע-טל וואָס האָט געקאָנט פאַרטראָגן די היץ אויף דער העכסטער באַנק אין באָד אָן אַ שעפּעלע וואַסער. ער האָט דאָרט געקאָנט שטיין לאַנג און אויסשמײַסן ייִדן מיט די באָדבעזעמער, אַרויסטרײַבן די מיד-קייט פון אויסגעהאָרעוועטע ייִדישע ביינער, נאָך דעם ווי ער האָט אַ גאַנצע וואָך אַרומגעטראָגן גלאָז אויף די ברייטע פּלייצעס איבער די דערפער און הויפן, זאָגנדיק איבערזאָגנדיק קאַפּיטלעך תהילים פון אויסנווייניק און אויך געלערנט אַ פּרשה חומש אויף די דאָרפי-שע וועגן.

דאָרט טאַקע, אויף די וועגן צום דאָרף און פון דאָרף, האָט ער מתפּלל געווען אויף אַ בן-זכר, און מנדר געווען, זיך געגעבן אַ נדר, אַז ווען דער רבון-עולמים וועט זיך מרחם זײַן אויף אים און אויף זײַן ווײַב, זיך צוהערן צו זייערע תחנונים און זיי מזכה זײַן מיט אַ בן-זכר, אַ קדיש, וועט ער מיט כל הכוחות אים מדריך זײַן אין גאָטס וועגן. פאַר זיך, פאַר אים מיטן ווײַב וויל ער בלויז אַ קדיש און די רעשט — פאַר גאָט און לײַט. ברויט מיט זאַלץ וועט ער עסן, אויף דער הוילער ערד וועט ער שלאָפן אָן זען אַז דער זון זײַנער, גאָטס געשאַנק, זאָל זײַן אַ ייִד, אַ ברכה פאַרן ייִדישן פאָלק. ייִדישע טאַטע-מאַמע זאָלן זיך מיט אים בענטשן, ווי מ'האָט זיך געבענטשט מיט אפרים און מנשה.

יעקב-יוספס ווינדעלעך זענען געווען ריין פון שעטנז, אַזוי זענען אויך געווען זײַנע העמדעלעך און וויקלשנורן. זײַן קישן איז געווען פון ריינעם געקליבענעם פוך און די ציכעלעך בלאַנקעדיק ווײַס ווי שניי. שפּעטער זענען זײַנע הייזעלעך, קאַפּטנדלעך און כּאַלאַטלעך אויפגענייט געוואָרן פון שניי-ווײַסן לײַוונט. פונעם אַנטיעכץ, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, איז אים שפּעטער געקומען דער נאָמען „דער ווײַסער יאָסל", וואָס איז פאַרויס געגאַנגען ווײַט און ברייט אויסערן שטעטלשן גרענעץ כאָטש ער האָט קיין איין גראָע האָר אפילו אין טיפן עלטער נישט מיטגענומען אין קבר אַרײַן.

צום אַרײַנפירן יעקב-יוספן בבריתו של אַברהם-אבינו, ווען דער רב און מוהל האָט בײַ די ברכות אַ פרעג געטון: — נו, ויקרא שמו בישראל? — האָט אַברהם-ראובן הויך אַ זאָג געטון: — יעקב-יוסף יהיה שמו, יעקב-יוסף זאָל מען אים רופן בײַ ייִדן — און זײַן פּנים האָט געשײַנט און געלויכטן.

ער האָט שוין לאַנג אין דער שטיל בײַ זיך געהאַט אָפּגעמאַכט,

אברהם־ראובן, אז ער וועט נישט נעמען קיין איין מישפחה־נאָמען, ווײַל זײַנע אָבות, זיי זאָלן אים מוחל זײַן, האָבן נישט געהאַט קיין גרויס זכות־אָבות. וועט ער פּרווון משנה־שם זײַן, אפשר וועט ער אויך משנה־מזל זײַן און דאָס מזל וועט אים צושפּילן, דעם בן־יחיד זײַנעם, ער איז דאָך פּאָרט נישט קיין געוויינטלעך קינד.

נאָך לאַנגן זוכן און אַרײַנטראַכטן אין ענין האָט ער זיך אויס־געזיכט צוויי נעמען פון גרויסן יחוס און זכות־אָבות — אַ גרויסן טאַטן און אַ גרויסן זון, יעקב־אָבינו און זײַן זון יוסף. ערשטנס איז יעקב געווען דער טאַטע פון יִדישן פאָלק. צווייטנס, האָט ער מאריך געווען אין יאָרן, ער האָט געלעבט 174 יאָר און דערלעבט צו זען זײַן זון יוסף אין גרויס מלכות.

יוסף ווידער האָט געהאַט יחוס, כבוד און עשירות. ער איז אויך געווען אַ בר־מזל און אַ גרויסער צדיק. ער האָט זוכה געווען, אַז ווען די יִדן זענען אַרויס פון מצרים האָבן זיי מיטגענומען זײַנע ביי־נער אין הייליקן לאַנד אַרײַן. מיט אָט די צוויי נעמען מיט גרויס זכות־אָבות האָט אַברהם־ראובן באַנאָמענט זײַן זון און אויסגערופן עס פאַר גאַנץ קהל.

דאָס שטעטל, אָט אַזוי ווי ס'האָט פריִער מיטגעליטן מיט אַברהם־ראובן און ריוועס קינדערלאָזיקייט, אַזוי האָט זיך עס איצט מיטגע־פרייט מיט יעקב־יוספס געבוירן ווערן און וואַקסן; געציטערט און געפלאַטערט איבער אים און זײַן געזונט, ווי זײַנע עלטערן; זיך נאָכגעפרעגט אויף אים בײַם טאַטן, דעם גלעזער און בײַ דער מאַמען, בײַ ריווען, דער גלעזערטע. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען זיך מיט אים אויסגעטענהט, נאָכגעפרעגט זיך אויף זײַן לערנען, זײַן עסן; וואָס ער וועט ווערן ווען ער וועט אויסוואַקסן? — אַ בעדער אָדער אַ רבֿ? צי אפשר גאָר אַ בעל־מלאכה? מ'האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זײַן טאַטע־מאַמע... און יעקב־יוספס ענטפער איז שטענדיק גע־ווען ווי דער פאָטער האָט אים געלערנט:

— ברוך־השם.

* * *

ויהי היום, ס'איז געווען אַ יאַריד־טאָג. די יִדן אין שטעטל און די פויערן אין די דערפער האָבן זיך לאַנג געגרייט צו אים. אויך שמואל־יצחק שמש האָט פאַר דעם טאָג געהייצט די באָד פאַר די פויערן, וואָס פלעגן קומען זיך אויספּאַרען, אויסברִיען די אבֿרים, זיך אויסגלײַכן און אויסרײַבן די ביינער. גאַנץ פרי האָט ער געהאָלפן

פיאַדאָרן זײַן האַלצהעקער און וואַסערגיסער, דעם גוייִשן שמײַסער, צוגרייטן אַ באָד ווי די פויערן האָבן ליב, נישט זשאַלעווען קיין האָלץ און שטיינער. אַליין איז ער אַוועק צו זײַן מלאכת־הקודש, צו זײַן שמשות אין בית־מדרש און האָט מיטגענומען יעקב־יוספן מיט זיך צו תפילת שחרית און אַ יום תהילים פאַרן גיין אין חדר אַרײַן, ווײַל דער גלעזער האָט זיך געפינען אין דאָרף.

אויפן וועגן האָבן זיי באַגעגנט פויערן און פויערטעס אַנגעלאָדן מיט גרינוואַרג. זיי זענען געקומען צו פוס צום יאַריד. אויך איינצלנע פורלעך, וואָס זענען אָנגעפּאַקט פון ווײַטע דערפער. צוזאַמען מיט די ערשטע פויערן, געקומענע אויפן יאַריד, איז אין שטעטל אַרײַנגעפאָרן אַ דראַבניאַסטער וואָגן. אויף ביידע זײַטן בענק זענען געזעסן קײַ־לערס מיט ווילדבאַוואָקסענע פּנימער. זיי זענען אַרומגעפאָרן דאָס שטעטל פון אַלע זײַטן און צוריקגעקומען צום מאַרק פּונקט דעמאָלט ווען דער קליינער יעקב־יוסף אין ווײַסן כּאַלאַטל איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס אויפן וועג אין חדר אַרײַן, וווּ ער האָט געלערנט עברי בײַ משה בלינדער, דעם דרדקי־מלמד פון שטעטל.

אין ווילדן געלאַף האָט ס׳פערדל אין לייטער־וואָגן, וואָס האָט געפירט די פרעמדע חברה קײַלערס, זיך האַסטיק אַ ריס געטון אויף צוריק, ווי אַ וואָרע צו מאַכן פאַר יעקב־יוספן, אויפגעהויבן די צוויי פאָדערשטע פיס, זיך געשטעלט דיבאָם אויף די הינטערשטע צוויי פיס, אײַנגעקאָרטשעט זיך, געהירזשעט, ווי ס׳וואָלט זיך געשראָקן פאַרן קליינעם דורכגייער, אָפּגעטראָטן פאַר אים דעם וועג. האָט ס׳פערד געוואָרט ביז יעקב־יוסף איז אַריבער די גאַס, און ווען ער איז שוין געווען אויף דער צווייטער זײַט, האָט דאָס פערד אַ שפּרונג געטון אויף אַלע פיר און זיך אַוועקגעלאָזט פאָרויס אין גאַלאָפּ, וואָרפנדיק און טרייסלענדיק מיטן וואָגן, צעוואָרפנדיק די חברה קײַלערס איבערן זאַמדיקן מאַרק, זיך אַרויסגעריסן פון די האַלאַבלעס און מיט אימפּעט זיך געלאָזט לויפן צום וואַלד.

דער ערשטער פון דער באַנדע קײַלערס, וואָס האָט זיך אויפגע־הויבן אַ פאַרשטויבטער פון זאַמד, האָט זיך אַ בייזער מיט אַ שוימענ־דיקן כּעס געלאָזט צוריק צום חדר, ווו דער קליינער יעקב־יוסף איז אין שרעק פאַרשוווּנדן. די אַנדערע קײַלער־יונגען, וואָס זענען אַרויס־געפאַלן פון וואָגן, האָבן זיך אויפגעהויבן נאָכן עלטסטן און שיכּורע זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען מיט קללות און זידלערײַען, געשריגן הײ־זעריק אַז זיי וועלן אויסקוילענען אַלע ייִדן ווי די קעלבער.

אויף דער זאַמדגאָס איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געלאַף. ייִדן האָבן

צונויפגעלייגט די טישלעך, די סטראַגאַנעס, פאַרהאַקט די קראַמען, טיר און פענצטער, באַהאַלטן ווײַב און קינדער אויף די ביידעמער און אַליין איז מען אַראָפּ אין די קעלערס. דער שטויבוואָלקן אַרום די קיילערס איז געוואָרן געדיכטער און ווי אַ זאַמד־געווירבל אין אַ שטור־רעם האָט ער זיך געטראָגן איבער דער זאַמדגאַס.

דער עלטסטער פון זיי, מיט אַ באָרד ווי אַ בארשט פון געלע רײַזשטרויען, שטײַפע ווי די דראָטן, איז געגאַנגען פאָרויס פון דער באַנדע. ער האָט אַ שטויס געטון ס׳טירל, וואָס איז געהאָנגען ווי אַ מחוצה צווישן די צוויי הײַזער און האָט געפירט צום טונקעלן דורכ־גאַנג פון חדר. דאָס טירל איז אָוועקגעפאַלן, ווי אין חלשות, אין אַ זײַט אויף דער ערד. ס׳איז פרײַ געוואָרן דער ענגער וועג צום חדר. מיט שטורעם און ווילדע קולות האָט זיך דער פאַרשוין אַרײַנגעריסן אין הייפל און זיך געלאָזט גלײַך צום חדר.

דער רבי מיט די קינדער זענען שוין געווען באַהאַלטן אין האַלצ־קעמערל אונטערן הויז צוזאַמען מיט דער מעלקעדיקער ציג און קוואָ־קעדיקע הינער, וואָס האָבן פאַר שרעק געקוואָקעט אַלע אינאיינעם און אונטערגעהאַלטן דער ציגס וויינענדיק מעקערײַ, פאַרטויבנדיק די קינ־דערס אויערן און קרעכצן און דעם רבינס שעפּטשען: — עזור ה׳ הו־שענו!...

אין חדר איז געבליבן די רביצין, וואָס האָט זיך געפּאָרעט בײַם אויוון און בײַ דער הרובע. יעקב־יוסף איז געזעסן אין ווינקל בײַ די לאָפּעטעס און קאָטשערעס, וווּ ס׳איז געשטאַנען די דייזשע מיט דער ראָשטשינע, וואָס ער האָט מיט אַ קליינער לאָפּעטע, ווי מיט אַ וועסלע, גערודערט, געמישט און געדרייט דאָס מעל. די רביצין האָט געהאַט אַרײַנגעגאָסן וואַסער צו פאַרמישן אַ ברויטגעבעקס צו פאַר־קויפן אויפן נאָכמיטאָג־יאַריד, האָט זי נישט געוואָלט פאַרלאָזן די ראָשטשינע, זי זאָל חלילה נישט קאַליע ווערן, דעריבער איז זי געבליבן אין דער הייך, אין חדר.

אין דער אָפענער חדר־טיר האָט זיך אַרײַנגעשטופּט מיט שווערע שטיוולטריט דער ברייטפּלייציקער מיט דער געלער באַרשט־באָרד. ער איז אַרײַנגעפאַלן אין די אויגן־פײַערן פון יעקב־יוספס צעטומלטן בליק וואָס האָט אים דורכגעשפּיזלט ביזן ביין. אָן אַרײַנגעכאַפּטער אינעם קאַלטן קרייצפייער פונעם כישופדיקן בליק פון די ייִנגלשע אויגן, האָט זיך דער ווילדער פאַרשוין האַסטיק פאַרהאַלטן בײַ דער זײַט פון אויוון, ווי ס׳פערד אין דראַבניאַסטן וואָגן, געבליבן שטיין אין שרעקעוודיקער שטײַנונג. ווי די פיס וואָלטן אים צוגעוואַקסן צום אָרט, האָט ער זיך

אַ טרייסל געטון פֿאַרוים אין צוריקגעפאַלן, אָפּשטויסנדיק מיט זיין שווערן מגושמדיקן גוף די באַנדע הינטער זיך. ווי זאַנגען, געטריבן פון ווינט, זענען זיי צוריקגעפאַלן דורך דער אָפענער חדר־טיר אין דרויסן אַרויס.

די טונקעלע צעפּאַכטעטע בהלה מיט די ווילדע קולות האָבן זיך איבערגעריסן. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט דאָס גאַנצע ג׳עוואַרט, דער פּאָגראָם זאָל זיך אָנהייבן. די באַנדע דאַרט אין חדר זאָל נעמען ברעכן, שטעכן, רייסן שטיקער, טראַסקען טישן, שענק, בענק, וואַרפן בעטגעוואַנט, געשיר, כלים, ברעכן פענצטער, טירן, שלאָגן, האַקן, בראָקן, ווער ס׳וועט קומען אונטער דער האַנט און ייִדיש געוויין וועט זיך טראָגן צו די הימלען. און דאָ גאָר איז שטיל אין גאַנצן הויז, מע הערט נישט קיין פּיפּס פונעם חדר.

אין שטילן גליווער זענען געשטאַנען די צוויי באַפאַלענע הייזער. די באַפאַלערס צווישן זיי האָבן זיך געפונען אין קלעם פון דערוואַרטונג פון עפּעס אויסטערלישס און שרעקלעכס. אין חדר איז שטיל. דער באַנדע־פירער איז פאַרכאַפּט פון יעקב־יוספס שאַרפשניידנדיקע היפּנאָטישע בליקן. די רביצין שטאַרט אַ פאַרגליווערטע פון שרעק. נאָר יעקב־יוספס אויגן הערן נישט אויף אויסצושטראַלן פון זיך אַ בלענדיק ליכט. זיי שפּיזלען דורך דעם ווילדן באַוואָקסענעם פּאַרשוין, שטעכן און קילן זיין מוח, נעמען אָפּ ביי אים דעם חשק צו טון דעם מינדסטן באַוועג, אויך ער גליווערט אין שטוינונג.

פּלוצעם האָט ווער אין דרויסן אַ געשריי געטון:

— וואָס וואַרט מען? צעשפּאַרט די ווענט! אַריין אין הויז! היידאַ, געגאַנגען!

די באַנדע האָט זיך אַ וויג געטון פאָרוים אין חדר אַריין. איינער פון דער חברה האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, פאַרפאָרן דעם געלן מיט דער באַרשטבאָרד אין פּיסק אַריין, געוואָלט אַ כאַפּ טון יעקב־יוספן, זיך נעמען צו אים. די רביצין אין ווינקל האָט פון דער הרובע אַרויס אַ געשריי געטון:

— טשעפּע נישט! ער איז אַ הייליקער! זעסט נישט זיין אָנטון? קוק אָן זיין פּנים!

אין דער רגע האָט יעקב־יוסף אַ בליץ געטון אויף אים מיט זיינע אייגן, אַ בלענד געטון אויף אים מיט זיין ווייסן לייוונט. דאָס שוואַרץ אָפּל פון די געלע מאַנדל־אויגן האָט אים דורכגעשפּיזלט ביז צאַפּלעניש, געפינקלט מיט זיי אין יענעמס פּרצוף, אים געשניטן שאַרף ווי

מיט מעסערס, אַזש ער האָט געמוזט די אויגן פאַרמאַכן, געפינקלט מיט זיי, ווי ליכט מיט פינצטערניש וואָלטן זיך געמישט, געקרייצט אין אַ געפּעכט אויף לעבן און טויט, און דער מגושם איז שטיין געבליבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם באַוועג פונעם פוס — נישט צו שטעלן ווייטער קיין טראָט.

די באַנדע אין דרויסן האָט זיך געשטופּט און געשטויסן, געטו־מלט, געריסן שטיקער פון דער וואַפּנע און טינק פון די ווענט. נאָך אַ ביסל און זיי וועלן זיך נעמען צו די ציגל, ציגלווייז צענעמען די ווענט. זיי האָבן זיך אומגעדולדיקע געשפּאַרט צו דער טיר. פּלוצעם האָבן זיך דאָרט די צוויי אין חדר אויסגעדרייט און טומלענדיק מיט בייזן געוואָרטשע גענומען צוריקשטופּן דעם עולם אין ענגן דורכגאַנג צום דרויסן מיט געשרייען:

— דאַווייטיע נאַזאַד! צוריק, צוריק! טרעט אָפּ! טרעט אָפּ פון דאַנען! אַ הייליק קינד! און אַ הייליקע באָבע! צוריק! סטו־פּייטיע נאַזאַד!

אין ענגן דורכגאַנג צווישן די הייזער האָט זיך געהערט אַ גע־כאַרכל, ווי פון אַן אָפּפליסנדיק וואַסער. אַ גערויש פון מידע שאַרכנדיקע פיס און גראָבע קללות האָבן איבערגעלאָזט זייער עכאָ אין ענגן חדר־הייפל און ס'איז שטיל געוואָרן ווי אויף אַ בית־עולם.

לאַנג האָט אַזוי אָנגעהאַלטן די בית־עולם־שטילקייט. נישט די רביצין מיט יעקב־יוספן, נישט די שכנים און נישט דער רבי מיט די קינדער, אפילו נישט די הינער און די ציג אין קעמערל — קיינער האָט פאַר שרעק נישט איבערגעריסן די שטילקייט. אַלע זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז די שטילקייט פון טויט וואָס יאָגט פון חדר. די רביצין מיט יעקב־יוספן זענען שוין אוודאי טויט, אַ נישט — וואָס שווייגן זיי? וואָס הערט מען נישט קיין וואָרט פון זיי?

ביסלעכווייז איז די רביצין געקומען צו זיך. זי האָט דערזען יעקב־יוספן שטיין אין טויטשרעק, אַ שווייגנדיקן, ווי ס'לשון וואָלט אים געווען אָפּגענומען. ווי אין ספּאַזמאַטישער קאָנוולסיע האָט זי אַרויס־געשריגן פון חדר אַרויס:

— אַ נס! אַ גרויסער נס איז געשען! משה! אַ נס פון הימל! קינדער, קומטס אַרויס! די שונאי־ישראל זענען שוין נישטאָ! די „טשאָרנע סאָטניע" איז שוין אַוועק! יאָסל האָט זיי פאַרטריבן.

די רביצינס געשרייען האָבן אויפגעוועקט יעקב־יוספן פון זיין דערשראָקנקייט און געליימטקייט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך געלאָזט לויפן צום האַלצקעמערל און געשריגן:

— קומט אַרויס, רבי! זיי זענען שוין נישטאָ, די קיילערס! — האָט ער געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דער טיר פונעם פאַרשלאָסענעם קעמערל.

צום ערשטן איז פון קעמערל אַרויסגעשפּרינגען די ציג. נאָך איר זענען נאָכגעפלויגן די צעשראָקענע הינער. באַלד האָט זיך באַוויזן שמולעקל דעם בעדנאַזשס עלצטע קינד אין חדר. ערשט איצט איז אַרויס דער רבי מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי ס׳טאָגליכט וואָלט אים געבלענדט דעם בליק. הינטער אים האָבן זיך אַרויסגעשאַרט איינ־ציקווייז אַלע אַנדערע קינדער. אויך די שכנים פון די הייף זענען זיך צונויפגעלאָפן אויף דער רביצינס געשרייען:

— דאָס האָט ער זיי פאַרטריבן — האָט זי אָנגעוויזן אויף יאָסלען — אַ הייליקן כישוף האָט ער זיי אָנגעטון. זיי האָבן זיך פון אָרט נישט געקאָנט רירן. אַ טריט פאַרויס האָבן זיי נישט געקאָנט שטעלן — האָט די רביצין דערציילט דעם רבין — און צום סוף, ווי דו זעסט, האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן, אַ פּאַדעם צו מאָל נישט גערירט. נישט קיין אַנדערער ווי יאָסל האָט זיי אַלע פאַרטריבן פון דאַנען.

— אוי, אַ לעבן אויף אים, דעם ווייסן יאָסל! — האָט אַ שכנה אויסגעשריגן.

איידער וואָס־ווען זענען זיך די יינגלעך צעלאָפן פון חדר. די חברה האָט אויסגענוצט די מהומה מיט דער רביצינס פאַרווירטקייט און מ׳האָט זיך צעלאָזט איבערן שטעטל — יעדער צו זיך אַהיים. מ׳האָט דערציילט וואָס ס׳איז געשען אין חדר, ווי די שונא־ישראל האָבן זיך דערשראָקן פאַר יעקב־יוספס שניידיקן בליק און זענען אַנט־לאָפן, ווי די פלישתים פאַר דודן נאָך זיין אַוועקלייגן גליתן.

— דער ווייסער יאָסל האָט אָפּגעראַטעוועט ס׳שטעטל — האָט געזאָגט יששכר בעדנאַזש ווען ער האָט געהערט זיין זון דערציילן וועגן דעם אַלעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין חדר — ער האָט געראַטעוועט יידן פון אַ פּאָגראָם.

דאָס האָט שמולעקל דעם בעדנאַזשס, וואָס האָט שוין געלערנט סידור ביי משה בלינדער, געבראַכט אין חדר אַריין יעקב־יוספס נייעם נאָמען: „ווייסער יאָסל". די אַנדערע קינדער האָבן דעם נאָמען צע־טראָגן איבערן שטעטל, איבער די הייזער. דער נאָמען האָט זיך אָנ־גענומען, זיך צעגאַנגען ווייט און ברייט איבער דער געגנט. אפילו ווען ער האָט שוין געהאַט אַן אַנדערן נאָמען: „דער בעל־מלאכה", האָט דער נאָמען „ווייסער יאָסל" זיך אַלץ נישט אָפּגעטון פון אים.ביידע צונעמען האָבן אין גאַנצן פאַרטריבן זיין טאַטנס באַליבטן נאָ־

מען יעקב. ס׳האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אים: **דער ווײַסער יאָסל** און **דער בעל־מלאָכה**, כאָטש קיין אמתער בעל־מלאכה איז ער קיין מאָל נישט געווען.

דער ווײַסער יאָסל איז אַלץ מער געוואַקסן — אַ יונג מיט ביי־נער, ווי דער טאַטע זײַנער, אַבֿרהם־ראובן גלעזער, אַ ייִד מיט אַ לייבנשטים גאַרנישט ווי ס׳קול פון יעקבן; מיט הענט וואָס האָבן געקאָנט ברעכן די ביינער די גרעסטע גיבורים. אַלע אין שטעטל האָבן פאַר אים געהאַט די צענטע נכפּה. מ׳האָט מורא געהאַט פאַר אים אימת־מוות. אַפילו פיאָדאָר דער האָלצהעקער, דער גוייִשער וואַסער־גיסער און באַדשמײַסער, האָט זיך געהיט פאַר זײַן כעס. ער האָט געהאַקט די פּניאַקעס ווי ס׳איז געפעלן שמואל־יצחק, דעם שמש, אַ נישט האָט ער בײַ אים אַרויסגעריסן די האַק און אַליין געשפּאָלטן די פּניאַקעס, אָן דעם קלין אַפילו, ווי אַ דונער וואָלט אין זיי אַרײַן. אין קליינעם ווײַסן יאָסל איז געוואַקסן די גבורה פון זײַן טאַטן, אַריבערגעיירן אין אַלע זײַנע אברים. מיט חשק פלעגט ער זיך צו־קוקן ווי פיאָדאָר שפּאַלט די קלאָפּטערס האָלץ. ער האָט זיך געבעטן בײַ פיאָדאָרן, ער זאָל אים כאָטש לאָזן עם צוטראָגן אַהער צו זײַן האַנט, אָדער אָוועקטראָגן דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ צו די אויוונס, בײַ די קעסלען. פיאָדאָר אָבער פלעגט אים שיקן תורה לערנען, זאָגן תהילים, גיין מעבר זײַן די סדרה:

— דו, יאָסל, גיי אין „שמעדריש" אַרײַן, לערנען תורה, ווערן אַ רב. דײַן טאַטע מיך קוילענען ווען ער כאַפּט דיך האַקן האָלץ — האָט דער האָלצהעקער געטריבן יעקב־יוספן פון האָלץ־פּאָדוואָש לעבן דער באָד.

פיאָדאָר, אַ געבוירענער אין שטעטל, האָט זיך געכאָוועט צווישן ייִדן. ער האָט געוווּסט וואָס אַ ייִדיש קינד מעג טון און וואָס נישט; ווי ער דאַרף זיך פירן; בײַ וועמען ער מעג פאַרברענגען; מיט וואָס און מיט וועמען זיך שפּילן. ער האָט געוווּסט וואָס ס׳זענען די חלו־מות פון יעקב־יוספס טאַטע־מאַמע, זייערע פלענער פאַר זייער אויס־געווינט קינד. ער פלעגט אים טרײַבן פון זײַן האָלץ־פּאָדוואָש, ווען ס׳ייִנגל האָט אים געבעטן, ער זאָל אים לאָזן אַ ביסל אויסלאָדענען זײַנע איבערגעיירענע פיזישע כוחות, פאַרנוצן זיי אויף אַרבעט.

ער איז אויסגעוואַקסן, דער ווײַסער יאָסל, נישט לויט זײַנע יאָרן. אַרויסגעוואַקסן פון משה בלינדנס עברי־און סידור־חדר, פון מענדל ציגס חומש און רש״י פון יאָסעלע מלאכס גמרא־חדר. אין בית־מדרש האָט ער געלערנט בשותפות מיט יאַנקעלע בריה, מיט אַ פײַערדיקן

קאָפּ צום לערנען, וואָס איז געווען עלטער פון אים מיט שיינע עט־לעכע יאָר. דער כוח צו היפּנאָטיזירן אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין, האָט אים שוין מער נישט געדינט. ער האָט איצט געדאַרפט נוצן די הענט צו די חדר־יינגלעך, וואָס האָבן אים אַלץ גערופן „ווײַסער יאָסל", וואָס ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. איי, ווי ער האָט חשק געהאַט אַנשטעלן אויף זיי די אַמאָליקע באַצווינגענדיקע אויגן, ווי אויף די גויים, אַז ס'זאָל בײַ זיי אָפּגענומען ווערן ס'לשון, אָט ווי בײַ יענע צעיושעטע באַנדע שלעגערס.

ער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם טאַטנס באַליבטן נאָמען וואָס ער האָט אים צוגעגעבן: יעקב, און ס'שטעטל האָט שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַן אַנדערן נאָמען, ווי דער ווײַסער יאָסל. ער איז שוין אַפילו געשטאַנען אין שידוכים, שוין געווען אַ גרויסער ווײַסער יאָסל. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען גע־קליידט אין ווײַסן און געווען אויסגעשטעלט אויף שטעטלשן לצנות, אויף לײַטיש געלעכטער און שפּאָט בײַ די חדר־יינגלעך, אין בית־מדרש, ווו ער האָט אַרויסגעהאָלפן שמואל־יצחקן, דעם שמש אין אַלעמ־דינג וואָס ער האָט געטון. ער איז געווען זײַן העלפער אין דער עבודת־הקודש אין בית־מדרש. ער האָט געפּוצט די לאָמפּן־גלעזלעך, געשנײַצט די קנויטן, געבאַרשט דעם פּרוכת איבערן אָרון־קודש און דעם שולחן־טישטעך אויפן באַלעמער; געהאָלפן מיטן בעזעם; גע־הייצט ווינטער דעם אויוון, געגאַנגען אַ גאַנג פאַר די לערנערס, אויס־געפירט אַ שליחות פאַרן רב און חנוכה געהאָלפן דעם שמש צוגרייטן די בענק פאַר די פענצטערס, ווו דער חנוכה־לאָמפּ איז געשטאַנען חשיבותדיק און פײַערלעך - יום־טובדיק.

דער ווײַסער יאָסל, וואָס האָט זיך געפינען בײַ דער זײַט פון שמש, האָט מיט גרויס ערנסט דערלאַנגט אַלץ וואָס מע דאַרף צום אָנצינדן די חנוכה־ליכט. די קינדער האָבן אין כאָר געזונגען אַליין אויסגעטראַכטע לידלעך, באַזינגען שמואל־יצחק שמשס עבודה, זײַנע באַוועגונגען, זײַנע תנועות:

שמואל־יצחק שמש גיסט דעם אייל,
גיסט דעם אייל און היט אַ ווײַל,
בייגט זיך, וויגט זיך אָן געאײַל,
גיסט אָן דעם אייל, פאַרפולט די רערלעך.
זע, די פלעמלעך טאַנצן הערלעך!

שמואל־יצחק שמש פירט זיך ברייטלעך,

שנײַדט און צופּט און דרייט די קנייטלעך.
וואָס ער טוט קומט אָן אים שווערלעך,
נישט געפּערלעך, נישט געפּערלעך.
אים איז קיינער נישט משמש.

שמואל־יצחק שמש צינדט דעם שמש.
דאָס איז איינס פֿון זײַנע גליקן.
שאַ זאָל זײַן! שמואל־יצחק שמש
זאָגט: — הנירות הלולי אני מדליקין...

אַלע ייִנגלעך, אויסגעשטעלטע אויף די בענק, האָבן געזונגען אין אַ כאָר און דער עולם האָט אָנגעקוואָלן פֿון די כשרע ייִדישע קונדיי־סימלעך, די קינדערשע לצנות־טרײַבערס וואָס ווייסן שוין ווי צו מאַכן פֿריילעך די ייִדן.

נאָך די ברכות און נאָכן אָפּזינגען „מעוז צור״ בציבור האָט זיך די קליינע חברה געלאָזט ווילגיין מיט זייערע פּאַראַדיעס און לצנות אויפֿן חשבון פֿון די אָנגעזעענסטע ייִדן אין שטעטל, אויף די מלמדים זייערע פֿיל מיט חוזק און שפּאַס. און דעם חנוכה איז צוגעקומען אַ פֿרישער שפּאַס אויפֿן ווײַסן יאָסל מיט זײַן רבין, משה בלינדער: „משה בלינדער מיט די קינדער לויפֿט באַהאַלטן זיך געשווינדער אינעם שטעלכל בײַ דער קאָזע. דער ווײַסער יאָסל שלאָגט מיט העזה דער „שוואַרצער מאה״, מיט היפּנאָזע. מישט די דײַזשע מיט התלהבות, מיט אמונה. די „שוואַרצע סאָטניע״ נעמט אײַן בײַ אים אַ מיתה משונה״.

דער עולם האָט געקוואָלן פֿונעם לידל מיט די גראַמען. און באַלד האָט עמעצער אונטערגעזאָגט דאָס פּאַראַדיע־ליד אויף מענדל ציגס ווײַב וואָס איז שוין ווידער געלעגן געוואָרן, און האָט געהאַט דאָס עלפֿטע מיידל. און די חדר־ייִנגלעך איז פֿאַרלוירן געגאַנגען שוין צום עלפֿטן מאָל די גוטע זיסע זאַכן וואָס מע גיט זיי ווי אַ לוין פֿאַר זייער קריאת־שמע־לייענען אין פֿאַרן ווינטשן אַ גוטע נאַכט דעם נײַ־געבוירענעם ייִדעלע.

באַלד נאָך חנוכה האָט שמואל־יצחק שמש צוגעגרייט ס׳בית־מדרש לכבוד שבת. ער האָט איבערגעלאָזט פּיאַדאָרן, זײַן באַד־משרת, וואָס איז אויך געווען דער שבת־גוי, ער זאָל אַכטיק געבן אויפֿן בית־מדרש, זיך אויפֿגעהויבן, גענומען ס׳טלומיקל און איז אוועקגעפֿאָרן צום רבין אויף שבת. ס׳איז געגאַנגען פּרשה ויגש.

אויך דער גלעזער אַברהם־ראובן מיט זײַן בן־יחיד, יעקב־יוסף,

זענען געפאָרן מיט דער זעלבער פורמאַנקע. טאַטע און זון האָבן, נאָכן אָפּנעמען ביים רבין שלום און די ברכות, געענטפערט אויפן רבינס שאלות וועגן פרנסה, וועגן הויזגעזינט, וועגן דעם און יענעם חסיד. דער רבי האָט געבענטשט יעקב־יוספן. אַברהם־ראובן האָט געקריגן מוט און געזאָגט דעם רבין אַז ער איז געקומען זיך אַן עצה האַלטן מיטן רבין וועגן יעקב־יוספן, וועגן זיין נטיה צו שווערער אַרבעט, אַפילו צו האַקן האָלץ:

— ס׳קינד מיינס, רבי, ס׳יינגל...

אַברהם־ראובן האָט מיט זאָרג דערציילט דעם רבין וועגן יעקב־יוספס מאָדנע אויפפירן זיך, נאָר ס׳ציט אים צו שווערער אַרבעט, צו מלאכה; גלייך נאָכן לערנען לויפט ער פון בית־מדרש צו גדליה מאַסיוווניק, ליגט דאָרט אָפּ האַלבע טעג און קומט מיט גדליהן צו מנחה־מעריב־דאַוונען.

דער רבי האָט באַטראַכט יעקב־יוספן, געזען ווי די גבורה שפּראָצט פון אים, פון זיינע שווערע הענט, פון די ברייטע אַקסלען, פונעם קײלעכדיקן לבנה־פּנים און האַרטער גאָמבע, וואָס שניידט זיך עקשנותדיק אונטער זיינע ליפּן און זיין קין:

— אַל תחטאו בילד, פאַרזינדיקט אייך נישט אין קינד. אַ בעל־מלאכה קען אויך זיין אַ פרומער ערלעכער ייד. וואָס דאַרף מען ווייט גיין זוכן? — יוחנן הסנדלר, ר׳ עקיבא — אַ פּאַסטעך, יצחק הנפחי, רבינו גרשון — אַ יובעלירער. און משה רבינו אַליין איז אויך געווען אַ פּאַסטעך, געפּאַשעט שאָף ביי יתרון. און אַלע גאונים... אין מלאכה ליגט מזל־ברכה — האָט דער רבי נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון יעקב־יוספן, וואָס האָט ביי אים אויסגעזען אין זיינע ווייסע קליידער ווי אַ מילנער, אַ מעל־סוחר.

יעקב־יוסף איז געווען אין שרעק, צעטראָגן, ווען ער איז אַריין מיטן טאַטן צום רבין שלום נעמען. ער האָט מורא געהאַט פאַרן רבינס מוסר, פאַר זיינע שטראָפרייד. איצט איז ער געשטאַנען אַ שטילער, צופרידן פון רבינס הסכמה, אַז לאַוו דווקא אַ מלאכה איז נישט קיין שטער צו פרומקייט, צו יידישקייט, נישט שלעכט פאַר מזל־ברכה. ער אַליין האָט אויך אַזוי געטראַכט. פרייטיק צו נאַכטס און שבת בייטאָג איז ער געזעסן ביים רבינס טיש און באַוווּנדערט דעם רבין, זיין התנהגות, זיין חכמה.

ביים נעמען שלום פון רבין, ביים געזעגענען זיך צום אהיימפאָרן, האָט דער רבי אַרויפגעלייגט זיין ציטערדיקע האַנט אויף יעקב־יוספס אַקסל און די רייד געווענדט צו אַברהם־ראובנען:

ער וויל פּאַלגן דעם פּרק, די אָבות — לאָז אים. אים אין קמח אין תורה. צו זײַן בר־מצוה ווען ער וועט עולה לתורה זײַן, רוף אים אויף: חיים־יעקב־יוסף! ער וועט, בעזרת השם, האָבן אריכת ימים ושנים. זאָל ער אויסטון די „תכריכים", שוין צײַט און ווערן אַ ייִד מיט אַלע ייִדן גלײַך.

— שוין געוואָרן בר־מצוה, רבי — האָט שמואל־יצחק שמש אַרײַנגעוואָרפן — אין לעצטן כה תמוז.

— נו, נו, ויחי איז גוט ווי חקת בלק. מאָרגן איז קריאת התורה, דאָנערשטיק אויך און שבת אַוודאי — האָט זיי דער רבי באַגלייט מיט די אויגן צו דער טיר.

אויפן גאַנצן וועג אַהיים האָט אַבֿרהם־ראובן געשוויגן, אַרײַנגעשוויגן אין זיך. ס׳איז אים געווען קשה דעם רבינס רייד, זײַן מיין און כוונה: וואָס הייסט, זײַן בן־יחיד זאָל אויסטון די סגולה־קליידער און ווערן אַ בעל־מלאכה? און די נדרים וואָס ער מיטן ווײַב האָבן זיך געגעבן ווען דעם אויסגעבעטענעם זון?

דאָ האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט פאַרגעסן זיך מתר נדר זײַן בײַם רבין. אמת, ער האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן צולייגן צו די נדרים דעם „בלי־נדר" אין וואָרט און במחשבה. אָבער דעם רבין האָט ער עס געדאַרפט דערציילן — האָט ער געטראַכט פאַרזאָרגט.

אויך זײַן ווײַב, זײַן ריווע, האָט נישט פאַרשטאַנען די כוונה פונעם רבין. זי איז נישט געווען צופרידן פון רבינס פּסק: אויסצוטון יעקב־יוספן די ווײַסע קליידער און אים בידים אַליין שיקן צו גדליהן דעם מאַסיוואניק לערנען די מלאכה. איר בן־יחיד — אַ מאַסיוואניק?! אָבער ווער איז זי? אַ פּראָסטע ייִדענע, ווי קומט זי, אַז זי זאָל זיך חלילה קעגנשטעלן דעם רבינס דעה? אַ שטילן פאַריבל אויפן רבין האָט זי אָבער יאָ געהאַט. ווען דער רבי נעמט פּדיון פון ווײַבער, וואָלט זי צו אים געפאָרן אָפּבעטן דעם רבינס גזירה. דער רבי אָבער פאַרוועט זיך נישט מיט קיין ווײַבער און ס׳איז געבליבן ווי דער רבי האָט גע־עצהט, אַז יעקב־יוסף זאָל זײַן אַ פרומער ייִד, אַ בעל־מלאכה.

דער איינציקער, וואָס איז געווען צופרידן מיטן רבינס פּסק, יעקב־יוסף, האָט ווי געוואָרט אויף דעם. ס׳האָט אים אַפילו נישט געאַרט דער מוטערס באַשלוס, אַז צוליב סגולה, צוליב אַן עין־הרע, חלילה, וועט זי אים נישט מאַכן קיין נײַע מלבושים, נאָר איבערמאַכן דעם טאַטנס אַלטן אַטלאַס און די אַלטע אַלפּאַגענע קאַפּאָטע. זאָלן אים מענטשן נישט האָבן אויף זייערע אויגן, זאָלן זיי אים נישט טראָגן אין זייערע מײַלער.

א פריידיקער האט ער אנגעזאגט ר׳ גדליהן, אז ער קומט זיך לערנען ס׳פאך. דער רבי האט געהייסן, ער קען פרעגן דעם טאטן, אויב ער וויל. ר׳ גדליה האט זיך נישט געפוילט און טאקע געפרעגט. אברהם-ראובן האט מיט א קרעכץ באשטעטיקט, אז דער רבי האט געגעבן זיין הסכמה. ווען דער וויסער יאסל איז זונטיק נאך שכמה געקומען זיך שטעלן לערנען ס׳מאסיווע פאך, האט ר׳ גדליה אים דערמאנט וואס דער פרק זאגט: „אים אין תורה אין קמח״ און אים צוריק געשיקט אין בית-מדרש אריין פריער אפלערנען א פרק משניות און א בלאט גמרא.

דער וויסער יאסל האט צעטיילט דעם טאג צווישן בית-מדרש און ר׳ גדליהן דעם מאסיוניק. דעם ערשטן האלבן טאג האט ער גע־דאוונט און געלערנט, און דעם צווייטן האלבן טאג — געלערנט ביי ר׳ גדליהן און זיינע געזעלן ס׳מאסיווע סטאלעריי, באדינענדיק ר׳ גדליהן, די געזעלן זיינע און אלע פרומע יידן, ווי אין פרק שטייט און ווי אנ־טיגנוס איש סוכו האט געלערנט, און די חדר-יינגלעך האבן ביי די חנוכה-ליכט צינדן געהאט א פרישע פאראדיע:

„דער וויסער יאסל עסט טראטשענעס.
און גדליה מאסיוניק ליגט אין די קעשענעס״;

די פאראדיע האט אים נישט געארט. ער איז געווען אויפן וועג צו ווערן א בעל-מלאכה, א מאסיווער סטאליער. ער האט זיך שיער אויסגע־גלייכט אין לערנען די מלאכה ווי לערנען תורה. שוין אליין געקאנט האלטן א זעג אין האנט, מאכן א גלייכן שניט, אפשטעלן א היבעל שאר־לעכץ מיט איין צי מיטן אורבאנעק, ווי אליין, אן דעם „בריהם״ הילף אפלערנען א פרק משניות, א בלאט גמרא, גוט און גלאט. ר׳ גדליה האט שוין איצט געהאט אויף וועמען זיך צו פארלאזן אין די יאריד־טעג, ווער ס׳זאל אויסשטעלן די מאסיווע מעבל-שטיקער.

דער וויסער יאסל האט געבענטשט דעם רבין פאר זיין הסכמה, ער זאל ווערן א בעל-מלאכה, ביז ס׳האט זיך אונטערגערוקט דער פא־טאלער יאריד-טאג וואס האט א סוף געמאכט צו זיין תשוקה, זיין חלום צו ווערן אמאל א גוטער בעל-מלאכה, א גוטער מאסיווער סטא־ליער, וואס ס׳האט אים געפאסט לויט זיין וווקס, זיין געבוי, לויט זיין גאנצער נאטור, ווילן און געשמאק.

אין יאריד-טאג, פארן גרויסן „אדפוסק״, האט ער אויסגעשטעלט אלץ וואס ר׳ גדליה האט געהאט צום פארקויפן און זיך געשטעלטווארטן אויף קונים. דער טאג איז געווען א שיינער, א לויטערער זומערטאג מיט א בלאען הימל, לויטער און דורכזיכטיק. פון גאר פרי האבן פויערי־

שע וועגענער מיט געטראסקעריי פון די רעדער פארטומלט ס׳שטעטל, געוועקט צום יאריד. דאס שטעטל איז אויפגעשטאנען און זיך גענו־מען גרייטן צום מארקטאג.

ווי נאר די זון האט גענומען אויסבלייכן דעם הימל אויף טאג האבן זיך יידן איליק געשטעלט דאווענען השכמה. מיט די ערשטע זונשטראלן אויף די ביימערשפיצן זענען, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואקסן די סטראגאנעס אויסגעלייגט און ארומבאהאנגען מיט כלערליי סחורות — גרייט פאר די קונים.

דעם גוטן מסחר אבער האבן בלויז געמאכט די פויערים וואס האבן פארקויפט און די קונים וואס האבן ביי זיי געקויפט. אליין קויפן האבן זיי זיך דאס מאל נישט אזוי געאיילט, די פויערן. פריער האבן זיי באלד ביי זייער אנקומען זיך א לאז געטון איבער די סטרא־גאנעס און געוועלבער איינהאנדלען, איינקויפן וואס זיי האבן געהאט נייטיק פאר זייער ווירטשאפט. עפעס האבן זיי געווארט היינט מיטן קויפן. געהיימענישפול באקוקט, באטאפט, באטראכט, נישט געדונגען זיך, ווי זייער טבע, נאר אויסגעקוקט, ווי מרגלים, געשמעקט, גע־ניוכעט און אפגעלייגט ס׳קויפן אויף שפעטער.

די קונים, וואס זענען געקומען קויפן, זענען פריער געגאנגען אין מאנאפאל און באלד האבן זיך באוויזן שיכורע און האלב־שיכורע פויערן און פויערטעס וואס האבן זיך געדרייט, ווי אין א געווירבל, ארום די געוועלבער, סטראגאנעס און שטעלעכלעך. ארום דעם ווייסן יאסל און ר׳ גדליהם מעבל האט זיך אנגעקליבן ס׳ביסל שיכורע גייעס, באקוקט שענקלעך און בענקלעך, זיך גזעצט אויף די שטו־לן און טאבורעטן, ווי אויסצופרווון זיי, געדרייט אין געבויגן זיי אין זייערע שווערע הענט — גרינגע ווי די שפילצייג. א הויכער פעסטער פויערניונג האט זיך אויפגעהויבן מיט דער שטול, וואס ער איז גע־זעסן אויף איר, און זיך גענומען רוקן אויף הינטערוויילעכץ — נענ־טער צום ארויסגאנג מיט דער שטול אונטער זיך. דער ווייסער יאסל האט אים געגרופן, און ער האט זיך נישט געמאכט הערן, ווי נישט אים מיינט מען. מיט איין שפרונג איז יאסל געווען ביי דער טיר, מיטן גאנצן כוח איז ער ארויפגעפאלן אויפן פויער און שוין ליגט די שטול אונטער אים צעבראכן אויף שטיקלעך. יאסל קוועטשט אים ביי די זייטן מיט זיינע שטארקע הענט, ווי מיט צוואנגען. דער פויער שרייט, רופט נאך הילף. די איבעריקע פויערן קומען אבער אים נישט העלפן. זיי זענען געקומען ראבעווען, צעטראגן אלץ וואס לאזט זיך, וואס די כוחות זייערע זענען געווען בכוח צו טון. אנדערע האבן

פאַראייניקט זייערע כוחות און גרופּעסווײַז גענומען אָוועקטראָגן שענק און בעטן און אַנדערע שטיקער מעבל.

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס וואָס די טאַגרויבערס האָבן פריִער נישט געהערט און נישט געזען. פאַר די ייִדישע מאַרקבודקעס און סטראַגאַנעס, אויסגעשטעלט אין אַ האַלבער לבנה האָט פון אַ דאַך אַראָפּ געשניטן מיט אַ שווערן דישעל דער ווײַסער יאָסל און אַוועקגעלייגט די פּאַגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו די ייִדישע סחורות, ווי די זאַנגען אין פעלד. ווי דער שניטער האָט ער זיי געשניטן און איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי, ווי די סנאָפּעס, גע־פאַלן שווער צו דער ערד. אינעם האַלבן לבנה־קרײַז זענען פאַר די ייִדישע סטראַגאַנעס געלעגן שווער־פאַרוווּנדיקטע, דערשראָקן־צעטומל־טע פויערן. אַפילו דער סטראַזשניק, ניקאָלײַס אָרדענונג־היטער איז געבליבן פריטשמעליעט און נישט געגלייבט זײַנע אייגענע אויגן. אָן אומבאַהאָלפענער איז ער געלאָפן זאָגן זײַן עלצטן וואָס ס'טוט זיך אין מאַרק. קיין יאַריד איז שוין דעם טאָג נישט געווען, אָבער קיין פּאָגראָם אויך נישט.

אין דער מהומה און בהלה זענען צעבריקעוועטע פערד געלאָפן ווילד פון שרעק. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון די וועגענער און זיך צעלאָפן איבערן שטעטל. די ייִדן האָבן אַהיימגעכאַפּט זייער ביסל סחורה פון די סטראַגאַנעס און קראָמען. דער ווײַסער יאָסל איז אין דער סומאַטאָכע נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַרײַן. קיינער האָט נישט געוווּסט ווּ זײַן געביין איז אַהינגעקומען. די פויערן האָבן גע־זאָגט אַז זיי האָבן אים געזען לויפן אין וואַלד אַרײַן. אָבער גיי זוך אַ נאָדל אין אַ סטויג היי. זוך אַ מענטש אין אַ גרויסן געדיכטן וואַלד.

די פּאָליציי האָט פאַרנומען דעם שמש שמואל־יצחק און ס'בית־מדרש איז געבליבן אויסגעשטעלט אויפן בעראָט פון פּיאַדאָרן, דעם באַד־גוי, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן ריוון אין שמשות די גאַנצע צײַט וואָס די פּאָליציי האָט געהאַלטן שמואל־יצחקן אין אַרעסט און אים געמאַטערט, ער זאָל זאָגן ווּ זײַן געהילף באַהאַלט זיך אויס. עטלעכע מאָל האָט מען אים אַזוי אַרעסטירט און באַפרײַט. מ'האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט פון אים דערגיין. ווער ווייס מיט וואָס די מעשה מיטן ווײַסן יאָסל וואָלט זיך געענדיקט, און וואָס ס'־וואָלט געוואָרן מיט שמואל־יצחק שמש, ווען ס'ברעכט נישט אויס די מילחמה.

סײַ די פויערן פון די אַרומיקע דערפער, סײַ ניקאָלײַ מיט זײַנע פּאָליציי־משרתים האָבן איצט געקריגן אַנדערע דאגות און קאָפּדריי־

עניש︡ן, ווי אַרומצוזוכן עפּעס דאָרט אַ ווײַסן יאָסל וואָס האָט אַוועק־געלייגט עטלעכע פֿויערן.

ניקאָלײַס מענטשן האָבן בײַ די פּויערן צוגענומען די תבואה, די פֿערד און בהמות — אַלץ איז געגאַנגען פֿאַר זײַער מילחמה. דער גורל פֿון די רוסן אויף די שלאַכטפֿעלדער איז שוין געווען אַזוי גוט ווי געחתמעט. זיי האָבן זיך געצאַפּלט און זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט. וואָס ערגער ס'איז זיי געגאַנגען מיט דער פֿוטער אַראָפּ אַלץ מער האָט מען די ייִדן געיאָגט און געפּלאָגט, אָנגעטון צרות צרורות. די ייִדן אין שטעטל האָט מען איבערגעגעבן די אויפֿזיכט איבער די טעלעגראַף־סלופּעס, זיי דאַרפֿן היטן די טעלעגראַף־דראָטן, מע זאָל זיי נישט איבערשנײַדן. און אַז ס'וועט עפּעס געשען, וועט ס'גאַנצע שטעטל ייִדן באַצאָלן מיטן קאָפּ.

אין אַ טאָג האָט זיך אין שטעטל באַוויזן אַ מיטליאָריקער ייִד מיט שוואַרצע באָרד און פּיאות, אַ ייִד אַ גבר, געראָטן אין אַלטן אברהם־ראובן דעם גלעזער, וואָס איז געפֿאַלן בײַם היטן די טעלע־גראַף־סלופּעס אין די גרויסע פֿרעסט. דער פֿרעמדער און אומבאַ־קאַנטער איז שוין אַזוי געבליבן אין שטעטל. ער האָט זיך אַרײַנ־געצויגן צו דער אַלטער גלעזערטע אין שטוב אַרײַן. די עלטערע און מיטליאָריקע ייִדן האָבן זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיטן פֿאַרשווונ־דענעם ווײַסן יאָסל און געמאַכט אַ שוויַיג. דער ווײַסער יאָסל איז געוואָרן זײַן טאַטנס ממלא מקומו. ער האָט זיך, ווי יעדער לאַמעד־וואָווניק, נישט געגעבן צו דערקענען צו די ייִדן וואָס האָבן געליטן אונטערן יאָך פֿון די צאַרישע סאַטראַפּן און זייערע גזירות־רעות.

אַ גאַנצן ווינטער האָבן ייִדן געהיטן די טעלעגראַף־סלופּעס וואָס האָבן צעטראָגן ניקאָלײַס מפּלות און די גאַנצע וועלט האָט געהערט וואָסער ליימענער גולם ס'איז די רוסישע אימפּעריע. אין דער ער־שטער פּסח־נאַכט, ווען די מילחמה־פֿלאַמען האָבן שוין געהאַט אַרומ־געכאַפּט די גאַנצע וועלט, האָבן ייִדן אָפּגעריכט דעם סדר אָן פּסח־דיקע זאַכן, מיט באָרשט, אַנשטאָט ווײַן, אָן פֿיש און אָן פֿלייש, בלויז מיט מצות, אויף יוצא צו זײַן, קיינער האָט זיך אין יענער סדר־נאַכט נישט געריכט אַז ס'וועט זיך אָנרוקן אַזאַ אומגליק אויף ייִדישע קעפּ.

אין דער פּסח־נאַכט, ווען ייִדן זענען געזעסן בײַם סדר, האָט אַ געהיימע האַנט איבערגעשניטן די טעלעגראַף־דראָטן פֿון זיבן סלופּ־פּעס. אין דער פֿרי האָט די צאַרישע מאַכט אויפֿגעהאָנגען אויף די זעלבע סלופּעס מיט די איבערגעריסענע דראָטן די זיבן ייִדישע הי־

טערס. מ׳האָט אַרויסגעיאָגט אַלע ייִדן פון שטעטל און פאַרוווערט אַראָפּצונעמען די געהאָנגענע פון די סלופּעס.

אין שרעק און אַנגסט ביַים גירוש האָט קיינער נישט באַמערקט, ווי דער וויַיסער יאָסל מיט זיַין אַלטער קראַנקער מאַמען האָבן נישט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל און זיי זענען געבליבן אין שטעטל. קיינער האָט עס נישט געוווּסט. נישט די אַרויסגעטריבענע ייִדן און נישט די צאַרישע מאַכט, וואָס איז באַלד נאָכן ייִדן-גירוש אַליין אַרויסגע־טריבן געוואָרן דורך דער עסטרייַכישער אַרמיי. קירעס סאָלדאַטן זענען אַריַין אין שטעטל. דער וויַיסער יאָסל האָט זיך געשטעלט פאַרן מיליטערישן עלצטן און געבעטן דערלויבעניש אַראָפּצונעמען די געהאָנגענע ייִדן און זיי מקבר זיַין.

— זי זענט מיַיסטער פון דיזען באַרוף? — האָט דער עלצטער געפרעגט יאָסלען.

— נו, נאַטירליך — האָט דער וויַיסער יאָסל געענטפערט — איך ווערד שאָן אַלעס באַזאָרגן.

ביז שפּעט ביַי דער נאַכט האָט ער געאַרבעט ביַים אַראָפּנעמען די טויטע און זיי אַפּטראָגן אין טהרה-שטיבל. די אַנדערע העלפט נאַכט איז אים אַוועק ביַים זוכן ברעטער אויף קרשים און ליַיוונט אויף תכריכים. פון וויַיסע קיטלען און טישטעכער האָט ער געמאַכט תכריכים. מיט געהילץ אָבער פאַר קרשים איז געווען שלעכט. אַלע פּלויטן אין שטעטל זענען שוין געווען פון לאַנג צענומען — צום באַהייצן די היַיזער. אַפילו דער הילצערנער דיל פון באָד און די בענק פון בית-מדרש זענען שוין געווען צעטראָגן און פאַרניצט. דער וויַיסער יאָסל האָט צענומען פיאָדאָרס קעמערל וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָך אים, אומבאַרירט. ער האָט גענומען די ברעטער פונעם קעמערל און געמאַכט פון זיי קרשים און געטון זיי זייער רעכט, גע־בראַכט זיי צו קבר-ישראל, די געהאָנגענע ייִדן.

פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן דער אָנערקענטער בעל-מלאכה, דער קאַסטנמאַכער פון דער אַרמיי פאַר די זעלנערס וואָס זענען גע־פאַלן ביַים פאַרנעמען דאָס שטעטל און די אַרומיקע געגנט, און פאַר די וואָס זענען געשטאָרבן פון טיפוס און אַנדערע קרענק וואָס האָבן געבושעוועט מילחמה-צייַט אין שטעטל.

די טיפוס-מגפה האָט אויך נישט געשאַנעוועט דעם וויַיסן יאָסל. דער טיפוס האָט אים געגעבן אַ כאַפּ אַריַין אין זיַינע ביינערדיקע

הענט און ווי שטאַרק דער וויַסער יאָסל איז געווען, האָט דער טיפּוס אים באַזיגט. אים גיבר געווען אינעם שווערן געראַנגל אויף לעבן און טויט. דער עסטרייַכישער גאַרניזאָן־קאָמאַנדיר האָט באַדויערט דעם פאַרלוסט פונעם מיַינסטער, דעם גוטן בעל־מלאכה און מ׳האָט אים געמאַכט אַ מיליטערישע לוויה מיט פּאַראַד. יונג און אַלט, ייִד און קריסט האָבן באַגלייט דעם וויַסן יאָסל, דעם בעל־מלאכה צו זיַין אייביקער רו. דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַדויערט זיַין טויט, אים באַוויינט, דעם פאַרשטעלטן בעל־מלאכה, וואָס איז אין דער אמתן געווען איינער פון די ל״ו צדיקים וואָס לעבן פאַרשטעלטערהייט אויסגעמישט מיט אַלעמען, ווי יעדער בשר־ודם, ווי איינער פון פאָלק.

דער סטאָליער און דער ביסקופּ

1. אַן אויסטויגער אין לעבן

שעפּסל מלבוש־ערומים איז פון פאַך, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן, געווען אַ סטעלמאַך. דאָס סטאָלערײַ־פאַך האָט ער גע־ירשנט פון טאַטן, וואָס איז געווען אַ סטאָליער בן סטאָליער פון אַ מישפּחה מאַסיוווניקעס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט האַרטע מאַסיווע לאַנג־דויערנדיקע דעמבענע־ און בוק־טישן, בעטן און שענק וואָס זענען אי־בערגעגאַנגען בירושה פון עלטערן צו קינדער און קינדסקינדער.

הרות גאַנצע האָבן זיך געבאָוועט און זענען אויסגעוואַקסן צווישן דעם האַרטן שווערן מאַסיוון מעבל פון שעפּסלס עלטערזיידן, ר׳ שמחה מאַסיוווניק, און פון זײַן זיידן און טאַטנס וואַרשטאַטן, פון די טירן־און פענצטער־מאַכערס. איצט האָבן זיך אַלע וועגענער און בריטש־קעס געקאָלערט איבער די פּוילישע וועגן אויף ר׳ שעפּסלס רעדער, וואָס זענען געווען אַזוי מײַסטעריש געמאַכט, אַזוי גרינג און איידל. אַז זיי האָבן געלאָזט דעם שטויב אויפן וועג און די בלאָטעס אויף זייער געלעגער.

שעפּסל האָט ערלעך געהאַלטן די סטאָלערישע ירושה און טראַ־דיציע. ער האָט קיין מאָל נישט פּוגע־בכבוד געווען אין מאַסיוון מעבלפאַך. להיפוך, שענער געמאַכט די האַרטע מאַסיווע מעבל, באַ־פּוצט דעם קאָפּשטיק פון די בעטן מיט געטאָקטע שנירן און בייגל־קראַנצן; באַצירט די קרעדענצן און די טירן פון שענק מיט בלומען, צווײַגן און בלעטער און אַנדערע פאַרשידענע געשניצעכצער.

דער פאַרפּוצטער יחוס־אָבות האָט אים אָבער נישט באַפרידיקט. ער האָט געוואָלט יחוס־עצמו, אַליין עפּעס אויפטון, עפּעס אייגנס, אָן שותפות מיט קיינעם. אויף זײַן אייגענעם חשבון איז ער געוואָרן אַ סטעלמאַך מיט גרוים פאַרנעם. נישט עפּעס אַ וואָגן־ און שפּריי־כע־מאַכער, ווי דער אַלטער זייטשיק, וואָס האָט געמאַכט דראַביניאַסטע וועגענער און שווערע רעדער, וואָס האָבן צעשטויבט און צעמאָלן די וועגן און שטעגן, צעקנעטן די בלאָטעס און צעשפּריצט זיי אויף אַלע זײַטן.

שעפּסלס רעדער זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דינע און שמאָלע, ווי גראַציעזע טאָלעס. די שפּריכעס זענען בײַ אים געווען געטאָקטע און געשניצטע, ווי הירשנפיסלעך. זיי האָבן געשוועבט איבער די שאָסייען, קוים באַרירט זיי און זיך הירכגעשניטן דורך די טיפע בלאָ־

טעם, ווי אַ שאַרף מעסער שנײַדט דורך פּוטער. די רעדער זײַנע האָבן געטראָגן אויף זיך די בריטשקעס און קאַטשן מיט די פּריצים און פּריצעטעס ווי הוידלדיקע חלומות־בעטן איבער די אַלטע ליימיקע פּוילישע וועגן.

שעפּסל סטעלמאַך האָט געלערנט דעם אַלטן זייטשיקן מאַכן די פּריצישע בריטשקעס און פּאַיעטאָנען. די רעדער אָבער האָט ער געמאַכט אַליין. ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ חלוקה אין זייער סטעלמאַכערײַ און דער אַרבעט־פּאַרטייל איז גוט אַוועק צו אַלעמענס צופרידנקייט. די יונגע ספּריטנע פּערדלעך, געשפּאַנט אין די קאַרעטעס אויף שעפּסלס רעדער, זענען געגאַנגען שטאָלצע מיט פּאַריסענע קעפּ אין שפּאַן און אַ סך מאָל פאַרבײַגעפלויגן ווי די אָדלערס.

צווישן די פּריצים האָט מען געשמועסט, אַז שעפּסל סטעלמאַך, דער מאַסיווניק, האָט אַן אײַזערנעם קאָפּ אויף זיך און גאָלדענע הענט. וואָס דער קאָפּ טראַכט צו אין די אויגן זעען אין דמיון — מאַכן די הענט. די מעלות, וואָס וואָלטן אים באַדאַרפט הייבן אין די הייכן, זענען אים געוואָרן צום מכשול און ער איז דורך זיי געשטרויכלט געוואָרן.

דער רום זײַנער צווישן די פּריצים האָט אים אַ סך געשאָדנט און אים לסוף געמאַכט פאַר אַ בעל־מום, אים געצוווּנגען זיך אַ מעשה אָנטון; בידים האָט ער זיך אָפּגעשניטן אַ פינגער פון זײַן רעכטער האַנט, ער זאָל נישט געפּרוווט ווערן מיטן נסיון צו מאַכן אַן אומווערדיקייט, אַפילו נישט בעל־כורחו, געצווינגענערהייט.

בדרך־כלל איז שעפּסל געווען אַ סענטימענטאַלער מענטש, פול מיט אויפריכטיקייט. ער האָט געטון זאַכן מיט אַ סך געפיל. אַז ער האָט גערעדט האָט מען אים געמוזט הערן, און אַז ער האָט זיך געבייזערט, האָט געדונערט און געבליצט אַרום אים. צו קיין אויסברוך פון כעס און טרערן, איז אָבער קיין מאָל נישט געקומען. און האָט ער געלאַכט מיט זײַן האַרציקן געלעכטער, האָט זיך געדאַכט, אַז ס'קרעלט אַ וואַסערל; אַז ס'פּליעסקעט און מורמלט אַ טײַכל, וואָס לאָקט און רופט צו זיך, צו קומען זיך טובלען דערין, אָפּקילן, זיך אָפּפרישן. שטענדיק איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט ייִדן וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זײַנס אַ מעשה, צו זײַן דערציילן וועגן דעם אויסזען פון שלאָס, פונעם פּריצעס סאַלאָנען.

שעפּסלס פּנים איז געווען טיפּיש ייִדיש מיט אַלע חנען און סבלנותן און ייִדישער עקשנות פון דורות, מיט זײַנע חן־גריבלעך אויף די באַקן מיט אַ מאַכיקער באָרד קרויזן, זײַדענע להכעיס־פּעדעם וואָס לאָזן

זיך נישט רײַסן, גליטשן זיך אַרוים פון אונטער די הענט אַפער. די באָרד האָט בײַ אים אויך פאַרשטעלט דאָס חן־גריבל אין מיטן דער גאָמבע, אָבער געלאָזט אַ לײַכטן האַלברונדן קנײטש אין זײַדענעם באָרדגעוועב. מיט אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן, מילדע און פינקלדיקע, האָט ער צוגעצויגן צו זיך מענטשן וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַרומגענומען מיט דער זעלביקער וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט.

ווען שעפּסל מלבוש־ערומים איז בײַ דער זײַט פון זײַן טאַטן, דעם מאַסיוווניק אַרײַן אין לאַבירינט פון לעבן, איז ער געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און האָט זיך געצויגן פאָרויס אָן אומדערשראָ־קענער אויפן געדרייטן, געשלענגלטן שיפן וועג מיט זײַנע פלאָנטער־נישן און שטרויכלענישן — אַ זיכערער אין זיך, פול מיט בטחון. ווי זײַן טאַטע האָט ער נישט געזען און נישט געוואָלט זען, אַז ערגעץ ווו אין דער טיף ענדיקט זיך דער לאַבירינט און מיט אים — דער סוף פונעם מענטשנס וואַנדערונג אויף גאָטס זינדיקער ערד. וואָס מער ער האָט די ספקות געטריבן פון זיך, אַלץ ענגער האָבן זיי זיך געדרענגט אַרום אים, נישט פטור צו ווערן פון זיי.

נישט איין מאָל קומט אוים דעם מענטש צו בלאָנדזשען, צו שאַרן זיך ווי אַ בלינדער צווישן ענגע קרומע ווענט, אויף נאָך נישט אוים־געטראָטענע געדרייטע ענגע סטעזשקעס ביז ער דערזעט ערגעץ זיך ליכטיקן אַן אַרויסגאַנג פון די אַלע פאַרדרייענישן פון לעבן, און ער געפינט זיך בײַם סוף פון לאַבירינט. כאָטש דער וועג איז נאָך גע־נוג לאַנג — גייט ער אַלץ פאָרויס. אויך שעפּסל איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן, ווי זײַן טאַטע דער בעל־בטחון, וואָס האָט געהאָפט אַז דער וואָס פירט אָן מיט דער וועלט, וועט בלי־טעות אויך אים אַרויספירן פון געדרענג פון לאַנגן יידישן גלות, פון קנעכטשאַפט צו אַ פרײַ און באַפרײַט יידיש לעבן.

שעפּסל סטעלמאַך איז נישט געווען קיין קל־ראָש. ער האָט אַלץ אין לעבן גענומען ערנסט. דערפאַר האָט ער שנעל תופס געווען זאַכן, געלערנט דברים מתוך דברים, באַנומען דעם קל־וחומר, דעם מאַי־דאָך, געכאַפּט דעם היוצא־מדברינו, דעם נמשל פון משל, און ממילא שוין געדרינגען דעם פשיטה. קיין לערנער איז ער אָבער נישט געבליבן.

געבליבן בירושה איז אים דאָס האַרטע סטאָלערײַ, איז אים שוין דאָס סטעלמאַכערײַ אויך אָנגעקומען גרינג. ער איז גיך געוואָרן אַ מומחה אין זײַן אַדאָפּטירט פאַך. אין בית־מדרש איז ער טאַקע נישט געבליבן, אָבער תורה מיט קמח זענען בײַ אים געגאַנגען געפּאָרט פונקט ווי בײַ די פריערדיקע מאַסיוווניקעס. אויך דאָס געהערט צו דער ירו־

שה. ער האָט אַ סך משנה געווען און מחדש געווען אין זײַנעביידע פּאַכן.

שעפּסלס אַ שאַנק, אַ בעט, אַ טיש, אַ שלאָפבאַנק, יעדער שטיק מעבל זײַנס האָט געשמט מיט דער יוסטקייט און מיטן אויסדויער, מיט דער אויסהאַלטעוודיקייט, און איז ווי דרשה־געשאַנק איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. שווערע מחלוקתן און ברוגזן זענען אַרויסגעקומען בײַ מחותנים און יונגע פּאָרלעך צוליב די מעבל־שטיקער. אָבער שעפּסלס אַ שטיקל מעבל, אַ טיש, אַ פּאָר בעטן, אַ טאַפּטשאַן האָבן מפּיים געווען, איבערגעבעטן לאַנג־צעקריגטע און באַליידיקטע, שלום געמאַכט צווישן ברוגזע מישפּחות, טאַטע־מאַמע און קינדער, קרובים און מחותנים.

אַ גוטע מתנה, דער כלהס אַ שיינער אויסשטײַער איז געווען שעפּסלס אַן אַלט שטיקל האַרט מעבל, וואָס מ׳האָט אַרײַנגערעכנט אין נדן. מ׳איז נישט געגאַנגען צו דער חופּה ביז דאָס שטיקל מעבל־נדן איז נישט געסילוקט געוואָרן, אָדער ווען ס׳איז געווען אַ חשד, אַז דער חפץ נדן וועט נישט ווערן צוגעשטעלט, ווײַל דער מחותן איז אַ דריי־קאָפּ און האַלט נישט קיין וואָרט.

2. די זעלטענע רבנישע שטול

נאָך איידער שעפּסל מלבוש־ערומים האָט אָנגעהויבן „באַקליידן״ די אָרעמע און נאַקעטע, האָט ער „באַקליידט״ דעם רבס „שטאָט״ אויף דער מיזרח־וואַנט מיט אַ שטול וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אים, שעפּסלען אַליין. דער רב זאָל לעבן, זאָל טאַקע זיצן צוזאַמען מיט זײַן קהל, נישט חלילה באַזונדער, אָבער נישט גלײַך מיט אַלע פּשוטע ייִדן — אויף דער פּראָסטער האַרטער באַנק.

— אַ רב דאַרף זיצן אַנדערש, אויף אַן אייגענער שטול, דערויף איז ער אַ רב — האָט שעפּסל זיך געשפּאַרט אַפילו מיטן רב, וואָס האָט נישט געוואָלט קיין ווייכע פּאַטעלן אין אַ מקום־קדוש, און ביידע האָבן זיי אויסגעפירט. די שטול איז געווען אַ יופי, אַ וווּנדער, וואָס האָט באַשײַנט אי דעם רב אי די מיזרח־וואַנט.

אויפן קאָפּשטיק, הויך איבערן רבס ספּאַדיק, איז געווען אויסגעשניטן אַ ברענענדיקער סנה. בײַ דער לינקער זײַט איז געווען אַ מילגרוים אויף אַ ספר וואָס האָט מרמז געווען אויף דער תורה און חכמה וואָס ס׳איז דאָ אין אַזאַ ספר, ווי די קערן אינעם מילגרוים. בײַ דער רעכטער זײַט איז געווען אויסגעשניטן אַן אתרוג מיט אַ לולב און די חדשים, און צוויי הענט האָבן זיי געהאַלטן און געבענטשט אתרוג.

יידן האבן זיך זאט נישט געקאנט אנקוקן אויפן רבס שטול, וואס איז געווארן געריממט אין באוואונדערט פון אלע וואס האבן זי געזען. פון נאענט און ווייט איז מען געקומען זען די שטול. ביז דער רום איז דערגאנגען צו די פריצים אין די הייף. און שעפסל האט אנגע־הויבן קריגן בקשות און באשטעלונגען צו מאכן אזעלכע שטולן פאר די סאלאנען אין די פריצישע פאלאצן, ווי אמאל די פארלאנגען און בקשות אויף זיינע רעדער פאר זייערע קאטשן און פאיעטאנען, בריטש־קעס און קארעטעס.

צוליב טובת הכלל, צוליב די קארטאפל און בוראקעס פאר די ארעמע אויף פסח, צוליבן געהילץ צו הייצן די מיקווה און באד, די אויוונס ווינטער אין הקדש און להבדיל אין בית־מדרש — האט ער די פריצים נישט אפגעזאגט זייער פארלאנג. איב נאר יענע האבן מסכים געווען, אז א רבס שטול דארף זיין אנדערש ווי די שטול פון א פריץ.

די פריצים האבן נישט געהאט קיין פאריבל אויף שעפסלען. פארקערט, ס'האט זיי גאר הנאה געטון וואס שעפסל פארשטייט, אז א רב איז נישט קיין פריץ און אז א פריצעס שטול דארף זיין אנדערש פון רבס. שעפסל האט אויסגעצירט און באשיינט די פרי־צישע סאלאנען מיט זיינע רייך געשניצטע שטולן. און פאר זיך — וואס פאר א טובהם האבן אים די פריצים געקאנט טון, אז זיי האבן געדארפט זיין טובה, זיינע שטולן, זיינע רעדלעך פאר זייערע קאטשן. אבער אז אים זאל ארוים א רעה פון דעם אלעם, איז אים, דעם תם וישר נישט איינגעפאלן.

האבן טאקע ארעמע יידן געמעגט גיין אין וואלד קלייבן גע־הילץ, אפילו אהיימנעמען א האלבן קוביק פניאקעס. די ארענדארן האבן אויסגעפועלט פארלייכטערטע צאלונגען, און דער מורא פון הסגת־גבול, פון אויסקויפן די ארענדע ביי זיי הורך אנדערע יידן פון שטעטל, אדער אויסערן שטעטל. און חוץ אלעם האבן די שונאי־ישראל נישט געהאט קיין שליטה איבער די יידן, אפילו נישט דער ביסקופ.

דער שטן־מקטרג האט אבער נישט פארטראגן וואס ביי שעפס־לען גייט געפארט צוזאמען עשירות מיט כבוד. אויך דאס ווערטל „אלץ אין איינעם איז נישטא ביי קיינעם" האט געדארפט א בא־שטעטיקונג, א תיקון. האט דער שטן זיך אריינגעמישט, אנגערייצט דעם ביסקופ אויף שעפסלען און אים פארזאלצן, פארביטערט זיין זים מזל.

נישט ביי די פריצים האָט דער ביסקופּ עפּעס צוגענומען פון דער צדקה, אָדער חלילה עפּעס פונעם טובת-הכלל איז געמינערט געוואָרן. ניין, דאָס וואָלט שעפּסל נישט דערלאָזט. ער האָט בעסער מקריב געווען זיין פינגער פון דער לינקער האַנט, דעם ווייזפינגער, צו פאַר־שטופן דאָס מויל דעם שטן, דעם ביסקופּ.

3. שעפּסל מאַכט אַ שטול פאַרן ביסקופּ

דער ביסקופּ איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער ביים פּריץ טשאַרטאָריסקי, וואָס זיין הויף, זיין שלאָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג צווישן די שטעטלעך פּ. און ק. לעגנגוים דער וויסל און גע־האָט געהיימע גענג פון סינאָדס פּאַרק אין שלאָס אַריין.

דאָרט האָט דער ביסקופּ אין אַ ניכטערער צייט געזען שעפּסלס שטולן באַשיינען מיט כבוד דעם פּריצעס טרינקסאַלאָן, און אין גע־דאַנק געמאַכט אַ פאַרגלייך מיט זיין הייליקער שטול. ווי פּראָסט און אומוויכטיק זעט אויס זיין הייליקע שטול! און ער האָט גרויס חשק געהאַט צו קריגן אַ שטול וואָס זאָל פּאַסן פאַר זיין עמינענץ און הויכ־קייט, דעם פאַרטרעטער פונעם הימלישן גן-עדן דאָ אויף דער ערד, וואָס וועט אַמאָל זיצן אין שאָטן פונעם דערלייזער, גאָטס זון דאָרט אויבן.

שעפּסלען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער האָט גע־הערט ווער ס'רופט אים, ווער ס'וויל אים זען. דער מוח זיינער האָט עס נישט געקענט באַנעמען. ער האָט זיך גאָר נישט אויסגע־מאָלט וואָס אַזוינס דער ביסקופּ קאָן פון אים פאַרלאַנגען און זיך גלייך שואל-עצה געווען מיטן רב. אויך דער רבנישער מוח האָט נישט געקענט תופס זיין וואָס דער ביסקופּ קען וועלן פון שעפּסלען?

— אפשר זאָל איך מיטגיין? — האָט זיך ביים רב אַרויסגעכאַפּט אין זיין פאַרטראַכטקייט און באַלד האָט ער זיך אַליין פאַרריכט: — צום ביסקופּ גייט מען נישט, אַז ער רופט נישט. גיי אויף קידוש־השם. פון אברהם-אבינו אָן גייען מיר אויף קידוש-השם, געדענק עס גוט, שעפּסל! — האָט דער רב אים באַגלייט צו דער טיר.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ און צעבראָכן געמיט איז שעפּסל אוועק מיטן רבס אָנזאָג און ברכה אין דער סינאָד-געביידע. ער דאָט זיך געמאָלדן צום גויישן שמש, וואָס האָט, ווי להבדיל שמואל-יצחק שמש, געפּוצט די גלעזלעך פון די לאָמפּן, געשניצט די קנייטן מיט עפּעס אַ כלי, נישט מיט די פינגער.

ווי א געליימטער מיט פארזשמורעטע אויגן, נישט צו זען די אומווערדיקייטן מיט וואס די שטוב איז פול געווען, איז ער געשטא־נען פארן ביסקופ מיטן היטל אין דער האנט און מיטן קאפל אויפן קאפ און מורא געהאט מיט אן אויג צו באוועגן, ער זאל, חלילה, מיטן ווינקל אויג נישט כאפן קיין בליק אויף עפעס דא אין ביסקופס שטוב וואס איז פול מיט עבודה־זרה.

שטייף, געפרוירן איז ער געשטאנען אין איין שרעק, זיך נישט קיין בייג צו טון, א נייג געבן, חס־ושלום, נישט חוטא זיין בשגגה א בוק טון זיך, חלילה, צו די אומווערדיקייטן. א שטיין איז אים אראפ פון הארץ, ווען ער האט געהערט אז דער ביסקופ וויל פון אים א שטול, ווי די שטולן ביים פריץ טשארטאריסקי, און שעפסל האט איינגעהאלטן דעם לויב זיינעם צום ליבן נאמען, וואס האט זיך געשפארט פון אים אין דאזיקן מקום פול עבודה־זרה.

— א שטול אזא ווי ביים פריץ? מהיכא־תיתי, מיטן שענסטן כבוד — האט שעפסל קוים פון זיך ארויסגעקריגן און נאך מער פאר־מרוזשעט די אויגן, וואס האבן זיך שוין געוואלט פריי עפענען פון גרויס צופרידנקייט, וואס דער ביסקופ פארלאנגט פון אים בלויז א שטול.

— פארשטייט זיך, א ביסל אנדערש ווי דעם פריצעס שטול. נישט קיין סך אנדערש, אבער נישט ענלעך צו יענער — האט דער ביסקופ אויסגעגלייכט זיין קאפל אויפן שפיץ קאפ און זיך אויפגעשטעלט פון זיין פראסטער שטול, וואס איז אים איצט שוין געווען דערווי־דער, פארמיאוסט, און ער האט שוין געהאט באשטימט פאר איר אן ארט אין קארידאר צווישן די איבעריקע שטולן פאר געסט אין ווארטזאל.

— נו, פארשטייט זיך, אז אנדערש — האט שעפסל צוגעשטימט מתוך אומגעדולד, אין זיין אומרויקן ברענענדיקן פארלאנג צו זיין וואס גיכער אויף יענער זייט פון דער טומאה־שטוב, פונעם ווייערכ־דיקן גוישן הויז.

— איז עס אפגעמאכט, שעפסל, א שטול ווי ביים גראף טשאר־טאריסקי, נאר א ביסל אנדערש — האט דער ביסקופ אויף אים געקוקט מיט א פאר קוילשווארצע אויגן, וואס האבן געפינצטערט אויף אים, ווי ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, מיט כעס וואס ער קאן דעם זשידאק נישט ארויסטרייבן, נישט פאריאגן פון זיך דעם אנטיכריסט פון זיין שטוב ארויס.

די שטילקייט דא האט שעפסלען ווי געלעכערט דעם מוח און

ער האָט זיך, שעפּסל, געגומען רוקן אויף צוריק צום אַרויסגאַנג. דער דעקאַן האָט פאַר אים געעפנט די טיר צום דרויסן אַרויס, און אויף הינטערוויילעכץ, ווי להבדיל אויסגייענדיק עלינו, איז ער אַרויס אין מוכלען קאָרידאָר און דאָ האָט ער ערשט פריי אָפּגעאָטעמט.

די פיס זיינע, וואָס זענען געווען ביים ביסקופּ אין שטוב, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, האָבן אים איצט גרינג געטראָגן גלייך צום רב, פאַרלייכטערן אים זיין שווער האַרץ און געמיט, אָנזאָגן אים וועגן דעם נס, וואָס דער שונא-ישראל פאַרלאַנגט בלויז פון אים אַ שטול און נישט מי-יודע וואָס...

ביידע האָבן געדאַנקט און געלויבט דעם רבונו-של-עולם, דעם שומר ומציל פאַרן נס. אַ שרעק צו טראַכטן בלויז, וואָס דעם שונא-ישראל האָט אַלץ געקענט איינפאַלן צו וועלן פון אים, פון קהל.

— מאַך אים די שטול און פאַרשטופּ אים דאָס מויל — האָט דער רב נאָך אַ מאָל אָפּגעגעבן זיין לויב דעם וואָס לעבט אייביק און טוט ניסים מיט יידן. געזאָגט גם זו לטובה וואָס מען קומט אָפּ מיט אַ שטול, מע כאַפּט אַ ווילדע מציאה ביים צורר-היהודים. ס'האָט חלילה געקאָנט זיין ערגער.

דעם ימח-שמוניק איז אַ מאָל, נישט היינט געדאַכט, געפעלן געוואָרן אַ כתר-תורה פאַר זיין יויזל. דווקא די גאָלדענע קרוין מיט די זילבערנע גלעקלעך און די פיסלעך פון די יונים, די טויבן, וואָס מ'האָט די היילקייט אָנגעטון שמחת-תורה צו די הקפות; אָט דאָס האָט זיך אים פאַרגלוסט פאַר זיין שלאָמויזל. ס'האָט געקאָסט ממון מיט דמים ביי נאַטשאַלסטווע אָפּצושלאָגן ביי אים זיין ווילדן אָפּעטיט און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אַ ביסל געצוימט, געקריגן קלענערע השגות.

ווען שעפּסל איז געווען ביים ביסקופּ אין שטוב, געזען אַז ער טראָגט אַ רויט קאַפּעלע אויפן קאָפּ, ער גייט נישט אַרום אין בלויזן קאָפּ, ווי להבדיל אַלף הבדלות, אַלע פרומע יידן. האָט ער געטראַכט ביי זיך, שעפּסל, אַז אַ גאָלדן קאַפּעלע, אויסגעשניטן אויפן קאַפּשטיק פון זיין שטול, וועט אים, דעם ביסקופּ, זיכער געפעלן. ער האָט אויך געהערט אַז דער ביסקופּ האָט ליב כלבים, האָט ער אים געמאַכט צוויי הינט ביי די הענט-אָנלענס — פון ביידע זייטן שטול. די הינט זענען געווען ענלעך צו די צוויי כלבים, וואָס ער האָט געטראָפן אַ מאָל אין גאַס אַרומלויפן, פאַרפאַלגטע דורכן הינטשלעגער וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך זיי מיט זיין דראַנג און פעטליע.

די כלבים זענען געווען פון דער זעלבער ראַסע וואָס דער כלב

פּונעם „פּאַן דאָקטאָר" פון שטעטל, וואָס האָט זיך מיט אים אַרומ־געפירט אויף זײַנע שפּאַצירן און איז געגאַנגען מיט אים אויף די וויזיטן צו די קראַנקע. דער הונט איז געלאָפן פאַר אים פאָרויס, געשראָקן קינד און קייט, געטריבן, געיאָגט פון וועג אַראָפּ, געריסן ייִדן די פּאָלעס פון די לאַנגע קאַפּאָטעס און דער „פּאַן דאָקטאָר" האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער.

4. שעפּסל סטאָליער ווערט אַ בעל־מום

שעפּסל איז געוואָרן פאַרציטערט און בלאַס ווי די וואַנט, ווען דער שליח פונעם ביסקופּ האָט אים געבראַכט אַ פּאַפּיר מיט צוויי קליינע געמעלן פון מוסטער־צלמלעך וואָס ער דאַרף אויסשניצן בײַ די זײַטן פונעם קאָפּל אויפן קאַפּשטיק פון דער שטול און אונטער די הינטישע מאָרדעס פון ביידע אָנלעגס. דער ביסקופּ האָט אויך פאַרלאַנגט אַז דאָס קאַפּעלע זאָל נישט זײַן פון גאָלד־קאָליר, נאָר פּאָליטירט פון אַ טונקעלן שערלאַק־לאַקיר, נאָר די צלמלעך זאָלן זײַן אין גאָלד. ווי אויף שטאָלצן איז שעפּסל געלאָפן צום רב מיט אַ שאלה: וואָס זאָל ער טאָן?

דער רב האָט אויסגעגלאָצט אויף שעפּסלען אַ פּאָר פאַרווירטע דערשראָקענע אויגן און אים געשפּיזלט ווי מיט שפּילקעס:

— וואָס פאַר אַ שאלה איז עס, שעפּסל? — האָט דעם רבֿס קול אַזש אונטערגעציטערט.

אַ פאַרשעמטער, וואָס ער איז געקומען צום רב מיט אַזאַ שאלה גאָר, האָט שעפּסל אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, דערמאָנענ־דיק זיך דעם חוק ולא יעבור, אויף וואָס ס'איז גאָר אין גאַנצן נישט צו פרעגן קיין שאלות.

— יהרוג ואל יעבור! — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — אויף קידוש־השם גייט מען דאָך פאַר דעם! וואָס זשע איז ער געקומען פרעגן שאלות?

אַ בלייכער האָט זיך שעפּסל שטיל אַרויסגערוקט פון בית־דין־שטוב. ס'איז אים שוין אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט שוין געוווּסט וואָס ער דאַרף און וואָס ער וועט טון.

די פאַרטיפונג אַרום קאַפּעלע און אויך אונטערן קאָפּל האָט שעפּ־סל געשניצט מיטן שטאָמאײַזן. ער האָט אויסגעפּאַרטיקט, אויסגע־גלעט פון אַלע זײַטן, כדי ס'קאָפּל זאָל זיך אַרויסהייבן, אַנזען, ס'זאָל זײַן בולט אויפן קאַפּשטיק איבערן ביסקופּס שטול. ווען ער האָט

א פיר געגעבן מיטן שטאמאַיזן ארויפצו, ווי ס׳האָט געדאַרפט זײַן דער צלם, האָט זיך דער שטאמאַיזן פלוצעם א גליטש געטאָן מיט דער שאַרף איבערן ווײַזפינגער פון דער לינקער האַנט, אים אײַנגע־שניטן ביזן ביין און אויך צעקאַליעטשעט די אַנדערע פינגער וואָס האָבן זיך געבאַמבלט פאַרבלוטיקטע, ווי נאָכהענגענדיקע שטיקלעך פלייש.

אין זײַן אייגן בלוט האָט שעפסל געקילט זײַן כעס אויפן בים־קוף, וואָס האָט אים שיִער נישט געבערענגט, חס־וחלילה, לידי עבירה. ס׳זאָל אים, שעפסלען, נאָר נישט גערעכנט ווערן אַפילו די מחשבה זײַנע צו גיין פרעגן שאלות, דאָס גיין בכלל צום רב. קוקנדיק אויפן בלוטיקן קנויל פון דער צעשעדיקטער האַנט, ווי ס׳בלוט לויפט אַזוי אַן אָפּשטעל, האָט ער דערפילט א שלאַבעריקייט און די פיס זענען אים ווי געליימט געוואָרן. א האַלב שטעטל האָט אים געפירט צום „פאַן דאָקטאָר”, וואָס האָט באַלד פאַרהאַמעוועט דאָס בלוט, פאַר־באַנדאַזשירט די פאַרקריפּלטע האַנט אַן די פינגער און אים אָפּגע־שיקט אַהיים — א בעל־מום.

ייִדן האָבן אים באַדויערט, שעפסלען, דעם בעל־מום. מ׳האָט געהאַט מיטלייד מיט אים. מ׳איז אים געקומען מבקר־חולה זײַן. ער איז געלעגן אַן אָפּגעשוואַכטער אין בעט מיט דער פאַרבאַנדאַ־זשירטער האַנט אויסגעשטרעקט גלײַך. ער איז לאַנג נישט אַרויס פון הויז. מ׳האָט אים געטרייסט און אַליין זיך געשראָקן, אַז איצט, ווען שעפסל איז געוואָרן א בעל־מום, וועט געמינערט ווערן זײַן נוצ־לעכקייט און זײַן זכות בײַ די פּריצים און אויך די טובות וואָס ער האָט בײַ זיי אויסגעפּועלט פאַר ייִדן.

זיי האָבן גוט געוווּסט, די ייִדן, וואָס פאַרע כפוי־טובהניקעס, נישט־דאַנקבאַרע די גויִים זענען; ווי גיך זיי פאַרגעסן די הילף און דעם נוצן וואָס זיי האָבן געהאַט פון ייִדן. נאָך פון מצרים ציט זיך עס זייער שכחה, זייער פאַרגעסן א טובה. אַפילו יוספן, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון הונגער, האָבן זיי באַלד פאַרגעסן. איצט וועלן די פּריצים זיכער מער נישט געדענקען ווער ס׳האָט זיי געמאַכט די לײַכ־טע רעדער, ווי די שפּרינגפעדערס, צו זייערע קאַטשן און פאַיעטאָנען, זייערע רײַכע פּריצישע שטולן.

אָבער ווידער איז געשען א נס. דער פּריץ טשאַרטאָריסקי האָט נאָר פאַררעכנט שעפסלס פאַרלירן דעם פינגער פאַר א מסירת־נפש־דיקן קרבן בײַם מאַכן דעם ביסקופּס שטול. ער האָט אים געלויבט און באַדויערט. און מיט ווען דער פּריץ האָט געהאַלטן, האָבן אויך

אלע אנדערע געהאלטן. אויך דער ביסקופ האט באדויערט שעפס־לען צוליבן אומגליק מיט דער האנט, און אים געלויבט פאר זיין מוסר־נפש זיין זיך ביי דער ארבעט, אין נישט געוואגט ארויסצוברענ־גען אויף אים קיין שאטן פון א חשד. כאטש ער האט זיך מיט אים ארומגעטראגן אין הארצן.

דער רב, להבדיל, האט זיך אפן מודה געווען, אז ער איז מקנא שעפסלען מיט דער זכיה וואס ער האט געהאט — מקדש השם צו זיין. ער האט זיך קונה עולם־הבא געווען מיט א בלויזן פינגער. צו אזא זכיה איז לאו כל אדם זוכה, נישט אנדערש ווי זכות־אבות זע־נען אים בייגעשטאנען.

שעפסל אליין האט אויך אזוי געטראכט. ס'איז דאך געווען צו זען באשיינפערלעך, אז ס'איז אים געשען א נס וואס דער פרייז איז נישט געווען קיין העכערער און דער נסיון א גרעסערער. און ער האט גומל געבענטשט וואס ער איז אפגעקומען בלויז מיט איין פינ־גער. יידן האבן דאך מקריב געווען זייערע לעבנס אויף די שייטער־הויפנס, געגאנגען על קידוש־השם. און ער, שעפסל, האט מסכים געווען מיטן רב, אז ער האט געכאפט א מציאה, זיך איינגעקויפט עולם־הבא בזול, פאר א שיבוש, פאר א צעקאליעטשעטן פינגער. אבער ער האט נאך די האנט ביז 120 יאר.

5. ר' חיים באיער, דער וואלד־סוחר און שעפסל דער סטא־ליער בארא‌טן זיך

ער האט געטון א נדר, שעפסל אז נאך דעם ווי ער וועט פטור ווערן פונעם ביסקופ מיט זיין שטול, וועט ער זיך אפגעבן, עוסק זיין בתורה וצדקה און מעשים־טובים. זייטשיקן וועט ער צוריק לאזן זיין דער סטעלמאך, און ער? ער האט געדארפט זיין ווי זיין טאטע, ווי זיינע זיידעס — א שמח בחלקו, זיך לאזן צופרידן מיטן חלק וואס זיי האבן אים איבערגעלאזט, מיטן מאסיוון מעבלפאך. וואס האט ער זיך געלאזט פון שטן פארדרייען דעם קאפ מיט רעדער און קאטשן, מיט שטולן פאר פריצים און כראביעס. ווי קומט ער צו זיי?

צו זיי, צו די גראפן טייגן זיך אוים די באיערס, די וואלד־סוחרים. פאר זיי האבן די פריצים די נכפה. פאר חיימען, וואס האקט זייערע וועלדער, וועלן זיי קיין זאק בארשט נישט נעמען. פאר אים האבן זיי דרך־ארץ, קומען צו אים און ער פארט צו זיי, מיט זיי אין איינעם אויף זיינע ברישקעס, אין זיינע קאטשן.

אַפילו דער ביסקופּ חנפעט די באַיערם, טראָגט זיי אַנטקעגן דעם גוטמאָרגן, ווען זייערע בריטשקעם באַגעגענען זיך אויף די וועגן... און מיט אים, שעפּסלען, שאַפט ער זיך, ווי מיט אַ שיק־ייִנגל, ביט זיך אוים ביי אים ס'טעלערל פון הימל, הייסט זיך מאַכן שטילן מיט צלמים. אַפילו צו געלט דאַרף מען האָבן מזל. בלויז די באַיערם האָבן ביידע זאַכן: מזל און געלט, און מזל צום געלט.

אויך די סאָציאַליסטן, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, האָבן דרך־ארץ פאַר די באַיערם. ביי אַלע שטרייקט מען; זיינע מעבל־וואַרשטאַטן שטייען ליידיק; אַפילו קרעמלעך זענען פאַרמאַכט; דער קאַלכאויוון ברענט נישט; אין דער ברויעריי איז שטיל; די שטעקעלע־און פאַסאַצקע־פאַבריק פייפט נישט; אין דער מיל מאָלן די פויערן אַליין זייער תבואה. אָבער ביי חיים באַיער האַקט מען די וועלדער אָן אַן אָפּשטעל און ס'שווימען די פליטן און טראַטוועס איבער דער ווייסל אומגעשטערט. די באַיערם איז שוין באַלד בעסער ווי דעם קייסער.

דאָס מזל־ברכה, וואָס דינט צו די באַיערם דורך טיר און טויער, ווי נאָר זיי קערן זיך און ווענדן, איז נישט אַנדערש נאָר פון גאָט ברוך הוא אַליין — האָט שעפּסל פאַרשטאַנען — אַז גאָט בענטשט מיט מזל, גייט אויך מיט די ברכה. אָבער איין זאַך האָט ער נישט געקענט תופס זיין, באַנעמען מיטן שכל, דאָס וואָס די באַיערם האָבן אויך מזל ביי די סאָציאַליסטן, די מהפּחהניקעס, וואָס לויפן אַרום און שרייען „דאַלוי מיטן קייסער!" ווילן אים אַראָפּוואַרפן פון זיין כסא־מלוכה, און אויך זיי שאַנעווען די באַיערם, האָבן פאַר זיי דרך־ארץ, שטערן זיי נישט צו האַקן די וועלדער, ווען ביי די שוסטערס, שניידערס און לאַטוטניקעס שטרייקט מען. נאָר זיי, די באַיערם זע־נען אומבאַרירלעך, אומצוטריטלעך.

אין אַ טאָג האָט חיים באַיער אים גערופן צו זיך, שעפּסלען, ער זאָל אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט מכוח ענינים פון שתדלנות ביי די פּרי־צים פאַר ייִדן. אמת, ער איז איצט, שעפּסל, אַ בעל־מום און זיין השפּעה וועט זיין קלענער, זיי קאָנען שוין נישט האָבן פון אים אַזאַ גרויסן נוצן, וואָרן ער האָט דאָך פאַרלוירן אַ פינגער און זיך צעשע־דיקט די האַנט. אָבער דאָך קאָן ער נאָך עפּעס אויספּועלן. האָט ער אים טאַקע גערופן, שעפּסלען, ער זאָל קומען צו אים, איבערדעדן וועגן מלבושים פאַר די בני־תורה־קרעמערם וואָס זענען פאַראָרעמט געוואָרן צוליב די כסדרדיקע שטרייקן און פאַר די באַלמלאָכעס וואָס

גייען ארום בטל, אן פרנסה, האבן נישט וואס צו טון. די הכנסת אורחים־חברה באזארגט זיי מיט מזון, אבער מיט קליידער פאר ווייב און קינדער איז שלעכט און ביטער. די תלמוד־תורה פוסטעוועט ווייל די קינדער האבן נישט קיין קאפאטאנדל און קיין שיך.

— איי, ווי קומט עס, ר׳ חיים — האט שעפסל ריזיקירט אין אים א פרעג געטון — וואס אייך רירן נישט אן די אלע פלאגן און ביי אייך גייט אלץ בסדר?

אויף דעם האט חיים באיער ווי אויף אלע אנדערע ענינים גע־האט א פארטיקן ענטפער:

— ראשית, האבן די מהפכהניקעס נישט קיין שליטה אין זיינע וועלדער. צוליבן פשוטן טעם וואס די האלצהעקערס אין די וועלדער זענען פויערן. א גאנצן ווינטער זענען זיי וואלדהעקערס, האקן די וועלדער, און ווי נאר דער שניי הייבט אן צעגיין, ווערן זיי צוריק פויערן און נעמען זיך צו זייער פעלדארבעט. טא וואס פאר א שייכות האבן פויערן מיט באלמעלאכעס, מיט ארבעטורערס? והשנית, ווילן נישט די ארבעטורערס דעם קייסער צוליב דער מילחמה מיטן יאפאנטשיק וואס שלאגט אים מכת־רצח און די ארבעטורערס פאלן דארט ווי די פליגן. דער מינהג העולם איז אז דעם רוב ארבעטורערס נעמט מען פאר סאלדאטן און מע שיקט זיי די ערשטע אין די שלאכטן, אויפן ערשטן פייער, ווייל אויף די פויערן מיט זייערע פויערישע קעפ איז זיך נישטא וואס צו פארלאזן. די פויערן ברענגט מען דע־מאלט אין די פאבריקן און מע מאכט זיי פאר ארבעטורערס, מחמת אויף ארבעט פארשטייען זיך די פויערן בעסער, טויגן זיך גיכער אוים ווי צו מילחמה. פארשטייט מען דאך שוין ווויל פאר וואס די ארבע־טורערס בונטעוועז זיך, ווילן נישט גיין אין מילחמה ארייז, מאכן זיי דעריבער מהפכהס, לאזן נישט ארבעטן — זיי ווילן נישט געהרגעט ווערן.

אזוי האט חיים באיער פארענטפערט זיין דאברע מזל ביי די סאציאליסטן און אויך פאר וואס זיי לויפן ארום און שרייען: „דאלוי מיט דער סאמא־דיערזשאוויע!״ מיטן קייסער, הייסט עס, וואס שיקט זיי אויף די שלאכטפעלדער צו ווערן געהרגעט.

ערשט איצט האט עס שעפסל פארשטאנען, ס׳איז אים קלאר גע־ווארן ווי דער טאג די מערכה פונעם גרויסן גביר, דעם וואלד־סוחר, און זיין שעפסלס אייגענעם מצב. אבער זיינע באלמעלאכעס, יידן חסידים, בני־תורה — זיי זענען דען ארבעטורערס? און דאך נעמט מען זיי אויך נישט אין דער מילחמה מיטן יאפאנטשיק פונקט ווי

די פויערן דרייען זיי זיך ארום עובר-בטול, ארבעטן נישט, האבן נישט קיין פרנסה, פארדינען נישט קיין גראשן און גיבן נישט אנדערע צו פארדינען, און אלע ווערן זיי פאראָרעמט. דאס הייסט נישט אז מע דארף נישט זיין צופרידן וואס מע נעמט זיי נישט צו די זעלנערס אדרבא, וואס קאן נאך זיין ערגערס ווי געשיקט צו ווערן אויפן פראנט, גיין אויף א זיכערן טויט? אבער נישט קיין קלענערער בייז איז דער הונגער, דאס אומקומען מיט א הונגערטויט און די ארבעטורערס העלפן נאך צו צו דעם? אויך די הארבע שאלה האט חיים באיער געוווסט צו פארענטפערן:

— נו, דאס איז שוין די צייט אזא, און די שטרייקן זענען טאקע א שטעקן מיט צוויי עקן, אי זיי שלאגן יענעם, אי זיי קריגן אליין צוריק געשלאגן. דאס איז שוין מחמת הפקר. היינט איז אן עולם-תועה, רחמנא-לצלן, א הפקר-וועלט, לת דין ולת דיין. וואס טוען די בעל-מלאכות אייערע?

— וואס יידן טוען, פרעגט איר? זיי זענען עוסק בתורה, זיצן און לערנען. קיין דברים בטלים טוען זיי נישט ברוך-השם. אבער פרנסה פעלט, און אן קמח, קאן נאך חס וחלילה קומען צו אין תורה, ווי דער פסוק זאגט: תורה שאין עמה מלאכה, אז דאס לערנען ווערט נישט באגלייט מיט קיין מלאכה, סופה בטלה, קאן זי נאך בלייבן פארלאזן, וגוררת עון, און גורם זיין א זינד. וכל העוסקים בציבור, פארשטייט איר מיך, ר׳ חיים, מיר אלע עסקנים, דארפן זארגן... איך צאל פאר מיינע אין הכנסת- אורחים. כ׳האב געקויפט שיכלעך פאר די קינדער ביי ליפען. אבער ס׳איז בצימצום. און וואס וועט זיין מיט מצות און אנדערע צרכי-מזון לכבוד פסח? מע וועט דארפן אייער הילף, ר׳ חיים, אייער שתדלנות ביי די פריצים.

— מיין מגע-ומשא מיט די פריצים איז מיסחר און נישט קיין צדקה. ואין מערבין מיסחר וצדקה. צדקה לחוד ומיסחר לחוד, איינס מיטן דריטן איז נישט קיין מחותן, מיט די פריצים טו איך מיסחר, און צדקה גיב איך אליין, אן יידישע שותפים, א כל-שכן נאך גוים. וואס ווייסן גוים וועגן יידישע צרכי-צדקה? מיט אייך איז עפעס אנדערש. צו אייך האבן זיי געדארפט אנקומען. איר האט זיי געטון טובות, און נאכן טוען זיי טובות, תחדש ימיך כקדם, זייט זיך נישט מייאש, ר׳ שעפסל, זיי וועלן נאך דארפן צו אייך אנקומען. און פארן ענין מלבושים, פארשטייט איר מיך אזוי-א, דארף מען שאפן א חברה, וואס זאל זיך פארנעמען מיטן באזארגן מלבושים און שיך פאר די נויטבאדערפטיקע...

און ר׳ חיים באַיער האָט טאַקע באַלד דער ערשטער געגעבן שעפּסלען עטלעכע געגוצטע אַלפּאַגענע זשופּיצעס, און אַטלאַסענע קאַפּאָטע, און אַ פּאָר מכנסים און אַ פּאָר קאַמאַשן:

— ייִדן, ר׳ שעפּסל, זענען עוסקים בצרכי ציבור לשם שמים, שזכות אבותם מסיעתם וצדקתם עומדת לעד. וואָס ווייסן גויִים פון דעם? וואָס ווייסן זיי פון מתן-בסתר? זיי וועלן מיר געבן אַ קערבל און איך וועל זיי ווערן אַ בעל-חוב אויף טויזנט. ווער, כ׳בעט אײַך, וויל עס זײַן אַ בעל-חוב צו גויִים און נאָך אָוועקגעבן זיי די מיצווה של צדקה? — האָט ר׳ חיים געשמייכלט צופרידן און פאַרשטעקט נאַפּאָלעאָניש די רעכטע האַנט אונטערן שלאַפראָק, צום האַרץ און דאָרט געפּויקט מיט די פינגער.

שעפּסל האָט פריִער קיין מאָל נישט געשמועסט מיט ר׳ חיימען, נישט אין דברי-תורה און נישט אין סיחת-חילון, ווײַל ווי איז ער געקומען צו די באַיערס, אַז אין די וואָכנטעג פון אַ גאַנץ יאָר האָבן די באַיערס געדאַווענט ביחידות, אין הויז בײַ זיך, אָדער ערגעץ אין די וועלדער, און אין די שבתים און ימים-טובים — אין לובלינער שטיבל. בלויז סליחות-צײַט און אין די עשרת-ימי-תשובה האָט מען זיך באַגעגנט אויף די קרייצוועגן צום בית-מדרש, צום סליחות זאָגן אָדער נאָך סליחות, צי אויפן בית-מדרש-הויף. מ׳האָט זיך געזאָגט גוט-מאָרגן, גוטיאָר, געווונטשן זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה, און מ׳איז זיך צעגאַנגען — יעדער אויף זײַן אויסגעטרעטענער סטעזשקע מיט דער האָפענונג זיך ווידער צו טרעפן איבער אַ יאָר.

6. שעפּסל ווערט גבאי-ראשון פון דער חברה „מלבוש-ערומים"

איצט האָט שעפּסל געזען, אַז בײַ ר׳ חיימען איז דאָ תורה וחכמה במקום אחד און אַז ער איז אַ מכבד את הבריות; אַז אויף אים איז געזאָגט געוואָרן: יפה תלמוד-תורה עם דרך-ארץ. ער האָט אַלע מעלות-טובות פון אַ בן-תורה און אַ תלמיד-חכם; אַז ער פאַרמאָגט בינה ודעת. האָט מען טאַקע פאַר אים דרך-ארץ: דער באַיער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! — האָט שעפּסל בײַ זיך געטראַכט, זענענדיק און הערנדיק חיים באַיערן אויפקלערן וועלטזאַכן, און זײַן עצה-טובה וועגן מלבוש-ערומים זײַן די אָרעמע און פאַראָרעמטע.

צו דער שבת-בראשיתדיקער מלווה-מלכה-סעודה און אַסיפה פון די פּרנסים אויפן נײַעם יאָר האָט חיים באַיער פאָרגעשלאָגן שעפּסלען

פאַרן גבאי־ראשון, און שמואל־חיים עסיקמאַכער פאַר גבאי־שני פון דער נייער חברה מלבוש־ערומים, און אַליין צוגעזאָגט זיין הילף און שטיצע־גרייטקייט צו יעדער צייט.

שמואל־חיים עסיקמאַכער האָט זונטיק פאַר שחרית מבשר־בשו־רה געווען שעפּסלען, אַז ער איז נעכטן, ביי דער ערשטער פּרנסים־אַסיפה, אויסגעקליבן געוואָרן פאַר גבאי־ראשון פון דער חברה מלבוש־ערומים, און ער, שמואל־חיים איז זיין סגן, גבאי־שני. שעפּסל האָט אויסגעהערט און פאַריבל געהאַט:

— היתכן? ווי געשיקט זיך עס? קיין בעסערער איז שוין נישט געווען? נאָר מיך האָט מען געדאַרפט צום מנין?

מוצאי־שבת־קודש נאָך הבדלה איז שעפּסל אַוועק צו ר' חיימען אים פרעגן די זעלביקע שאלה און האָט אין זינען געהאַט פאַרצושלאָגן יידל רימאַזש אויף זיין אָרט. ער האָט ר' חיימען געטראָפן אין בעט. די הויזווירטין, די אַלטע שרה, האָט אים געבעטן נישט מעריך זיין און נישט מצער זיין דעם האַרצקראַנקן חיימען. נאָר איידער ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל האָט זיך שעפּסל מיישב געווען און שוין געוואָלט צוריק אַוועקגיין.

— אין גאָטס ווילן, ווו גייט איר, ר' שעפּסל, גייט אַריין צו אים, וויזיט זיך פאַר אים, איר וועט אים מחיה־נפש זיין. כ'האָב נישט געמיינט איך, חלילה... נאָר זייט אים נישט מצער זיין שלאָף הארץ מיט די אַרעמעלייט, מיט די אביונים — האָט זיך שרה ביי אים געבעטן, אַדרבא, זאָל ער אַריינגיין צו ר' חיימען, דעם איינזאַמען קראַנקן.

שעפּסל האָט זיין באַזוך משנה געווען אויף אַ ביקור־חולים־וויזיט. ער האָט אים געדאַנקט, חיימען, פאַרן אויסקלייבן אים פאַר גבאי־ראשון פון דער חברה מלבוש־ערומים, פאַרן העלפן אים מעלין בקודש זיין. ער האָט אים אויסגעפרעגט, ר' חיימען, אויף זיין געזונט, ווי ער פילט זיך, געלויבט זיין אויסזען וואָס איז נישט צו פאַרזינדיקן, פון זיין אַברהמטשיק, דעם שטיפזון; דערמאָנט אים אַז: „בגידול בנים אין רגע בלי פגע" און אים פאַרזיכערט אַז ער וועט נאָך זוכה זיין צו דערלעבן אַ סך נחת.

— כ'האָב זיך משער געווען, ר' שעפּסל, אַז איר וועט זיין צו־פרידן. צוזאַמען מיט אייער צווייטע העלפט, דאַכט זיך, שרהלע די גבאיטע, וועט איר זיך איינס ס'צווייטע משלים זיין אין דער דבר־צדקה — האָט ר' חיים זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס צו שעפּסלס אַוועקגיין.

שעפּסל האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך נישט אָנשטרענגען לכבודו.

— ס'איז גוט אַזוי — האָט ער זיך געזעגנט מיטן חולה — איר דאַרפט זיך נישט איבערשטרענגען, ר' חיים, האָט מיר אַ רפואה־שלימה.

7. אַ פריש אָנשיקעניש — דער דעקאַן פונעם ביסקופּ

אין דרויסן האָט שעפּסל אויף זיך פאַריבל געהאַט, וואָס ער האָט מהרהר געווען אויף די באַיערס מזל־ברכה. במחשבה האָט ער זיי אפשר נישט פאַרגינען, מקנא געווען און חרטה געהאַט דערויף, זיך פאַרגעוואָרפן זינד אַין געבעטן דעם אין הימל, סליחה ומחילה פאַר די זינד זײַנע. ער איז דאָך טאַקע אַזאַ, ר' חיים באַיער, ווי דער פּרק לערנט צו זײַן אַ ייִדן, אַן אוהב את הבריות, אַן אוהב את הצדקה, אַ מרחם על הבריות, מוז ער דאָך זיכער זײַן אַן אוהב את המקום און טאַקע אויך אַן אל תבקש גדולה. קיין תחמוד בכבוד איז ער זיכער נישט, גיכער אַ מתרחק מן הכבוד. וואָס קאָן נאָך זײַן אַ גרעסערע מדרגה, ווי זיך דערווײַטערן פון כבוד? ווען ער, שעפּסל, וואָלט געטיילט מזל־ברכה, וואָלט ער דעם חיימען געגעבן כפל כפלים אַין אויך אַריכת־ימים וואָלט ער אים געווען געגעבן — האָט שעפּסל בײַ זיך געטראַכט ווען ער האָט זיך דערווײַטערט פון באַיערס נגידישער שטוב.

ווי ער גייט אַזוי פאַרטון אין מחשבות האָט ער געהערט ווי עמעצער האָט אים אַ רוף געטון בײַם נאָמען.. דאָס קול האָט זיך אײַבערגעחזרט און ער האָט דערפילט ווי מע רירט אים אָן די פּלייצע. ער האָט זיך געגעבן אַ דריי אױם און פאַר אים איז געשטאַנען דעם ביסקופּס שליח — דער דעקאַן. ער האָט אים געבעטן מוחל זײַן וואָס ער שטעלט אים אָפּ אין מיטן גאַס. ער גייט טאַקע פון אים אַין אים נישט געטראָפן אין שטוב. ער איז אים געקומען איבערגעבן, אַז דער ביסקופּ וויל וויסן וואָס ס'וועט זײַן מיט דער שטול?

— ווען ער וויל, קאָן ער זי האָבן.

— זי איז דאָך אָבער נאָך נישט פאַרטיק.

— זי איז פאַרטיק. וואָס הייסט די שטול איז נישט פאַרטיק? מען קאָן אויף איר זיצן.

— ווי איז זי פאַרטיק, די שטול, אַז זי איז אָן די צלמים.

— איך קאָן עס נישט מאַכן — האָט שעפּסל אַ וואָרטשע געטון — די האַנט דינט מיר נישט מער.

ביידע זענען געשטאַנען ווי צוויי צעקריגטע הענער און זיך אָנ־געקוקט איינס דאָס אַנדערע, געפּאָרשט באַהאַלטענע כוונות.

— וואָס זשע זאָל איך זאָגן דעם ביסקופּ, וואָס? — האָט דער דעקאַן נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

— זאָגט דאָס וואָס איר הערט, וואָס דאַרפט איר זאָגן? איך קאָן די שטול בעסער נישט מאַכן. ביי מיר איז די שטול פּאַרטיק — האָט שעפּסל אַ פּאַכע געטון מיט דער האַנט אָן די פינגער.

— אפשר ווייסט איר ווער ס׳קאָן עס מאַכן? — האָט דער דע־קאַן געזאָגט אַ פאַרזאָרגטער מיט אַ געענדערטן טאָן.

— כ׳בין זיכער, אַז צווישן די וואָס גלייבן אין ביסקופּ, קאָן מען געפינען אַזעלכן וואָס וועט עס קאָנען מאַכן — האָט ער שעפּסל, אַלץ געהאַלטן די אָנפינגערדיקע האַנט פאַר אים, ווי אַן עדות, אַז ער קאָן די שטול נישט פאַרענדיקן אַזוי ווי דער ביסקופּ וויל.

— הערט מיך אויס, פּאַניע שעפּסל, איר מאַכט זי בעסער פאַר־טיק מיט גוטן אָדער זעט ס׳זאָל זי עמעץ אַנדערש מאַכן — האָט דער דעקאַן געגעבן אַ פיר מיט דער האַנט, ווי צו פאַרטרייבן אַ זלידנע פליג פון פּנים, און אַנטלאָפן.

8. פּטור געוואָרן פונעם ביסקופּס שטול

שעפּסל האָט איצט געהאַט מיט זיך אַ ישוב־הדעת און באַשלאָסן נישט צו וואַרטן מער ביז דער ביסקופּ וועט אים רופן. באַלד אין דער פרי האָט ער גענומען און אָפּגעטראָגן די שטול און זאָל ער דאַרט מיט איר טון וואָס אים געפעלט. אָן די שאַלאַמויזן איז זי אַ שיינע הערלעכע שטול, אַ סך שענער ווי די פּריצישע שטולן.

דער דעקאַן האָט אים נישט געלאָזט איבערלאָזן די שטול ביי אים, נישט געוואָלט זי צונעמען אויף זיין אייגענער אחריות. ער האָט פון אים פאַרלאַנגט איינס פון די ביידע: אָדער שעפּסל טראָגט זי אַליין אַריין צום ביסקופּ, אָדער ער נעמט זי צוריק.

— זי איז נישט מיינע — האָט אים שעפּסל געזאָגט מיט אַ תמי־מותדיק קול — זי איז דעם ביסקופּס. זאָגט אים אַז איך וויל אַריינ־גיין צו אים.

שעפּסל איז געבליבן וואַרטן, דער דעקאַן זאָל מעלדן דעם ביס־קופּ, אַז דער סטאָליער איז דאָ מיט דער שטול. דער דעקאַן איז אַוועק מיט ווייכע שאָרכלאָזע טריט און באַלד צוריק געקומען אַ נישט־צופרידענער:

— זיין הויכקייט קאָן אים איצט נישט אויפנעמען, ער רוט און

איך וועל אים נישט שטערן. נעם די שטול און קום מיט איר מאָרגן — האָט דער דעקאַן געזאָגט מיט אַ געמורמל נישט קוקנדיק אין סטאָליערס זײַט, נאָר געווענדט דעם בליק צוריק צום צווייטן עק קאָרידאָר.

— לאָז איך זי איבער ביז מאָרגן... וואָס וועל איך זי שלעפּן הין און צוריק — האָט שעפּסל צוריק געמורמלט און זיך גענומען שאַרן צום דרויסן אַרויס.

דער דעקאַן איז אים נאָכגעלאָפן צו דער טיר און אויף דער שוועל אים אײַנגערוימט:

— געדענק, ברענג אים נישט אַרײַן אין כעס... קום מאָרגן אומבאַדינגט.

איצט — האָט שעפּסל בײַ זיך געטראַכט, ווי נאָר ער האָט זיך געפונען אויף יענער זײַט טיר — אַבי כ'בין נאָר פּטור געוואָרן פון דער שטול, האָב איך זיי בײדע אין לוויוויטש. ער האָט גענומען שטעלן פיס, צו זײַן וואָס ווײַטער פונעם ביסקופּס הויז.

9. דער ביסקופּ לאָזט אַרעסטירן דעם סטאָליער

ערב שבת איז שעפּסל צוריק געגאַנגען פון מרחץ אַן אויסגעצוואָגענער, אַ פאַרשוויצטער און פאַרהיטלטער פון דער באַדהויז. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן ס'זעקעלע ברודיקע וועש, און אַזוי גייענדיק איז ער געווען פאַרטון אין פּסוקים פון שיר השירים. ערשט בײַ דער טיר פון זײַן הויז, האָט ער דערזען, וואַרט אויף אים דער דעקאַן און אַ גאָראָדאָוואָי בײַ דער זײַט.

— דער ביסקופּ וויל דיך זען — האָט זיך אָנגערופן דער דעקאַן — ער האָט אַן אָנקלאָג קעגן דיר.

גלײַך האָט אים דער גאָראָדאָוואָי אָנגעכאַפּט בײַם אָרעם און אים גענומען שלעפּן נאָך זיך:

— קום, נישט געשטאַנען, ריר זיך...

— ערב-שבת, ערב-שבת! — האָט שעפּסל זיך געפּרוווט באַפרײַען פון די גויִישע הענט — נאָר אַז איר שלעפּט מיך בעל-כורחא, גיי איך, איך גיי, כ'האָב דען אַ ברירה — האָט ער געזאָגט צו די ייִדן אַרום, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און נאָכגעגאַנגען זען וווּהין מע פירט אים, אַוודאי צום סינאָד, צו דער געריכט-געבײַדע. זיי זענען דאָרט געבליבן וואַרטן, נישט אָפּגעטרעטן ביז דער גאָראָדאָוואָי האָט שעפּסלען מיטן זעקל גרעט אָפּגעפירט אין „קאָזע" אַרײַן, אין דער צײַטווײַליקער תפיסה.

דער עולם איז אַוועק צום רב, מ'איז געלאָפן צו די פּרנסים, און

צום סוף איז מען געגאַנגען צום קראַנקן באַיערן, דעם יוצא-ונכנס ביי נאַטשאַלסטווע, ביי שרים; וואָס האָט געוווּסט ווי אַ טיר צו עפענען, ער זאָל גיין עפּעס טון, באַפרייען שעפּסלען פון תפיסה איידער ס׳פאַלט צו דער שבת.

שרה, חיים באַיערס ווירטין האָט זיך געוואָרפן, אָקעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט אַריינלאָזן קיינעם, נישט צו באַלעסטיקן דעם קראַנקן, דעם נוטה-למות. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל און געשריגן:

— רחמנות, יידן! קיינער גייט צו אים נישט אַריין! זאָגט מיר, מיר זאָגט וואָס איר ווילט פון אים.

אַז זי האָט אָבער געזען ווער ס׳וויל אַלץ זען ר׳ חיימען און גע־הערט אַז ס׳גייט אין פדיון שבוים, אין אַרויסנעמען שעפּסלען פון געפענקעניש — האָט זי נאָכגעגעבן און אַריינגעלאָזט בלויז דעם רב אַליין.

— אפשר שרייבן צו זיי אַ בריוול, אַ בקשה — האָט דער רב פאַרגעשלאָגן ר׳ חיימען נאָך דעם ווי ער האָט אים איבערגעגעבן וואָס ס׳איז געשען, אַז דער רשע-מרשע האָט צוליב נקמה איינגע־זעצט שעפּסלען אויף איבער שבת אוודאי, כדי צו צווינגען אים צו מאַכן זיינע אומווערדיקייטן. און דער רב האָט מגלה געווען ר׳ חיימען, אַז שעפּסל האָט דעם פינגער מקריב געווען צוליב דער אומווער־דיקייט און דער רשע לאָזט אַלץ נישט אָפּ.

— ס׳איז בעסער אַז מע גייט צו זיי, מע פירט אוים מערער און גיכער — האָט דער קראַנקער אַריינגעשושקעט דעם רב אין אויער אַריין — שיקט מיר אַריין, זייט מוחל, ר׳ יחזקאל אַלאַרזש און שמואל-חיים עסיקמאַכער — האָט ער געבעטן דעם רב און אים צוגעוווּנקען צו דער טיר.

אָנגעשפּאַרט אויף די שטאַרקע אָרעמס פון ר׳ יחזקאל אַלאַרזש און שמואל-חיים עסיקמאַכער, ביידע לובלינער חסידים, איז חיים באַיער, באַגלייט פונעם ערב-שבתדיקן עולם און קינדער, געגאַנגען ווי צו תשליך צו נאַטשאַלסטווע ערוב זיין פאַר שעפּסלען, אַז ער וועט זיך נאָך שבת צוריק צושטעלן.

שרה איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ שטיקל וועגס. אין מיטן איז זי גע־בליבן שטיין. זי האָט נאָכגעקוקט מיט פאַרבראָכענע הענט ווי די לעבעדיקע לוויה פאַרגייט, דרייט זיך אַריין אין דער אַנדערער גאַס. און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפן צום דאָקטאָר, אים בעטן, ער זאָל צו־גיין אַכטיק געבן אויף זיין קראַנקן, טאָמער ווערט אים שלעכט.

אויפן פּנים פונעם „פאַן דאָקטאָר" האָט זיך צעלייגט אַ צופרידן

שמייכעלע און אן איראניש פייערל האט זיך צעשפרייט אין די גראע שפאטיקע אייגעלעך זיינע. ער האט זיך גענומען גלעטן די וואנצעס און ארויפגעלייגט די אנדערע האנט אויפן הונטס קאפ:

— אז זיינע יידעלעך ווילן אים דערהרגענען, דעם באיערן, און ער פאלגט זיי, טא זאל ער פגרן, איינגעמען א מיתה — האט ער גע־זאגט אין יידיש די ווערטער „פגרן" און „מיתה" און נישט אריבער־געלאזט שרהן איבער דער פורטקע — גיב אים די טאבלעטן אויב ער קומט נאך אהיים — האט ער אפגעלאזט דעם הונט, וואס האט די גאנצע צייט געווארטשעט און געשטשירעט די ציין אויף דער אי־בערגעשראקענער שרהן.

10. דער קראנקער חיים באיער פרווט מזל ביים נאטשאלניק

צום נאטשאלניק, דעם פאליציי־הויפט איז חיים באיער אריין אן זיינע אונטערפירערס. ער האט קוים געקאנט ארויסברענגען א ווארט פון זיך. אויף זיין אחריות האט ער געבעטן דעם נאטשאלניק, ער זאל באפרייען שעפסלען פון תפיסה אויף איבער שבת. ער איז ערוב פאר אים, אז ער וועט זונטיק זיך צושטעלן, אליין צוריקקומען צו אים אין תפיסה אריין.

— איך דארף אים דא נישט צו האבן — האט דער פאליציי־נא־טשאלניק ווי זיך אפגעשאקלט פונעם גאנצן עסק — זאל ער גיין איבערבעטן דעם ביסקופ. ער האט אים אפגענארט און באליידיקט. צוגעזאגט צו מאכן א שטול און נישט געהאלטן קיין ווארט, נישט געמאכט ווי ס'קער צו זיין.

— נו, גוט, איך זאג אייך צו, אז ער וועט גיין צום ביסקופ — האט חיים באיער עפעס אנגעשריבן אויף א שטיקל פאפיר און דער־לאנגט דעם נאטשאלניק זיין שריפטלעכע גאראנטיע.

ס'האט נישט לאנג געדויערט און שעפסל סטאליער איז טאקע באלד באפרייט געווארן. זעענדיק אז ר' חיים האלט זיך קוים אויף די פיס, האט ער אים גענומען אונטערן ארעם און ארויסגעפירט אין דרויסן, ווו ס'האבן נאך אלץ געווארט די שטעטלשע יידן, באלויב־טענע פון דער אונטערגייענדיקער זון, וואס האט זיך שוין לאנג גע־האט געזעצט און ס'איז שוין געווען קורץ פאר ליכטבענטשן.

צוריק איז מען נישט געגאנגען נאר געלאפן, נישט צו פארשפע־טיקן צו דאווענען מנחה, מע זאל חלילה נישט מחלל־שבת־זיין. אויך שעפסל האט נאכן אפגעבן ר' חיימען זיין דאנק און יישר־כוח אים

איבערגעגעבן די לובלינער חסידים, יחזקאל אלאַרזש און דעם עסיק־מאַכער, און אַליין איז ער נעלם געוואָרן, פּטור צו ווערן פונעם זעקל ברודיקע וועש און האָבן נאָך אַ מאָל טבילה, זיך רייניקן פון דער קאָזע״־אומריינקייט, זיך טובלען אויף ס׳נײַ לכבוד שבת.

11. ר׳ חיים באַיערס פּטירה און שעפּסלס צוזאָג

ווי נאָר חיים באַיער איז אַריבער די שוועל פון זײַן הויז און בײַדע חסידים האָבן אים פאַרלאָזט, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול אין חלשות. ס׳האַרץ האָט אים פאַרקלעמט אין קראַמפּן. מ׳האָט אים אַרײַנגעלייגט אין בעט אַ מסוכן־קראַנקן. ער האָט אײַנגענומען צוויי טאַבלעטן, וואָס האָבן אים ווייניק געהאָלפן און ס׳איז אים געוואָרן וואָס אַ מאָל ערגער.

אַ גאַנצן שבת האָט ר׳ חיים געפּאַכעט מיט דער נשמה. זונטיק איז די אַלטע שרה געלאָפן רײַסן קברים. זי האָט מרעיש־עולם געווען פאַרן אָרון־קודש. שעפּסל מיט אַ מנין ייִדן האָבן געזאָגט תהילים, געבעטן פאַר אים אַ רפואה־שלימה. און ס׳האָט אויסגעזען אַז מ׳האָט אָפּגעשריגן די גזירה פון אויבן, אַרויסגעריסן אים פון מלאך־המוותס נעגל און מ׳האָט זיך באַרויִקט.

אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ שפּיצל פונעם מלאך־המוות, אַז די אַרומיקע, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אים, זאָלן זיך אַ ביסל באַרויִקן און אויך שרה זאָל מיינען, אַז ס׳ווערט אים בעסער, ר׳ חיימען און אויפהערן קערן וועלטן. און ווען אַלץ איז שוין געווען אײַנגעשטילט האָט ער אויסגענוצט דעם שעת־הכושר און זײַנס אויסגעפירט.

אינעם טאָג פון חיים באַיערס פּטירה האָט שעפּסל סטאָליער בײַם בעטן אים מחילה צוגעזאָגט צו זײַן אַ גוטער גבאי פון דער חברה מלבוש־ערומים און געלאָזט וויסן דעם ניפטר, אַז ער וועט מאָרגן נישט גיין צום ביסקופּ, ווי ער, חיים האָט צוגעזאָגט, נאָר ערשט נאָך די שלושים. זאָל ער זיך בעטן, דער ביסקופּ, שפּעטער וועט ער בעסער ווערן, ווען ער וועט געוואָר ווערן פון די פּריצים, וואָס וועלן זיכער זײַן בײַ דער לויה, פאַר וואָס ער האָט נישט אויסגעפירט ר׳ חיימס צוזאָג וואָס ער האָט געגעבן דעם נאַטשאַלניק און אויך נישט אויסגעפירט דעם ביסקופּס באַפעל.

ער האָט ר׳ חיימען געגעבן ס׳וואָרט אויסצופירן זײַן צוזאָג. זײַן וואָרט איז אַזוי גוט ווי זײַן אייגן וואָרט. ר׳ חיים האָט דאָך נישט

באַשטימט געגעבן דעם זמן. וועט ער, שעפּסל, מקיים זײַן דעם צוזאָג, ער וועט גיין, אָבער נישט פריִער ווי נאָך שלושים, און זאָל אים דער ניפטר מוחל זײַן דעם חטא.

נאָך די שלושים איז שעפּסל סטאָליער געגאַנגען צום ביסקופּ. אים וויַיזן, אַז מ'האָט נישט פאַר אים קיין מורא.

— דו ביסט גרינגשעציק קעגן הייליקן סינאָד! — האָט שעפּסל געהערט די דראָענדיקע וואָרענונג פונעם ביסקופּ פול מיט פאַראַכ־טונג.

שעפּסל איז געשטאַנען אַ גלײַכער מיטן היטל אין האַנט און קאָפּל אויפן קאָפּ, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, וואָס האָבן אים געוויזן, ווי פון אַ נעפּל אַרויס, אַ נישטיק קליין נפשל מיט אַ זשאַווערדיק פּנים פול מיט גאַל און רשעות.

— איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט — האָט שעפּסל געזאָגט מיט אַ קול פעסט און זיכער — אַז באַיער איז געשטאָרבן און איר ווייסט דאָך אויך, אַז בײַ ייִדן זיצט מען שבעה נאָך אַ מת, זיבן טעג טרויערן מיר, אַ גאַנצע וואָך; און צו די שלושים מאַכן מיר אַן אזכרה צום געדעכעניש פונעם נפטר, טאָ ווי האָב איך געקאָנט קומען פריִער?

— נו, איצט, שעפּסל, איז שוין נאָך אַלעם, וועסטו שוין צײַט האָבן אויסצופּאַרטיקן מײַן שטול? — האָט דער ביסקופּ געפרעגט מיט חוזק אין קול.

— מיט איין האַנט — האָט זיך שעפּסל געוועדט — ווי קאָן איך הײַנט אַרבעטן? — אויפהייבנדיק די צעשעדיקטע האַנט אָן דעם פינגער אַנטקעגן דעם ביסקופּס שטומען פאַרמאַכטן פּנים וואָס ווייס נישט פון קיין אײַנזען.

— אַזאַ מײַנסטער ווי דו ביסט, קאָנסטו אַפילו מיט איין האַנט אויך אַרבעטן. דו קענסט צוווײַזן אַנדערע ווי אַזוי עס צו מאַכן.

— איך קאָן נישט זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ צווייטן.

— דו ווילסט נישט, מיינסטו צו זאָגן. דו קאָנסט אַליין אויס־פּאַרטיקן, נאָר דו ווילסט נישט! — האָט זיך דער ביסקופּ צעשריגן מיט אַ באַנומען קול אין גאַנצן אָנגעצונדן היט פון כעס.

שעפּסל איז געשטאַנען פאַרן ביסקופּ ווי פאַרשטיינערט און עקש־נותדיק געשוויגן. דורך די פאַרשמעלערטע אויגן־שפּאַלטן, ווי די מעסערשניטן, האָט ער געזען דעם ביסקופּס פײַערדיק צעיאָכמעט פּנים — איין שטיק פלאַם.

— דו שווינדלער איינער! — האָט זיך דער ביסקופּ געקאָכט

— דו האָסט זיך אָפּגעהאַקט דעם פינגער, זאָלסטו מיר פאַרשפּאָרן מאַכן די שטול! אייער גלויבן איז אַ שווינדל! אייער אויסדערוויילט־קייט איז אַ ליגן! איר זענט אַלע אַ באַנדע ליגנערס און קאָמבי־נאַטאָרן! אַרויס פון דאַנען! איר האָט הנאה אַז מע האָסט אייך, אַז מ׳האָט אייך פיינט! די מינוט זאָלסטו אַרויסגיין! אַוועק פון מיינע אויגן! פּאַסקודניאַק! אַרויס! אַרויס!

שעפּסל האָט זיך, ווי אַ בלינדער, געכאַפּט צוריק אויף הינטער־ווייטלעך, אויף צוריק, און אַז ער האָט דערפילט הינטער זיך די טיר, האָט ער זי געגעבן אַן עפן מיט אַ סקריפּ און מיט אימפּעט אַרויס־געלאָפן פון דער טומאה־שטוב. מיט גרויסע לאַנגע שפּרייזן איבער די כוחות האָט ער זיך געלאָזט דורכן לאַנגן טונקלען קאָרידאָר אין דרויסן אַרויס.

ערשט דאָ האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אַ דערשטוינטער, נישט פאַרשטייענדיק פון וואַנען ס׳האָבן זיך צו אים גענומען די כוחות צו רירן מיט די געליימטע אברים און אַרויסרייסן זיך פון דער טומאה־דיקער פעסטונג פול מיט זינד.

12. שעפּסל ווערט ענדלעך פּטור פון ביסקופּ און זיין שטול

אויפן וועג אַהיים האָט שעפּסל ביי זיך געטראַכט: אין דבר עומד מפּני הרצון — אַז דער ווילן איז דאָ, קאָן מען מיט אים ברעכן מויערן, איבערגעוועלטיקן די געליימטקייט. צי איז ער שוין טאַקע פּטור געוואָרן פון ביידע — פון ביסקופּ מיט זיין שטול?

אויפן אַנדערן טאָג האָט אים דער ביסקופּ צוריקגעשיקט די שטול מיט אַ באַפעל, אַז ער זאָל זי אים אויספּאַרטיקן לויט די צוגעקלעפּטע פּאַפּירענע צעלמלעך אויף ביידע זייטן קאָפּל אויפן קאָפּשטיק און אונטער די ברוסטקאַסטנס פון די כלבים־אַנלענען.

שעפּסלס געזעלן, שימעלע בונטאָווטשיק, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים ביים מאַסיוון מעבל און איז איצט אַרומגעגאַנגען ליידיק צו להכעיס דעם קייסער, האָט צוגעשיקט דעם ביסקופּ אַ בריוול פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט. ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז די רעוואָלוציע פאַר־ליידט נישט זיינע פּילע שטיק. ער זאָל אויפהערן זיך איזדיעקעווען איבער אַ קרבן פון דער אַרבעט, ווי ס׳איז עס שעפּסל דער סטאָליער.

קיינער האָט נישט געגלייבט, אָבער דאָס בריוול האָט געהאָלפן. דער ביסקופּ איז מער נישט צוגעשטאַנען און מער גאָרנישט געמאָנט

ביי אים. ער האָט אים געלאָזט צו רו. דעם ביסקופס שטול, וואָס האָט ביי אים פאַרנומען אַן איבעריק אָרט, האָט ער אַוועקגעגעבן שימעלען, ער זאָל זי שענקען די „סיציליסטן”, זי זאָל באַשיינען זייער פאַראיין־לאָקאַל. זאָלן זיי אויך פילן דעם טעם פון די פריצים און זיצן אויף אַ פריצישער שטול:

— לעולם, איז עס דאָך דאָס וואָס זיי ווילן — זיין גלייך מיט די פריצים און נישט מיט די אַרבעטורערס וואָס פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע — האָט שעפּסל מסביר געווען שימעלען וואָס אייגנטלעך די סאָציאַליסטן ווילן און אים צוגערוקט די פריציש־אויסגעבעטע שטול צו דער טיר, ער זאָל זי שוין וואָס גיכער אַרויסנעמען פון זיין שטוב. און ווען שימעלע בונטאָווטשיק האָט זיך שוין געפינען מיט דער שטול אויף יענער זייט טיר האָט ערשט שעפּסל דער סטאָליער פרייער אָפּגעאָטעמט.

— ענדלעך פטור געוואָרן פוןביידע אַנשיקענישן: אי פונעם ביסקופ, אי פון זיין פאַרשאָלטענער שטול. איצט וועל איך אומגעשטערט זיך קאָנען אָפּגעבן דער אַרבעט פאַר דער חברה מלבוש־ערומים, ווי כ'האָב מבטיח געווען חיים באַיערן צו אַרבעטן געטריי לטובת הכלל.

דער באַפרייטער חנוכה־לאָמפּ

די גאַנצע שטאָט האָט געוווּסט, אַז ביים דיין, ר׳ ישראל טאָכטערמאַן, געפינט זיך אַ זעלטענער ירושהדיקער חנוכה־לאָמפּ, אַ גרויס קונסטווערק, אויסגעהאַקט פון כסף וזהב טהור, פון ריינעם זילבער און גינגאָלד. צום אָנצינדן ס׳ערשטע חנוכה־ליכטל זענען גרויס און קליין, יונג און אַלט געקומען צו ר׳ ישראלן אַ קוק טון, באַוווּנדערן דעם שיינעם חנוכה־לאָמפּ.

מיט בנעימותדיקע טריט איז ר׳ ישראל צוגעגאַנגען צום גלעזערנעם תשמישי־קדושה־שענקל און האָט אַ פיר געטון זיין בליק איבער די גאָלדענע און זילבערנע כתר־תורהס מיט גלעקלעך צו די ספר־תורה־קרוינען, מיט גאָלד און זילבער־געהאָפּטענע תורה־מענטעלעך; די זילבערנע אתרוג־פּושקע, דאָס בשמים־ביקסל, ס׳געשניצטע פון ניסנהאָלץ, די קידוש־בעכערס, דער שופר און דאָס פּילקאָלירטע געפלאָכטענע הבדלה־ליכט. ער האָט דאָס אַלץ באַטראַכט מיט אַ צופרידענעם בליק און אויסגעשטרעקט די האַנט צום חנוכה־לאָמפּ וואָס איז געשטאַנען אַרויפצו אין לינקן ווינקל.

מיט פּיעטעט און גרויס יראת־הכבוד האָט ער מיט אַ גרינגעם געוואַנט אָנגענומען די מנורה ביים פליגל פון אַ זילבערנער טויב וואָס האָט ווי געשוועבט איבער דער מנורה און געטראָגן דעם חנוכה־לאָמפּ אין אירע פיסלעך און ווי געפלויגן מיט אים, ווי אַ געראַטעוועטן פון עפּעס אַ סכנה, אָדער באַשיצט אים פון וועמען, אַן אומגעזעענעם בעל־משחית, צי פון עפּעס לויערנדיקס און דראָענדיקס.

ר׳ ישראל האָט מיט פאָרזיכט אַוועקגעשטעלט דעם חנוכה־לאָמפּ אויפן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ פלושענעם טישטעך פון אַ העלבלאָען הימל־קאָליר. ער האָט זיך אָפּגערוקט עטלעכע טריט אויף הינטערוויילעכץ, מיט אַלע צוזאַמען זיך געשטעלט באַוווּנדערן די הייליקייט וואָס האָט געשיינט אין געבליאַסקעט מיט גאָלד און זילבער, געלויכטן און געמיניעט ווי שטראַלן.

אויבן, אויפן ברוסטברעטל פונעם חנוכה־לאָמפּ, האַלב־אויסגערונדיקט און צעטיילט, ווי די צוויי לוחות פון די עשרת־הדברות, זענען געווען אויסגעהאַקט צוויי זילבערנע כרובים מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, מיט פּנימער איינער צום אַנדערן, האַלב־פאַרדעקט מיט זייערע פליגלען, און געפלויגן זענען זיי איבער אַן איילבירטן־גאָרטן, ווו עס איז געשטאַנען אַ כהן און האָט געקליבן איילבירטן צו די ביימער

און זיי איבערגעגעבן די פּרחי־כהונה, די יונגע כהנים, זיינע געהילפן זיי זאָלן פון די איילבירטן קוועטשן ריינעם שמן־זית — צום ניצן פאַרן בית־המקדש.

די כרובים, וואָס האָבן אין זייערע פיסלעך געטראָגן די קריגלעך שמן־זית, זענען מיט זיי געפלויגן צום באַרג מוריה, וואָס האָט זיך געזען אין הינטערגרונט, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס בית־המקדש. אונ־טער זיי זענען געלאָפן גאָלדענע לייבעלעך מיט זילבערנע שיסעלעך אין זייערע פאָדערשטע לאַפּעס, געהיטן די קריגלעך, טאָמער פאַרגיסט זיך פון זיי אַ טראָפּן פונעם הייליקן לויטערן בוימל, זאָל ער אַריינפאַלן אין זייערע שיסעלעך אַריין.

אַלע אַרום און מיט זיי אויך ר׳ ישראל זענען געשטאַנען אַרומגע־נומען פון עקסטאַז. מיט צעשײַנטע און צעפלאַמטע פּנימער האָבן זיי געקוקט אויפן פינקלדיקן גאָלד און זילבער און אויף די טויבן און כרו־בים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע, און געוואַרט, ר׳ ישראל זאָל דערציילן דעם נס וואָס ס׳איז אַמאָל געשען מיטן חנוכה־לאָמפּ, ווי אַזוי ער איז באַפרײַט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט; ווי אַזוי זײַן על־טער־עלטער־זיידע האָט געפינען דעם חנוכה־לאָמפּ צווישן די גרא־טעס בײַ אַן אַלטער קאָזאַטשקע וואָס ער האָט זי אָפּגעראַטעוועט פון אַ שריפה.

די זקנים פון שטאָט האָבן עדות געזאָגט, אַז די מעשה איז אמת; אַז ר׳ ישראלס עלטער־זיידע האָט טאַקע באַפרײַט דעם חנוכה־לאָמפּ פון געפאַנגענשאַפט בײַ דער קאָזאַטשקע; אַז דער לאָמפּ שטאַמט פון ארץ־ישראל, פון דער באַרימטער בצלאל־קונסטשול אין דער היי־ליקער שטאָט ירושלים, געקויפט דורך אַ דורכוואַנדערנדיקן רײַכן ייִד, וואָס האָט פאַר אים באַצאָלט דרײַ מאָל איר וואָג אין גאָלד און אים געבראַכט פון הייליקן לאַנד אהער קיין אייראָפּע.

די שטאָט־זקנים האָבן אויך געוווּסט צו דערציילן, אַז אַז דעם חנוכה־לאָמפּ האָט געזען נאַפּאָלעאָן, ווען ער איז אַדורך די שטאָט חנו־כה־צײַט אויף זײַן וועג קיין פּרײַסן און ייִדן זענען אים אַרויס מקבל־פנים זײַן מיט ברויט און זאַלץ אויף אַ טאַץ און מיטן חנוכה־לאָמפּ פאַרויס. נאַפּאָלעאָן איז אַנטציקט געוואָרן פון דער זעלטענער מנורה. ער האָט געוואָלט געבן אַלפים גאָלדענע רענדלעך פאַרן דאָ־זיקן אַנטיק. ר׳ ישראלס זיידע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידן מיטן חנוכה־לאָמפּ פאַר כל הון שבעולם. אויף יעדן פאַל האָט נאַפּאַ־לעאָן געגעבן אַ גאָלדן רענדל האַנטגעלט, אַז אויב דער באַלעבאָס

וועט אים אַמאָל פאַרקויפן, איז ער דער ערשטער קונה און דער חנוכה לאָמפּ געהערט אים, נאָכפאָלגענען.

דאָס גאָלדענע רענדל האָט מען, נאָך נאָכפאָלגענם מפלה, פאַרנוצט אויף קהלישע צוועקן. ווען ר' אַנשל-עוזר טאָכטערמאַן איז נפטר געוואָרן, איז דער חנוכה-לאָמפּ געבליבן בירושה ביי ר' ישראלס זיידן, און אין דער לעצטער שעה ווען ער האָט דערפילט אַז אויך ער וועט באַלד איינגעזאַמלט ווערן צו זיינע עלטערן, האָט ער צוגערופן זיין בכור, ר' ישראלס טאַטן צום בעט און אים אָנגעזאָגט אַז דער חנוכה-לאָמפּ זאָל קיין מאָל נישט פאַרקויפט ווערן, נאָר זאָל איבערגיין בירושה צו די דורות נאָך אים.

אַזוי איז דער ירושהדיקער חנוכה-לאָמפּ אָנגעקומען בירושה צו ר' ישראל דיין, וואָס איז אויך געווען דער בכור, דער עלצטער זון, פון זיבעטן דור, וואָס האָט דעם חנוכה-לאָמפּ ערלעך געהאַלטן, ווי די דורות פאַר אים, געשפּיגלט זיך אין אים און שטענדיק דערציילט פון נעם נס וואָס ס'איז געשען מיטן חנוכה-לאָמפּ אַמאָל, אַמאָל ווען זיינע אָבות האָבן זיך דאָ באַזעצט.

אין טאָג פון צינדן ס'ערשטע חנוכה-ליכטל, ווען ס'קליינוואַרג איז שוין נישט געגאַנגען אין חדר, האָבן אַלע הדר-יינגלעך געוואַרט מיט אומגעדולד מע זאָל שוין מעגן פאַר מנחה קומען צו ר' ישראלן אָנקוקן דעם חנוכה-לאָמפּ און אויסהערן די געשיכטע ווי אַזוי די מנורה איז באַפרייט געוואָרן פון גוייִשע הענט, ווי ס'האָט זיי צוגעזאָגט הערשל, דעם דיינס אייניקל, זייער חבר, וואָס זיי האָבן אים אַ גאַנץ יאָר אָפּגעגעבן כבוד צוליב דעם.

ווי נאָר מ'איז אַריבערגעטרעטן ר' ישראלס שוועל האָט מען געפילט, געהערט און געזען דעם פייערלעכן יום-טוב חנוכה. אויפן טיש ביים פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו דער הויפּטגאַס, איז אויפן בלאָען פלושענעם טישטעך שוין געשטאַנען דער אויסגעפוצטער חנוכה-לאָמפּ און האָט אַרויסגעשיינט אין גאַס אַריין און אָן די ליכטלעך אפילו מקיים געווען די מצוה פון: „פרסומי ניסא", באַרימט געמאַכט דעם נס חנוכה, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן פונעם חנוכה-נס וואָס ס'איז אַמאָל געשען ביי ייִדן.

ר' ישראל דיין האָט געוווּסט נאָך וואָס די חדר-יינגלעך זענען געקומען, אָבער אַלע מאָל האָט ער געפרעגט די זעלבע שאלה:

— נאָך איידער חנוכה הייבט זיך אָן זענט איר שוין געקומען נאָך חנוכה-געלט? לאָזט צום ערשטן חנוכה זיך אָנוואַרעמען אין אייערע הערצער — האָט ער יעדן יינגל אַ קניפּ געטון אין בעקל.

— איי, ר׳ ישראל, נישט נאָך חנוכה־געלט זענען מיר געקומען. דאָס וועלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן. מיר ווילן זען דעם חנוכה־לאָמפּ איידער מע צינדט אָן די ליכט און הערן די מעשה ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פון די גוישע הענט... דאָס זענען מיר געקומען הערן — האָבן אים אַלע געענטפערט אין איין קול.

ר׳ ישראל איז אַרײַן אין גרויס התפעלות. ער האָט גערופן ס׳ווייב זי זאָל קומען הערן די קינדערס ענטפער, און ס׳קליינוואַרג האָט ער צוגעפירט נענטער צום חנוכה־לאָמפּ, געלאָזט אָנרירן די כרובים מיט די טויבן, אויפגעקלערט פאַר וואָס די לייבן היטן, ס׳זאָל חלילה נישט טומאה ווערן קיין טראָפּן פונעם הייליקן שמן־זית וואָס גייט פאַר דער קדושה—באַדינונג פון בית־המקדש. און אַזוי דאַרפן אויך די ייִנגלעך הייליק האַלטן דעם חנוכה־לאָמפּ און זײַנע ליכטלעך.

מיט ר׳ ישראלן צוזאַמען זענען זיי אַלע אַוועק דאַווענען מנחה, בציבור מקיים געווען די מצוה פון חנוכה־ליכטבענטשן, אָנגעשריגן זיך ביז הייזעריק מיט אַלע אַנדערע קינדער בײַ די הכנות פון שמואל־יצחק שמש און מיט די געזאַנגען, פּאַראַדיעס און לצנותן זענען זיי אַלע אַוועק מיט ר׳ ישראלן צוריק אַהיים צו זײַן חנוכה־ליכט צינדן.

ער האָט זיי געשטעלט אַרום חנוכה־לאָמפּ מיט אים אין מיטן, גענומען אַ קריגל בוימל, ענלעך צום קריגל וואָס די כרובים האָבן גע־טראָגן אין זייערע פּיסלעך, און אָנגעגאָסן דעם בוימל אין די בעכער־לעך, אַרײַנגעשטעלט די קנייטלעך אין זייערע רערלעך און הערשל, זײַן אייניקל, האָט ער געהייסן אָנצינדן דאָס שמש־ליכטל. אויבן בײַ דער זײַט אין שפּאָרער.

ר׳ ישראל האָט גענומען פון הערשלען דאָס חלבנע ליכטל, געזאָגט די ברכות הויך און קלאָר און אָנגעצינדן ס׳ערשטע ליכטל מיטן חנוכה־ניגון. באַלד האָט זיך דער חנוכה־לאָמפּ צעשײַנט און צעזונ־גען. דאָס פּלעמל האָט זיך געמיניעט מיטן גאָלד און זילבער אין אַלע־מענס אויגן, געכישופט, און מיט פאַרדבקהטע שטימען האָבן די קינ־דער געענטפערט אָמן, צו גלײַך מיט הערשלען. ר׳ ישראלן אָבער איז דער אָמן נישט געפעלן, עפּעס צו שטיל געווען, ווי וואָכעדיק, האָט ער אַ רודער געטון זײַן הערשלען בײַם עלנבויגן:

— נו, אָמן! — האָט ער הויך אַ זאָג געטון, צו ווײַזן ווי אַזוי מע דאַרף זאָגן אָמן, און זיך גענומען צום „מעוז צור ישועתי לך נאה לשבח". די ייִנגלעך האָבן צוגעהאָלפן מיט זייערע אַלטעלעך. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן „מעוז צור", האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיי זעענדיק ווי זיי קוקן פאַרגאַפּיעט אויפן חנוכה־לאָמפּ מיט צאַנ־

קענדיקן קנויטפלעמל, וואָס טאַנצט אַרויף און אַראָפּ, בייגט זיך אַהער אַהין — האָט ער אַ זאָג געטון אַ הייטערער:

— נו, שקצים, איר האָט שוין פאַרגעסן אַז דער חנוכה־לאָמפּ איז נישט קיין שפּילכל. די פלעמלעך און ס׳חנוכה־לעמפּל זענען הייליקע זאַכן, נישט קיין שפּילעכלעך.

ס׳אייניקל זײַנס, הערשל, האָט אים אונטערגערוקט זײַן פאָטער־שטול. ר׳ ישראל האָט זיך געזעצט אויף דער שטול, גענומען הערשלען אויף די קני. אַלע חדר־ייִנגלעך האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום זיי ביידע, און ר׳ ישראל האָט גענומען דערציילן פון יענער צײַט, ווען ס׳שטעטל איז נאָך געווען אַ דאָרף. זײַן עלטער־עלטער־זיידע איז אַהערגעקומען פון רײַסן, אַנטלאָפן פון אַ פירשטלעכער געפאַנגענשאַפט. ס׳איז געווען אַ פירשט פון די קרייצצוגלערס וואָס איז אַוועק פאַרנעמען ס׳הייליקע לאַנד פאַרן קריסטנטום.

דער דײַטשער פירשט האָט דעם עלטער־זיידן, וואָס איז דאַן געווען אַ יונג שיין בחורל, אַוועקגעגנבעט פון זײַנע עלטערן און אים באַהאַלטן אין זײַן פירשטנטום, ער האָט אָנגעזאָגט דער דינערשאַפט, זיי זאָלן אים היטן, ער דאַרף זײַן דער מאַן פון זײַן טאָכטער. ווען ער וועט צוריק קומען, נאָכן אײַננעמען פּאַלעסטינע פאַרן קריסטנטום, וועט געפּראַוועט ווערן די חתונה פון זײַן טאָכטער מיט דעם שיינעם יונגנמאַן.

אַזוי ווי ער האָט אָנגעזאָגט, אַזוי האָבן די דינערס פאַרשריבן, אַז דער יונגערמאַן איז דעם פירשטס טאָכטערס מאַן און אים אַ נאָמען געגעבן טאָכטערמאַן. דאָס ייִדישע ייִנגל, כמעט אַ קינד נאָך, וואָס האָט מער נישט געהערט פון קיינעם, ווי נאָר זײַן ערשטן נאָמען שאול, האָט דעם פירשטס צונאָמען אויך אָנגענומען פאַר זײַן צווייטן נאָמען און איז מיט אים אַנטלאָפן פון רײַסן קיין פוילן און דער פאַמיליע־נאָמען איז שוין פאַרבליבן פאַר דורות טאָכטערמאַנס.

שאול טאָכטערמאַן האָט זיך אויף דערווײַל באַזעצט אינעם דאָרף „ווילקי״. צוליב דער פּלאָג פון הונגעריקע וועלף, וואָס זענען אָפט אַנגעלאָפן אויף די דאָרפלײַט, האָט דאָס דאָרף געקריגן דעם נאָמען „ווילקי״, וועלף. שאול האָט זיי געהאָלפן פאַרטרײַבן די וועלף און ער איז שוין אַזוי געבליבן אויף שטענדיק אַן אײַנוווינער אינעם דאָרף. גענומען האַנדלען מיט די דאָרפישע פּראָדוקטן, וואָס ער האָט זיי צעפירט אין אַנדערע ערטער און געבראַכט מיט זיך דאָס, אין וואָס ס׳דאָרף האָט זיך גענייטיקט.

איין מאָל האָט אים אַ שלאַקסרעגן פאַרכאַפּט אין אַ דאָרף און

ער איז אַרײַן אין אַ סטאַדאָלע איבערוואַרטן דעם רעגן. ער האָט געעפנט ס'טירל און דערזען פאַר זיך אַן אַלטע פויערטע וואָס איז געלעגן אויף דער ערד און האָט געוויינט. ער האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט אַנטלויפן. אַ ייִד מיט אַ פויערטע אַליין?!

די אַלטיטשקע אָבער, וואָס האָט געטוליעט צו זיך אַ זאַק, ווי ס'וואָלט געווען איר אַ אייגן קינד וואָס מע וויל עס שלעכטס טון, איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין און אים געבעטן, ער זאָל איר אויפבינדן די הענט וואָס זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ גראָבן שטריק:

— האָט רחמנות, הערעלע, איך בעט אײַך, גייט צו מײַן זון און זאָגט אים, ער זאָל מיך צוריק אַרײַננעמען אין מײַן הויז אַרײַן. ער האָט מיך פאַרטריבן מיט עטלעכע טעג צוריק און לאָזט מיך נישט אַרײַן אין שטוב. ער שיקט מיר נישט קיין עסן, קיין טרונק וואַסער נישט צו מאָל... איך וועל דאָ אויסגיין ווי אַ הונט.

ר' ישראלם אורעלטער-זיידע איז אַוועק צום תכשיט, דער אַלטערס זון, אים דערמאָנט אַז מע דאַרף ערלעך האַלטן אַ מאַמען. דער זון האָט אָבער אַפילו נישט געוואָלט הערן פון צוריקנעמען זי אין הויז אַרײַן ביז זי וועט נישט פּטור ווערן פון איר זאַק מיט די שמאַכטעס וואָס זי וויל זיך מיט זיי נישט שיידן. זי צעשטעלט זיי אין אַלע ווינקעלעך פון הויז אַפילו אונטער די איקאָנעס און מאַכט אַ שטאַל פון דער שטוב.

די אַלטע האָט אָבער געדריקט דעם זאַק צו זיך און געשריגן אַז דאָס זענען נישט קיין שמאַכטעס נאָר טײַערע הייליקע זאַכן. זי האָט גענומען אַרויסשלעפן די חפצים פון זאַק אַרויס צו ווײַזן אים אַז ס'איז נישט קיין אַלטוואַרג, קיין שמאַכטעס און אַרויסגעקריגן פון דאָרט אַ פאַרשימלטן געל-גרינעם חנוכה-לאָמפּ, אַ ייִדישע מנורה.

ר' ישראלם אורעלטער-זיידע איז געוואָרן פאַרציטערט ווען ער האָט דערזען דעם הייליקן ייִדישן חפץ פאַרוואַלגערט אין אַ זאַק בײַ אַן אַלטער גויע. ער האָט געוואָלט נעמען פון איר די שמאַכטעס און צוגעזאָגט אַז ער וועט זיי היטן פונקט ווי זי היט זיי, זי זאָל קאָנען צוריק זײַן בײַ זיך אין שטוב. די אַלטע האָט אָבער געדריקט דעם זאַק מיט די חפצים צום האַרץ און פאַר קיין שום פאַל זיך נישט געוואָלט מיט זיי שיידן. דער זון האָט פאַרהאַקט די טיר פאַר דער צעדרייטער מאַמען, זי צוריק געשיקט אין דער סטאַדאָלע, זי זאָל גיין צום טײַוול. קיינער אין דאָרף האָט זיך נישט געוואָלט אַרײַנמישן אין עסק, מ'האָט נישט געוואָלט אָנהייבן מיט איר זון און די אַלטע

האָט זיך אַזוי מיטן זאַק אויף דער פּלייצע צוריק געשלעפּט אין שטעלכל אַריַין.

אין אַ שטיקל צייַט אַרום, אין אַ הייסן זומערטאָג, איז דער על־טער־עלטער־זיידע, ר׳ ישראלם, ווידער געקומען אין זעלבן דאָרף אַריַין און האָט פּלוצעם דערזען ווי פון דער סטאָדאָלע שפּאַרט אַ רויך. באַלד האָבן זיך באַוויזן פייַערצונגען וואָס האָבן גענומען לעקן דעם שטרויע־נעם דאַך. מיט איין אָטעם איז ער געלאָפן צום שטעלכל ראַטעווען די אַלטע וואָס די קולות אירע האָט מען געהערט ווי וויַיט.

די אַרומיקע שכנים אָבער זענען אַלע געשטאַנען בייַ זייערע הײַ־זער און בלויז אין זינען געהאַט זיך, זייער פאַרמעגן. זיי האָבן געגאָסן וואַסער אַרום זייערע שטיבער, אַז ס׳פייַער זאָל אויף זיי נישט האָבן קיין שליטה.

אַ מינוט איידער די סטאָדאָלע איז איַינגעפאַלן, אָן אײַנגעהילטע אין פלאַמען פון אַלע זיַיטן, האָט דער דאָרפייִד, דער עלטער־זיידע אַרויסגעראַטעוועט די אַלטע פון פאַרצערנדיקן פייַער אַרום. דאָס שטעלכל האָט זיך צעשאָטן, ווי אַ קאַרטנשטיבל, פאַרצערט פון די פלאַמען. אויך אַלץ אַרום דער סטאָדאָלע האָט געברענט. דורך עפּעס אַ נס איז ס׳דאָרף נישט אַוועק מיטן פייַער. דער גאַנצער דאָרף פויערן מיט דער אַלטערס זון האָבן די קאָזאַטשקע אַרויסגעטריבן פון דאָרף פאַרן אונטערצינדן ס׳שטעלכל.

ר׳ ישראלם זיידע האָט די אַלטע אַהיימגעבראַכט צו זיך מיט אַלע אירע זאַכן. ער האָט איר אָפּגעגעבן אַן אַלקערל צו וווינען. באַלד איז ער אַוועק צום גלח פון דאָרף און האָט אים דערציילט אַלץ וואָס ס׳איז געשען און באַקומען פון אים זיַין הסכמה אַז די אַלטע מעג וווינען בייַ אים אין הויז.

די קאָזאַטשקע האָט איצט אויפגעלעבט אין איר בלינדן צימערל, אָן פענצטער. זי האָט דאָ געקאָנט אַוועקשטעלן אירע זאַכן ווו נאָר זי האָט געוואָלט. זי איז געווען צופרידן וואָס דער באַלעבאָס אירער האָט מחדש און מטהר געווען איר הייליקן לאָמפּ, דאָס אויסגעשיַיער־טע חנוכה־לעמפּל, וואָס האָט איצט געקריגן אַ חשוב אָרט אינעם גלע־זערנעם תשמישי־קדושה־שענקל, פון וואַנען דער חנוכה־לאָמפּ האָט אַרויסגעלויכטן און באַשיַינט אי דאָס שענקל אי די גאַנצע שטוב.

אין אַ טאָג איז די אַלטיטשקע קראַנק געוואָרן. זי האָט געשיקט רופן דעם גלח און זיך מתודה געווען פאַר אים, אַז די זאַכן אירע זענען יידישע, אויך זי איז אַמאָל געווען אַ יידיש קינד. קאָזאַקן האָבן זי אַוועקגערויבט פון אירע עלטערן נאָך אַ פּאָגראָם. מ׳האָט זי אָפּ־

געשמדט און די צוגערויבטע זאכן געלאזט ביי איר. זי בעט דעריבער דעם גלח, אז ווען זי וועט דא מער נישט זיין, זאלן די אלע זאכן גע־הערן דעם אלטן גוטן ייד, וואס האט זיך מרחם געווען אויף איר, גע־געבן א ווינקל ווו אוועקצולייגן דעם קאפ, צו לעבן ווי א מענטש, וויפל ס׳איז איר געווען באשערט צו לעבן אויף דער זינדיקער וועלט.

ווען די אלטע איז געשטארבן, האט אבער ר׳ ישראלס עלטער־זיידע מער נישט געוואלט ווי דעם חנוכה־לאמפ. די אנדערע זאכן, אפילו די יידישע שבת־לייכטער, וואס זי האט גענוצט צו באלייכטן די איקאנעס, האט מען פארקויפט און ס׳געלט צעטיילט צווישן די די גוישע ארעמלייט. בלויז דער חנוכה־לאמפ איז געבליבן ביי אים און איז איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור, פון בכור צו בכור — פון אייניקל און אור־אייניקל ביז צו ר׳ ישראלן.

אויך ר׳ ישראל האט אפגעהיט דעם חנוכה־לאמפ און געהאלטן פאר א מצוה צו דערציילן דעם נס ווי אזוי די מנורה איז באפרייט געווארן פון געפאנגענשאפט, און מיטגעמאכט אלץ וואס א יידיש הויז איז דורכגעגאנגען אין פוילן זינט דער ערשטער טאכטערמאן האט זיך באזעצט אין דארף ווילקי און צוזאמען מיט די אנדערע יידן פארוואנדלט דאס דארף אין א שטעטל.

דער חנוכה־לאמפ איז געווען אן עדות וואס האט צוגעזען פריידן און ליידן וואס די טאכטערמאנס אין די אויסגעוואקסענע פארצווייגטע מישפחות האבן דורכגעמאכט אין משך פון דורות און זיך פארוואר־צלט אין די ארומיקע שטעטלעך — די עליות און ירידות פונעם שטעטל און פון די שטעטלשע יידן. פון זיין ארט אין קדושה־שענקל האט ער באשיינט חתונות און בריתן, בר־מצוות און תנאימס. פונקט ווי ער האט געזען שמחות ביי יידן, האט ער אויך געזען לוויות, טרויערטעג, טעג פון עצבות און אבלות און ווי זיי מיטגעליטן מיטן יידישן צער. אז ס׳איז געקומען דער חודש כסלו איז ער געווארן דער העלד פון שטעטל. אין אלע יידישע הייזער האט מען גע־רעדט פון אים און גאנצע אכט טעג איז ער באוואונדערט געווארן דורך די יידישע קינדערלעך. ער איז געווען דער יום־טוב אין זייערע געמיטער און הערצער, דער באפרייער פון זארג, דער ברענגער פון נצחון און דערמאנער אין ניסים.

נישט בלויז יידישע הערצער האט דער חנוכה־לאמפ דערפרייט. ער האט אויך ארויסגעלויכטן אין פינצטערן ווינטערדיקן שטעטלשן דרויסן און דארט געמאכט יום־טוב, ווי אין די יידישע הייזער, ווו קינדער האבן געשפילט אין דריידל און די גרויסע האבן מיטגעשפילט,

פריילעך געמאַכט, געטריבן לצנות, געמאַכט אַ קערטל, געשפּילט אין קאָרטן און אין קוויטלעך, בכדי נישט צו פאַרגעסן אַנטיאָכס-צייטן. ווען דער רשע האָט פאַרווערט צו לערנען תּורה, האָבן ייִדן אויף די קוויטלעך אויפגעשריבן פּסוקים, אָפּגענאַרט דעם שונא און געלערנט תּורה פון די קוויטלעך און דורות האָבן עס נאָכגעטאָן. מ׳האָט געגעסן די גריוון פון פסחדיקן שמאַלץ וואָס מ׳האָט אויסגעלאָזט חנוכה-צייט און פאַרבונדן אַזוי אַרום יום-טוב מיט יום-טוב — יאָר איין און יאָר אויס.

***

אין גאַנצן אומגעריכט איז דער חנוכה-לאָמפּ, דער שטאָלץ פון דורות טאַכטערמאַנס, געפאַלן אַ קרבן, און אין ר׳ ישראלס שטוב איז געוואָרן אוים מיטן חנוכה-לאָמפּ וואָס איז אַרייַנגעפאַלן צו גראַבסקי אין געפאַנגענשאַפט, אין שאַצקאַמער פון דער פּוילישער רעגירונג. ס׳איז געווען אַ כיטרע שטיקל אַרבעט פון פּוילישן פינאַנץ-מיניסטער, אַ מיטל ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון ייִדן געלט דורך איבערגעטריבן־אויפגעשרויפטע שטייַערן. אַז ס׳איז נישט געווען קיין געלט האָט דער שטייַעראַמט אַרויסגעשיקט גראַבסקיס עגלה וואָס האָט גענומען ווערט־זאַכן, מעבל און אַזוי איז אויך צוגעראַבעוועט געוואָרן דער טייַערער אַנטיק — ר׳ ישראלס חנוכה-לאָמפּ וואָס איז צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, שטייזייגערס, טישן, בענק און אַפילו בעטגעוואַנט, ס׳קישן פון אונטערן קאָפּ — געבראַכט געוואָרן אין פּוילנס שאַצקאַמער — אָנצופילן פּוילנס פינאַנציעלן לעכערדיקן זאַק.

ס׳איז געווען פרייַטיק נאָך מיטאָג. ר׳ ישראל איז שוין געווען צוריק פון מרחץ און האָט זיך גענומען גרייטן צו קבלת-שבת. פּלוצעם איז אין גאַס אָנגעלאָפן גראַבסקיס „עגלה" און געבליבן שטיין פאַר ר׳ ישראלס הויז. די שטייַער-באַאַמטע זענען אַרייַן ווי די איבערפאַלערס. זיי האָבן געוויזן אַ צעטל אַז ער איז שולדיק פאַר שטייַערן כך־וכך און גלייַך גענומען אויסליידיקן דאָס גאַנצע תשמישי־קדושה־שענקל מיט די גאָלדענע און זילבערנע חפצים, קידוש-בעכערס, מעצ־לעך, שבת-לייַכטערלעך און חנוכה-לאָמפּ. אַלץ וואָס ס׳האָט זיך דאָרט געפינען איז מיט איין מאָל אַרייַנגעפאַלן אין די גוייִשע הענט.

דאָס גאַנצע הויזגעזינד, טאַכטערמאַנס, האָט געמוזט צוקוקן אומבאַהאָלפן, ווי גראַבסקיס מלאכי־חבלה אַרבעטן מעשים, טראָגן אַלץ אַרויס פון דער שטוב וואָס האָט איצט געקריגן אַ פּנים פון תשעה־באָב. ס׳איז געווען אַ גאַנץ רחמנות אָנצוקוקן ר׳ ישראלן וואָס איז

ווי קלענער געוואָרן, ווי אײַנגעשרומפּן און אַזוי זײַן ווײַב, וואָס האָט זיך אַלע יאָרן געשפּיגלט אין די זאַכן און אויך זייער אייניקל, זייער הערשל האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. ר׳ ישראל האָט געבראָכן די הענט און איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, ווי אַן אָבל וואָס קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט אין דער ליידיק-געוואָרענער שטוב. ס׳איז שוין איצט גאָר נישט געבליבן עפּעס וויכטיקס, ס׳זאָל זײַן וואָס צו פאַרזעצן, צו קאָנען אויסלייזן כאָטש דעם חנוכה-לאָמפּ פון זײַן נײַער געפאַנגענשאַפט. ס׳איז אויך נישט געווען מעגלעך צו כאַפּן בײַ ווע־מען אַ גמילות-חסד. אַלע זענען אין דער מילחמה פאַראָרעמט געוואָרן, נישט געווען צו וועמען צו רעדן. אין דאָ גייט חנוכה-צײַט און דער חנוכה-לאָמפּ איז נישטאָ, ליגט געפאַנגען אין גויִשע הענט, פאַרוואַל־גערט אין אַ ווינקל אין מאַגיסטראַט.

דער קליינער הערשל האָט אין חדר דערציילט, אַז ער זעט אַלע נאַכט אין חלום ווי דער חנוכה-לאָמפּ וואַלגערט זיך אַרום אין אַ פינצ־טערער שטוב אין איינעם מיט גראָבסקין יִדישן רויב, קישנס, בעט־געוואַנט, לײַכטערס, געפּעסן, שעטנז-סחורות, שוסטער-בענקלעך, פאַר־זשאַווערט אײַזן, פערדישע געשפּאַנען, לייצעס, בײַטשן, רויע פעלן און שטיקער לעדער.

אַלע אין שטוב האָבן געזען באַשײַנפּערלעך ווי די לייבן און טויבן פונעם חנוכה-לאָמפּ שטיקן זיך ממש אינעם פינצטערן מאַגיסטראַט־לאַגער צווישן די וואָכעדיקע מטלטלים און גייען אוים נאָך אַ ביסל פרישע לופט. מ׳האָט געהערט זייער געוויי און געוויין, אַ צער־בעלי-חיים געווען אויף די שטומע באַשעפענישן דאָרט. אַלע אין שטוב האָבן מיטגעליטן מיטן חנוכה-לאָמפּ אין זײַן געפאַנגענשאַפט.

די חדר-יִינגלעך, ווי אַלע אין ר׳ ישראלס הויז, האָבן געבענקט נאָכן ליכטיקן חנוכה-לאָמפּ און געזוכט מיטלען און פאָרטלען ווי אַזוי אים אויסצולייזן פון גראָבסקים הענט. זיי האָבן פאַרטראַכט אַ פּלאַן: באַלד נאָכן ערשטן חנוכה-ליכט-צינדן וועלן זיי גיין אויפמאָנען זייער חנוכה-געלט, צוזאַמענלייגן עס און אָוועקטראָגן ס׳געלט צום בורמישטש אין מאַגיסטראַט און אויסלייזן דעם חנוכה-לאָמפּ.

באַלד נאָכן ערשטן חנוכה-ליכט-בענטשן אין בית-מדרש, זענען די חדר-יִינגלעך, ווי אַלע יאָר, אַוועק צו ר׳ ישראל דיין אין הויז הערן זײַן בענטשן חנוכה-ליכט. זיי האָבן געוואַרט ביז ער האָט אָרומגע־שניצט אַ קאַרטאָפל פוןביידע עקן. אין איין עק אויסגעהוילט אַ טיף גריבל, ווי אַ בעכערל, אָנגעפילט מיט בוימל, אויסגעווייקט אַ קניי־

טל אינעם בוימל און אַרײַנגעלייגט עם אינעם קאַרטאָפּל-בעכערל און געהייסן זײַן אייניקל הערשל אָנצינדן דעם שמש.

הערשל האָט גענומען ס׳שמש-ליכטל צווישן גראָבן און ווײַזפינ-גער און מיטן אַלטבאַקאַנטן ניגון און זעלביקן קול, ווי אַלע יאָר, גע-מאַכט די ברכות. די קינדער אָרום האָבן אויך דאָס מאָל געזאָגט דעם הויכן אָמן. ווי נאָר ר׳ ישראל איז אַ צופרידענער פּאַרטיק גע-וואָרן מיטן „על הניסים״ און „מעוז צור״, איז די חברה יינגלעך שוין געווען אין דרויסן — אויפן וועג נאָכן חנוכה-געלט.

אַ סך באַלעבאַטים זענען געווען דערשטוינט וואָס מ׳איז צו זיי געקומען אַזוי פרי אײַנמאָנען ס׳חנוכה-געלט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אין דער ערשטער חנוכה-נאַכט. ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, אַז ס׳איז אַ שליחות-מצווה און מער ווי עלף זלאָטעס האָבן זיי נישט צונויפגעקליבן.

הערשל האָט צוגעלייגט זײַנע און זײַן ברודערלס זיבעציק גראָ-שן און צו מאָרגנס, דעם ערשטן טאָג חנוכה האָט ער ס׳געלט אַוועק-געטראָגן דעם בורמישטש, ווי אויסלייזגעלט. יענער האָט אים אָפּ-געשיקט צו אַ גוי מיט אַ פּעטן גוידער און גראָבע וואָנסעס:

— אויסצולייזן דײַן „כאַנוקאַ״ דאַרפסטו ברענגען 65 זלאָטעס מיט נײַן גראָשן — האָט זיך דער גוידער געקאַטשעט פון געלעכטער.

— אויף מײַן ערן-וואָרט — האָט זיך הערשל בײַ אים געבעטן — ווי נאָך חנוכה ברענג איך צוריק דעם חנוכה-לאָמפּ.

— גיי צו דײַן ראַבין בּוּדקאַ יונאַ... ער האָט אַ סך געלט... פולע טעפּ — האָט דער גוי געכאַכאַטשעט, געוואָרפן מיטן גוידער און גרויסן בויך, גלײַך ווי ס׳קול וואָלט אַרויס פון אַ ליידיקן פאַס אַרויס.

הערשל האָט אין גרוים פאַרלעגנהייט זיך געדרייט אַ פאה. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן:

— לאָמיר גיין צו ברוך-יונהלעס:

די יינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער הויפּטגאַס מיט צע-פלויגענע פּאָלעס פון די אויפגעקנעפּלטע ווינטערדיקע פּאַלטנדלעך אָון מיט אימפּעט אַרײַנגעפאַלן צו ברוך-יונהלעס אין שטוב אַרײַן.

דער שיינער ייִד האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן, ווי זיי וואָלטן אים געווען געבעטן, ער זאָל מוחל זײַן גיין האַקן די געפרוי-רענע ווײַסל און אַריבערשווימען אויפן אַנדערן ברעג. אָבער זײַן ווײַב, ביילע-רויזל, האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אירע ווייכע גוטע אויגן, פול מיט געבעט. האָט ער אויפן אָרט מסכים געווען

צו גיין פרוּוון רעדן מיטן אָנגעפּרעסענעם טרעלבאָך, מיט זייטשיקן. ער האָט אָנגענומען הערשלען ביי דער האַנט און איז אַוועק מיט אים צום גוי און אַלע איבעריקע יינגלעך זענען געגאַנגען נאָך זיי.

ווי נאָר דער גוי האָט דערזען די „דעלעגאַציע", איז ער אַריינגע־פאַלן אין אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער אַזש דער גוידער מיטן בויך זע־נען ביי אים אונטערגעשפּרונגען. אויף זיין כיכיכעדיק פּויקן־געלעכ־טער זענען זיך צונויפגעלאָפן נאָך אַנדערע גויים און ס'האָט זיך אַוועקגעקאַטשעט אַ ווילד פאַרשוימט געלעכטער וואָס האָט פאַר־הילכט דעם גאַנצן מאַגיסטראַט, צונויפגעבראַכט ענגער דעם המון אַרום ברוך־יונהלעס מיטן קליינעם הערשל און דער ראָדקנופּ איז גע־וואַקסן פון מינוט צו מינוט אַלץ ענגער און צודרינגלעכער.

אינעם הילכיקן צעוויגטן גויישן חוזק־געלעכטער האָט זיך צום רעדל דערנענטערט מיט דראָבנע טריט אַ פּריצהלע אין אַ פוטערן פּעלצל מיט הויכע מענערישע שטיוול. זי האָט נישט געלאַכט נאָר געפינקלט מיט די אויגן אַרום דעם ווילדן כאַכאַטשעדיקן געזינדל. זי האָט זיך געגעבן אַ שטופּ אַריין מיט כוח אין סאַמע מיטן געזעמל. מיט איין מאָל איז ס'בייזע געלעכטער פאַרשטומט געוואָרן, ווי אָפּ־געשטאָרבן. דער גרויסער גראָבער זייטשיק האָט זיך אָפּגערוקט, אַרוים פון מיטן, זיך פאַרנייגט פאַר איר אין דריען און צובייגנדיק זיך איר איינגערוימט עפּעס אין אויער. ער האָט זיך הכנעהדיק צו־ריק אָפּגערוקט פון איר אויף אַ טראָט און געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף איר ענטפער, אויף איר פּסק.

— פאַר וואָס נישט? — האָט ס'פּריצהלע געזאָגט מיט איר דין שטימעלע — גיב אים זיין „כאַנוקאַ"... אַז אַ קינד זאָגט אַז ער וועט באַצאָלן אָדער צוריק ברענגען — זאָלסטו אים גלייבן.

זי האָט אַרויפגעלייגט איר שמאָל הענטל אויף הערשלס קינדערשן אַקסל און אים אַריינגעקוקט גלייך אין פּנים אַריין מיט אירע העלע בלאָע אויגן:

— גיסט דיין וואָרט, אַז דו וועסט צוריק ברענגען דעם „כאַנו־קאַ", אַז נישט וועסטו באַצאָלן פאַר אים וויפל ס'קומט, האַ?

— יאָ, יאָ! כ'וועל באַצאָלן, כ'שווער... כ'וועל דעם ווינטער פאַרקויפן בעבלעך, זומער־בעבלעך, וועל איך האָבן צו באַצאָלן...

— גיב אים דעם „כאַנוקאַ" — האָט ס'פּריצהלע באַפוילן — אויב ער וועט נישט באַצאָלן וועל איך צאָלן פאַר אים — האָט זי גענומען אויסטון ס'פּעלצל, ווי איינצוליייגן עס פאַר אַ משכּון, אַז זי וועט סילוקן דעם באַטרעף פונעם שטייער־חוב.

דער גראָבער זײַטשיק האָט צוגענומען די עלף זלאָטעס מיט די זיבעציק גראָשן, פאַרשריבן אויפן חשבון און אַן אומעטיקער זיך אַוועקגעקאָטשעט אין משכנות-צימער. נאָך אַ ווײַל איז ער צוריק געקומען מיטן חנוכה-לאָמפּ, וואָס איז איצט געווען שוואַרץ, פאַר-חושכט, אָן גלאַנץ, מיט אַ קלאָגעדיקן טרויעריקן אײַזען, ווי אַ פאַר-מישפּטער אָפּגעגעבן צו ווערן צום שמעלצטאָפּ, צעטאָפּיעט צו ווערן אויף מינץ געלט אָדער אויף אַ צלם.

הערשל האָט זיך דערפרייט מיטן אויסגעלייזטן חנוכה-לאָמפּ גלײַך ווי ער וואָלט אָפּגעפינען אַ פאַרלוירענעם אוצר. ער האָט גע-נומען דעם חנוכה-לאָמפּ אונטערן שויס פון זײַן טלית-קטן און אין אויפ-געלעבטן האָט ער אים געבראַכט אין דער היימישער שטוב פון זײַן זיידן. אָן איבעראַשטער האָט ר' ישראל דיין אַרײַנגעכאַפּט דאָס חנוכה-לעמפּל אין זײַנע וואַרעמע הענט און גענומען עס רייניקן און פּוצן מיט אַן אויפגעצאַפּלטער פרייד.

לאַנג האָט ער געשײַערט און גערייניקט מיטן גרינעם געוואַנד ביז דער חנוכה-לאָמפּ האָט זיך צעגלאַנצט און צעפינקלט. אַ צעשײַנ-טער, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן איז דער חנוכה-לאָמפּ צוריק אַרויף אויפן טישל מיטן הימלבלאָען טישטעך קעגן פענצטער צו דער הויפּט-גאַס און האָט אַרויסגעשײַנט מיטן אַלטן און נײַעם נס וואָס ס'איז געשען מיטן ייִד און זײַן חנוכה-לאָמפּ אַמאָל און הײַנט.

דאָס צווייטע חנוכה-ליכטל האָט שוין ר' ישראל דיין געצינדן אין אַלטן ירושהדיקן זעלטענעם חנוכה-לאָמפּ, געלויבט דעם, וואָס לעבט אייביק, פאַר די ניסים וואָס ער האָט געטון מיטן ייִדישן פאָלק און מיטן חנוכה-לאָמפּ און איבערדערציילט פאַר די קינדער די גע-שיכטע פון זײַנע עלטערן און אורעלטערן וואָס האָבן געשאַפן דאָס שטעטל, און געהאָלפן בויען אַנדערע ייִדישע שטעטלעך וואָס זענען אויפגעקומען אויפן אָרט פון אַמאָליקע דערפער — שטעטלעך מיט תורה און סחורה און אַלט-פאַרוואָרצלט ייִדיש לעבן.

די פּורים־שפּילערס

באַלד נאָך חנוכה, ווי נאָר איטשע־לייבס ווײַב איז פּאַטיק גע־וואָרן מיטן אויסלאָזן דאָס יום־טובדיקע שמאַלץ און די גריוון באַ־האַלטן פֿון די נאַשערס, האָט איר מאַן, איטשע־לייב שוסטער, דער מאַדזשיצער חסיד און בעל־מנגן מיט דער באַמאַוועטער שטים, גענומען אײַנחזרן, אײַנשטודירן, מאַכן רעפּעטיציע מיט זײַנע געזעלן: מרדכי קנאָפּ און ראובן באַס, וואָס האָט געשפּילט אין דער קאַפּעליע פֿון דער „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע" אויף דער גלאַנציקער מעשענער טרובע און צוגעטראָמפּקעט, צוגעבאָמקעט אויף איר אין אַלע מאַרשן זײַן בום־באָם בום־באָם.

ער האָט זיך גענומען מיט זיי אײַנשטודירן שטיקער סצענעס פֿון מכירת־יוסף־שפּיל און פֿון עקידת־יצחק צו באַווײַזן זיך מיט זיי איבער די ייִדישע הײַזער פּורים צו דער סעודה און שאַפֿן געלט פֿאַר הכנסת־כלה, הכנסת־אורחים און ביקור־חולים.

יעדן שבת צו נאַכט, גלײַך נאָך הבדלה, נאָכן אָנפֿילן די קעשענעס מיט מזל־ברכה פֿאַר אַ פֿולער וואָך, אײַנטונקענדיק די פֿינגער אינעם אָפּגעטריפֿטן ווײַן נאָכן אויסגעלאָשענעם קאָלירטן געפֿלאָכטענעם הבד־לה־ליכט; באַלד נאָכן אָפּזאָגן „ויתן לך", האָט מען זיך גענומען צו דער רעפּעטיציע־אַרבעט ביז דער באָרשט מיטן מאַרכביין וועלן פֿאַר־טיק ווערן פֿאַר דער מלווה־מלכה־סעודה — צו די סצענעס פֿון עקידת־יצחק און מכירת־יוסף.

איטשע־לייב שוסטער איז געווען אַברהם־אָבינו, מרדכי קנאָפּ מיט זײַן ייִנג קולכל — יצחק, און ראובן באַס — דער שטן־מקטרג וואָס באַגעגנט זיי אין מיטן וועג צו דער עקידה און וויל זיי איבערעדן, אָפּרעדן פֿון אויספֿירן מקיים זײַן גאָטס ווילן און אומקערן זיך אַהיים צו ווײַב און מוטער, צו שׂרהן.

אין מכירת־יוסף־שפּיל איז איטשע־לייב געווען, — יעקבֿ־אָבינו און זײַן זון יהודה. מרדכי קנאָפּ האָט געשפּילט די ראָל פֿון יוסף, און ראובן באַס — דער ישמעאלי, וואָס יוסף איז צו אים פֿאַרקויפֿט געוואָרן און ער האָט אים, יוספֿן אַוועקגעפֿירט קיין מצרים.

נאָך יעדער רעפּעטיציע שבת בײַ נאַכט פאַר מלווה-מלכה האָט מען שפּעטער אַ גאַנצע וואָך געחזרט די „פּראָזע", דעם טעקסט פון די פּורים-שפּילן. מ'איז געזעסן אויף די פאַרטיפטע שיסלדיקע שוסטער-בענקעלעך, אויסגעפּאַסעוועטע מיט דורכגעפלאָכטענע לעדערפּאַסן, פאַר-לייגט אויף די קניִען קאַפּיטע און שטיוול, געלעכערט די זוילן מיטן נאָל, געקלאַפּט די הילצערנע שטיפטן, געצויגן די דראָטווע און בעת-מעשה געלעכערט די לופט מיט די פּורימדיקע פּזמונים, רעפריינען און „טרף טורף יוסף".

פאַר איטלעכן אָנהייב איז געקומען דער פּורימדיקער עפּילאָג-שפּרוך וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט די פּורים-אַטמאָספער. אפילו ווען זיי האָבן געשפּילט עקידת-יצחק האָט מען געוווּסט אַז ס'איז אַ פּורים-שפּיל ווײַל זיי האָבן אָנגעהויבן מיטן פּסוק: אַ גוטן פּורים, אַ גוטן פּורים מײַנע ליבע לײַט, מיר וועלן אײַך דערציילן וואָס פּורים באַטײַט. פּורים הייבט זיך אָן מיטן פּסוק „והי בימי" אין אחשוורושס צײַטן זענען געווען שונאי-ישראל ווי אין אונדזערע צײַטן. טיטוס, טאַרקווע-מאַדאַ, קרושעוואַן — אַלע האָבן זיי געהאַט די מפּלה פון המן.

ראָש-חודש אדר האָבן זיך אָנגעהויבן די גענעראַל-פּראָבעס אין פּאַליש פון חסידים-שטיבל ווײַל דאָרט זענען געווען די „כלים" פאַר די האַלב-אמתע שפּילן: אַ צעבראָכענער שטענדער וואָס האָט געדינט פאַרן מזבח אויף וועלכן מ'האָט יצחקן געפירט צו דער עקידה. צווישן די שטיקער אָרון-קודש, שולחנס, בענק און אַנדערע קדושה-חפצים האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן ראובן באַס, דער שטן-מקטרג, און פון דאָרט אָפּרעדן יצחקן, זיך נישט לאָזן ברענגען פאַר אַ קרבן אויף דער עקידה, און ווו איטשע-לייב האָט געהאַט אויסצוציִען זײַן האַנט מיטן מעסער — גרייט צו דער שחיטה.

אויך איז דאָרט געווען פּלאַץ, ווו דער ישמעאלי האָט געקאָנט פאַרשווינדן מיט יוספן נאָכן קויפן אים בײַ די ברידער, און אָרט פאַר איטשע-לייבן, ווו צו זיצן, באַקוקן און באַקלאָגן ס'כתונת-פּסים, ס'זײַ-דענע העמדל יוספס, וואָס מרדכי קנאָפּ און ראובן באַס האָט אים גע-בראַכט פאַר אַ סימן אַז טרף טורף יוסף, פאַרציקט פון אַ חיה איז יוסף און איטשע-לייב — יעקב — האָט מיט ביטערע טרערן, באַוויינט זײַן באַליבטן זון, זײַן יוספן.

צו דער גענעראַל-פּראָבע האָבן געקאָנט קומען — פאַר איינעם פון די דרײַ פּושקע-געלטער — אַלע וואָס זענען געווען מבינים און די וואָס האָבן נישט געקאָנט קומען צו דער גאַלאַ-פאָרשטעלונג אחרון

של פסח. אויך די אָרעמע וואָס האָבן געגאַנגען פּונעם פושקע-געלט און נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַרן אײַנטריט אין דער שאַפע.

די רעפּעטיציעס האָבן זיך געצויגן ביז אסתר-תענית. פון אסתר-תענית ביז פורים האָט מען זיך אָפּגערוט, מע זאָל פורים האָבן כּוח צו גײן איבער די גבירישע הײַזער שפּילן שטיקער עקידת-יצחק און מכירת-יוסף, און קריגן שלח-מנות-געלט פאַר די דרײַ פושקעס.

פורים בײַ נאַכט האָבן איטשע-לייב מיט זײַנע געזעלן, וואָס זענען געווען זײַנע געסט צו דער פורים-סעודה און בחיפזון, גיך זיך אָפּגע-פּאַרטיקט מיטן עסן — זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט מיט זייערע שפּילן. פאַרשטעלטע, איבערגעטוענע אין זייערע איבערגעקערטע אַלטע קליידער האָבן זיי מיטגעפירט מיט זיך אַן אייגן פובליקום — איטשע-לייבס קינדער — די יִינגלעך און די קלענערע מיידלעך.

ס׳ערשטע זענען זיי געגאַנגען צום דיין, ר׳ ישראל טאָכטערמאַן, וואָס האָט פון זיי שטענדיק פאַרלאַנגט, זיי זאָלן פאַר אים שפּילן עקידת-יצחק, דערקלערנדיק פאַרן בני-בית און די שפּילערס, אַז ווען נישט עקידת-יצחק, וואָלט נישט געווען קיין פורים און קיין יִידיש פאָלק וואָלט, חלילה, נישט געווען און די וועלט וואָלט נישט געווען געהאַט קיין קיום. דאָס איז שוין געווען זײַן חזקה אַ סך יאָרן, אַז צו אים קומט מען צום ערשטן, ווײַל ראשית איז ער דאָך עפּעס דער דיין, און צווייטנס, וויל דער רב נישט האָבן קיין חוזק-שפּילן פון ני-סימדיקן פּורים:

— פורים — האָט דער רב געטענהט — איז נישט געשאַפן גע-וואָרן פאַרן טרעאַטער, אָדער צו טרײַבן לצנות.

נאָך אַ סיבה איז געווען פאַר וואָס מ׳איז צום דיין געגאַנגען צום ערשטן, ווײַל ער האָט געמאַכט אַ גוטן פאַטשאַטעק. ער האָט געגעבן פאַר אַלע דרײַ פושקעס מיט אַ ברייטער האַנט. גענומען פון טיטלען געלט, וואָס זענען פאַר אים אויפן טיש געשטאַנען אויסגעשטעלט פון זילבער — האַלבע און גאַנצע רובלס, נישט פון די גריוועניקעס און צענערלעך, אין געטיילט אויף רעכטס און לינקס. מ׳איז אויך צו אים געקומען צום ערשטן, ער זאָל צײַט האָבן פאַר די שלח-מנות-טראָגערס וואָס זענען געווען אַ סך, און מ׳האָט געהאַלטן אין איין גײן, די טיר האָט נישט גערוט קיין רגע.

ר׳ ישראל דיין האָט פון פורים נאָך מיטאָג אָן, פאַר מנחה נאָך, אָנגעהויבן זיך מכין זײַן צו דער פורים-סעודה. ער האָט אויסגעשטעלט דעם פורים-טיש אין דער סאַלע פאַרן גאַנצן הויזגעזינט זײַנעם פאַר

די דרײַ זין און די פיר טעכטער און שנורן, אײדעמס און אײניקלעך. יעדן געזעצט אויף זײַן אָרט לויט זײַן סטאַטוס אין לערנען און עלטער, און פאַר איטלעכן קינד און אײניקל אַפילו וואָס האָבן געוווּסט וואָס געלט איז, אַז געלט איז געשאַפן געוואָרן צו געבן דערמיט צדקה — פאַר זיי האָט ער אויסגעשטעלט אַ טיטל געלט, אַ זייל גראָשנס, גרייוועניקעס, צענערלעך און קאָפּיקעס צו טיילן פון זיי די פּורים־שפּילערס און די שלח־מנות־טרעגערס.

פאַר זיך אַליין האָט ער אָוועקגעשטעלט בלויז טיטלען זילבער, און פון זיי געטיילט מתן־בסתר מיט אַ חשבון, לויט די באַדערפעניש און אויך לויטן שטאַנד און תורה — זײַן שלח־מנות. צו די נישט־פאַרמעגלעכע שלח־מנות־שיקערס האָט ער געטײַיִשט ס׳שלח־מנות, געשיקט זיי די רײַכע שלח־מנות וואָס מ׳האָט אים געשיקט, און די רײַכע — געשיקט דאָס שלח־מנות פון די אביונים. זיי האָבן שוין געוווּסט און פאַרשטאַנען. די גאָר אָרעמע בעלי־תורה האָט ער אַליין געשיקט רײַכע שלח־מנותן, זיי זאָלן האָבן פון וואָס אים צוריקצושיקן און ער האָט נאָך צוגעלייגט אַ האַלבן רובל, אַ רובל אָדער צוויי. געטוישט אַן עפּל אויף טייטלען און האָניק־קיכלעך אויף פּאָמעראַנצן.

די פּורים־שפּילערס האָט ער באַלד נאָכן פּורים־פּזמון און אַ האַלבן אַקט פון עקידת־יצחק אויסגעטיילט פאַר די דרײַ פּושקעס — זייער שלח־מנות, און זיי געשיקט אין די אַנדערע יידישע הײַזער וואָס וואַרטן אויף זיי מיט זייער שלח־מנות, און געבעטן לאָזן אָפן די טיר פאַר די שלח־מנות־טרעגערס און אַנדערע פּורים־שפּילערס, אָרעמע קינדער וואָס זענען געקומען, אָפּגעזאָגט אַ שפּרוך און געקריגן שפּילגעלט.

איטשע־לייב מיט זײַן קאַפּעליע שפּילערס: מרדכי קנאָפּ און ראובן באַס און זײַנע קינדער— דאָס פּובליקום — זענען נישט געווען די איינציקע פּורים־שפּילערס אין שטאָט. זיי האָבן בלויז מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס לעגיטימע טעאַטער וואָס שפּילט איין מאָל אין יאָר, און די אַקטיאָרן — די אָפיציעלע צדקה־קלײַבערס פאַר די דרײַ חברות: הכנסת־כלה, הכנסת־אורחים און ביקור־חולים.

אויך די חסידים־שטיבלעך האָבן געהאַט יעדער איינער זייער פּורים־רב מיט זײַנע יוצא־משרתים, פּורים־פּאַיאַצן, לצים, וואָס האָבן אים אונטערגעהאַלטן זײַן לצנות. דער פּורים־רב האָט געזאָגט שאַרפזיניקע חכמות, ווערטלעך געמישט מיט תורה און לצנות, איידעלע שקאָצערײַ. זײַנע פּורים־לצים האָבן אים אַרויסגעהאָלפן, געשטעלט

קשיות, געפרעגט שאלות. ס'זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן שוין געהאַט אַ חזקה צו זיין פורים־רב און פורים־לץ פון שטיבל.

דעם פורים־רב איז דערלויבט געווען פאַרשייטע שפּאַסערייען און שאַרפע זאַגעכצער. איך זיינע משרתים האָבן זיך דערלויבט אויף שקאַצעריין, וואָס דעם פאַרשייטסטן חצוף וואָלט עס נישט דער־לויבט געווען אין אַן אַנדערער צייט, און ער וואָלט עס נישט געוואַגט אפילו אין דער צייט.

די יוצא־משרתים פונעם פורים־רב האָבן אים אויסגעפּוצט אין די קאָמישסטע קליידער, אָפּגעפּאַרבט אים אַ פורים־מיצל אין די משו־נהדיקסטע קאָלירן, און אַזוי זענען געווען זיינע זאַגעכצער אין דרשות — משונה, געפּעפּערט און געזאַלצן. זיי האָבן פאַר אים אויפגעשטעלט אַ טראָן פון שטולן און בענק, אים באַזעצט אויף אַ טיש ביי דער טיר, לעבן כיור מיט געזאַנג און שפּיל. פאַר אַ סצעפּטער האָט מען אים געגעבן אין האַנט אַן אויסגעריבענעם בעזעם און געהייסן קיניגן, געבן באַפעלן, זאָגן דרשות, גראַם. ער האָט שטענדיק אָנגעהויבן מיט אַ שבתדיקן קידוש־ניגון:

— היום לא יום שישי, ויכולו שמים, שמים מלא כבודו, כבודו מלא עולם, ומשרתיו שואלים זה את זה, איה, ווי איז דער דין, אַז מ'האָט נישט קיין גרעגער — מיט וואָס שלאָגט מען המנען?

— מיט איינס פון די ביידע: מיט די אָפּגעשלאָגענע הושענות, אָדער מיט דער שוויגערס שייטל — האָבן געענטפערט די יוצא־משר־תים אין כאָר.

— ווי איז דער דין אַז פאַר דער מזוזה שטייט אַן אישה און מע קאָן נישט קושן די מזוזה?

— איך פסקן טריף, און היים אויף מיין אחריות אַראָפּנעמען די מזוזה, אַרויפהענגען די אישה און קושן.

— ווענען, רבי, וועמען קושן?

— די מזוזה, די מזוזה, פושעים ישראלים!

— מלך, רבי, פאַר וואָס מוז מען פסח עסן מצה? איז נישט גענוג, אַז מע היט זיך אוים פון עסן חמץ?

— געוואַלד, שוטים, טיפּשים, גראָבע קעפּ! ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין מצה, וואָלט נישט געווען קיין קניידלעך, און פון דער הגדה קאָן מען נישט לעבן. לא הגדה העיקר אלא הקניידלעך.

— רבי, מלך, זאָגט, פאַר וואָס זעט מען נישט אליהו הנביאן פסח

צום סדר ווי ער קומט און גייט איבער ייִדישע הײַזער טרינקען פון זײַן כוס? פאַר וואָס באַהאַלט ער זיך? ס'קען דאָך נישט זײַן...

— יאָ, חכמים עתיקים — נח, לוט און זײַנע בנים האָבן פאַר־שוואַרצט אונדזער פּנים. אָבער דער תשבי שיתרץ אלינו, ער טרינקט דאָך לשם שמים זכותו יגן אלינו, ווי די מלכים בײַ אברהם־אָבינו.

— זײַט איר אַ מאמין אַז ס'וועט אים נישט שאַטן, אויב משיח בן דוד זאָל ווערן קומען פּסח צום סדר, וועט ער קענען אין שופר של משיח בלאָזן און שאַלן?

— אני מאמין באמונה שלימה, אַז משיח וועט קומען אויפן ווײַסן פערד, אָבער נישט פריִער ווי אַלע אַפּיקורסים וועלן ליגן אין דר'ערד.

— אני מאמין אַז פּורים איז אַ יום־טוב און קדחת — אַ קרענק, אַ סימן האָט איר אַז בײַ חיים באַיער און בײַ טויטלען איז הײַנט יום־טוב און ביידע הערן לייענען די מגילה. און המנען מיט זײַנע בנים האָט עם געוואָרפן הײַזער די הויך צו דער תליה און אין שאול־תחתיה.

— אני מאמין און כ'בין אײַך מבטיח, אַז מירן אַרויס פון גלות איידער מע וועט דערלעבן ביאת־המשיח.

— רבי, וואָס איז די גרעסטע עבירה פון וואָס אַ ייִד דאַרף זיך איטהיטן נישט צו טון אין פּורים?

— די גרעסטע עבירה פאַר אַ ייִד, איז פּורים טרינקען וואַסער אַנשטאָט אַקעוויט. ייִדן, מלקות דעם, וועמען איר וועט כאַפּן פּורים טרינקען וואַסער — מלקות גיט! ברענגט אים אַפילו נישט צו מיר, נאָר ציילט אים אַרײַן אחת ושתים און דערנאָך מאַכט אַ לחיים — האָט דער פּורים־רב געהויבן צו זיי אַ פלאַש.

דאָ האָבן אים אַלע דערלאַנגט זייערע כוסות און ער האָט יעדן אָנגעגאָסן זײַן גלאָז פול מיטן אויג, ווי צום קידוש מאַכן פון דער גרויסער מאַנאַפּאָלקע 96קער. קיינער האָט זיך נישט פאַרהוסט, און אַלע האָבן זיך געלאָזט אין אַ ריקוד, געכאַפּט אַ טענצל אַרום דעם פּורים־רב, געזונגען שושנת יעקב צהלה ושמחה, צוגעמישט ייִדישע ווערטער און נעמען. דעם שושנת יעקב איז שיינער יעקב, צילה מיט שמחה בראותם יחד, מיר האָבן זיי געזען צוזאַמען מיטן תכשיט מאַטקע מיט די תכלת־אויגן.

די אַלע לצנות, שקאַצישע זאַגעכצער איז דערלייבט געווען דעם

פורים-רב און זײַנע לצימדיקע יוצא-משרתיו צווישן דעם פרימאָרגנ-דיקן מגילה-לייענען און דער פּורים-סעודה. די מערסטע חסידים אָבער האָבן נישט געלאָזט איטשע-לייבן מיט זײַן קאַפּעליע שפּילן חוזקע-רייען, טעאַטער-שפּילן אויף עקידת-יצחק און מכירת-יוסף אין זייערע הײַזער, בײַ זייערע טישן. איטשע-לייב האָט פאַר זיי אָפּגעזאָגט דעם פּורים-שפּרוך „אַ גוטן פּורים מײַנע ליבע לײַט" און אונטערגעטראָגן די פּושקעס. יעדער חסיד האָט אַרײַנגעוואָרפן וויפל זײַן האַרץ האָט געגלוסט, ווײַל איטשע-לייב מיט זײַנע שפּילערס האָבן דערבײַ פאַר-מאַכט די אויגן, זיי זאָלן נישט זען וויפל מע לייגט אַרײַן, נישט נכשל צו ווערן, חלילה, אַפילו במחשבה מיט רכילות אָדער מוצא דיבה זײַן, חלילה, אויף וועמען, אַז ער האָט אַ געליימטע הענטל.

נאָך פּורים האָט ס׳גאַנצע שטעטל געפיבערט מיטן אַרײַנברענ-גען אַ כשרן פּסח אין שטוב אַרײַן מיט מעות-חיטים, מיט שײַערן און כשרן טישן, בענק, כלים און מיטן אַרויספּטרן ס׳חמץ; מיט מצה-באַקן. די שמירה-ייִדן האָבן זיך געשטופּט נאָכן „מים-שלנו" אַפילו אין דער צײַט האָט איטשע-לייב נישט פאַרגעסן זײַן עקידת-יצחק און מכירת-יוסף; דאָס גרייטן זיך פון דער קאַפּעליע צו דער מוצאי-יום-טובדיקער פאַרשטעלונג. דאָס שפּילן איז אים אויף אַ מינוט נישט אַרויס פון קאָפּ.

צו די זאָרגן אײַנצופירן אַ כשרן פּסח האָבן די פּורים-שפּילערס געהאַט נאָך אַ זאָרג: ס׳זאָל חלילה ביז אחרון של פּסח נישט אויס-ברעכן קיין שריפה אין שטעטל, צי אין די אָרעמקע דערפער און די פײַערלעשער-שאַפּע זאָל נישט אָפּגעברענט ווערן, ווי ס׳איז שוין אַמאָל געשען מיט יאָרן צוריק און מ׳האָט געמוזט שפּילן אין דער ווײַבערי-שער שיל. אָדער אַז דעם צווייטן טאָג פּסח האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גשמל, וואָס האָט צוויי טעג פאַרשטעלט ס׳שטעטל פון דער וועלט און אויפן דריטן טאָג חול-המועד האָט גענומען גיסן אַ טל-ומטר-רעגן, ווי אין סיכות-צײַט, און ס׳האָט זיך געשטעלט אַ בלאָטע געדיכט אָדער שוואַרץ ווי סמאָלע — זענען דעמאָלט די פּורים-שפּילערס געווען ווי אויפן זיבעטן הימל פון גרויס פרייִלעכקייט.

אָדער אַז אחרון של פּסח אין דער פרי האָט די זון דורכגעבראָכן די שווערע בלײַענע וואָלקנס, זיי שיטער געמאַכט און נאָכן לעצטן יום-טוב-מאָלצײַט זיי פאַריאָגט און פאַרטריבן פון הימל, איז עס פאַר אַלע-מען געווען אַ סימן-טוב, אַז ס׳וועט זײַן אַ גוטער זומער מיט שפע אויף די פעלדער און אין די סעדער, און פאַר איטשע-לייבן — אַז

ס׳וועט היינט ביי נאכט, מוצאי־יום־טוב, זיין א גרויסער עולם און זאל און א שפע פאר די פושקעס.

פון פאר פסח נאך איז שוין אלץ געלעגן גרייט אין דער שאפע פון דער פייערלעשער־קאמאנדע פאר דער עקידת־יצחק־שפיל און גע־ווארט אויף אחרון של פסח; די קליידער, דער שטענדער־מזבח, די צע־בראכענע שטיקער ארון־קודש און די אנדערע שטיקער חפצים, אויך ל״ג־בעומר־שווערדל, ארומגעליישט מיט זילבער־פאפיר פארן חלף און די באנק אויף רעדלעך פאר ראובן באס, וואס האט אים געדארפט מאכן פארן אייזל, וואס יצחק רייט אויף אים צו דער עקידה.

ראובן באס׳עס חברים פון דער פייערלעשער־חברה האבן די אלע זאכן געהיט ביז מוצאי־פסח. באלד נאך מעריב זענען די דריי שפילערס גלייך אוועק אין דער שאפע זען אז אלץ זאל זיין גרייט ווען דער עולם וועט אנהייבן קומען. אויפן וועג גייענדיק צו דער שאפע האט מען נישט איפגעהערט חזרן די רעפליקעס, מ׳האט געשפילט גייענדי־קערהייט. ראובן באס איז געבליבן ביי דער טיר מיט די פושקעס, איינצוקאסירן ס׳איינטריטגעלט. ער האט אכטיק געגעבן מע זאל נישט אפנארן, מע זאל זיך נישט אריינקריגן אן געלט. מ׳האט קיינעם נישט אריינגעלאזט אומזיסט, צי פאר גראשנס, ס׳עסק זאל נישט ווערן צו ביליק, פארביליקט.

ווען די שאפע האט זיך אנגעפילט מיט מענטשן און די פושקעס — מיט געלט, אז ס׳איז שוין נישט מעגלעך געווען א שפילקע ארייג־צוווארפן; מ׳איז שוין געשטאנען ביי טיר און פענצטער — איז ראובן באס ארונטער הינטערן פארהאנג און אלע דריי האבן זיך גענומען גרייטן צו זייערע ראלן.

איטשע־לייב — אברהם, און מרדכי קנאפ — יצחק, האבן נישט געהאט וואס צו פאררכטן אין זייער פערזענלעכן דעקאראציון אויס־זען. נישט נייטיק געווען זיך צו גרימירן, אדער פארשטעלן. די פא־טריארכאלע בארד און פיאות זענען ביי איטשע־לייבן געוואקסן א גאנץ יאר. ער איז שטענדיק געווען גרייט פאר זיין אברהם־ראל. און מרדכיס גלאט פנים איז גרייט געווען פאר דער יונגער ראל פון יצחקן.

דער איינציקער, וואס האט געדארפט דורכגיין אן אומוואנדלונג, איז געווען ראובן באס. ער האט געדארפט פארוואנדלט ווערן אין אן אייזל וואס יצחק רייט אויף אים מיט זיין בינטל שפענער צו דער עקידה. ער האט באדארפט ליגן אויף א באנק מיט רעדלעך, איבער־געדעקט מיט זעק, מיט אן ארפהענגענדיקן קאפ, הענט און פיס,

אַראָפּגעלאָזט פון ביידע זייַטן מיט צוויי שקאַרמיצן פאַר אויערן, ער זאָל אויסזען ווי אַן אייזל, און יצחק זאָל רייַטן אויף אים.

פון הינטער די קוליסן האָט זיך דערהערט אַ גלאָקנקלאַנג און דער בינענגערויש אין דער שאָפּע האָט זיך גענומען איינשטילן. באַלד האָט דער קעסלפויק אָנגעהויבן הינערן אַזש ס'האָט פאַרטויבט די שאָ־פּע און אין דער לופטן האָט זיך אַ טראַג געטון דער געטלעכער באַפעל צו אַברהמען: — קח את בנך, את יחידך, אשר אהבת, את יצחק. ולך לך אל ארץ המוריה והעלהו על אחד ההרים אשר אמר אליך". די קנויטן פון די בליצלאָמפּן זענען אַראָפּגעדרייט געוואָרן. פון הינ־טערן פאָרהאַנג האָט זיך אַרויסגערוקט איטשע־לייב, דער פּאַטריאַרך אַברהם און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די באַנק, וווּ ראובן באָס איז גע־לעגן אַן אויסגעצויגענער מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ און אַרונטער־געלאָזטע הענט און פיס, איבערגעדעקט מיט זעק און אויף אים איז געזעסן מרדכי קנאָפּ — יצחק. רייַטנדיק האָט ער זיך אָנגעהאַלטן בייַ זייַנע שקאַרמיץ־אויערן. אַלע דרייַ מיט זייערע פּנימער אין פּראָפיל האָבן געצויגן צו דער עקידה. ראובן באָס האָט גענומען רעדן צו יצחקן די רייד פון שטן מקטרג, ווי בלעמס אייזל. ער האָט אים גענומען אָפּ־רעדן, ער זאָל זיך נישט לאָזן פירן צו דער עקידה:

— יצחק, מייַן קינד, צי ווייסטו כאָטש וווּהין דער טאַטע דייַנער, דער אַכזר פירט דיך?

— יאָ, איך ווייס — האָט יצחק געענטפערט — צו טאָן גאָטס ווילן.

— ס'איז שקר וכזב! — האָט דער שטן, אין געשטאַלט פון מרדכי קנאָפּ, געדונערט — שעכטן פירט ער דיך.

— ניין, נישט שעכטן — האָט אים יצחק דערווידערט — טון גאָטס פאַרלאַנג גייען מיר.

— גייסט מאַכן דייַן אַלטע מוטער קינדערלאָז — האָט דער שטן געשריגן — זי לאָזן אָן אַ קדיש!

דאָ איז יצחק אַראָפּגעשפּרונגען פון ראובן באָס דעם אייזל און אַליין גענומען אויסלייגן האָלץ אויפן מזבח און זיך אַוועקגעלייגט — גרייט צו דער שחיטה. אַברהם האָט דערווייַל געריבן ס'ל"ג־בעומר־שווערדל, געשאַרפט דעם חלף, געפּרוווט די שאַרף אויף זייַן נאָגל, אויפגעהויבן די האַנט מיטן חלף — גרייט אים אַראָפּלייגן אויף יצחקס האַלדז. ראובן באָס האָט אין דער רגע אַ דונער געטון.

— אַברהם, אַברהם! שטרעק נישט דייַן האַנט צו דעם יונג! פון

אים וועט אַרויסקומען מײַן אייביק פֿאָלק וואָס וועט זײַן אַזוי פֿיל כחול הים, און פֿאַר אים זאָג איך צו דאָס לאַנד אויף וואָס דו שטייסט, פֿאַר אים און זײַן זרע.

באַלד האָט ער אַ מעקע געטון, ווי אַ שעפּס, דער פֿאַרטרעטער יצחקס אויפֿן מזבח, און יצחק מיט אַברהמען האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ברענגען דעם שעפּס וואָס האָט געמעקעט און געמעקעט. מיט דעם האָט זיך געענדיקט די שפּיל פֿון עקידת־יצחק. מ׳האָט אויפֿגעדרייט די בליצלאָמפּן און דער עולם האָט אַ צופֿרידענער זיך גענומען פֿונאַנדערגיין.

***

יאָרנלאַנג זענען איטשע־לייב מיט זײַנע געזעלן געווען די פּורים־שפּילערס פֿון שטעטל ביז ס׳איז געקומען די מילחמה און ס״שטעטל איז באַפֿאַלן געוואָרן פֿון גזירות. די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון. די באַנרעלסן אַרום שטעטל זענען אויפֿגעריסן געוואָרן צוליב דער פֿעסטונג וואָס האָט זיך געפֿינען הינטער דער שטאָט.

אויך ס׳ייִדישע לעבן איז אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פֿון די רעלסן. דאָס שטעטל איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן קרייצפֿײַער פֿון שׂנאה. די אויסנעם־געזעצן מיטן אויסנעם־צושטאַנד האָט פֿון אַלע געמאַכט יושבי־אוהלים, שטובזיצערס פֿון מנחה ביז שחרית. נאָר די טעלעגראַף־הי־טערס האָבן געמעגט האַלטן וואַך בײַ זייערע סלופּעס. אַלע אַנדערע האָט געדראָט טויטשטראָף פֿאַרן געפֿינען זיך אין גאַס אין די פֿאַר־באָטענע שעהען.

צוזאַמען מיט די קירישע שאָסן האָבן זיך אויפֿן שטעטל אַראָפּ־געלאָזט פֿרישע צאַרישע גזירות. נאָך די ערשטע שיסערײַען איז גע־קומען דער ערשטער גירוש וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז קי־רען איז גוט קאַלט געוואָרן פֿון די שאַרפֿע פֿרעסט. נאָך חנוכּה איז ס׳שטעטל צוריק באַנײַט געוואָרן מיט ייִדן. די אַלטע גזירות אָבער און די אַנטי־ייִדישע געזעצן אין איינעם מיטן אויסנעם־צושטאַנד זענען ווײַטער געבליבן גילטיק.

דעם ווינטער פֿון ערשטן יאָר מילחמה זענען ייִדן פֿון די שכנישע הײַזער אַרום דיינס הויז געקומען דורך די הייף, איבער די פּלויטן צום דיין הערן לייענען די מגילה. אויך די פּורים־שפּילערס האָבן זיך, ווי די שאָטנס, געשלייכט, זיך געגנבעט דורך די הינטער־געסלעך און מיט הינטערוועגן געקראָכן איבער פּלויטן און הייף צו די פּורים־שפּילן און פּורים־שפּרוך זאָגן און צו זאַמלען געלט פֿאַר זייערע צדקה־פּושקעס.

ווען דער שווערלײַביקער איטשע־לייב איז געקראָכן איבער וואַ־

דיאנקערס הויכן פלויט, וואס האט פארשטעלט זיין הויז פאר א פרעמד אויג, פאר אן עין-הרע, האט ער זיך פארטשעפעט און איז אראפגע־פאלן. ער האט זיך צעבראכן ס׳געלענק, זיך צעריסן ס׳לייב אין איינעם מיט דער קאפאטע און לייבצודעק און זיך געלייגט קרענקען.

ראובן באס איז געווארן איטשע-לייבס ממלא-מקום אין דער שום־טעריי. ער האט געשאלטן מיט טויטע קללות דעם צאר, זיין פעטער, די פעסטונג, די טולסקע און ביעלאווסקע פאלקן, די טשערקעסן און קאל־מיקן און די אנדערע פארטיידיקערס פון דער פעסטונג און זיי געוויג־טשן אלע מיתות-משונות פון ונתנה-תוקף. א חוץ סקילה, שריפה, הרג וחנק, האט ער זיי צוגעלייגט מגיפות, קרענק און זיי צוגעווינטשן א פינצטערע וויסטע מפלה מלא. זעט אויס, אז ער האט עס ארויסגע־זאגט אין א שעת הכושר. זיין געבעט איז אנגענומען געווארן. די מפלה האט אויף זיך לאנג נישט געלאזטווארטן. זי איז געקומען פריער ווי ס׳שטעטל האט זיך גערעכנט.

שבת-הגדול נאכן רבס דרשה האט אנגעהויבן מקוים צו ווערן ראובנס קללות און מפלה-ווינטשעוואניעס דעם צער מיט זיין פעסטונג, ס׳גאנצע מלכות-הרשעה און זיין ממשלות זדון. באלד נאך דער דרשה זענען זיך יידן צעגאנגען פון בית-מדרש — יעדער צו זיך אהיים. נישט צוריק צו קומען צו שלוש-סעודות צוליבן אויסנעם-צושטאנד. מ׳איז געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן אויב מ׳האט זיך געפינען אין גאס צווישן מנחה און שחרית און ס׳בית-מדרש איז געבליבן אויסגעליידיקט דעם שבת-הגדול נאכן רבס דרשה.

יידן האבן געפראוועט שלוש-סעודות ביחידות, יעדער ביי זיך אין הויז הינטער פארריקטע פארהאנגען וואס האבן פרי פארטונקלט דעם שבתדיקן בין-משמשות אין די שטיבער. דורך די פארצויגענע פאר־האנגען האבן זיך שטיל און אומעטיק אריינגעזייעט די לעצטע שבת־דיקע שטרייפן שיין. די פרויען האבן געזאגט גאט פון אברהם, גע־בעטן דעם רבונו-של-עולם, ער זאל טון חסד מיטן שטעטל, מיט די יידן און מיט דער וועלט.

ווי ער וואלט געווארט, ס׳זאל זיך ענדיקן דער שבת, האט דער שונא געמומען באשיסן, באווארפן מיט פייער און שוועבל די פעסטונג. ער האט געשאסן און געטראפן אויך אין די שטעטלדיקע קאזארמעס, וווּ ס׳זענען איינגעשטאנען די טולסקע און ביעלאווסקע פאלקן, די אר־טילעריע און קאוואלעריע, די טשערקעסן און קאלמיקן — די פארטיי־

דיקערס פֿון דער פֿעסטונג. פֿון אַלעם האָט דער שונא געמאַכט אַש און פֿאַרעך.

ווי ראובן האָט געווּנטשן אַזוי איז מקוים געוואָרן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט סקילה. ווי שווערע פֿײַערדיקע שטיינער זענען די קוילן געפֿאַלן אויף דער פֿעסטונג און אויף די שטעטלשע קאָשאַרן, זיי אָנגעצינדן, אָנגעמאַכט שריפֿות. אַ סך פֿון די פֿאַרטיידיקערס זענען געהרגט געוואָרן דורך חניקה, דערשטיקט געוואָרן פֿון פּולווער־סם אין שריפֿה־רויך. די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, זענען זיך צעלאָפֿן אין וואַלד אַרײַן, און די פֿעסטונג איז געפֿאַלן. דעם צאַרס טראָן האָט זיך גענומען טרייסלען אין וואַרפֿן ביז ס׳איז ענדלעך אין גאַנצן אײַנגעפֿאַלן די רשעותדיקע אָרדענונג. און דער צאַר מיט זײַן כנופֿיה האָבן געליטן המנס מפּלה.

מסירת־נפש

ווער ס׳האָט זי ס׳ערשטע מאָל באַגעגנט, שפּחהלע די גבאיטע, איז געוועזן אַ ביסל איבערגעראַשט צו זען פאַר זיך אַ פרוי, וואָס איז דער היפּוך פון דעם וואָס דער פאַרצוויגענער נאָמען אירער — שפּחהלע, מיטן צוגאָב די גבאיטע — האָט אָנגעטײַט. נאָכן נאָמען האָט מען זיך פאָרגעשטעלט אַז ס׳דאַרף זײַן אַ מאָגערע פרוי, אַ דאַרע, אַ קליינע מיט דראָבנע טריטעלעך און מיט אַ טשעפּיקל אויפן קאָפּ. אויב זי האָט די אַלע סימנים פון אַ גבאיטע נישט געהאַט,איז זי אָבער קיין אָסאָבע זיכער נישט געווען. אַזוי האָבן אַ סך געטראַכט איידער ס׳איז זיי אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט איר.

שפּחהלע גבאיטע איז געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע גבאיטעס אין יענער צײַט אין קליינעם שטעטל. זי האָט נישט געהאַט קיין ענלעכקייט צו אַ ייִדישער בת־רחמנות, נישט מיט איר אויסזען, נישט מיט איר פירעכץ און אפילו נישט מיטן אָנטועכץ.

געוויינטלעך האָט אַ גבאיטע געטראָגן אַ ברייטע ספּודניצע, אַ טשעפּיק אויפן קאָפּ, געהאַט אַ פרום פּנימל און גערעדט פרומע ריידעלעך. שפּחהלע איז געווען אַנדערש מיט איר אויסזען און באַנעמען זיך מיט מענטשן. איר געשטעל, איר שטאָלצער גאַנג, איר האַלטונג און גראַציעזקייט, איר חשיבות — אַלץ האָט אונטערגעשטראָכן אַז מ׳האָט פאַר זיך אַן אשת־חיל ע׳לעך צו אַ מירעלע אפרת.

אַלעמען האָט זי געטראָגן הילף, אומבאַהאָלפענע, קראַנקע, אָרעמע ייִדן און גויים אין אייגענעם שטעטל, אין נאָענטן דאָרף, צי אין ווײַטן אָפּגעלעגענעם שטעטל אפילו — אָט ווי אַ טאָכטער פון פאָלק רחמנים בני רחמנים. איר גוט האַרץ, איר אשת־חיילדיקייט האָט שפּחהלע אַר׳יסגעוויזן נאָך אין אירע קינדעריאָרן. די זקנים פון שטעטל, וואָס האָבן געדענקט איר עלטערזיידן זמרי און איר זיידן ירוחם סולת, וואָס מיינט זעמלמעל, האָבן עדות געזאָגט אַז זי איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו ביידע: צו זמרין מיטן כאַראַקטער און צו ירוחמען מיטן פּנים, מיטן שיינעם אויסזען.

איר טאַטע, ברוך סולת האָט זיך מיט דער ענלעכקייט נישט באַגנוגנט. ער האָט פאַריבל געהאַט אויפן מלאך, דעם ממונה איבער די

געבורטן, אויף די מינים הלמאַי ער האָט געמאַכט אַ טעות, פאַרטוישט זײַן בן־זכר אויף אַ מיידל; געשיקט אים אַ נקבה במקום אַ זכר, אָ‎ין כסדר אַרויסגעקומען מיט זײַנע טענות און תרעומות צו דער השגחה און צום מלאך ביז צירל זײַן ווײַב, געראָטן מיט איר קינדלען אין איר מומען, אין דער שוועסטער פון איר טאַטע, דעם מצבה־קריצער, האָט געבוירן אַ צווילינג און טאַקע צוויי מיידלעך — ערשט דעמאָלט האָבן אויפגעהערט ירוחם סולתעס טענות, און שוין פאַר איין וועגס אויך זײַן צירלס קינדלען.

וואָלט דאָס געווען דער איינציקער טעות אין דער סולת־משפחה, וואָס אַנשטאָט אַ יינגל איז געקומען אַ מיידל — וואָלט עס נאָך געווען מיט צו דערלײַדן, אַ האַלבע צרה. די מישפחה האָט אָבער געהאַט אַנדערע צעדרייעונישן און פאַרמישעניש. די לעצטע איבערגעבליבענע פון דער מישפחה סולת האָבן אַפילו נישט געוווסט פון דעם. בלויז די זקנים פון שטעטל האָבן דערפון געהערט ברמז, מיט אַנצוהערעניש און גערעדט וועגן דעם אין דער שטיל, און מיטן כוח־הדמיון זייערן צוגעלייגט כפל־כפלים.

דערפאַר אפשר האָבן זיי נישט צוגעהאַלפן אַז די סולת־מישפחה און דער נאָמען גופא זאָל זיך אַננעמען אין שטעטל נישט צווישן די פאַרדײַטשטע ייִדן, נישט צווישן די פּאָלאַקן און שטעטלשע ייִדן וואָס אַלע זענען זיי צעראַבעוועט געוואָרן דורך די רוסן. און דאָס סולת, זעמלמעל, וואָס האָט זיך נישט איבעריק גוט געמישט מיטן שוואַרצן ראַזעווע ברויט, איז נישט מקובל געוואָרן — פון ערשטן זמרי סולת ביז ברוך סולת, דעם דריטן דור, שפחה סולתעס טאַטע.

קיינער פון דער סולת־מישפחה האָט רעכט נישט געוווּסט זײַן אָפּשטאַם, ווען און פון וואַנען זיי זענען געקומען אַהער, אַ חוץ דער ערשטער, זמרי סולת, וואָס איז מיט זײַן ווײַב חזינה געקומען אין שטעטל אַרײַן אַ מטופל מיט קליינע קינדער. פון זיי אַלע איז ירוחם געווען דער עלטסטער אָבער נישט גענוג דערוואַקסן צו וויסן דעם אָפּשטאַם פון פריִער, די גזע פאַר זײַן טאַטן זמרין. זיכער האָט זמרי געוווּסט וועער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. ער האָט עס אָבער קיינעם פון די קינדער קיין מאָל נישט דערציילט און די קינדער ווידער האָבן צוליב כיבוד־אב נישט געפרעגט. אַז דער טאַטע דערציילט נישט, דאַרף מען מיסתמא נישט וויסן. און אַלע קשיות זענען געבליבן נישט פאַר־ענטפערט.

זמרי סולת, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַריכת־ימים און איז גלײַך נאָכן קומען אַהער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, האָט מיט־

גענומען מיט זיך אין קבר אריין אלע סודות פון זייער אפשטאם און מישפחהדיקער אנגעהעריקייט. ירוחמס עטלעכע ברידער זענען זיך באלד צעלאפן און די איבעריקע זענען זיך סתם צעלאפן נאך דער מו־טערס טויט. די טעכטער זענען אוועק דינען אין יידישע הייזער און אין שטעטל זענען געבליבן ירוחם מיט זיין יינגערער שוועסטער. זי האט פרי חתונה געהאט מיט א דארפמאן און איבערגענומען זיין נא־מען. אין שטעטל איז ירוחם געבליבן דער איינציקער סולת ביז זיין ברוך איז געבוירן געווארן. ער האט געהאפט אז ער וועט געראטן זיין אין זיידן, אין זמרין און ברענגען זכרים אויף דער וועלט ווי ער און די סולת־מישפחה וועט זיך מערן און וואקסן...

דער גורל האט אבער אנדערש געוואלט. ברוכן איז נישט באשערט געווען צו האבן נאך זיך קיין קדיש. ער האט נישט זוכה געווען צו קיין בן־זכר. נאך די צווילינג־מיידלעך, נאך שפחהן מיט איר שוועס־טער איז צירלס טראכט פארמאכט געווארן און ס'זענען שוין נישט געקומען נישט קיין זכרים און נישט קיין נקבות.

ברוך סולת האט אבער נישט אויפגעגעבן זיין האפענונג אויף א בן־זכר, וואס זאל אויף ווייטער מחזיק זיין, דערהאלטן דעם נאמען סולת אויף דער וועלט. ער האט נישט געלאזט אז ס'שטעטל זאל אים משנה־שם זיין, איבערדרייען זיין נאמען אויף עפעס א פארזעעניש, ווי מ'האט פארקרימט און געענדערט תרשיש אויף סטארשי און צפת אויף פאס.

מיט דער הילף פון זיין זיידן און טאטן איז ברוך סולת ביייגעקומען דאס שטעטל. א ביסל האבן זיי זיך געלאזט אויסגלייכן דעם נאמען, וואס איז ארויסגערעדט געווארן מיט א סמך צום סוף, אנשטאט „סא־לעט", נאך דער ספרדישער העברה, האבן די שטעטלשע יידן געזאגט „סוילעס", אבער אין שריפטלעכן אויסלייג איז דער נאמען געבליבן ריכטיק — „סולת", וואס דער טייטש זיינער, ווי געזאגט, איז: זעמל־מעל.

דאקעגן איז ברוכן געווען שווער בייצוקומען אנדערע צוויי שונאים, קאנקורענטן פונעם סולת־נאמען. די פויערן און פויערטעס, וואס האבן זיך געלייגט לאטעס, פאריכט זייערע שטיוול און שיך ביי ברוכן, האבן דעם נאמען זיינעם פארפוילישט און אים פארטויסט אויף זאליץ: „סאלעץ", וואס ס'איז זיי גרינגער געווען ארויסצורעדן, ווי דעם ספרדישן סולת. דא האט אים נישט געהאלפן זיין כסדרדיקן אויסבעסערן און פאריכטן, קיין שום געבעטן נישט. ער האט ביי זיי גאר נישט געקענט פועלן. זיי האבן זיך געהאלטן ביי זייערס. ס'האט זיך זיי גאר אנדערש נישט געלייגט אויפן שכל: פאן סאלעץ און פאני סאלעצאווא.

ברוך אָבער איז נישט מיד געוואָרן יעדער מאָל אויסצוגלייַכן און פאַריכטן. ער האָט געקעמפּט ווי אַ לייב פאַרן נאָמען סולת צו להכעיס אַלע שונאים, אַלע בייזע צינגער וואָס האָבן אויסגע־טראַכט פאַרשיידענע רכילותן אויף דער מישפּחה און אויפן נאָמען סולת נאָך פאַר שפּחהלעס געבוירן.

ווען שפּחהלע איז געבוירן געוואָרן ביַי ברוכן, דעם זון פון ירוחם סולת, איז געגאַנגען די סדרה חיה־שרה אָין ברוך האָט נישט געהאַט קיין שום פּרווּ אין דער מישפּחה מיט דעם נאָמען, מחמת זיַין מו־טער האָט ער נישט געקענט, וויַיל ס'איז בלויז פאָרגעקומען אַ טויש צווישן צוויי נשמות: אַזוי גיך ווי ער איז געקומען אויף דער וועלט איז זי, די מאַמע זיַינע געגאַנגען פון דער וועלט, און נישט ער האָט זי געקענט און נישט געהערט איר נאָמען.

אים אַליין איז עס אויסגעקומען עפּעס מאָדנע וואָס נישט זיַין פאָטער נישט עמעץ אַנדערש האָבן נישט דערמאָנט די נעמען פון זייערע פרויען. נישט זיַין מאַמעס און נישט זיַין באָבעס נאָמען איז ווען דערמאָנט געוואָרן. דער טאַטע פלעגט אָנצינדן יאָרצייַט־ליכט נאָך זיי, פלעגט זאָגן קדיש, אָבער זייערע נעמען האָט ער קיין מאָל נישט דערמאָנט. און פרעגן אויף זייערע נעמען איז שוין איצט אויך נישט געווען ביַי וועמען, ירוחם איז שוין אויך געווען אויפן עולם־האמת.

ברוך איז געווען מוכן ומזומן אַ נאָמען צו געבן דאָס מיידל נאָך דער סדרה חיה־שרה, ווען ס'מישט זיך נישט אַריַין דער רב פון שטעטל מיט זיַין צושטים עצה, מחמת וואָסער נאָמען איז עס חזינה וואָס זיַין טאַטע ירוחם האָט אויסגעקריצט אויפן מצבה־ברעטל פון זיַין מאַמען און וויַיב, אויף שוויגער און שנור?

פאַר ברוך סולתן איז עס געווען אַן אומגעריכטע אַנטדעקונג. ער האָט קיין מאָל נישט געהערט און נישט געזען, אַז זיַין טאַטע זאָל קריצן מצבות. ברוך איז אַוועקגעלאָפן אויפן בית־החיים אַ קוק טון. ער האָט טאַקע געפונען צוויי אויסגעבויגענע ברעטלעך. אָפּגע־בלאַקעוועטע פון דער זון און אָפּגעוואַשענע פון רעגן זענען די היל־צערנע מצבות אויף ביידע קברים געשטאַנען אָפּגעזונדערטע, אָפּגערוקט פון די אַנדערע קברים, ווי ביַי די לעבעדיקע אין שטעטל.

אויף דער באָבעס אויסגעבויגן ברעטל איז געווען איַינגעשניטן אין האָלץ די טיף־איַינגעקאַרבטע אותיות: ח ז י נ ה ס ו ל ת. דער גרינער באַוואָקסענער מאָך האָט זיי געמאַכט בולט און שאַרף. ער האָט זיי געלייענט פון דער וויַיטנס. אָבער אויף זיַין מאַמעס ברעטל, וואָס

האָט זיך ווי אָנגעשפּאַרט אויף דער באָבעס מצבה־ברעטל זענען די אותיות געווען צערונען ווי טרערן איבערן מצבה־פּנים.

ברוך סולתן איז שווער געווען צו פאַרשטיין דעם טאַטנס כוונה מיטן איינשנײַדן זײַן מאַמעס נאָמען טיף אין האָלץ און בלויז אָנשרײַבן מיט טינט זײַן ווײַבס נאָמען, וואָס דער ערשטער רעגן האָט אים אָפּגעוואַשן נישט צו דערקענען מער קיין אות. דער באָבעס מצבה באַנײַט זיך יעדער יאָר מיט פרישן מאָך און זײַן מאַמעס מצבה זעט אוים ווי אַ חוזק־מאַסקע, אַ רעטעניש, נישט צום באַשיידן.

ער האָט אויך נישט געוווּסט וואָס דער נאָמען חזינה באַטײַט. ער האָט נישט געוואָלט פרעגן בכדי נישט אויפצומישן קיין אַלטע רכילות־דיקע געוועבן אַרום דער סולת־מישפּחה. ס'האָט אים שטאַרק פאַר־דראָסן אויפן טאַטן וואָס האָט באַהאַלטן פאַר אים די אַלע סודות. אויך אויפן רב האָט ער געהאַט פאַריבל וואָס ער האָט זיך אַרײַנגעמישט און זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר אים מיטן אויפדעקן די מצבה־אויפשריפטן מיטן מאָדנעם אויסטערלישן נאָמען חזינה.

אַ גאַנצע וואָך איז ברוך סולת אַרומגעגאַנגען און געווישטערט אין זײַן זכרון, זיך געפרוּווט עפּעס דערמאָנען וועגן דעם נאָמען חזינה און גאָר נישט געקענט דערגיין, נישט קיין זכר, קיין שום געדעכעניש און אַזאַ נאָמען נישט געפינען. ס'איז שוין געווען ערב שבת, און צו מאָר־גנס שבת, האָט ער געדאַרפט עולה לתורה זײַן, אַ נאָמען צו געבן זײַן נײַגעבוירן מיידעלע און ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין נאָמען פאַר איר, נישט געוווּסט וואָסער נאָמען איר צו געבן. אַ ווײַב בײַ די סולתעס האָט אין דעם נישט געהאַט קיין דעה. מ'האָט בײַ איר באַלד נישט געפרעגט.

בײַם עולה לתורה זײַן שבת צו געבן אַ נאָמען זײַן מיידל, בעת דער שמש האָט אויסגערופן: — ויקרא שמה בישראל חיה... האָט ברוך אָנגעכאַפּט דעם שמש בײַם אָרבל און אויסגעשריגן: —שפחה יהיה שמה.

— חיה־שפחה יהיה שמה בישראל — האָט דער שמש איבער־געזאָגט אַן אָנגעשטויסענער אויף ברוכן וואָס ער פאַרשעמט שרהן, פאַרטווישט זי אויף שפחה און דערמאָנט זיך בעת־מעשה די מאָדנע־קייט פון דער סולת־מישפּחה, וואָס האָט זיך אַפילו אין דעם פּרט געפירט אַנדערש ווי די ייִדן אין שטעטל. וואָסער ייִד אין שטעטל וואָלט געוואַגט צו טאָן אַזאַ זאַך? דערמאָנען שרהן איר שפחה הגר! און נאָך צוגעבן דעם נאָמען פון איינער פון די הייליקע אמהות, אים

באהעפטן מיטן נאָמען שפּחה... ער האָט אַפילו נישט טועם געווען, דער שמש, פונעם לעקעך און בראָנפן וואָס ברוך האָט געשטעלט.

אַז ברוך סולת האָט אַהיימגעברענגט דער קימפּעטאָרין דעם נאָמען שפחה, האָט ער אַפילו דעם נאָמען חיה נישט דערמאָנט פאַר זיין ווייב. ס'איז געבליבן זיין סוד. און אַזוי האָט מען זי גערופן ביי איר צווייטן נאָמען, פּראָסט און פּשוט: שפחה, ביז זי האָט אָנגעהויבן גוטס טון און איר נאָמען איז פאַר ליבשאַפט פאַרצויגן געוואָרן אויף שפחהלע, שפחהלע די גבאיטע.

גאָר שפּעטער, ווען זי האָט אַלץ אַוועקגעוואָרפן און זיך פאַרנומען בלויז מיט העלפן אומבאַהאָלפענע, יתומים, אָרעמע אַלמנות און סתם נויטבאַדערפטיקע, האָבן די אַלע, וואָס שפחהלע האָט געהאָלפן זי גערופן: די צדיקת, די גבאיטע.

דאָס איז אָבער געשען אַ סך שפּעטער, ווען שפחה האָט זיך אַליין אַרויסגעריסן פון איר שפחהדיקייט, געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט צום פאָטער, מאַן און סתם מענטשן אין שטעטל, וואָס פלעגן זי באַהאַנדלען ווי זייער דינסט. שפחהס גורל אין שטעטל איז געווען אַ שווערער אי צוליבן נאָמען אי צוליבן טאַטנס שטאַנד, ווי אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק פון די אָרעמע לייטס שקראַבעס און כאָדאַקעס.

ברוך סולת איז נישט געווען פון די שוסטערס וואָס מאַכן אַ פּאָר שיך באַשטעלטע אויף דער מאָס, נאָר אַ געגריוועטער שוסטער, אַ לאַטע־לייגער אויף אַלטע שיך און שטיוול. מ'האָט פאַר אים אויסגעטון דעם שוך ביים שוסטער־בענקעלע און געוואַרט ביז ער האָט געלייגט די לאַטע, ווייל ביי זיינע קונים זענען נישט געווען קיין צוויי פּאָר שיך אויף איבערצוטון. שפחה האָט ביי אים געהאַט אַן עובדה אַרומצוגיין ביי נאַכט צו די וואָס האָבן פאַרמאָגט בלויז איין פּאָר שיך און נאָך זייער קומען פון דער אַרבעט, ווען זיי זענען געבליבן אין שטוב, האָט זי ביי זיי צונויפגענומען די שיך צום פאַרריכטן אויף איבער נאַכט, ווען זיי זענען געשלאָפן און כעלות השחר זיי אָפּגעטראָגן די פאַרראַכטענע שיך אָט אויך די נישט פאַרראַכטענע ווייל די נאַכט איז צו קורץ געווען פאַר ברוכן און ער האָט נישט באַוויזן זיך צו נעמען צו זיי.

מיט איר טאַטנס שליחותן נאָך די כאָדאַקעס און אָרעמע שקראַבעס צו פאַריכטן און ביים אָפּטראָגן די פאַרטיקע אַרבעט איז שפחה נישט געגאַנגען אין דרך, מיט די וועגן וואָס דער טאַטע האָט איר

געהייסן גיין, נאָר זי האָט דווקא אויסגעקליבן אירע אייגענע וועגן, סמעזשקעס, גאַסן און הינטערגעסלעך.

זומערצײַט האָט זי ליב געהאַט צו גיין דורך דער סאָדגאַס, ווו די אויבס־ביימער זענען געוואַקסן איבערן אַריבער פּלויט אַרײַן אין גאַס אַרײַן און מ׳האָט געקאָנט קלייבן און רײַסן קערשן, באַרנעס, פלוימען און עפּל. זי האָט פאַרזוכט די ערשט רייפגעוואָרענע פּירות. כאָטש זיי זענען נאָך געווען אַ ביסל טערפּקע, האָבן זיי געהאַט אַ באַזונדערן טעם און רייץ.

מיטן אָנקום פונעם פרילינג האָט זיך די געוויקסן־וועלט אויפגעוועקט פונעם לאַנגן ווינטערשלאָף. די אויפגעשפּראָצטע גראָזן האָבן זיך העל צעלויכטן מיט אַ פרישער סאַמעטיק־ווייכער גרינקייט. ביימער און קושאַקעס האָבן זיך צעקנאָספּיקט מיט נײַ לעבן אויף די צעבליטע צווײַגן. שפּחהן האָט געגומען ציִען אין סאָדגעסל אַרײַן צום פּילקאָלי־ריקן בליִעכץ וואָס איז דאָ אויפגעגאַנגען אין די צוויי סעדער פון ביידע זײַטן סאָדגאַס. זי פלעגט לאַנג אָפּשטיין בײַ די פלויטן באַוווּנדערן און הנאה האָבן פונעם שניי־ווײַסן און העל־ראָזעווען בליִעכץ באַפּוצט מיט גרינע בלעטלעך אויף די געשטרעקטע צווײַגן. זי איז געווען צופרידן וואָס דאָ אינעם נאַטור־לעבן איז אַלץ מיט אַ סדר און מיט אַ טאָלק. קיין שום זאַך ווערט נישט פאַרמישט, נישט פאַרטוישט. און די מענטשן זאָגן נישט קיין דעה ווו און וואָס ס׳זאָל בליִען און וואַקסן. דער טאַטע פאַרמישט די אַרבעט, די כאַדאַקעס, די מאַמע פאַרטוישט די וועש. און אַלע לייגן די שולד אויף איר, באַשטראָפן זי פאַר אַ ליאַדע וואָס, שלאָגן זי, זי זאָל געדענקען ווו זי לייגט אַוועק אַ זאַך, נישט פאַרטוישן און נישט פאַרמישן. סראָלע וואַסער־טרעגער ווייסט קיין מאָל נישט פאַר וויפל מאָל וואַסער ס׳קומט אים. איר טאַטע האָט פאַר אים אָנגעהויבן מאַכן שטרײַכעלעך מיטן קרײַדל, און פאַר חיה, די מילך־ייִדענע — רינגעלעך פאַר די קוואַרטירלעך מילך. אַפילו דער שוחט האָט פאַרגעסן צו דערשטעכן דעם טאַטנס כפּרה און דער האָן איז אַ האַלב־דערשטאָכענער אַנטלאָפן פון אונטער די הענט. דאָ אָבער, אין די סעדער איז ברוך־השם, אַלע יאָר דאָס זעלבע און אין דער ריכטיקער צײַט, געגוי ווי פאַראַיאָרן און ווי אַלע פריִערדיקע יאָרן.

ווינטערצײַט האָט שפּחה ליב געהאַט צו גיין דורך דער ווײַסלגאַס, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג אַראָפּ ביז צום ווײַסלברעג וואָס איז פול געווען מיט קינדער, מערסטנס ייִנגלעך. זי האָט ליב געהאַט די ייִנג־לערישע שפּילערײַען און ס׳גליטשן זיך גאַס אַראָפּ גלײַך אויף דער פאַרפרוירענער ווײַסל אַרויף.

איר קריכן אויף דיביימער און גליטשן זיך אײַפּן אײַז איז פֿאַר אים געווען אַן איבעריקער באַווײַז אַז מ'האָט אויבן אין הימל געמאַכט אַ טעות און אַנשטאָט אַ יינגל — אים געשיקט אַ מיידל. ער האָט נישט אויפֿגעהערט קרעכצן און אָכצן, און שטראָפֿן שפּחהן פֿאַר אירע נטיעות, פֿאַר אירע יינגלשע שטיק און זי געוואָרנט אַז ס'וועט צו קיין גוטס נישט ברענגען אַזאַ פּירעכץ.

ווען זי איז אַזוי געגאַנגען איבער די אָרעמע הײַזער נאָכן טאַטנס אַרבעט און אָפּגעטראָגן די פּאַרלאַטעטע שקראַבעס, האָט זיך שפּחה איבערגענומען אי מיט איר אייגענער אָרעמקייט אי מיט דער נויט פֿון אַנדערע. זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרט אַרויסצורײַסן זיך, בלי נדר, פֿון איר אָרעמען שטאַנד. געטראַכט און געפּלאַנט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון דער נויט און אויך העלפֿן אַנדערע אירס גלײַכן, אַז ס'גאַנצע שטעטל איז אביוניש. אַלע זענען מחותנים מיטן דלות. איר טאַטע, דער גרעסטער אָרעמאַן אין שטעטל, האָט מיט איר אײַנגעטענהט אַז אָרעמקייט איז ניט קיין חרפּה, אַז ס'איז אַ גאָטזאַך, אַז גאָט וויל אים נישט מאַכן פֿאַר קיין גביר, קומט אים מסתמא נישט קיין עשירות. מאַי דאָך די שיינע יידן, ווי דער רב, דער שוחט, ר' נחום סופר, ר' יוחנן בעל-קורא ובעל-תקיעה, שמשון בעל-מוסף און ר' יוספל דיין, ערלעכע יידן, ירא-שמימס — אַז זיי אַלע זענען נישט געבענטשט מיט קיין גבירעשאַפֿט, אַ כל-שכן שוין ער. פֿאַר וואָסערע מעשים טובים קומט עס אים עשירות?

שפּחה האָט זיך נישט געשפּאַרט מיט איר טאַטן, דעם לאַטוטניק, צי ער איז יאָ ווערט, צי נישט — צו זײַן אַ גביר. אפשר קומט אים טאַקע נישט קיין עשירות. אָבער פֿאַר וואָס מוז דווקא ער זײַן דער גרעסטער קבצן אין שטעטל? זי ווייסט, שפּחה, אַז אירע טאַטע-מאַמע זענען ערלעכע מענטשן, אַרבעטן שווער, דאָך איז בײַ זיי שווער צו קריגן ברויט מיט „עפּעס". זומער האָט זי זיך ווי ס'איז אַן עצה געגעבן מיטן „עפּעס" צום ברויט, זי האָט געריסן די פּירות פֿון די אויבסביימער אין די סעדער מיט די אַריבערגעוואָקסענע צווײַגן איבערן פּלויט אַריבער, אין גאַס אַרײַן. זי האָט זיך אַליין גענומען איר פּאה און לקט אויבס. ווינטער אָבער איז אין שטוב געווען בלויז טרוקן ברויט. אַ מאָל אָנגעריבן מיט אַ שטיקל קנאָבל. און דאָך, אַז דער טאַטע האָט איר געוואָלט „פּאַרדעקן דעם קאָפּ", חתונה מאַכן מיט הערצקע טאַנדייטניק, דעם געגריוועטן שוסטער און יאַרידן-פֿאָרער, האָט זי געזאָגט אַ הויכן: — ניין! — מיט ווען יאָ, נאָר מיט קיין שוסטערוק נישט, מעג ער אַפֿילו האָבן גאָלדענע הענט.

אַזאַ שאַרפֿן ניין האָט נאָך קיין טאַטע נישט געהערט פֿון אַ ייִדי־שער טאָכטער. ס׳שטעטל איז געגאַנגען ווי אויף רעדער. זי איז גע־ווען אויף אַלעמענס צינגער, אין אַלעמענס מײַלער. צו פֿיל נתפעל איז אָבער קיינער נישט געוואָרן פֿון שפּחהלעס „ניין" ווײַל פֿון אַ סולת איז זיך צו ריכטן אויף אַלץ — האָבן אַ סך געזאָגט אין שטעטל.

ס׳האָט אים נישט געהאָלפֿן, ברוכן, דאָס דערמאָנען שפּחהן, אַז די יאָרן שטייען נישט אויף קיין אָרט, זיי רוקן זיך פּאַמעלעך אַוועק, און איידער מע קוקט זיך אַרום איז מען אַן אַלטע פֿאַרזעסענע מויד, און מער פֿעלט זיי נישט די סולתעס, ווי נאָר דער פֿלעק פֿון „אַן אַלטע מויד" אין דער מישפּחה. ערשט די איינזאַמקייט זייערער דאָ אין שטעטל און דער דוחק פֿון אַ פּרוטה נדן פֿאַרן כּלה־מיידל; ס׳האָט אויך נישט געהאָלפֿן זײַן אויסלייגן פֿאַר איר די מעלות־טובֿות פֿון הערצקען, דאָס אויסרעכענען וואָס ער פֿאַרמאָגט אַלץ און וואָס ער אַליין איז. ראשית, איז ער נישט קיין שנעק, אַ בחור׳ל אַ פּלאַטערקאָפּ, נאָר אַן ערנסטער מענטש, אַן אַלמן אָן קינדער. שנית, איז ער אַ בעל־מצליח מיט פּרנסה בריווח. מע שמועסט אַפֿילו אַז ער איז אַ שטיק גביר והשלישית, ווייסט ער שוין ווי צו האַלטן בכבוד אַ ווײַב נאָך דעם ווי ס׳יונגע ווײַבל זײַנס האָט זיך בײַ אים, רחמנא לצלן, לאַנג נישט געהאַלטן. צו דעם אַלעם איז ער נאָך אויך אַן איש חשובֿ אין שטעטל און אין די אַרומיקע יאַריד־שטעטלעך. איז דאָך על־פּי־שכל הערצקע טאַנדייטניק דער בעסטער שידוך פֿאַר איר.

שפּחה האָט געדולדיק אויסגעהערט דעם טאַטן, פֿאַרשטאַנען אַלץ וואָס ער האָט איר געזאָגט און דאָך אים געענטפֿערט: — לאָ מיט אַן אַלף, קיין שוסטער נישט! ווער ס׳זאָל נישט זײַן — יאָ! נאָר נישט קיין שוסטער! דעם תּכלית פֿון אַ שוסטער אַן אַלמן וועט זי קיין מאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן.

ברוך האָט אויף איר בייז אַ קוק געטון פֿאַר אירע שיקסעוואַטע רייד, אָנגעשטעלט אויף איר אַ בייז שפּיציק טונקל פֿאַרכמורעט פּנים, אַ שאָקל געטון דעם קאָפּ מיט באַדויער אַזש זײַן שפּיציק בערדל האָט זיך בײַ אים אונטערגעהויבן פֿון כּעס און פֿאַרדראָס:

— עקשנטע וואָס דו ביסט, חמור־קאָפּ! — האָט זיך אים אַרויס־געכאַפּט פֿון מויל און ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן. מיט כּעס געביסן די דראַטווע אין מויל, געשטאָכן מיט דער נאָל, מיט דער קרומער נאָדל דעם שוך וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און געטראַכט בײַ זיך אַז זײַן טאָכטער איז אַ חצופֿה, גאָר נישט ווי אַ ייִדיש מיידל, נישט גע־ראָטן אַפֿילו אין דער מאַמען אירער. ער זעט שוין אײַן אַז ער וועט מוזן גיין מיט איר אויף פּשרות.

— דו זעסט, דײַנע אַלע חברטעס ווערן כלהס, אַ סך זענען שוין ווײַבלעך, טאַ, און אויף וואָס וואַרטסט דו, אפשר קענסטו מיר זאָגן? — האָט ער זי געפרעגט פּאַטערלעך און זי איצט געגלעט מיט זײַנע מילדע בליקן.

שפחה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. ווי האָט זי אים געקאָנט זאָגן אַז זי וואַרט אויף בנימינטשע לייביש גאַרבערס, אַז זי האָט נישט געוווּסט צי ער וואַרט אויף איר?... זיי האָבן זיך ביידע גינציק, זענען צופרידן צו זײַן צוזאַמען, אַרומצושטיפן, אָבער אַז ער וואַרט אויף איר, ווי זי וואַרט אויף אים — דאָס האָט ער איר נישט געזאָגט, ווי זי אַליין האָט עס אים נישט געזאָגט.

מיט בנימטשען האָט זיך שפחה באַקענט אויף דער ווײַסלגאַס, בײַם גליטשן זיך. זי האָט זיך נאָכגעהאָנגען אויף זײַן שליטן, געמאַכט פון צוויי דרענגער מיט אַ קעסטל אין מיטן, ווו בנימטשע איז געזעסן און איר געלאָזט זיך גליטשן אַט אַזוי שטייענדיק אויף די אַרויס־שטאַרצנדיקע דרענגלעך און אָנהאַלטנדיק זיך אָן אים. אין די פרײַ־לינגס און זומערס האָבן זיי זיך באַגעגנט אין דער סאָדגאַס. זי איז געגאַנגען נאָכן טאַטנס אַרבעט און ער — אויפן וועג צו זײַן טאַטנס גאַרבערײַ.

אין די ווינטערס, ווען זיי האָבן זיך ביידע געשליטלט אויפן אײַז, האָט איר אָטעם אים געוואַרעמט צו גלײַך מיט איר געלעכטער. אירע שטיפערײַען און כוואַטסקע שטיק, וואָס זי האָט מיטגעהאַלטן מיט אים האָט זי אויסגעפירט בעסער פון זײַנע חברים און פלינקער פון אים אַליין.

שפחהן איז בנימטשע גינציק געוואָרן פון דער ערשטער מינוט, ווען ער האָט איר פאַרגעלייגט, זי זאָל פאָרן מיט אים אויף זײַן שלי־טן. זי האָט זיך פּעסט אָנגעהאַלטן אין אים, ווען ער איז געפלויגן ווי אַ פײַל פון בויגן גאַס אַראָפּ אויף דער ווײַסל אַרויף. דער פראָס־טיקער ווינט האָט געבריט און געשטאָכן איר פאַרפלאַמט פּנים, ווי מיט נעדעלעך, אירע הענט אָבער זענען געווען היים. זיי האָבן זיך געוואַרעמט פאַרשטעקטע אונטער זײַנע פאַכוועס. זי האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אויף זײַנע פלייצעס און ס'איז איר געווען וואַרעם, גוט און פריילעך אויף דער נשמה.

אויף די זומערדיקע שפּאַצירן אין טרעפּענישן האָט ער זי גע־לאָזט רעדן, שטיפן און לאַכן. ער האָט מיטגעלאַכט און מיטגעשטיפט מיט איר. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געבייזערט אפילו ווען זי האָט אָפּגעטון די ערגסטע זאַכן, אַלץ איינס צי גערן צי אומגערן. זי

האָט אים געוואָרפן ווייכע יענגאַלקעס אין פּנים, אַ האַרטן עפּל איפן קאָפּ, אַראָפּגעשאָקלט אויף אים די רעגן-טראָפּנס פון די צווייַגן. ער איז נישט בייז געוואָרן און האָט נישט געשריגן אויף איר. אַ גוטער פון דער נאַטור איז ער געווען צוגעלאָזן צו איר און אַלץ גענומען בהבה. אַ מאָל האָט ער איר אָפּגעטון די זעלבע שטיפערייַ, אָבער קיין מאָל נישט קיין ערגערע, אַז ס׳זאָל איר ווי טון. צום מערסטן האָט ער איר פאַרשוויגן, אַפילו די ערגסטע לאַבוסעוואַטע שטיק אירע. וואָס קיין יינגל וואָלט ער עס נישט מוחל געווען.

אָט דער בנימטשע איז טאַקע געווען איר כוח און מוט צו זאָגן דעם טאַטן איר הויכן ניין און אָפּוואַרפן פון זיך דעם טאַטנס פאַר-לייג, זי זאָל נעמען דעם טאַנדייטניק. בנימטשע איז געווען איר סוד און תכלית וואָס זי האָט געכאָוועט אין האַרץ צוזאַמען מיט איר שטילער באַהאַלטענער נישט-דרייסטער ליבע צו אים, וואָס האָט דערווייַל בלויז גערעדט מיט די אויגן, געגלעט און געלאַשטשעט זיך צו אים אָן אַ וואָרט.

בייַם לעצטן טרעפן זיך מיט איר האָט בנימטשע באַמערקט אַז שפחה צווינגט זיך אַליין צו שטיפן מיט אים, צו זייַן פריילעך. זי לאַכט, אָבער ס׳איז נישט ס׳זעלבע זאָרגלאָזע געלעכטער ווי פריִער. אַ שאָטן פון טרויער און זאָרג הילט איַין אירע אויגן, וואָס זענען ווי איבערגעצויגן מיט אַ דינעם דורכזיכטיקן אומעטיקן שלייַער. אירע שטיפערייַען זענען געמאַכטע, געקינצלטע און איר פריילעכקייט איז ווי אַרויפגעצווינגען אויף זיך, נישט קיין פרייַע. ס׳געלעכטער אירס האָט פאַרלוירן דעם גלעקלדיקן קלאַנג, ברעכט זיך, רייַסט זיך איבער אין מיטן, פאַרהויכט ווי מיט אַ שאָטן פון עפּעס אַ זאָרג און אומ-צופרידנקייט.

ביידע האָבן געהאַט אַ סך וועגן וואָס צו רעדן. זי האָט געוואָלט פרעגן, שטעלן קשיות, זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. אָבער ביידע האָבן געשוויגן, געוואַרט דער אַנדערער זאָל אָנהייבן. ווען שפחה האָט זיך שוין געקליבן דערציילן וואָס ס׳טוט איר ווי, האָט ער זי אַ פרעג געטון:

— וואָס ביסטו הייַנט אַזוי מאָדנע?... — זי האָט צוריק גע-פרעגט: — און וואָס דערקענסטו עס?... כ׳ווייס אַליין נישט — האָט ער געענטפערט שלאַבעריק — האָסט עפּעס געוואָלט זאָגן, דאַכט זיך... ביידע זענען ווייַטער געגאַנגען און געשוויגן אין זיך. נאָך אַ לענגערער ווייַל פון אומבאַקוועמען שווייַגן האָט זיך בנימטשע אָנ-גערופן: — נו, וואָס שווייַגסטו, כ׳זע דאָך אַז דו ווילסט עפּעס זאָגן

— האָט ער געמאָנט — וואָס זשע רעדסטו נישט, האַ? שפחה האָט געפילט אַז ס'שלאָגט איר אַ היץ צום קאָפּ. זי האָט נישט געוווסט צי אים זאָגן דעם אמת צי ס'וועט זײַן גלײַכער אַז ער וועט נישט ווּיסן דערפון, דאָך האָט זי פאַר אים אויפגעדעקט די קאָרטן: — הערצקע טאַנדייטניק קענסטו דאָך — האָט זי געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ער זאָל נישט זען ווי זי האָט זיך פאַר־רויטלט אויפן פנים. בנימטשע האָט געקוקט פאַר זיך: — ווער קען נישט הערצקען? וואָסער שאלה איז עס?... נישט פאַרהייבנדיק דעם בליק האָט זי שטיל געזאָגט: — ער וויל ווערן מײַן טאַטנס איי־דעם... ער האָט נישט גלײַך באַנומען אירע רייד, בנימטשע, און גע־וואַרט זי זאָל עס אים זאָגן נאָך אַ מאָל. זי האָט נישט געקוקט אויף אים און איבערגעחזרט: — ער שדכנט זיך צו מיר... ווידער איז געוואָרן שטיל אַרום זיי. נאָך אַ ווײַל שווײַגן האָט בנימטשע אַ פרעג געטון אַ לאַכנדיקער: — טאַקע ער אַליין?... זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים: — נאָך ערגער, מײַן טאַטע שדכנט אים מיר — האָט זי זיך לײַכט צוגעטוליעט צו אים, ווי אַ לאַשטשענדיקע קאַץ, און אַנטשוויגן געוואָרן.

אינעם שטילן טונקל פונעם צוגעפאַלענעם בין־השמשות האָבן בנ־ימטשעס אָרעמס אַ פלאַטער געטון איבער איר, ווי פליגלען, און זי אַרונטערגענומען אונטער זײַן שוץ, ער האָט זי געדריקט צו זיך אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

ערשט חל־ומועד־סוכות איז עוזר שדכן געקומען צו שפחהס טאַטן, צו ברוך מולתן און אים פאָרגעשלאָגן דעם שידוך צווישן זײַן שפחהן און בנימטשען לייביש גאַרבערס. אויב ברוך איז מסכים און זאָגט יאָ, וועט ער, עוזר, באַשטעלן, מערצעשעם אויף מוצאי־שבת־קודש, פרשת בראשית, אַ טרעפעניש צווישן די מחותנים און אַ זעעניש צווי־שן די צוויי יונגע מענטשן.

— שײַך זאָגן מסכים — האָט דער אַלטער עוזר אויסגעלויבט ר' לייבישן מיטן זון — מיטן גאַנצן מויל זאָג יאָ, ברוך. ס'איז דאָך אַ נס מן השמים, אַ גליק ממש! וואָס זאָג איך אַ גליק, אַ גרויס גליק! בײַ ר' לייביש גאַרבער איז דאָך דאָ תורה מיט חכמה, קמח און דרך־ארץ במקום אחד. און דער בנימטשע אַליין. אַ ביסל תורה, אַ ביסל סחורה, און טויג זיך צום האַנדל. אַלץ הייסט טויגן. דער גאַנצער מיסחר פון לעדער און פעלן ליגט אויף זײַן קאָפּ. ער האָט אַן אײַזערנעם קאָפּ, האָט ער. פאַר אײַער מיידל איז עס ממש אַ שמאַלצגרוב.

ברוך סולת איז נשתומם געוואָרן פון ר׳ עוזרס רייד. ער האָט נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן. ר׳ לייביש גאַרבער וויל זיך מיט אים משדך זיין? ער וואָלט אפילו נישט געוואַגט צו חלומען פון דעם. ער זעט דאָך אָבער פאַר זיך ר׳ עזרן און הערט זיינע רייד אויף דער וואָר. אַ שווייגנדיקער האָט ברוך זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי ער זאָל זאָגן ר׳ עוזרן אַז ביי אים איז חסר נדן, אַז ער איז מחויב צו זאָגן וועגן דעם קודם-המעשה, איידער ס׳הייבט זיך עפּעס אָן. איבעריקנס, האָט ער געטראַכט ביי זיך, איז ער דאָך נישט קיין משה-מחויב צו זאָגן דעם שדכן אויב ער פרעגט נישט. דעם מחו־תן, אויב ער וועט פרעגן, יאָ.

ר׳ עוזר האָט נישט געדאַרפט פרעגן קיין זאַכן וואָס זענען גע־ווען באַוווּסט פאַר אַלעמען. ס׳איז דאָך קלאָר אַז ברוך סולת איז אַ קבצן אין עשר פּאָלעס, איז נדן מנין? פון וואַנען זאָל ביי אים זיין נדן? וואָס זשע איז זיך נאָך דאָ צו פרעגן וועגן דעם? סתם אַזוי מצער זיין אַ מענטש?

אַז ר׳ עוזר האָט געזען אַז ברוך שווייגט אויף זיינע רייד, האָט ער אים טאַקע באַלד אויפן אָרט אָפּגעגעבן מזל-טוב, און אים אויך מבטיח געווען, אַז מע וועט נאָך פאַר שבת-חנוכה ברעכן טעלער, און אַ חתונה וועט מערצעשעם, זיין גלייך נאָך חנוכה, אָדער שפּעטסטנס פאַר פורים. אַזוי טאַקע וויל דער חתן, דער קלוגער קאָפּ.

און כך-הוה. מוצאי שבת-קודש, פרשת בראשית, איז געווען דאָס טרעפעניש פון די מחותנים און ס׳זעעכץ פון די קינדער. די תנאים, דאָס ברעכן טעלער איז באַשטימט געוואָרן אויף שבת צו נאַכטס פאַרן ערשטן חנוכה-ליכטל און דער זמן-חתונה אויף פאַר פורים.

פריי טיק פרשה ויקרא אָדר ב׳ — ס׳איז דעמאָלט געווען אַן אי־בעריאָר — האָט מען געשטעלט די חופּה. ביי נאַכט נאָכן עסן האָט מען געפּראַוועט די ערשטע שבע-ברכות און מוצאי שבת-קודש איז געווען אַ סעודה, טאַקע ווי ר׳ עוזר שדכן האָט געעצהט — כיד־המלך. די חתונה אָבער איז געווען ווי דער חתן האָט געוואָלט — אַ שטילע און באַשיידענע. אין דעם האָט עוזר שדכן געהאַלטן מיטן חתן, לשם נישט מצער זיין דעם אבי הכלה, ברוך סולתן וואָס ס׳האָט אים געפעלט, רחמנא-לצלן, נדן פאַר דער טאָכטער און רחש. פאַר דער כלהס צד — האָט ר׳ עוזר איינגעטענהט מיטן חתנס מאַמע, וואָס האָט באַקלאָגט איר ביטער מזל צו קריגן די סולתעס פאַר מחותנים — פאַר זיי איז אַ שטילע חתונה — די שענסטע חתונה — האָט ר׳ עוזר איר אויסגערעדט, זי זאָל זיך גאַרנישט פאַרזינדיקן, אַנשטאָט

וויינען און קלאָגן, דאַרף זי זיך בעסער פרייען און זײַן צופרידן פון דער נײַער שנור.

— אײַער בנימטשע נעמט, חלילה, נישט דעם גלחס טאָכטער, נאָר אַ כשר יִדיש מיידל. אַן אָרעם קינד, זאָגט איר, איז די מיצווה גרעסער, און וואָס גרעסער די מיצווה — אַלץ שענער די שמחה. איר מאַכט חתונה אַ קינד און איר קויפט זיך אײַן עולם־הבא.

צוליב ערב שבת איז די חופה געווען אין גאַײל, אַ בחפזונדיקע, אָבער נאָך קבלת־שבת, פאַרן אַהיימגיין, האָט דער שמש מודיע געווען אַז באַלד נאָכן עסן וועט בײַ ר׳ לייבישן זײַן שבע־ברכות און אַלע זענען פאַרבעטן צו קומען זיך משמח זײַן און אויך צו דער שבתצו־נאַכטיקער סעודה לאַדן אײַן ביידע מחותנים כל הקהל.

ברוך סולת האָט געדאַנקט און געלויבט דעם וואָס לעבט אייביק. אויב ער אַליין, ברוך, האָט נישט זוכה געווען צו קיין עשירות, ער זאָל קאָנען כהלכה אויסגעבן אַ טאָכטער, האָט ער אים צוגעשיקט אַ מחותן וואָס טוט חסד מיט זײַן קינד. זעט מען דאָך בפירוש אַז זײַן ליבער נאָמען פאַרגעסט נישט אין אים.

דאָס כלה־מיידל האָט איצט געשײַנט און געלויכטן. זי איז נישט געגאַנגען, שפחה, נאָר זי האָט געשוועבט. די שכינה האָט גערוּט אויף איר מער ווי אויף אַלע אַנדערע יִדישע כלהס קודם החופה. אין פרײַטיקדיקן חופה־טאָג, אַן קלעזמאָרים, האָבן מלאכים געזונגען צו איר באַדעקנס אונטער דער חופה און זי באַגלייט אויף יעדער טריט. איר שייטל האָט זי געטראָגן, ווי אַ קיניגין — איר קרוין. זי איז געזעסן בײַ דער זײַט פון איר בנימטשען בײַ די מאָלצײַטן, בײַ די שבת־יום־טובדיקע טישן, ווי אַ בת־מלכה לעבן איר בן־מלך וואָס האָט איצט פאַרנומען דעם טראָן.

שפחה האָט חלילה נישט פאַרגעסן איר טאַטנס הויז און נישט אַנדערע אָרעמע הײַזער אין שטעטל. זי איז ווײַטער געגאַנגען אין פאַטערס שליחותן נאָך די אַלטע שיך צו פאַריכטן, אַפילו געקליבן ס׳אויבסט ווי אַ מאָל און איצט עס צעטיילט צווישן די נויטלײַדנדיקע קינדער אין די אָרעמע הײַזער.

וואָס אַן אמת איז בנימטשען נישט איבעריק געפעלן זײַן ווײַבס גיין איבער די הײַזער אַנצונעמען אַרבעט פאַרן טאַטן איצט, נאָך זייער חתונה. זײַן טאַטע אָבער, לייביש גאַרבער און אויך עוזר שדכן האָבן אין דעם געזען אַ שיינע מידה פון אַן אמתער יִדישער טאָכטער וואָס היט אָפּ כיבוד־אב ואם און פאַרגעסט נישט דעם טאַטנס הויז גלײַך ווי איר מערכה ווערט אַ בעסערע און איר שטאַנד אַ העכערער.

שפחה האָט זיך איצט געטיילט מיט איר גוטס מיט טאַטע־מאַמע און אַזעלכע וואָס האָבן אונטערגעהאַנגערט. ביי איר טאַטן אין הויז איז איצט געווען נישט בלויז מיט איר חלק ברויט מערער, נאָר אויך רעטעך, שמאַלץ, הירזש, האָניק און אַ שטיקל עוף אויף שבת. דאָס אַלץ האָט שפחה באַזאָרגט. אויך אין אַנדערע אָרעמע שטיבער איז איצט געווען מער ווי פאַר שפחהס חתונה ווען זי האָט אַליין נישט געהאַט אָפּצועסן.

אַזוי זענען געגאַנגען די יאָרן. שפחה האָט שוין געהאַט אַ „שטאָט" אין דער ווייבערשיל ביי דער זייט פון איר שוויגער, וואָס האָט איר שוין איצט גינציק געהאַט און גערופן נישט אַנדערש ווי: — מיין קינד, שפחהשי, און מיט דרך־ארץ פאַר איר, מיט זיי זשע מוחל, האָב נישט קיין פאַריבל, שפחהניו. זי האָט גאָר אָנגעקוואָלן, די שוויגער, פון איר שפחהלעס גוט הארץ, וואָס די אָרעמקייט און נויט האָבן עס נישט געקאָנט פריער קאַליע מאַכן און אפילו איצט, אינעם שוווילטאָג ווערט זי נישט אַנדערש אויף קיין האָר. מיט שפחהן איז געשען ווי ס'פאָלקווערטל זאָגט: „אַז אַ מענטש איז געבענטשט מיט אַ גוט הארץ און אַ גוטער שוויגער, גייט זיין גוטער שם איבער דער ראָגאַטקע אַריבער".

מיט דער צייט איז פון שפחה געוואָרן — שפחהלע, די גאָלדענע נשמה, ס'גוטע הארץ, די צדקת. דער גוטער שם אירער איז אַליין אַריבער איבער דער ראָגאַטקע און אַוועק אין אַנדערע מקומות, אי־בער שטעטלעך און דערפלעך. ער וואָלט דערגאַנגען ווייט, ווען דער טייוול יאָגט נישט אָן די וויסטע מילחמה, וואָס האָט געבראַכט אָן אי־בערקערעניש אויף דער וועלט, אויפן שטעטל און אויף שפחהן מיט איר היים.

***

די מילחמה האָט ביי איר צוגענומען איר מאַן, איר קרוין פון קאָפּ, איר בנימטשען, וואָס האָט געהאַט אַ גרינגעם מיליטערישן בילעט, מ'האָט אים אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט, ער זאָל זיך שלאָגן פאַרן קייסער און ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. זי איז געבליבן אַן אייביקע עגונה. נאָכן מאַנס אַוועקגיין צו די זעלנער, אין דער מילחמה אַריין, איז זי געוואָרן אַ גבאיטע, אַ פאַרזאָרגערין פון די אָרעמע און אויסגעהונ־גערטע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיטן באַזאָרגן די זעלנערס, וואָס זענען געגאַנגען דורך איר שטעטל צום פראָנט און די וואָס האָבן זיך גע־

שלעפּט פון פראָנט — מידע, אויסגעמאַטערטע, פאַרוואונדיקטע, אויס־געשעפּטע אויף אָפּרו און אויף אויסהיילן זיך פון די וואונדן. זי האָט געזען אַז זיי זאָלן האָבן עפּעס וואַרעמס, אַ טעלער זופּ, עסן אין טרינ־קען, אַ פּאַפּיראָס טיטון, מאַכאָרקע פאַר דער לולקע און אויך אַ וואַ־רעם וואָרט, אַ בליק, אַ שמייכל.

איר צעבראָכן האַרץ האָט געהאָפט אַז אויך איר בנימטשען דאָרט דערלאַנגט ווער אַ וואַרעמען שלוק וואַסער, אַ שמייכל, אַ מענטשלעך וואָרט, ווי זי פירט זיך. זי איז זיכער געווען אַז זי איז נישט די איינציקע וואָס טוט עס מיט האַרץ. די קראַנקנשוועסטערס אין די לאַזאַרעטן און שפּיטאָלן טוען עס פאַר די פאַרוואונדיקטע און קראַנקע, און זי טוט עס פאַר די געזונטע וואָס גייען געהרגעט ווערן אויף די פראָנטן, קאַליקעס צו ווערן, אויף אומצוקומען, און פאַר די האַלבע קאַליקעס וואָס קערן זיך אום פון די שחיטה־פעלדער. ווען זי קען — גייט זי מיט זיי מיט און באַגלייט זיי אויפן שלאַכטפעלד.

זי האָט זיך אָבער נישט באַדאַרפט באַמיִען צו גיין אויף די שלאַכטפעלדער. דאָס שלאַכטפעלד איז געקומען צו איר. די רעדער פון דער טײַוולאַנישער מילחמה־מאַשין זענען אַריבער איבערן שטעטל און חרוב געמאַכט אַלץ און אַלעמען. פון שטעטל איז געוואָרן אַ תל־עולם, חרוב ומוחרב. חרוב די מענטשן, חרוב די הײַזער, חרוב איז געוואָרן די גאַרבאַרניע און חרוב איז געוואָרן איר פּאַלאַץ, איר היים. פון בנימטשען איז קיין וואָרט נישט געקומען. זינט ער איז אוועק אויפן פראָנט האָט זי פון אים גאָרנישט מער געהערט. צווישן די חורבות האָט זיך אויך געפינען ר׳ לייביש גאַרבערס גביריש הויז. פון אַ סך יידישע הײַזער זענען געוואָרן אײַנגעפאַלענע חורבות און צווישן די מפּולתן האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן ווי לעבעדיקע שאָטנס.

שפּחהלע די גבאיטע איז אַרומגעגאַנגען איבערן חרובן שטעטל, צווישן די חורבות, איבער די חרובע הײַזער, צווישן די שאָטנס. זי האָט געהאָלפן ייִדן און גויים. אַלע לײַדנדיקע און הונגעריקע. זי האָט זיי אויסגעזוכט, די שעמעוודיקע און אומבאַהאָלפענע אין זייו געטראָגן הילף אין דער שטיל, און אין דער שטיל געזוכט די וואָס קאָנען און דאַרפן העלפן. ווער ס׳האָט זיך געפינען אין גרויסע צרות, איז געקומען צו איר; ווען מ׳האָט באַדאַרפט העלפן, האָט מען געשיקט צו שפּחהלע די גבאיטע. איר אַדרעס איז געווען פאַר די הילפסבעטערס און פאַר די הילפגעבערס. אין איר הילפאַרבעט האָט זי אַרײַנגעלייגט האַרץ און נשמה. צו יעדער ביסל קאַרטאָפל, מעל,

ברוים, וואָס זי האָט וועמען געגעבן, האָט זי צוגעלייגט אַ גוט וואָרט, אַ טרייסטוואָרט, אַ וואָרט פון דערמוטיקונג, אַ לִיב, אַ ברכה, גע־שטאַרקט די נעמערס, ווי די געבערס:

— אַט ענדיקט זיך די מילחמה, די וועלט וועט צוריק קריגן אַ מענטשלעך פנים. יעדער וועט זיך דעמאָלט אַליין פאַרזאָרגן. דער־ווייל אָבער דאַרף איינער זאָרגן פאַרן אַנדערן, מע דאַרף זײַן אַ מענטש. דער וואָס קען דאַרף געבן און דער וואָס מוז נעמען דאַרף זיך נישט שעמען צו נעמען כדי ער זאָל לעבן און שפּעטער קאָנען צוריקצאָלן. דאָס איז דער עיקר: איבערצוהאַלטן, צו לעבן, נישט חלילה צו שטאַרבן.

צו די שווערע געבערס אין שטאָט, צו די פויערן אין די דער־פער, צו די אַלע, מיט וועמען איר בנימטשע האָט געהאַנדלט, גע־קויפט בײַ זיי פּעלן, און אירע באַקאַנטע פויערן פון איר טאַטנס שום־טערײַ — צו זיי אַלע האָט זי נישט גערעדט מיט קיין חרמות, נישט געשראָקן זיי מיטן גיהנום, נאָר זיי דערמאָנט וועגן די פאַראַרעמטע זענען געוועזן פאַרן קריג, איידער זיי זענען רואינירט געוואָרן. ווי אַ לעבעדיקער בײַשפּיל, וואָס ס'האָט געקאָנט ווערן פון זיי, פון די שווע־רע געבערס, האָט זי פאַר זיי יעדער מאָל אויסגערעכנט אַן אַנדערן עושר וואָס די מילחמה האָט אים רואינירט, און קיין מאָל נישט פאַר־געסן דערבײַ צו דערמאָנען איר שווער, ר׳ לייביש גאַרבער, וואָס אַלע האָבן אים געקענט, געהאַט מיט אים געשעפטן, פאַרקויפט פעלן, געקויפט בײַ אים לעדער פון זײַן גאַרבאַרניע, און וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָרן — אַש און פאַרעך, אַלץ איז אונטערגעגאַנגען.

דער מילחמה-געווירבל האָט אַרײַנגעצויגן זײַן גאַרבאַרניע אין צעשטורעמטן בלוטיקן ים און מיטגעשלעפּט זײַן הויזגעזינט. איר בנימ־טשען האָבן די כוואַליעס ערגעץ ווו פאַרשלעפּט. ער איז פאַרלוירן געגאַנגען אויף די פראָנטן אָן שפּור. מע ווייסט אַפילו נישט ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען. זײַנע טאַטע-מאַמע זענען אין בענקשאַפט נאָך זייער בן-יחיד אויסגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן.

אויך שפחהס עלטערן האָבן אין דער מהומה פאַרלוירן זייער איינ־ציק פאַרמעגן — זייער האָפענונג און חלום צו דערלעבן דורות פון שפחהן און בנימטשען, אַ ביסל נחת און פרייד אויף די עלטערע יאָרן. פון אַלעמדינג האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען מיט בנימטשעס פאַרפאַלן ווערן. זיי האָבן געטרויערט אי־בער אים און איבער זייער שפחהס עגונהשאַפט. געקלאָגט און גע־

ווײַנט אויף דער טאָפּלטער אבידה: דעם אײדעמס פאַרפאַלנקייט און דער טאָכטערס עלנטקייט.

***

נאָכן האַלבן טאָג, ווען שפּחהלע האָט זיך געפינען אויפן וועג צוריק אין שטעטל אַרײַן האָט זי געמאַכט אַ חשבון פון דעם אַלעם וואָס זי האָט אָפּגעטון אינעם ערשטן האַלבן טאָג. זי איז געווען צו־פרידן פון אירע נישט-קשהדיקע אויפטוען. זי האָט זיך געזען מיט אַלע מיט וועמען זי האָט זיך באַדאַרפט זען. דער עיקר אָבער איז בײַ איר געווען די רפואה פאַרן קראַנקן וואָס זי האָט געקריגן און איז געלעגן אין איר בײַטל וואָס זי האָט געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. דער אַפּטייקער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, נישט געהאַט קיין אי־בעריקן חשק צו מאַכן די רפואה. געזאָגט פאַרשידענע תירוצים. ער האָט נאָכגעגעבן. און אָט איז שוין די רפואה בײַ איר אין בײַטל. די פּיס האָבן זי איצט געטראָגן מיט אימפּעט, וואָס גיכער אָנצוקומען אין שטעטל אַרײַן מיט דער רפואה און פאַרענדיקן דעם טאָג אָרבעט אָן אַ מכשול.

— סאַראַ הערלעכער טאָג איז הײַנט! — האָט זי זיך אַרומגע־קוקט מיט הנאה אויף די גרינע פעלדער און אויף די גרינצעבלעטער־טע ביימער בײַ די זײַטן וועג. אויף רעכטס האָט זיך די זון געבאָדן אין טיפבלאָען הימל. זי האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער צוריק זײַן אין דער היים. איר שאָטן איז איר פאָרויס געלאָפן, געוואָלט ווי צום גיכסטן דערגרייכן ס'שטעטל. אין אַזאַ לויטערן פרילינגטאָג קאָן זיך אַ מענטש פאַרגעסן, פאַרזען אַ סכנה און נישט געדענקען אַז ס'איז דאָ אַ שונא אויף דער וועלט וואָס לויערט, שנאַפּט און זוכט. אין דער אַרומיקער נאַטור-שיינקייט איז אַ מענטש עלול צו מאַכן אַ טעות, באַגיין אַ פעלער, און אויך שפּחהלע די נבאיטע האָט פאַרגעסן אין די דײַטשן, פאַרגעסן צו טראַכטן, אַז אין אַזאַ שיינעם מײַ-טאָג קאָן זיך וועמען אין דער זשאַנדאַרמעריע פאַרגלוסטן צו מאַכן אַ שפּאַציר און פאַר איין וועגס אויך טון זײַן פליכט פאַרן פאָטערלאַנד: פּאַקן שמוג־לערס, כאַפּן קינדער וואָס זוכן מיט עפּעס צו שטילן זייער הונגער און אַזעלכע וואָס שלעפּן זיך אַרום אויף די וועגן, זיך צו פאַרגרינגערן אַ ביסל די נויט.

זי איז שוין געווען הינטערן שטעטל נישט ווײַט פון די קאַשאַרן. אַרומגעריכט איז פאַר איר אויסגעוואַקסן דער הויפּטמאַן ווילדע מיט זײַנע צוויי געהילפן. זיי האָבן זי אַלע שוין געקענט פון פריִער, שפּ־

חהלע. זיך העפלעך באַגריסט, געפרעגט וואָס זי מאַכט, ווי גייט עס איר און זי פאַרבעטן צו גיין מיט זיי. נישט ס'ערשטע מאָל וואָס די זשאַנדאַרמעריע פאַרהאַלט זי. אַ סך מאָל האָט מען זי שוין פאַרנומען. אַ מאָל מיט אַ זעקל קאַרטאָפל אויפן אַקסל, אַן אַנדערש מאָל מיט עטלעכע ברייטלעך וואָס פּייערן האָבן איר געגעבן. איין מאָל איז זי פאַרהאַלטן געוואָרן מיט אַ זעקל טאַרטאַטשאַנע מעל, אַ צווייט מאָל האָבן זיי ביי איר קאָנפיסקירט אַן עוף און די קראַנקע אירע זענען געבליבן אָן אַ ביסל יויך. דאָס שוואַרצע מעל און אויך די קאַרטאָפל האָט זי אָפּגעבעטן, אויסגעוויינט, ווייַך געמאַכט די דייַטשע הערצער דורכן איבערדערציילן זיי די צרות און לייד פון די הונגעריקע קינדער און קראַנקע. אָבער דאָס עוף און די ברייטלעך האָבן זיי ביי איר צוגענומען. אויך אַ וואָלענעם שאַל האָט מען איר נישט אומגעקערט. זי האָט מער נישט געפירט קיין זאַכן וואָס קאָנען זיי געפעלן, צו האָבן דערפון אַ נוצן.

מיט די רפואה-טאַבלעטן איז אָבער געווען ביטער. זי האָט אַליין נישט געוווּסט מיט וואָס זיי זענען אַזוי וויכטיק און טריף, אַז נישט דער אַפּטייקער האָט זיי איר געמעגט פאַרקויפן, אַפילו נישט האָבן אין באַזיץ און אויך דער דאָקטאָר האָט נישט געטאָרט פאַרשרייַבן אַזאַ רעצעפּט אָן וויסן פון דער דייַטשער מאַכט.

וויפל די דייַטשן האָבן איר נישט געזאָגט, אַז מעדיצינען זענען פון מיליטערישער וויכטיקייט און זענען שטרענג פאַרבאָטן פאַרן ציווילן געברויך. האָט זי עס אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין און באַנעמען מיט איר ווייַבערישן שכל. זי האָט זיך נישט באַרויִקט, ווען זי האָט געהערט אַז פאַר די ציווילע מענטשן, פאַר די נישט-מיליטערישע קראַנקע זענען פאַראַן ערזאַץ-רפואות, ווי ס'איז דאָ ערזאַצברויט, מעל געמישט מיט צעמאָלן שטרוי און קלייַען, אויך געמאָלענע קאַשטאַנעס, ערזאַץ-קאַווע פון געברענטע חזיר-ניסלעך, זוילן-פאַדעשוועס פון טאָוול און אייַנגעפּרעסט פּאַפּיר. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ לייַכטער צופרידענער שמייכל, ווען זי איז געוואָר געוואָרן פון די ערזאַץ-מעדיצינען פאַר די נישט-מיליטערישע קראַנקע. זיי האָבן אוודאי דעם זעלבן ווערט פון די ערזאַץ-פּאַטראָנעס וואָס מע שפּייַזט מיט זיי די מענטשן. אַנשטאָט צו שטילן דעם הונגער, קרעפטיקן און שטאַרקן — פאַרקריפּלען זיי די גלידער פון קינדער און אַלטע לייַט. אַפילו ווען זי וואָלט געוווּסט פון זיי, וואָלט זי די ערזאַץ-מעדיצינען נישט געוווען גענומען — האָט די צופרידענע אויפריכטיקייט אירע זיך אַרויסגעקריגן אויפן אָפענעם פּנים.

— וואָס טוט איר אַזוי הנאה? — האָט איינער פון די געהילפן געפרעגט.

— ס׳איז גוט וואָס די דײַטשע מאַכט טראַכט אַזוי פיל וועגן אונדז... אָבער וואָס וועט זײַן מיטן קראַנקן? ער וועט דאָך אױס־גיין — איז זי צוגעשטאַנען מיט געבעט.

— הײַנט וועט עס נישט גיין מיט דײַן שמוגל, אַלטע! — האָט דער הויפּטמאַן ווילדע זיך האַסטיק אַ קער געטון צו איר און געגעבן אַ זעץ מיט דער פֿױסט אין טיש פֿאַרן מאַדיאַרסקן זשאַנדאַרם־אָפּי־ציר.

— דעם אמת זאָג, אַלטע! ווו האָסטו עס גענומען? פֿאַר וועמען פירסטו דעם שמוגל? — האָט ער אַ פּאַכע געטון מיטן סלאָיִקל טאַבלעטן פֿאַר איר פּנים.

— פֿאַר אַ קראַנקן מענטש, אַ געפֿערלעך קראַנקן — האָט זיך איר קול געשטיקט אין קעל ווי זי וואָלט געשלונגען די טרערן.

— גוט, איך גלייב דיר, אַלטע, אָבער בײַ וועמען האָסטו עס געקריגן? — האָט זיך איצט ווילדע געווענדט צו איר רויק, אָן סימן פון כעס.

שפּחהלע האָט געשוויגן. מיט פֿאַרטרערטע אויגן האָט זי זיך גע־בעטן בײַ זיי, מע זאָל איר צוריקגעבן די פּראָשקעס. קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אירע רייד. ווילדע האָט איבערגעגעבן דאָס סלאָיִקל מיט די טאַבלעטן דעם מאַדיאַרסקן אָפּיציר און אַליין איז ער אַוועק זיך נישט אומקוקנדיק אַפילו אויף איר, אויף דער אומבאַהאָלפענער גוטסטוערין וואָס האָט אים נאָכגעקוקט מיט פֿאַר־צווייפלטע בליקן.

דער מאַדיאַר האָט שוין געוווּסט וואָס עס מיינט, אַז מע פֿאַר־האַלט זי פֿאַר דער אויספֿאָרשונג אין דער קרייזשטאָט, און אַז דאָרט וועט זי שוין נישט אַרויס אָן אַ שטראָף אַפילו ווען זי וועט זאָגן וואָס מע וויל פון איר אַרויסקריגן. דאָ ווען זי זאָגט ווו זי האָט עס גענו־מען און וועמער ס׳איז דער דאָקטאָר וואָס האָט איר פֿאַרשריבן דעם רעצעפּט, וואָלט זי בלויז געווען אַן עדות און זי וואָלט אַרויס אויף דער פרײַ. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז די יידישע וועט אים אַפילו נישט זאָגן וועמער ס׳איז דער קראַנקער, ווי זי האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן וועמער ס׳האָט איר געגעבן די שפּײַז, ס׳מעל, ס׳ברויט, די קאַרטאָפֿל, דעם שמאַלץ און אַלע אַנדערע זאַכן. ער איז געזעסן אויף אַ בענקל לעבן טיש אַ בייזער און געוואָרטשעט אין זיך, דריקנדיק דאָס סלאָיִקל צווישן די קנאָכיקע פינגער. געשאָלטן אויף מאַדיאַריש די אַר־

בעט זיינע וואס ער טוט און געווארפן דא און דארט די פאפירן וואס ער האט באדארפט אויספילן פאר איר עטאפ אין דער קרייזשטאט אריין. שפעט ביי נאכט האט מען זי אוועקגעפירט צו דער באן. נאך א לאנגןווארטן אין דער פארטונקלטער באנסטאציע, איז די באן אנגעקומען מיט א רעש. דער מאדיאר האט איר געהאלפן איינשטייגן אין וואגאן און פארמאכט הינטער זיך די טיר. פון דעמאלט אן האט מען שפחהלע די גבאיטע מער נישט געזען אין שטעטל. זי איז פארשווינדן ווי אין וואסער אריין.

די ארעמע און נויטבאדערפטיקע, די הונגעריקע און קראנקע, די קינדער און אלטע לייט — אלע האבן זיי געווארט אויף איר, זיך אויסגעקוקט די אויגן, נאר שפחהלע האט זיך נישט געוויזן פאר זיי. מ׳האט זי ארומגעזוכט אומעטום, זיך נאכגעפרעגט אויף איר, ווו נאר אן ארט. נאר אין ערגעץ האט מען זי נישט געקענט געפינען. מ׳איז אפילו געלאפן מעלדן אין דער זשאנדארמעריע, אז זי איז פארשווינדן געווארן פון שטעטל אויף עפעס א געהיימען אופן. קיינער ווייסט נישט ווו זי איז אהינגעקומען. און צוזאמען מיטן טאטן, ברוך סולת געבעטן, זיי זאלן זי העלפן זוכן אין די דערפער, אויף די וועגן.

דער מאדיאר מיט די איבערגעקערטע וואנסעס האט אלעמען געדולדיק אויסגעהערט, פארשריבן מיכלומרשט אויף פאפיר אלע זייערע רייד, מיט א רחמנות-מינע אויסגעהערט דעם אלטן ברוכן, וואס האט ביטער געוויינט אויף זיין פארשווינדענער טאכטער, און צוגעזאגט אויספארשן, דערגיין, געוואר ווערן:

— „צאבאטשעם" — האט ער געזאגט אין זיינע לאנגע אראפהענגענדיקע וואנסעס אריין, פארטוישט דעם פוילישן „זאבאטשעם" אויף „צאבאטשעם".

דער אלטער ברוך סולת האט געפילט אז אויפן מאדיאר איז זיך נישטא וואס צו פארלאזן און אליין גענומען זוכן. גענישטערט אין די דערפער, ביי די פויערן, ווו ס׳איז נאר געווען אן ארט ווו זי האט געקאנט זיין, האט ער זיך נאכגעפרעגט, געלאפן צו מענטשן וואס ער האט געמיינט אז זיי וויסן עפעס וועגן זיין שפחהן, און קיינער האט נישט געוווסט פון וואס צו זאגן, גלייך ווי די ערד וואלט זי איינגעשלינגען לעבעדיקערהייט.

קיינעם איז אבער נישט איינגעפאלן צו גיין פרעגן דעם גוישן דאקטאר, וואס האט זיך קיין מאל נישט געוויזן אין גאס אן זיין דייטשן וואלפהונט מיט דער פארצויגענער נאז און שארפע ציין. דער

דאָקטאָר איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך זיכער אָנגעשטוי־סן וואָס אַזוינס ס׳האָט געקענט געשען מיט שפחהן. ער האָט איר געשריבן דעם רעצעפּט און געוואָרנט וועגן די פאָלגן; וואָס ס׳קאָן מיט איר געשען ווען מע זאָל זי כאַפּן מיט די פּראַשקעס און אויך ער אַליין וואָלט נישט אָפּגעשניטן גלאַטיק, אויב זי וואָלט אים אויס־געגעבן פאַר דער דײַטשער מאַכט. ער האָט דעריבער געהאַלטן פאַר גלײַכער זיך נישט צו מאַכן וויסן פאַר קיינעם. ער האָט געשוויגן.

שפחהלע די גבאיטע האָט ווי אַ גוטע מאַמע, אַלעמען געפּעלט. ס׳שטעטל האָט געקלאָגט נאָך איר, געבענקט נאָך איר. אויך דער דאָקטאָר האָט זי באַדוערט און גלײַכצײַטיק באַוווּנדערט איר קוראַזש, איר מוט און אָרנטלעכקייט. שױן שיינע עטלעכע וואָכן ווי מ׳האָט זי אַרעסטירט און נאָר אים איז מען נישט געקומען זוכן.

דאָס שטעטל איז געווען פאַריתומט און פאַרצערט צוליב שפחהלעס פאַרלוירנגיין. פאַראַבלט און צעוויייטיקט פון יסורים זענען געווען אירע טאַטע־מאַמע און איר צווילינג־שוועסטער. דעם דאָקטאָר איז געווען אַ גרױם רחמנות אויף דער סולת־פאַמיליע בעת ער האָט וועמען פון זיי באַגעגנט אין גאַס — אויף זײַנע וויזיטן צו קראַנקע.

אין אַ טאָג איז שפחהלעס צווילינג־שוועסטער, וואָס דער דאָק־טאָר האָט זיי געהאָלפן קומען אויף דער וועלט, געקומען צו אים צו לויפן, דער טאַטע אירער איז אַוועקגעפאַלן, ער קאָן זיך נישט האַל־טן אויף די פיס. דער דאָקטאָר האָט גענומען ס׳רענצל און איז אַוועק צום חולה. ער האָט מער נישט געקאָנט צוקוקן די לײַדן און דעם צער פון אַלטן ברוך סאַלעץ און ווען ער איז מיט אים געבליבן אַליין, האָט ער אים מגלה געווען דעם סוד, אַז מע קען זיך משער זײַן ווו שפחהלע קאָן זײַן און וואָס מיט איר האָט געקענט געשען, וווּ זי האָט געקענט אַהינקומען.

ווי נאָר ברוכן איז בעסער געוואָרן איז ער אַוועקגעלאָפן אין דער זשאַנדאַרמעריע און פאַרלאַנגט, מע זאָל אים זאָגן ווו זײַן טאָכטער געפינט זיך. ער האָט זיי געזאָגט אַז ער ווייסט זיכער אַז זײַן טאָכ־טער איז בײַ זיי געווען. געסטראַשעט אַז ער וועט גיין אין די גע־ריכטן, ער וועט פאָרן אין דער קרייזשטאָט אַרײַן.

דער פלעגמאַטישער מאַדיאַר האָט כלומרשט נאָכגעקוקט, געזוכט אין די פּאַפּירן, גענישטערט אין שופלאָדן און מודה געווען, אַז זי איז דאָ געווען בלויז שעהען, געציילטע שעהען, מ׳האָט זי דאָ לאַנג

נישט געהאַלטן. זי איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער קרײַזשטאָט. דאָס איז אַלץ וואָס ער ווייסט וועגן איר. מער האָט ער פון איר נישט געהערט.

פון דער קרײַזשטאָט איז ברוך צוריקגעקומען אַ קריעה-געריסענער מיט אַ פּנים — שוואַרץ ווי די ערד, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אין אבֿילות. גלײַך ווי ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן חורבה-שטוב אינעם האַלב-אָפּגעברענטן הויז, האָט ער זיך געזעצט שבֿעה. ער, ס'ווײַב און שפּחהס צווילינג-שוועסטער האָבן זיך אין די בלויזע זאָקן געזעצט אויף אומגעלייגטע שטולן — אויף אַ שעה שבֿעה-זיצן.

ער איז שפּעטער אַוועק אין בית-מדרש זאָגן קדיש נאָך איר און האָט פאַרשריבן אין אַלטן לוח שפּחהס יאָרצײַט און צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל האָט ער באַוויינט שפּחהלעס טויט און זיך געטרייסט וואָס די טאָכטער זײַנע, די שטעטלשע גבאיטע איז כאָטש געקומען צו קבֿר-ישׂראל. ער האָט געזען איר קבֿר אויפן ייִדישן בית-החיים אין דער קרײַזשטאָט מיט איר נאָמען, שפּחה גאַרבער, אויפגעשריבן מיט שוואַרצן טינט אויפן מצבֿה-ברעטל צו קאָפּנס פון איר קבֿר.

דער אַכזר און די נקמה

1. דער ייִדישער פּריץ וואָס האָט פאַרגווירשט זײַן הויף

דער נאָמען פונעם גרויסן גביר און וואַלד-סוחר, חיים פּאָסאַצקאַזש, האָט געשמט ווײַט אַריבער דער שטאָטישער ראָגאַטקע הן מיט זײַן עשירות ווי מיט זײַן אַכזריות. אינעם פּריצישן הויף זײַנעם האָט זיך בײַ אים געפירט ווי בײַ די גויִים — מיט משרתים, פּאַראָבקעס, מיט הינט וואָס האָבן געטריבן פרעמדע פֿון דער שוועל, און מיט שטאַלן פערד און בהמות. זײַן פּריצישקייט האָט פאַרקלינגען די ווײַטן און ברייטן פונעם גאַנצן קאַנט. נאָך איידער אָבער ער איז אַראָפּ פון דער גדולה און אַלץ פאַרלירן, האָבן ייִדן אים משנה-שם געוועזן און אים גערופן חיימל מטורף.

אַרום חיימלס פּאַלוואַרג איז געווען אײַפגעשטעלט אַ הויכער הילצערנער פּאַרקאַן מיט אַ שמאָל פורטקע-טירל פאַר איין מענטש אַדורכצוגיין מיט אַ ברייטן אײַזערנעם שטאַכעטן-טויער מיט פּיקע-סאַרטיקע שפּיצן. דאָס גרויסע טויער האָט זיך געעפנט ברייט פאַר זײַנע קאַשטאַן-הויטע פערד געשפּאַנט אין בריטשקעס, פאַרמאַכטע קאַטשן און שליטנס, וואָס פלעגן אַרײַן און אַרויסיאָגן, ווי די טייוו-לאָנים, געפירט נאַשפּיץ פון צוויי גרויסע וועלפהינט וואָס זענען געלאָפן פאַרויס און געבילן זייער הינטישן „נאַבאַק” פאַרן פּריץ, אַלע אין אַ זײַט! פרײַ מאַכן דעם וועג! דרך-ארץ, דער גרויסער פּריץ פאָרט!

די הינט האָבן מיט זייער שדים-געביל פאַרהילכט דעם גאַנצן אַרום, אַפילו דעם קוטשער טימקינס קנאַקן און געסווישטש מיט דער בײַטש און אַראָפּגעשראָקן, אַראָפּגעיאָגט מענטש און חיה פון וועג אַראָפּ.

צוויי מאָל אַ טאָג, יום ביום חוץ פרײַטיק, איז חיימל פּאָסאַצ-קאַזש — געפירט פון זײַן הינטישער וואַך, די צוויי וועלפהינט — געפאָרן פאַר מיטאָג אין טאַרטאַק אַרײַן און שפּעטער, נאָך מיטאָג אין דער פּאָסאַצקע-פאַבריק אַרײַן זעען ווי ס'פירט זיך דאָרט און וואָס מ'האָט דעם טאָג אויפגעטון, אָפּגעאַרבעט. אין טאַרטאַק, וואָס איז געווען זײַן טאַטנס באַליבטער אַרבעטפּלאַץ, האָט ער זיך נישט לאַנג געזוימט. דאָרט האָט אַלץ געקלאַפּט ווי אַ זייגער. ס'איז כמעט

ניִשט געוועז פאַר אים וואָס צו טאָן דאָרט. ער איז געפֿאָרן אַהין מע זאָל אים זען, מע זאָל וויסן אַז ער איז דאָ, ווײַל אַ באַלעבאָס דאַרף זיך ווײַזן פֿאַר די אַרבעטער, זיי זאָלן וויסן און פֿילן אַז ס'איז דאָ אַן אויג פון אַ באַלעבאָס, אַז די וועלט איז ניִשט הפקר. און אַ ביסל איז ער געקומען צו פֿאָרן אין טאַרטאַק אַרײַן פֿון רוטין, פון טאָג־טעגלעכער געוווינשאַפֿט.

2. ר׳ שלמה באַיער דער וואַלד־סוחר און לייזער קלאַץ דער וואַלדהעקער

נאָך יינגלווײַז איז ער געוווינט געוועזן צו זײַן יעדן טאָג אין טאַרטאַק. זײַן טאַטע, לייזער קלאַץ, האָט געמאַכט דעם אײַנפֿיר און זומער און ווינטער אים מיטגענומען אַהין כעלות השחר, איידער מ'האָט זיך נאָך געשטעלט אַרבעטן. אויפֿן וועג, אין בית־מדרש אַרײַן צום דאַווענען, האָבן זיי אָפּגעטרעטן אין טאַרטאַק, אַלץ דאָרט אײַנגעשטעלט, געלאָזט דעם טאַרטאַק אין גאַנג און אַוועק דאַווענען. צוריקוועגס, נאָכן דאַווענען איז מען ווידער אַרײַן אין טאַרטאַק אַ קוק געגעבן וואָס ס'טוט זיך דאָרט און מ'איז אַהיים איבערבײַסן. פון בלויזן צוקוקן זיך ווי אַנדערע אַרבעטן האָט ער זיך אויסגעלערנט די חכמה פון שנײַדן ביימער אויף ברעטער, קלעצער, בעלקעס, שינד־לען, מאַכן פון געהילץ נוצלעכע זאַכן און אויסניצן אַפֿילו דעם האָלצ־אָפּפֿאַל, די שפּענער, ס'זעגעכץ און די טראַטשינעס.

זײַן טאַטע, לייזער קלאַץ איז אַמאָל געוועזן אַן אָנגעשטעלטער בײַ די ברידער באַיער. געוועזן בײַ זיי שרײַבער, קאַסירער, וואַלדמעס־טער. ער האָט מיטן אויג געקאָנט אָפּמעסטן אַ שטיק וואַלד און זאָגן אויפֿן אָרט וויפֿל קלאַפּטער און קוביק געהילץ ס'וועט פון אים אַרויס. מיט צוויי קרײַדלעך — אַ רויטס און אַ בלאָס — פֿלעגט ער אַרומ־גיין איבערן וואַלד און אויסקלײַבן, באַשטימען: מי לחיים ומי למוות, וועד פון די סאָסנעס און דעמבעס, אָלשענעס און בוקן ס'וועלן בלײַבן און ווײַטער האַלטן וואַלד און ווער ס'וועט גיין מיט די פּליטן און טראַט־וועס איבערן וואַסער.

אַזוי האָט לייזער קלאַץ געדינט דעם אַלטן ר׳ חיים באַיער און זײַן זון שלמה ערלעך און געטרײַ. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט און צום יאָר איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זײַן טאַטן שלום און נאָכן אַלטן וואַלד־סוחר, צו פֿאַר־שמעלצן תורה מיט קמח, מיט דער האָפֿענונג אַז אפשר וועט זיך עפּעס

צוקלעפּן פון די באַיערס צו די ניסקערס. דערוויַיל האָט לייזער גע־האַקט די פּריצימס וועלדער און ס׳געהילץ אָפּגעשיקט מיט די פּליטן און טראַטוועס קיין דאַנציק, צו ר׳ חיים און שפּעטער צו ר׳ שלמה באַיער, וואָס פלעגן שוין דאָרט זיצן און וואַרטן אויפן געהילץ, אויפן אָנקום פונעם האָלצטראַנספּאָרט נאָך איידער די שנייען האָבן אָנגע־הויבן צעגיין.

לייזער קלאָץ האָט אַפילו ביַי די פּריצים געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן וואָלדהעקער. ער איז נישט געווען קיין בעל־משחית. ער האָט נישט פאַרדאָרבן, נישט סתם צעשטערט וועלדער, נישט סתם געהאַקט. מיטן וויסן פון ר׳ חיימען און די פּריצים האָט ער איבערגעלאָזט ייִדישע פּאה אויף די ברעגן וואַלד פאַר די אָרעמע האָלצקליַיבערס. ער איז נישט געווען קיין גיריקער, לייזער. ער האָט אויפגעקליבן, וואָס ס׳איז געבליבן פון די העקערס הענט — צוויַיגן און שטיקער ביימער־שטאַמען וואָס ס׳האָבן פאַרזען אָדער פאַרלוירן די נאָכקליַיבערס. דאָס גרע־סערע געהילץ, די ביימער וואָס זענען אומגעוואָרפן געוואָרן, האָט ליי־זער אָפּגעגעבן די באַיערס. די בינטלעך דרענגלעך פאַרקויפט אין שטעטל צו הייצן די היַיזער, ס׳בית־מדרש. די שפּענער אָבער, וואָס פאַלן ווען מע האַקט האָלץ, האָט ער גענומען פאַר זיך, פאַר זיין הויז.

אַז זיין חיים איז אונטערגעוואַקסן און ער האָט אים דעם זון אָנ־געהויבן מיטנעמען אין וואַלד אַריַין, האָט אויך ר׳ שלמה באַיער אָנ־געהויבן מיטנעמען זיַין אַברהמטשען קיין דאַנציק, צו לערנען אים דעם וואַלד־מיסחר. לייזער האָט געלערנט זיַין בן־יחיד די חכמה פון האַקן אַ וואַלד אַז ער זאָל וויַיטער בליַיבן וואַלד; וויפל מע זאָל אים נישט האַקן, זאָל אַלץ נישט זיַין ניכר קיין פליכן, מע דאַרף האַקן אַזוי אַז מע זאָל אים איבערלאָזן דעם איסזען און דעם אָטעם פון אַ וואַלד. ער האָט אים געלערנט מעסטן מיטן אויג די קלאַפּטערס און קוביקס מרו־בעים פון וואַלדשטיקער איידער מע קען זיי מעסטן מיט אמתע מאָסן, שאַצן מיטן כפל־כפלים, מיט חיבור וחסור. ער האָט אים אויך געלערנט די נאַטור, די זמנים, די ציַיטן פון האַקן וואַלד און אָפּשיקן ס׳געהילץ צו די האָלצמערק, צו די באַיערס קיין דאַנציק. אים אויך דערקלערט אונטער וואָסערע תנאים פאַר מענטש און נאַטור דאַרף מען אָפּשיקן ס׳געהעילץ; ווי אַזוי ס׳דאַרף און מוז פאַרקומען, דער אופן פון שיקן דאָס האָלץ און מיט וואָסערע מענטשן. שלום־חיים האָט מיט גרע־סערער התמדת געלערנט דאָס האַקן און שניַידן האָלץ, ווי דאָס לער־נען תורה.

נישט אַזוי גוט איז ר׳ שלמה באַיערן געגאַנגען מיט זיַין אַברהמ־

משיקן דארט אין דאנציק. דער בחור האט עפעס אין גאנצן נישט געהאט קיין קאפ צום האלץ-מיסחר. ס'איז אים נישט געקראכן אין קאפ ארײַן. ער האט נישט ארויסגעוויזן קיין חשק צו לערנען די מינדסטע זאך וועגן דער האלצבראנזשע. אים האט גאר געצויגן צו דער ביבליאטעק, צו די גרויסע שאפעס ביכער.

3. הײמל ווערט דעה־זאגער אין באיערס טארטאק

ווען ר' שלמה באיער האט אין דאנציק געווארט אויפן אנקומען פונעם געהילץ, האט ער פארטראכט דעם פלאן אויפצושטעלן א טאר-טאק פאר זיך מיט לייזערן ווען ס'פארן קיין דאנציק וועט זיי ווערן שווער און אויך לייזער וועט שוין נישט זײַן בכוח ארומצוקריכן מיטן מעסטער אין דער האנט איבער די וועלדער; ווען ס'וועט שוין נישט זײַן אויף וועמען זיך צו פארלאזן. ווארן א מענטש ווערט דאך נישט יינגער, נאר עלטער, און א פערד ארבעט דאך אויך נישט קיין אייבי-קייט. א מאל מוז עס דאך ארויסגיין פון סטרוי. וועט דער טארטאק זײַן אויף די עלטערע יארן אויף וואס זיך אנצושפארן.

ר' שלמה באיער האט אויפגעשטעלט דעם טארטאק אין שטעטל און אים איבערגעגעבן לייזערן צו באלעבאטעווען דארט אין אים. ליי-זערס זון, שלום-חיים, קאן אים פארטרעטן אין וואלד און זיך גלײַכצײַ-טיק לערנען די עבודה אין טארטאק. אליין האט ער פאר זיך גענו-מען, שלמה באיער, דעם פארקויף פונעם אויסגעארבעטן געהילץ צו גרויסע פירמעס אין דאנציק און אנדערע מקומות.

דער יונגער שלום-חיים האט אין פרילינג און זומער, ווען די טראט-וועס און פליטן זענען שוין געווען אין וועג קיין דאנציק, זיך מער אפגעגעבן מיט דער ארבעט אין טארטאק, ווי אזוי מע שנײַדט און וואס מע שנײַדט. ער האט צוגעקריגן נאך א באווײַז אז האקן וואלד און שנײַדן ברעטער איז טאקע נישט גרינגער ווי לערנען אין בית-מדרש, דערפאר אבער א סך אינטערעסאנטער און ער האט צום וואלד-האקן געהאט מער חשק ווי צום לערנען. אים איז בעסער געפעלן שלמה באיערס ראל צו זײַן אן ארומפארער, א רײַזנדער, ווי זײַן טאטנס צוגעבונדנקייט צום טארטאק. שלום-חיים האט צוגעלייגט דעם קאפ צו ביידע צווײַגן פונעם האלץ-מיסחר און איז מיט חשק געגאנגען אין וואלד און אין טארטאק, ווו ער האט זיך אויסגעטויגט מער ווי אין וואלד. דא האט ער ארויסגעוויזן זײַן נוצלעכקייט מיט זײַנע ראציא-נעלע אײַנפאלן פאר די אפפאל-ארטיקלען, דאס זעגעכץ, די טראטשי-

נעם, וואָס דער טאַטע פלעגט פאַר אַ שיבוש פאַרקויפן גאַנצע בערג די לודאָוויעס, די אײַזשפּײַכלערס וואָס פלעגן מיטן זעגעכץ אײַנ-האַלטן די פּראַסטיקע האַרטקייט פונעם אײַז אַז ס'זאָל נישט אַזוי גיך צעגיין. ער האָט געפינען אַנדערע מעגלעכקייטן ווי אַזוי צו פאַרווענ-דן ס'זעגעכץ אויף אַ מער לײַנעוודיקן אופן. ער האָט עס פאַרקויפט אין דער יאַטקע אויף אויסצוטריקענען די בלאָטע און ס'בלוט; דעם פלעטש אין די סאָדעוואַסער-געוועלבלעך און אַלע אַנדערע געוועלבלעך וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט פליסיקייטן און פײַכט געמאַכט דעם באָדן. ס'זעגעכץ האָט אַלץ אין זיך אײַנגעזאַפּט. ער האָט אויך געלאָזט אָנשטאָפּן שעניקעס, וואָס זענען געגאַנגען פאַרן געזעס פון די פורן און בוידן, וואָס האָבן געפירט פּאַסאַזשירן אין מרחקים און צו די ווײַטע יארידן.

די געהילף יינגלעך האָבן געשטאָפּט קישעלעך פאַר די זיצנדיקע בעל-מלאכהס און מאַרק-זיצערקעס. דאָס דינסטע זעגעכץ פון די באַנדזעגן איז פאַרקויפט געוואָרן אויף אונטערצוּבעטן די בהמות אין די שטאַלן, צו מישן עם מיטן מיסט פאַר די פעלדער. און ס'גראָבע זעגעכץ, די שפּענער פון די טישעסלערס און די פּניאַקעס האָבן פאַר-טוישט ס'געהילץ, וואָס זײַן טאַטע און שלמה באַיער האָבן מנדר גע-ווען פאַרן בית-מדרש-אויוון, און ס'געהילץ איז פאַרקויפט געוואָרן דעם בעדער. שפּעטער האָט ער זיך אויך מתיר-נדר געווען אויף די פּניאַקעס און זיי פאַרקויפט דעם בעדער, און דער בית-מדרש-אויוון איז געבליבן בײַם זעגעכץ מיט די טישעסלער-שפּענער. אַנטווײַנט דעם בית-מדרש פון די פּניאַקעס האָט ער צום ערשטן יאָרצײַט אין לעצטן קדיש נאָך זײַן טאַטן, לייזער קלאָץ, וואָס איז געשטאָרבן נישט לאַנג נאָך ר' שלמה באַיערס טויט.

ס'בית-מדרש האָט נישט געהאַט קיין מזל צו די אָוועקגעגאַנגענע, צו לייזער קלאָץ און שלמה באַיער. ביידע זענען זיי געשטאָרבן זו-מער אין די גרעסטע היצן. ר' שלמה אין די דרײַ וואָכן און לייזער מיט אַ יאָר שפּעטער — צו די ערשטע סליחות. און איבערצוּרוקן יאָרצײַטן אויף אַ באַקוועמערע צײַט פאַרן בית-מדרש איז נאָך בײַ ייִדן נישט געהערט געוואָרן. קיינער האָט דעריבער סליחות-צײַט נישט געטראַכט פון די פּניאַקעס פאַרן אויוון. און די ייִדן אין בית-מדרש האָבן געוואַרט אויף די פּניאַקעס פון מרחשבון ביז כסלו, און אַז די פּניאַקעס האָט מען נאָך אַלץ נישט געבראַכט, זענען פאַר חנוכה בײַ-ניש רימער און ייִדל וואַזשע-וואָדע אָוועק באַלד נאָך הבדלה זיך זען מיט חיימלען, אים פרעגן: היתכן? צו חיימלען איז אָבער איצט נישט

געווען אַזוי גרינג צוצוקומען. אַ גאַנצן מוצאי־שבת־קודש זענען זיי ביי אים אָפּגעזעסן און זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו אים, ער זאָל זיי אויפנעמען. ס׳זענען דאָרט געווען אַזוי פיל מענטשן, אַז מ׳האָט זיי באַלד געזאָגט אַז ס׳איז אַ ספק צי זיי וועלן צו אים אָנקומען דעם היינטיקן אָוונט. דאָך האָבן זיי געוואַרט אַ שעה, צוויי און צום סוף אַוועק מיט גאָרנישט.

די פּניאַקעס זענען אַלץ נישט געקומען און די קעלט האָט גע־יאָגט פון אַלע ווינקלעך אין בית־מדרש. האָבן זיך דער רב און יאָסל גאָלד מיישב געווען: וואָס וועלן זיי וואַרטן? זאָל זייערס אי־בערגיין. דאַוועגען קומט ער נישט, קיין מורא־שמים איז ער נישט, וועלן זיי פאַרבייגן אויף זייער כבוד, דעם כבוד פון רב און פונעם דאָזאַר און וועלן אים אָפּשטאָטן אַ וויזיט. ביידע האָבן זיך אָנגעטון זייערע סויבלנע פוטערס, צו וויזן שלום־חיימען ווי קאַלט ס׳איז אין דרויסן, און זענען אַוועק צו אים דערמאָנען, אַז די פּניאַקעס פאַרן בית־מדרש זענען נאָך אַלץ נישט געקומען. חיימל אָבער האָט זיי באַפוילן זאָגן, אַז אויב ס׳איז די דאַווענערס קאַלט, זאָלן זיי זיך בע־סער שאָקלען, שטאַרקער, וועט זיי ווערן וואַרעמער. אַנשטאָט בטל־נען זאָלן זיי לערנען וועלן זיי נישט פילן קיין קעלט. מיטן זעלביקן משרת האָט דער רב געהייסן איבערגעבן אַז מע שיקט מער זעגעכץ ווי שפּענער, זאָל מען כאָטש שיקן מער טשעסלער־שפּענער ווי זע־געכץ מיט אַ ביסל האָלץ־דראָבניאַזג אויך, אויף איינצוהייצן, וועט עס אפשר העלפן פאַרטרייבן די קעלט. און דאָס האָבן זיי געקריגן יאָר־יערלעך במקום לעקעך און בראָנפן צו זיין טאַטנס און ר׳ שלמה באַ־יערס יאָרצייט ביז דער מטורף האָט באַקומען זיין שטראָף. נאָר דאָס איז שוין געווען אַ סך שפּעטער, שוין נאָך דעם ווי חיימל מטורף איז אַראָפּ פון דער לער ביים שטן אין רשעות און געהאַט שוין איינקאַ־סירט זיין חלק: וטוב לו.

4. דעם בעל־חלומות אַבראַמטשיק ציט אין דער וועלט אַריין

פונקט ווי שלום־חיימען האָט געצויגן צום געהילץ־האַנדל, וואָס ער איז געווען דערין אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אויסנוצנדיק זיינע גוטע סוחרישע איינפאַלן, אַזוי האָט דעם יונגן אַברהמטשע באַיערן געטריבן אין געיאָגט פונעם האָלץ־מיסחר און וואַלד־אַרבעט. אָן אי־בעריקן חשק איז ער געפאָרן האָקן דעם וואַלד און מיטן זעלבן ווידער־ווילן האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין פאַרקויפן ס׳געהילץ. דאָס

האקן דעם וואלד האט ביי אים אויסגעזען ווי די שחיטה פון שמואל-יוסף שוחט, וואס קוילעט אוועק לעבעדיקע באשעפענישן, געזונטע אקסן, שעפסן, קי, שאף און רינדער. דער ווינטערדיקער וואלד, וואס שטייט א געפרוירענער, געהילט אין ווייסן, פארסודיקט און פארחלומט האט אים אין גאנצן ווי פארכישופט. ווען ער האט אפגעקראצט א שטיקל קארע פון א בוים און ס'נאקעטע ארט ארומגעצירקלט מיטן קריידל, האט ער געפילט ווי ער וואלט אפגעגאלט דעם האלדז א געזונטן אקס פאר דער שחיטה. אין ס'גאנצע האלצהאקן, ס'אונטערזענקען ביימער מיטן האלץ-מיסחר אין איינעם איז אים מיט א מאל פארמיאוסט געווארן. ס'האט אים געטריבן פון וואלד.

די ביטערע שטיק פון די האלץ-סוחרים האבן אויסגעזען מיאוס אין זיינע אויגן, נאריש און קליינלעך. די פירעכצער פון די וואלדהעקערס און טראטווע-טרייבערס — אפשטויסנדיק. די האלץ-טראנזאקציעס זענען אים נישט אנגעגאנגען. די גוטע האבן אים נישט געלאקט און די שלעכטע — נישט געארט. די רווחים האבן אים נישט באגייסטערט און קיין הזיק האט אים נישט געשראקן. ער האט זיך נישט איבעריק געהיט פאר קיין פארלוסטן, אין פונקט אזוי זיך נישט געיאגט נאך קיין פארדינסטן. אים האט געצויגן צו ביבליאטעקן, צו לייענען ביכער און אויך צום פרווון די פעדער, צו שרייבן א מאל, וואס ער האט עס דערווייל געהאלטן בשתיקה. זיינע נאענטסטע פריינד אפילו האבן וועגן דעם נישט געוווּסט.

אברהמטשיק איז איין מאל אהיימגעקומען פון א שלעכטן האלץ-יאריד, ווו ס'זענען פארלוירן געגאנגען די רווחים פון חיימלס גוטן שנים אין וואלד. שלמה באיער האט דעמאלט געבעטן לייזער קלאצן, ער זאל טוישן די יוצרות: צונעמען זיין אברהמטשיקן אין טארטאק אריין און לאזן שלום-חיימען פארן צו די האלץ-יארידן:

— דיין חיים האט ליב דעם האלץ-מיסחר און ער וועט זיך אויך דארט אויסטויגן — האט דער שטאלצער שלמה באיער מודה געווען אז זיין זון איז נישט איבעריק פעיק צום האנדל — ערגער פון מיינעם וועט ער זיכער נישט זיין.

לייזערן האט הנאה געטון שלמה באיערס רייד וועגן זיין שלום-חיימען, אבער ס'הארץ האט אים ווי געטון אויף ר' שלמהן וואס האט אין זיינע מיטעלע יארן זיין פארלוירן זיין צווייט ווייב, און איצט האט ער נישט קיין נחת פון זיין בן-יחיד, וואס ער האט אים נישט געוואלט געבן קיין שטיפמאמען און מער נישט חתונה געהאט, געהאפט אים

פריִער אַרויספירן אין דער וועלט פון דער האַלצבראַנזשע און נאָך דעם וועט מען שוין זעען.

לייזער האָט אים נישט געוואָלט שיטן קיין זאַלץ אויף די וווּנדן און גלייך נאָכגעגעבן ר׳ שלמהן כאָטש ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ שלמהס גוטע רייד וועגן זיין שלום־חיימען זענען נישט לטובת אים.

— הלוואַי וואָלט איך געקאָנט מיט אייך מסכים זיין, ר׳ שלמה — האָט לייזער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַנגעבויגן אָן אַ זייט — כ׳בין דווקא נישט אַזוי זיכער מיט מיין זונס סוחרישע פעיִקייטן. דאַנציק איז אייך נישט די שטעטלשע יאַרידן. וואָס ווייס מיין זון פון די האָלץ־מיסחרים דאָרט? אייער אַברהמטשיק, זעט איר, איז עפּעס אַנדערש. ער איז אַ סוחר בן־סוחר ומיסחר, פון הירות סוחרים, וואַלד־סוחרים, תבואה־הענדלערם...

— וואָס זשע קומט מיר אָבער אַרוים אַז ער וויל נישט אָנהאַלטן די ירושה, און די וועלט זאָגט דאָך אַז אַ וועלער איז בעסער ווי אַ קע־נער. אייערער וויל — וועט ער אויך קענען. כ׳האָב בטחון אין אים מער ווי אין מיין אייגענעם זון.

דעם צווייטן פרילינג באַלד נאָכן אָוועקשיקן די פליטן מיט דער ווייסל, וואָס איז אויפגעשטאַנען פונעם ווינטערדיקן גליווער, איז שלום־חיימל נאָכגעפאָרן אַברהמטשיקן צום געהילץ־יאַריד און גלייך זיך אַריינגעוואָרפן אין די פאַרהאַנדלונגען מיט די האָלץ־סוחרים. לויט די אָנווייזן פון ר׳ שלמהן אַליין, און אומגעשטערט פון אַברהמטשיקן, אויסגעפירט אַלץ אויפן בעסטן אופן. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן עול האָט אַברהמטשיק אים אַרויפגעלייגט אויף שלום־חיימס פּלייצעס, געגעבן אים פרייע הענט און שטילערהייט אַליין זיך אָפּגע־טראָגן פון דאַנציק. ער איז פאַרשווונדן פון דער אויבערפלאַך, אַוועק קיין בערלין און געשיקט דעם טאַטן זיינעם, ר׳ שלמה באַיערן אַ בריוו, אַז אויב ער וויל קאָן ער אים מעבר נחלה זיין פאַרן פּוגע־בכבוד זיין אין די וואַלד־סוחרישע טראַדיציעס וואָס ער פאַרלאָזט אויף אייביק. צום סוף האָט ער צוגעגעבן אַז ער איז אַ שלעכטער זון און ער זאָגט זיך אָפּ פון דער ירושה וואָס ס׳קומט אים אפילו לויטן דין.

5. חיימל נעמט איבער די האָלץ־מיסחרים אין דאַנציק

פאַר שלום־חיימען איז די נסיעה געווען אַ גוטער אָנהייב, גאָר־נישט ווי ס׳פאָלקווערטל זאָגט אַז: „כל התחלות קשות", אַלע אָנהייבן זענען שווער, אָבער ער, חיים, האָט אַ באַזונדער מזל. דאָס יאָר איז געווען אַ מאַנגל אין געהילץ, צי אפשר גאָר אַ גרעסערער נאָכפרעג

אויף האַלץ, און חיימל האָט אַלץ פֿאַרצוקערט ביזן לעצטן קלעצל און מיט אַ גוטן פּראָפֿיט. מ׳האָט זיך גערישן איבער זײַן געהילץ, גע־טריבן זיך אַליין אין די פּרײַזן. ווי שבת איבער די עליות האָט מען זיך גערישן איבערן געהילץ און די פּרײַזן זענען געשטיגן, זיי האָבן זיך געהויבן איבער נאַכט. ער אַליין האָט געשוויגן, נישט געזאָגט יאָ אויף אַ פּרײַז אַנבאָט און נישט געזאָגט ניין. די קאָנקורענטן אַליין האָבן געטריבן די פּרײַזן אַלץ העכער און העכער. מ׳האָט אים געצאָלט באַר געלט, נישט מיט קיין לאַנגטערמיניקע װעקסלען, דעם תּנאי האָט ער אַליין געשטעלט און אויסגעפֿירט.

די שמחה בײַ שלמה באַיער איז געווען גרויס, נישט אַזוי צוליב די רווחים, ווי צוליב די נביאותן זײַנע וועגן שלום־חיימס סוחרישע פֿעיִקייטן וואָס האָבן זיך אַזוי גיך באַשטעטיקט. אַ סימן אַז ער האָט נאָך אַ גוטע תּפֿיסה, קאָן נאָך דערקענען אַ גוטן כאַראַקטער בײַ מענ־טשן און דערשנאַפּט נאָך גוטע סוחרישע פֿעיִקייטן בײַ עמעצן. אויך מיט לייזערן האָט ער זיך נישט גענאַרט, אַוועקגעמענדיק אים פֿונעם וואַלדהאַקן און אים איבערגעגעבן צו פֿירן דעם טאַרטאַק. איצט האָט ער גוט אָפּגעשאַצט שלום־חיימס אויסטויגערײַ צום האַלצהאַנדל. פֿאַר גרויס שמחה האָט ער נישט געוואַרט ביז די מוצאי־שבתדיקע באַריכטן פֿון לייזערן, נאָר ער איז אַוועק אין טאַרטאַק אַרײַן איבערשמועסן מיט אים וועגן דעם בעל־מוצלח, דעם זון זײַנעם און וועגן נאָך עפּעס אַן ענין:

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, לייזער? ווער ס׳האָט אין קעשענע, איך האָב אין אויג. כ׳בין נאָך אַ מבין אויף אַ מענטש, האַ? ער איז אויך אַ סוחר, דײַן חיים, און אַ מוצלח... און מײַנער... — האָט ער נישט פֿאַרענדיקט דעם געדאַנק.

לייזערן האָט הנאה געטון שלמה באַיערס גוטע מיינונג וועגן זײַן שלום־חיימען, נאָר ער האָט גאָר נישט געזאָגט. מיט וואָס האָט ער אים געקענט טרייסטן? אמת, ער האָט וועלדער און פֿעלדער, אַ שיין הויז, אַ קאַמעניצע אויפֿן שענסטן אָרט בײַם אַרײַנפֿאָר אין שטעטל, אויפֿן בערגל קעגן וואַלד און ס׳הויז שײַנט אַראָפּ אויפֿן שטעטל. אָבער ס׳הויז איז ליידיק, אַ פּוסט טרויעריק הויז, אַן איינזאַם הויז, און איצט אויך אָן דעם איינציקן זון, מיט וואָס האָט ער אים געקענט טרייסטן, ר׳ שלמהן? האָט ער געשוויגן. פֿאַר אַ מענטש אין צער איז נישטאָ קיין טרייסט.

— לייזער — האָט ר׳ שלמה נישט געקאָנט פֿאַרענדיקן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן — ס׳גייען פֿאָרקומען שינוים... — און ער

האָט לייזערן דערלאַנגט דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון אַברהמ־טשען, פון בערלין — אדרבא, זעט וואָס ער שרײַבט... ער זאָגט זיך אָפּ פֿון אַלעמדינג, אַפילו פון דער ירושה לפי דין.

אַז לייזער האָט דערציילט חיימען וועגן דעם בריוו, וואָס ר׳ שלמה האָט דערהאַלטן פון זײַן אַברהמטשיקן, האָט חיימל בײַ זיך געטראַכט, אַז ער אַליין וואָלט גערן געוואָרן דעם אַלטנס אַ זון און אַ קדיש ווען ער מאַכט אים פאַר זײַן יורש, נישט חלילה צו נעמען אַלץ פאַר זיך; ער וואָלט זיך געטיילט מיט אים, ווען דער תכשיט קומט צוריק און ווײַזט אַרויס חרטה, וואָלט ער באַדאַרפט שווערן בײַם אָרון־קודש, דער אַברהמטשיק. געזאָגט האָט ער אָבער גאָרנישט, חיים, וואָס האָט ער זיך צו מישן צווישן טאַטע און זון?

6. דער קראַנקער ר׳ שלמה באַיער איז חיימען מגלה אַ סוד

אין אַ טאָג האָט זיך ר׳ שלמה געפילט נישט מיט אַלעמען און ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַרײַן. ער האָט אָנגעהויבן קרענקען. ווען לייזער איז אים געקומען מבקר־חולה זײַן האָט דער אַלטער אים גע־בעטן, ער זאָל אים צושיקן חיימען, ער דאַרף מיט אים עפּעס וויכטיקס איבעררעדן. לייזער האָט געמיינט אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן האַלץ־מיס־חר און דאַנציק. אַ קלייניקייט, דאַנציק! נאָר נאָך איידער חיים איז געגאַנגען צום קראַנקן באַיער האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פאַרן טאַטן זײַנעם, פאַר לייזערן:

— אַ נו, טרעף, וואָס מיינסטו וועט ער וועלן פון מיר? צי וואָס, מיינסטו, דאַרף ער מיך?

— אַ שאלה, כ׳לעבן. איך ווייס? דאַנציק, וואַלד, מיסחר איז דיר נישט ביילע דער ברענערקעס נאָפּטקרעמל.

— ער וויל מיך מאַכן פאַר זײַן קדיש און יורש — האָט חיימל אַרויסגעברענגט אויף דער צונג וואָס ס׳איז אים געלעגן אויף דער לונג.

— ביסט חסר־דעה? — האָט דער טאַטע אַדורכגעשפּיזלט דעם זון מיט זײַן בייזן בליק.

— ס׳האַרץ זאָגט מיר אַזוי און דאָס וויל איך טאַקע? הערסט אַ מעשה, פאַר וואָס נישט?

— ברענג עס נישט אַפילו פאַרן מויל! אַברהמטשיק איז זײַן זון. נישט ער האָט זיך געשמדט און נישט ער איז טויט, חלילה וחס.

— דו, טאַטע, אין שלמה באַיערס מצב מיט אַזאַ בריוו, מיט אַזאַ אַברהמטשיקן — דו וואָלסט עס זיכער נישט געוועזן געטון. אָבער די

באַיערס זענען נישט דו. זיי זענען קליגער. און פּראַקטישע מענטשן דערצו. זיי האָבן לעבנס־חכמה.

— אָפּגעהיט זאָל מען ווערן. מע זאָל גאָרנישט געפּרוּווט ווערן מיט זייער טעם. דאָס הויז איז פאַרשאָלטן, רחמנא־לצלן. אויף דעם הויז איז מקוים געוואָרן וואָס דער אַלטער ־בּ האָט עס געווינטשן — האָט לייזער געזאָגט מיט באַדויערן, דערמאָנענדיק זיך די מחלוקת צווישן רב און שוחט. עוזר באַיער מיט זײַן זון חיים־מענדל האָבן געהאַלטן מיטן שוחט קעגן רב, וואָס האָט זיי געווינטשן אַז זיי זאָלן אַזוי הנאה האָבן פון זייער עשירות ווי זיי לאָזן אים הנאה האָבן פון זײַן כסא־הרבנות. און זײַן ווינטשעוואַניע ווערט מקוים, נאָך מיט אַ שמיציק אַריבער.

דער זון האָט דעם טאַטן געענטפערט מיט אַ גלײַכווערטל:

— שעלטן און בענטשן איז נישט פאַר קיין היַינטיקע מענטשן — האָט חיים געזאָגט גייענדיק צו דער טיר.

— זאָג עס נישט, חיים, חכמע זיך אַ ביסל ווינציקער. אַל תפתח פּה לשטן. גיי שוין, גיי און געדענק צו ווען דו גייסט און צו ווע־מען דו רעדסט — האָט לייזער אונטערגעטריבן חיימען מיט פאַריבל אויף זײַנע רייד.

***

דער קראַנקער שלמה באַיער האָט אָנגעזאָגט דער קעכין זײַ־נער, שׂרהן, אַז ווי נאָר חיים וועט קומען, זאָל זי אים תיכף אַרײַנ־פירן און זיי נישט שטערן ביז ער וועט זי רופן. די געטרײַע שׂרה האָט צוגעוואָרטשעט חיימען, ער זאָל זיך לאַנג נישט זוימען בײַ אים, נישט פאַרמוטשען דעם אַלטן. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן אַ סך רוען, נישט צופיל זיך אָנשטרענגען, נישט אויפרעגן זיך. ער זאָל דעם אַלטן נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש.

— ער האָט דאָך געשיקט נאָך מיר, נישט איך נאָך אים — האָט איר חיים געענטפערט מיטן זעלבן געוואָרטשע צווישן די ציין.

— יאָ, אָבער דער אַלטער איז קראַנק — האָט שׂרה אָפּגעמאָסטן חיימען ווי גרוים ער איז, באַטראַכט זײַנע אָנגעפּרעסענע פּיסקעס, די געזונטע אײַזערנע הענט און באַוווּנדערט ווי דעם לייזער קלאָצס זון איז עס אויסגעוואַקסן אַ יונג אַ דעמב, גאָרנישט ווי קיין ייִד, אַפילו נישט כ׳קול.

לייזער האָט אויסגעקוקט חיימען, ער האָט שוין געוואָלט וויסן וועגן וואָס ס׳גייט. חיים אָבער האָט זיך דאָרט לאַנג געזוימט. נישט אַזוי

ווײַט בײַ ר׳ שלמהן, ווי אויפן צוריק אַהיים. ער איז געגאַנגען מיט צעצויגענע פּאַמעלעכע טריט, נישט געאײַלט, אַ פאַרטראַכטער איבערן סוד וואָס דער אַלטער ר׳ שלמה האָט אים מגלה געווען, אַז אַברהמטשיק איז נישט זײַן אמתער זון, נאָר אַ שטיפזון. ער איז דעריבער נישט דער אמתער יורש פון די באַיערס ירושה. קיינער אין שטעטל ווייסט עס נישט. זײַן טאַטע, דער יוצא ונכנס בײַ די באַיערס, ווייס עס אויך נישט.

חיים איז אַרײַן אין טאַרטאַק אַן אַ אויפגעהייטערטער מיט פינ־קלדיקע אויגן און אַ לײַכטן שמייכל אויפן פּנים. ער איז נישט גע־גאַנגען אויף דער האַרטער ערד, נאָר ווי געשוועבט אין דער לופטן. אַ הויכער און שטאַרקער האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ער וואָלט אַרי־בערגעוואָקסן דעם טאַטן, לייזער, מיט אַ קאָפּ העכער. ער טראָגט אין זיך באַהאַלטן טיף די באַיערס אַ סוד וואָס קיינער ווייסט נישט, אַפילו נישט דער טאַטע, דער נאָענטסטער צום הויזגעזונט פון די באַ־יערס. ער וועט שווײַגן און ווײַזן אַז ער קען האַלטן אַ סוד.

דער טאַטע זײַנער האָט אויף אים אַנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן, ער זאָל שוין זאָגן וואָסער גדולה ס׳האָט אים געטראָפן וואָס ער שײַנט אַזוי און גלאַנצט. חיים האָט אויף אים אַ שפּיזל געטון מיט זײַנע צעפינקלטע אויגן און אַריבערגעשריגן דעם גערויש פונעם טאַר־טאַק:

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? ער האָט מיר געגעבן אַברהמטשעס אָרט דאָ אין וואַלד און אויך דאָרט אויף די האַלצמערק. ער וועט נאָך רעדן מיט דיר, זאָגט ער. אָבער איך וועל נאָך רעדן מיט אים!

לייזערן איז קאַלט געוואָרן פון זײַן זונס האָפערדיקייט און מאָדנע רייד. ער האָט אים אויסגעזען גאַרנישט ווי זײַן חיים. ווי קומט צו אים אַזאַ חוצפה? דער אַלטער האָט אים דאָרט אַרײַנגעגעבן פליי אין דער נאָז. ער האָט געטראַכט, אַז ער דאַרף ר׳ שלמהן אָפּרעדן פון דער נקמה וואָס ער גרייט נעמען אין זײַן אַברהמטשיקן. מע וואָלט אים באַדאַרפט דערמאָנען לפי הדין איז אַפילו אַ שטיפזון אויך באַרעכטיקט צו ירושה. איצט איז ער אין כעס אָבער שפּעטער וועט ער חרטה האָבן. און זײַן חיים לייגט זיך שוין פייגעלעך אין בוזעם אַרײַן. דער קאָפּ האָט זיך אים שוין פאַרדרייט. ער איז געווען זיכער בײַ זיך, לייזער, אַז וואָס ר׳ שלמה זאָל אים נישט האָבן געוועזן אָנגעזאָגט, חיימען, האָט ער עס געטון נאָר אים צו דערמו־טיקן, ער זאָל זיך פלייסן. די באַיערס האָבן אַלע ליב געהאַט טיכ־טיקייט, זיי האָבן געוווּסט אָפּצושאַצן די באַמיִענישן פון זייערע מענ־

משן. קיין נאַרישקייטן זענען זיי אָבער נישט באַגאַנגען אַ חוץ ס'נאַרישקייט קעגן רב. ער איז זיכער געווען, לייזער, אַז ר' שלמה וועט זיך באַזינען און נישט אָפּטון קיין אומבאַרעכנטקייט. דערפאַר האָט ער ביַים וועכנטלעכן באַריכט דעם שבת צו נאָכטס געשוויגן, נישט דערמאָנט, אַז ער ווייסט וואָס ר' שלמה גרייט זיך אָפּצוטון זיַין שטיפזון.

ר' שלמה האָט זיך געוווּנדערט אויף לייזערס גלייַכגילטיקייט. איז מעגלעך אַז חיים זאָל נישט האָבן געזאָגט דעם טאַטן קיין וואָרט פון דעם אַלעם וואָס זיי האָבן גערעדט? ער האָט זיך דערמאָנט חיימס פּנים, ווען ער האָט אים מגלה געווען דעם סוד. ער האָט צוגערוקט לייזערן דעם כּיבּוד:

— נאַ, נעם, לייזער, זיַי זיך מכבד. דיַין חיים געפעלט מיר. אַ ווילער בחור, חיים. ער מיינט אַז אַברהמטשיק איז פאַר דיר אַ סוד. נו, זאָל זיַין אַזוי.

7. חיימל פאַרטראַכט אַ שותּפות מיט אַ פּאָסאַצקע־מאַכער

נאָכן ערשטן שניי איז חיים אַוועק צום וואַלדוועכטערס שטיבל און האָט זיך דאָרט איַינגעקוואַרטירט ביז די העקערס וועלן חנוכּה־צייַט קומען האַקן דעם וואַלד. ער איז דערווייַל אַרומגעגאַנגען און אָפּגעקריַידלט דיביימער וואָס זענען דורך אים באַשטימט געוואָרן לשחיטה, צום האַקן. פון חנוכּה ביז פּורים איז דער וואַלד פאַרטויבט געוואָרן פון די העק און זעגן און געקרעכצט פון די פאַלנדיקע ריזן. דער שניי איז געוואָרן פאַרמושבט און צעריבן פון מענטשלעכע טריט און פערדישע קאָפּיטעס, פון די צווייַגן און שפּענער וואָס זענען געפאַלן אין אַלע זיַיטן. און ווען די טראַטוועס און פליטן זענען אין פרילינג אַוועק זייער וועג, איז חיים, באַלד אַחרון של פּסח, זיי פאַרוויסגעפאָרן צום האָלצמאַרק.

ער האָט אין זינען געהאַט, אַז נאָכן פאַרקויפן ס'געהילץ, וועט ער פאָרן אויפזוכן אַברהמטשיקן, זען ווי ס'האַלט מיט אים און וועגן צוריק קומען אַהיים. ס'איז שוין געווען די צווייטע פאַרטיע געהילץ וואָס ער האָט פאַרקויפט אַליין, אָן אים. אַ חוץ דעם איינעם בריוו, וואָס ער האָט געשיקט פון בערלין, האָט ער מער נישט געלאָזט וויסן פון זיך. פאַר זיַין אייגענעם געוויסן, האָט חיים געטראַכט, דאַרף ער עס וויסן ווי ס'האַלט מיט אים, מיט אַברהמטשיקן. ער דאַרף עס אויך וויסן פאַר זיַין פּלאַן ווי אַזוי איַינצוואָרדענען זיַין וויַיטערדיק

לעבן, ווען ער וועט ווערן זעלבשטענדיק און אָנהייבן האַנדלען אויף אייגענער האַנט.

וועגן דעם אָבער איז נאָך אַ ביסל צו פרי צו טראַכטן. ווען ער האָט זיך געפינען אין עסוואַגאָן און זיך געזעצט שפּילן קאָרטן מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן, מיטפאָרערס, האָט ער איבערגעלייגט וועגן גאַנצן ענין, וואָס האָט ער אים צו גיין זוכן — נישט ער האָט אַברהמטשיק געהייסן אַנטלויפן. ס'איז נישט זיין עסק און נישט זיין חוב צוריק־צוברענגען דעם תכשיט אַהיים; נישט ר' שלמה האָט אים געבעטן די טובה און ער דאַרף זיך נישט קאַליע מאַכן זיין מערכה, זיין דאָבערע מזל ביי די באַיערס. נישט צוליב זיי פאָרט ער איצט, געפינט ער זיך אונטערוועגס, שלעפּט זיך צו די האָלץ־יאַרידן. נישט אַברהמטשיק וואָלט עס געוועזן געטון פאַר אים, און ר' שלמה אַליין טוט עס אויך נישט בלויז פאַר זיין טובה וועגן, אים צו פאַרזאָרגן. וואָס זשע דאַרף ער זיי טון אומזיסטע נישט־געבעטענע טובות?

דעם גאַנצן וועג האָט חיים, דער גוטער שפּילער אין „אָקע" און „סטוק", געווינען ביי די פּראָפעסיאָנעלע קאָרטנשפּילערס, די „שינ־דערס", ווי מ'האָט זיי גערופן. זיי פלעגן אַרומפאָרן אויף די באַ־נען און אַריינגנאַרן אין זייערע נעצן, מיטן וויסן פון די באַן־קאָנדוק־טאָרן, אַזעלכע וואָס האָבן נישט פיינט געהאַט צו מאַכן אַ קערטל; פאַרבעטן זיי צו אַ פאַרוויילנדיקן קאָרטנשפּיל, געלאָזט זיי געווינען און שפּעטער זיי אָפּגעשינדן די הויט. די קרבנות האָבן אַלץ ביי זיי פאַרשפּילט, אַפילו זייערע ווערטפולע מלבושים. די „שינדערס" האָבן חיימען אונטערגערוקט סאַמע „פייגל", טייז, און געלאָזט אים געווינען, צוגרייטנדיק אים צו דער מאָרגנדיקער „שחיטה", אָפּשינדן אים, דעם געניטן האָלץ־סוחר פון קאָפּ ביז פיס. זיי האָבן געוווּסט וווּהין ער פאָרט און מיט וואָס ער וועט מאָרגן־איבערמאָרגן פאָרן צוריק — אַן אויסגעליידיקטער, מיט הוילע טאַשן.

צו מאָרגנס אָבער האָט חיימען פאַרלאָקט אַ גרעסערער האַזאַרד, אַ שפּיל וואָס האָט זיך אַריינגעוועבט אין זיין חלום, אַריינצוקריגן די באַיערס געשעפטן אין זיינע הענט. אין פאָרנדיקן צוג דאָ האָט אים אַרויסגעוויזן פריינדלעכקייט אַ פאַסאַצקע־פאַבריקאַנט, וואָס איז געפאָרן צום לייפּציקער יאַריד איינקויפן נייע מאָדערנע פאַסאַצקע־מאַשינען. יענער האָט אים פאַרבעטן מיטצופאָרן קיין לייפּציק. גע־טראַכט האָט ער, חיים: אויפן וועג אַהין און צוריק קאָן אויסמאַרקירט ווערן אַ שותפות. יענער וועט אַריינלייגן די מאַשינען און די קו־נים, די קליענטן, און ער, חיים — דאָס דעמבענע געהילץ.

חיים אליין האָט שוין נישט איין מאָל געטראַכט פון עפּעס אַ פֿאַ-בריקל לעבן דעם טאַרטאַק. אַ שטעקעלע-פֿאַבריקל פון בײַטשן, האַנט-שטעקעלעך צום גיין מיט זיי, וואָס זענען שטאַרק אין דער מאָדע, און פֿאַראַסאָלן-שטעקעלעך. ער האָט בלויז געוואַרט אויף אַ שעת-הכושר, אויף ר' שלמה באַיערס פולן צוטרוי צו אים. איצט האָט ער גערן אָנגענומען דעם פאַרבעט פונעם פּאָסאַצקע-פֿאַבריקאַנט און ער איז מיט אים מיטגעפֿאָרן. ער וועט שוין דערבײַ עפּעס געוווּיר ווערן, לערנען עפּעס וועגן מאַכן פּאָסאַצקעס און ווי זיך אומצוגיין מיט די מאַשינען.

אויפֿן גאַנצן וועג זענען אין חיימס מוח אַרומגעשווימען כלערליי פּלענער. אָט מאַכט ער מיט אים שותּפות בלויז אויף דערווײַל ביז ער וועט תּופֿס זײַן און פֿאַרשטיין די חכמה פון מאַכן פּאָסאַצקעס. ער האָט ס'געהילץ און יענער — די פֿאַבריק, די מאַשינען. זיי זענען אָנגעמאָסטן איינער פֿאַרן אַנדערן. אַזאַ שותּפות דאַרף אויך מצליח זײַן, איז ער בײַ זיך געוווען זיכער און געגרייט זיך אַ רעד טון וועגן דעם אויפֿן וועג. אויב נישט אויף אַהין, קיין לײַפּציק, איז אויף צו-ריקוועגס — האָט ער בײַ זיך פעסט אָפּגעמאַכט.

חיימס מוח האָט פיבערדיק געאַרבעט, קאָמבינירט, פּלאַנירט זינט דער אַלטער באַיער אַליין האָט אים מגלה-סוד געווען, אַז אַברהמטשיק איז נישט זײַן אמתער זון, נאָר אַ שטיפזון, פון דער צווייטער פרוי. דער תּכשיט אַליין האָט זיך געפירט ווי אַ שטיפזון און אויסגעפירט ווי אַ בן-סורר. איז אויב חיים וועט זיך אויסטויגן אין די מיסחרים, אין וואַלד און אין דער האַלצבראַנזשע, וועט שלמה אים איבערגעבן אַברהמטשיקס אָרט. דערווײַל האָט ער דעם פאַן שווידער, דעם פּאָסאַצקע-פֿאַבריקאַנט געלאָזט מאַכן די פּלענער, געלאָזט אים רעדן וועגן זיי, געלאָזט אים צאָלן פאַר דער רײַזע קיין לײַפּציק. אַז יענער צאָלט די קלעזמערס, דאַרף מען אים לאָזן זינגען. זאָל ער אַרומ-טאַנצן אַרום אים, אַרום חיימען. אַז דער פּאָסאַצקאַזש אַליין האָט זיך אָנגעבאָטן צו צאָלן פאַר אַלץ, האָט אים חיים אָפּגעצאָלט מיט אויסהערן אים זײַן פּלאַן פון אַ שותּפות מיט די באַיערס, אָדער מיט אים אַליין.

צוריק פון לײַפּציק איז חיים געפֿאָרן מיט זײַנע אייגענע דרײַ פּלענער: אָדער ר'שלמה שטימט אײַן צו אַ שטעקעלעך - און פּאָסאַצ-קע - פֿאַבריק לעבן טאַרטאַק, אָדער אַ שותּפות מיטן פּאָסאַצקע-מאַ-כער, אַ נישט גייט ער אַליין אַרײַן אין שותּפות מיטן פאַן שווידער.

8. ר׳ שלמה באַיער פילט זיך אָפּגענאַרט און אַנטוישט אין חיימען

צום האָלץ-יאַריד האָט חיים פאַרשפּעטיקט מיט גאַנצע צוויי טעג. די פאַרשפּעטיקונג איז אים אָבער אויסגעפאַלן צום גוטן. אין די ערשטע יאַריד-טעג איז געהילץ געווען לרוב, דער אָנבאָט אַ גרויסער, האָט מען זיך געדינגען און געדריקט אויף די פרייזן. איצט איז דער נאָכפרעג אויף געהילץ געווען גרעסער, האָט מען געצאָלט אַ פעסטערן פּרייז. אויך דאָס מאָל האָט חיים מצליח געווען און איז אַהיימגעפאָרן אַ צופרידענער, אַ זיכערער אַז ער וועט פועלן ביי ר׳ שלמהן, ער זאָל אויפשטעלן אַ פאַבריק ביים טאַרטאַק.

ר׳ שלמהן איז געפעלן חיימס טיכטיקייט און אויסטויגערישקייט, זיין גוט דורכגעטראַכטן און געניויעם פּלאַן פון אַ שטעקעלע-און פּאַסאַצקע-פאַבריק ביים איינגעאַרבעטן טאַרטאַק. אָבער געזאָגט האָט ער אים, חיימען, בזה הלשון:

— כ׳בין קיין מאָל נישט געווען קיין וועלט-איינרייסער, נישט איך, נישט מיינע אָבות. דאָס איז געווען מיין דרך ווען כ׳בין יונג געווען. איצט איז שוין צו שפּעט פאַר מיר זיך צו לאָזן אויף אַ נייעם דרך. דער וואָס גייט פּאַמעלעך, דערגייט ווייט.

שלמה באַיערס ענטפער האָט אָפּגעשלאָסן חיימס שותפות אויף אייגענער האַנט מיטן פאַן שווידער. ס׳זענען געמאַכט געוואָרן אַלע צוגרייטונגען אַז צום קומענדיקן וואָלדהאַקן זאָל דער שותפות זיין אָפּגעמאַכט און געשלאָסן. און דעמבענע קלעצער וועלן מיט פורן גיין צו דער פּאַסאַצקע-פאַבריק פון פאַן שווידער און צו שלמה באַיערן וועלן גיין וועקסלען. דער פּרייז וועט זיין מינוס די הוצאות פון די פּליטן, די פורן-קאָסטן וועט שלמה באַיער אויסשטיין וויל דער צושטעל-קאָסט איז זיין התחייבות. די וועקסלען וועלן ווערן אויסגעשטעלט אויף דער צייט נאָכן אויסטריקענען, איינאַרבעטן און פאַרקויפן די פּאַסאַצקעס.

דאָס שותפות האָט אַ ביסל צערודערט שלמה באַיערס מיסחר. ס׳זענען איצט געגאַנגען ווינציקער פּליטן און אויפן האָלצמאַרק איז געווען ווייניקער געהילץ פון דעם מין וואָס האָט זיך גוט פאַרקויפט. דערפאַר אָבער זענען אויך געווען קלענערע אויסגאַבעס און זאָרגן. אויך האָבן שלמה באַיערס דעמבענע און בוק-קלעצער איצט געהאַט אַ שטענדיקן אָפּנעמער. דאָס זענען אַלץ געווען פּלוסן, וואָס חיים האָט מיט זיי מאַנעווורירט און אָפּערירט, ווען ר׳ שלמה האָט זיך געכאַפּט, אַז די וועקסלען פונעם פאַן שווידער זענען לאַנגטערמיניקע,

אויסגעשטעלט אויף צען חדשים, וואָס עס מיינט, כמעט אויף אַ קיי־לעכיק יאָר.

ר׳ שלמה האָט זיך געכאַפּט ווען דעם ערשט דעמאָלט, ווען ס׳וואלדהאַקן איז געהאַט אַריבער, אַ צווייטער טראַנספּאָרט דעמבע־נע קלעצער האָט זיך שוין געטרוקנט אין פאַן שווידערס האָלצסקלאַד און חיים איז שוין אַפילו צוריק געווען פון האַלץ־יאַריד און געלאָזט פילן זיין אויבערמאַכט, געהערשט איבער זיין טאַטן און איבער די אַרבעטער אין טאַרטאַק. ר׳ שלמהן האָט חיים מבטיח געווען, אַז די וועקסלען וועלן געצאָלט ווערן אין צייט. ער גיט דערויף זיין ערבות, זיין הן שלי. אויב נישט, וועט ער אַליין זיי אויסלייזן. ער וועט זיכער נישט שטעלן אין סכנה אַ שותפות, אָדער חלילה ברענ־גען שאָדן ר׳ שלמהן. דאָס איז ער מבטיח. ס׳איז דאָך: „זה נהנה וזה לא חסר״, האָט חיים אַריינגעוואָרפן אַ גמרא־פסוק, וואָס ר׳ של־מה האָט ליב געהאַט. און אַזוי אַרום מגלה געווען פאַר אים זיין שותפות מיטן פאַן שווידער אין דער פאַסאַצקע־פאַבריק.

דער אַלטער ר׳ שלמה איז געווען צו שוואַך צו קעמפן. ער האָט אַפילו נישט געטאָרט רעדן קיין הויך וואָרט, נישט ערגערן זיך, נישט האָבן קיין עגמת־נפש לויטן דיאַגנאָז פון זיין דאָקטאָר. דאָס האָט דיקטירט זיין קרענק — דאָס שוואַכע האַרץ, און ס׳זעלביקע האָט אויך מחייב געווען דער שכל־הישר. די צרות אָבער פון דער תוח־כה וואָס האָבן זיך געשיט אויף אים זינט זיין ערשט ווייב איז גע־גאַנגען פון דער וועלט אין קימפּעט אינאיינעם מיטן נייגעבוירן טעכ־טערל, האָבן זיין האַרץ די רעשט צעריסן אויף שטיקער. ער האָט עס געפּרוּווט פאַרלאַטען מיטן חתונה האָבן נאָך אַ מאָל. אַריינגע־נומען אַ צווייט ווייב מיט איר זון, טאַקע דעם אַברהמטשיקן. ס׳האָט שוין אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. ס׳האַרץ איז געבליבן צעלעכערט. נישט צו פאַרריכטן עס מער. און ווידער אַריינגעמען אַ שטיפמאַמע צום שטיפזון האָט ער שוין נישט געוואָלט. ער איז געבליבן אַליין נאָכן טויט פון דער צווייטער פרוי. און אַזוי פאַלן אויף אים איובס צרות אָן אויפהער, און איצט די אָפּנאַרעריי.

פאַרן שטאָלצן ר׳ שלמה באַיער, פאַר זיין שווער פאַרוווּנדיקט האַרץ איז איצט געווען איבער זיינע כחות אַריבערצוטראָגן צוויי קלעפּ, צוויי באַליידיקונגען מיט איין מאָל. אַ יינגל אַ משרת האָט אים אָפּגענאַרט אין אויסגענאַרט ביי אים וואָס זיינע אָבות האָבן דורך דורות אויפגעהיט, און אַ צווייט יינגל, אַ צוגעשעפּעטער זון, דער שטיפזון האָט אים אוועקגעוואָרפן, אים, די טראַדיציע, דעם

שטאַנד, די חיים, דאָס רײַכטום און דאָס אַלץ אויסגעטוישט — אויף וואָס? זײַן גרעסטער ווייטיק איז וואָס ער איז דער לעצטער. מיט אים קומט אַ סוף צו דער באַיער־מישפּחה, די באַיער־אינסטיטוציע, דער באַיער־אַדרעס פאַר יידן, אייגענע און פרעמדע, סוחרים, פּריצים, להבדיל, רבנים, משולחים פון ישיבות אין לאַנד און אויסלאַנד, אויך פון ארץ־ישראל הקדושה. ס׳הארץ זײַנס האָט געווייטיקט, וואָס מיט אים ענדיקט זיך דאָס באַיערן־הויז; ס׳גייט אונטער דער באַיער־שטאַם. און ס׳צעבראָכענע האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן.

שרה די קעכין, וואָס האָט אים געבראַכט אַ גלאָז וואַרעמע מילך געמישט מיטן רעצעפּט זײַנעם, האָט געזען דעם צאַפּל פון זײַן קראַנק האַרץ, דעם וואָרף וואָס ס׳האָט געטון מיט אים, טאַקע ווי אַ סטרונע וואָלט אים געפּלאַצט, געטון אַ ריס און אַ שפּרונג, זיך אײַנגעקאָרטשעט, אײַנגעלאָפן, זיך פאַרדרייט אין אַ קנויל. ער האָט אַ לעצטן שליק אָטעם געטון, ווי אַ פיש אויפן פישברעטל און אײַנגעפאַלן, שטיל געבליבן, שטיל, אָן אָן אוי.

9. חיימען פאַרדרייט זיך דער קאָפּ נאָך ר׳ שלמהס טויט

חיים איז געקומען צוזאַמען מיטן טאַטן זײַנעם, לייזער קלאָץ. זיי האָבן ר׳ שלמהן אָפּגעהויבן פון בעט, אים אַוועקגעלייגט מיט די פיס צו דער טיר, זיך מתעסק געווען, געהאָלפן מיט דער טהרה. באַלד נאָך דער לוויה זענען זיי צוריק געקומען אין ר׳ שלמהס הויז, זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין אַברהמטשיקס חדר און זענען שוין דאָרט געבליבן, ווײַל אַזוי האָט ר׳ שלמה געוואָלט ער זאָל טון, האָט חיים געלאָזט וויסן שרהן. ר׳ שלמה האָט עס אים געהייסן, ווען ער האָט אים גערופן צו זיך, ער זאָל אַלץ איבערנעמען, אָנפירן מיט אַלץ, ווי פריִער, מיטן מיסחר, מיטן הויז, נישט לאָזן קיין יורשים צעטרענצלען וואָס ס׳האָט גענומען דורות עס אויפצובויען. אויב ווער פון די יורשים וועט וועלן זײַן חלק, זאָל ער חיים, אויסצאָלן וויפל ס׳קומט, אַבי ס׳באַיער־הויז און מיסחר זאָל בלײַבן גאַנץ ווי געווען. דאָס אַלץ האָט חיים געזאָגט שרהן און געוווסט אַז זי וועט עס שוין צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל.

צום ערשטן האָט זיך אָפּגעריסן פון דער באַיער־דינאַסטיע שרה די קעכין. זי איז אַליין אַוועק. לייזער קלאָצס זון וועט נישט זײַן איר באַלעבאָס און געביטער. אים וועט זי נישט באַדינען, האָט זי בײַ זיך אָפּגעמאַכט ווי נאָר די חברה־קדישא האָט אַרויסגענומען ר׳ שלמהן פון הויז. און נאָך דער לוויה איז זי טאַקע נישט צוריק גע־

גאַנגען אין באַיערס הויז אַרײַן. די צווייטע ענדערונג האָט חיים אַליין דורכגעפירט. ער האָט אָפּגעריסן די נידעריקע הילצערנע טירלעך, וואָס זענען געהאַנגען אויף זייערע זאַוויאַסעס פאַרבויגן אויפן פּלויט, און ס׳טויער איז שטענדיק געשטאַנען אָפן. ווער ס׳האָט געוואָלט איז אַרײַן און אַרויס — פראַנק און פרײַ, נישט געשטערט פון קיינעם. אויף זייער אָרט האָט חיים אַרײַנגעשטעלט אַן אײַזערן געפלאָכטן טויער העכער פונעם פּלויט מיט שפּיצן ווי בײַ קאָזאַצקע פּיקעס, און דערלעבן, הארט בײַם טויער האָט ער צוגעשטעלט אַ שמאָל פּורטקע־טירל, ווו בלויז איין מענטש האָט זיך געקענט דורכקריגן.

אויף שרהס אָרט איז אָנגעקומען דעם וואַלדוועכטערס אַלטע מאַמע מיט אירס אַ יונגע שוועסטער מיטן מאַן וואָס האָט זיך געקענט אומגיין מיט פערד און בהמות, ווײַל חיים האָט געהאַט בדעה צוריק אָנפילן די שטאַלן וואָס עזר באַיער האָט געבויט. חיים־מענדל באַיער האָט נאָך געניצט די שטאַלן מיט די פערד. בײַ שלמהן אָבער האָבן זיי געפּוסטעוועט. ר׳ שלמה באַיער איז געפאָרן מיט געדונגענע דראָשקעס. די שטאַלן זענען געשטאַנען ליידיק און די קאַטשן, בריטשקעס און שליטנס האָבן געזשאַווערט אין הויף.

חיים האָט זיך איצטער געגרייט אָנצופילן צוריק די שטאַלן מיט פערד און בהמות, האַלטן צו זיי פּאַראָבקעס, פּאַסטעכער, משרתים און פאַר זיך — אַ קוטשער ווי בײַ די דזשעדזשיצעס און פּריצים. ער וועט אויך זײַן אַ פּריץ, אַ דזשעדזשיץ, וואָסי, ס׳פּאַסט אים נישט? אויך אַ ייִד קאָן זײַן אַ כראַביע, אַ פּריץ.

דעם וואַלדוועכטערס פעטער האָט מיטגעבראַכט זײַן געשפּאַן, אַ וועגעלע מיט אַ קאַשטאַן־רויטע קאַבעלע און אַ יונג זשרעבעקל פון אַ יאָר. חיים האָט עס בײַ זיי אָפּגעקויפט און געשפּאַנט די רויטע קאַבעלע אין עזר באַיערס בריטשקעס, ווען ער איז געפאָרן צו די אָפּרעכענונגען מיט די פּריצים, אָדער אין די וועלדער אַרײַן אָפּצוקרײַדלען די ביימער צום האַקן. און אויך צוגעפאָרן צום שותף זײַנעם אין דער פּאַסאַצקע־פאַבריק זען וואָס דאָרט טוט זיך, ווי ס׳פירט זיך אין זײַן שותפות־אונטערנעמונג.

אַ צופרידענער פון זײַן אויפשטײַג האָט חיים אַפילו איצט נישט פאַרגעסן דעם חלום פון אַ שטעקעלע־פאַבריק, אָדער פון פּאַסאַצקעס לעבן טאַרטאַק. איצט אָבער האָט ער געדענקט ר׳ שלמהס זאָג: נישט צו לויפן, נאָר גיין פּאַמעלעך. און ער איז זיכער געווען אַז ער וועט

דערגיין ווייטער און וועט זיין א באלעבאס נישט פון איין פאבריק לעבן מארטאק. אלץ איז דערוווייל געגאנגען כשורה. דער באיער־הויף האט אויפגעלעבט. די פריצים זענען אויך צופרידן געווען. זיי האנדלען מיט אים ווי מיט ר׳ שלמהן. חיימס טאטע לייזער קלאץ, זאגט קדיש נאך ר׳ שלמה באיער. וואס קען נאך זיין בעסער. נישט אלעמען אבער קאן מען צופרידנשטעלן אויף דער וועלט. שטענדיק זענען געווען אומ־צופרידענע. גאר נישט צופרידן איז געווען ס׳שטעטל און אויך חיימס טאטע, לייזער קלאץ וואס האט געהאט א גרויסע טענה צו זיין זון.

— וואס הייסט א ייד באזעצט זיך צוזאמען מיט גויים אין איין הויז, עסט מיט זיי, טרינקט מיט זיי, געפינט זיך מיט זיי אונטער איין דאך ?

לייזער אליין האט ארויסגעטראגן זיין פסק־דין אויף זיין זון, אויף חיימען, אז ער איז מטורף! ס׳שטעטל האט מיט אים מסכים גע־ווען און חיים איז שוין געבליבן ביים נאמען: מטורף.

10 דער רב מוסרט חיימען און לייזער קלאץ גייט א גאנג

— רבי — האט לייזער געוויינט מיט ביטערע טרערן פארן רב — מיין חיים איז א מטורף, א טריפהניאק. ס׳איז אסור צו שטיין אין זיינע דלד־אמות. רופט אוים אויף אים א חרם!

— מע דארף חוקר ודורש זיין — האט דער רב געזאגט מיט א טיפן קרעכץ — ניט מוצא־שם־רע זיין אויף א יידן. אפשר פארזינדיק־סטו זיך, לייזער...

אין א פרייטיק, ווען דער רב מיטן שמש זענען געגאנגען אין מרחץ אריין לכבוד שבת, איז חיים אנגעפארן אין זיין ברישקע. ער האט זיך אפגעשטעלט צו לאזן דעם רב מיטן שמש אריבערגיין די גאס.

— חיים, מע שמועסט אין שטאט, ס׳הייסט מע זאגט...

דער רב האט אפגעהאקט אין מיטן. נישט געוואלט זאגן א דבר־אסור, נאכזאגן דעם שם־רע וואס גייט ארום אין שטעטל.

ער האט שוין געוווסט, חיים, וואס ס׳שטעטל רעדט וועגן אים. זיך צופעליק אונטערגעהערט א שמועס צווישן צוויי בית מדרש־יינגלעך. איינער האט געזאגט אז ביי חיימען אין הייפל טוען זיך אפ מעשים־רעים־ותעתועים, דער אשמדאי האט זיך דארט אריינגעכאפט, און אריינ־געפירט האט אים נישט קיין אנדערער ווי חיים אליין נאך ר׳ שלמה באיערס טויט.

— ס׳איז א ליגן, רבי, ס׳איז שקר וכזב, רכילות, א שם־רע, אט פאר איך פון וואלד אהיים, גרייטן זיך פאר שבת.

— פאַר וואָס זשע זעט מען דיך נישט אין בית־מדרש? קומסט נישט דאַוונען בציבור, אַפילו נישט צו קבלת־שבת קומסטו נישט.

— ס'איז נישט קיין מוז, רבי, צו דאַוונען בציבור אין בית־מדרש.

— ניין — האָט דער רב מודה געווען — קיין מוז איז עס נישט, נאָר אַ מצווה.

— נישט פון די תר"יג־מצוות — האָט חיים געוויזן דעם רב אַז ער ווייסט אויך עפּעס.

— ניין, חיים — האָט דער רב ווידער אַ מאָל מודה געווען, אַז חיים איז גערעכט און אַוועקגעאײַלט פון אים, זיך געלאָזט גיין אין מרחץ אַרײַן, און דער שמש איז אים נאָכגעלאָפן, אונטערגעהעצקעט, ווי ס'וואָלט אים ווי געטון אַ פּוס.

אין בית־מדרש בין מנחה וקבלת־שבת האָט דער רב געזאָגט צו לייזערן:

— נו, לייזער, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? כ'האָב גערעדט מיט דײַן חיימען. ער זאָגט, אַז ס'איז הילע רכילות, שקר וכזב. ער איז טאַקע אַהיימגעפאָרן פון וואַלד צו ליכטצינדן. שמואל־יצחק אין אַן עדות. ער איז געווען דערבײַ. איי, איי, מיר פאַרגעסן גאָר אַן דעם החיים והמוות ביד הלשון.

לייזער קלאָץ, אַן אײַנגעבויגענער, אַ פאַרצערטער האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן און איז אַוועק צו זײַן אָרט, גרייטן זיך צו קבלת־שבת. און אַפילו איצט, ערב שבת האָט זיך זײַן ווייטיק און צער נישט אָפּ־געטון פון אים. מוצאי־שבת־קודש, גלײַך נאָך הבדלה איז ער אַוועק צו חיימען אין ר' שלמה באַיערס הויז זען מיט די אייגענע אויגן וואָס דאָרט טוט זיך. און געזען האָט ער אַלץ איז אמת. דאָס אַמאָליקע אָפענע מויער איז געווען פאַרמאַכט און פאַרהאַמערט, פאַרשטעלט מיט אײַערנע שטאַכעטן פון קאַזאַצקע פּיקעס. דאָס ענגע פּורטקע־טירל איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט. דער ערב־דראָט, ר' של־מהס, איז געווען פאַרצויגן איבערן טירל און זיך געצויגן צו אַ גלאָק טיף אין הויף אַרײַן. אויף לייזערס ציִען דעם דראָט, איז מיט רציחה אָנגעלאָפן אַ בייזער גרויסער שוואַרצער כלב מיט צוויי בליציקע אויגן. דער הונט האָט אַ שפּרונג געטון אויפן טויער, זיך געריסן מיטן הינטישן פּיסק דורך די שטאַכעטן, געשטשירעט אויף אים די ציין, געבליצט מיט די פײַערדיקע שליפיעס, גרייט אים צו צערײַסן אויף שטיקער. נאָכן הונט איז אָנגעלאָפן אַ לאַנגער שאָטן מיט אַ בייז שיכור קול, געזידלט און געשאָלטן, זיך אַ וואָרף געטון צום טויער, ווי דער הונט, און אַרויסגעשריגן אין דער פינצטערניש אַרײַן:

— פשאַקרעוו, דאָ כאָלערי! ווער איז דאָרט? הינטיש בלוט! ווער איז? וואָס ווילסטו איצט דאָ!?

אָן איבערגעשראָקענער האָט לייזער געזאָגט ווער ער איז און צו וועמען ער דאַרף. די שטים אין דער פינצטער האָט געשריגן, אַז דעם פאַן קאָן מען איצט נישט זעען. ער איז פאַרנומען מיט די פריי-צים. זאָל ער קומען מאָרגן.

פון ווייטנס האָט מען געזען ווי ר' שלמהס אַמאָליקע קאָמעניצע אין הויף איז פול מיט ליכט אין אַלע פענצטערס. דער הויף איז פול מיט פערד און קאַטשן. פון הויז האָבן זיך געטראָגן חצופישע פרויען-קולות, שיכורע געשרייען און פאַרשייט געלעכטער. אַלע חדרים אין הויז, וואָס לייזער האָט געקענט יעדער טיר דאָרט, זענען געווען פאַר-גאָסן מיט ליכט ווי אויף אַ חתונה אָדער אַ באַל. ער האָט זיך אָפּגע-טראָגן פון דאָרט מיט אַ ביטערניש אויפן האַרץ פון דעם אַלעם וואָס ער האָט געזען און געהערט אינעם טומאה-הויז. זיין חיים איז אַוועק לתרבות-רע, מטורף געוואָרן. ער האָט עם פריִער געפּילט. איצט זעט ער עם מיט די אויגן. פרייטיק האָט ער געחוזקט, געשפעט פונעת רב, פונקט ווי ער חוזקט און לאַכט פון אים, דעם טאַטן זיינעם, פון גאַנצן שטעטל יידן. אויפן וועג צוריק אַהיים האָט זיך עם לייזער אויסגערעדט. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ פאַרמישפטער צו דער תליה. ער איז געווען אין גאַנצן אַ צעבראָ-כענער און האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט. ער איז אַהיימגעקומען און האָט נישט געקאָנט גאָרנישט טועם זיין. ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס און איז מער נישט אויפ-געשטאַנען. ס'איז געשען מיט עפּעס מער ווי אַ יאָר נאָך ר' שלמה באַיערס פטירה.

ביי לייזערס קבר האָבן געזאָגט קדיש דער זון דער מחלל-שבת-ניק און אויך שמואל-יצחק-שמש. ר' לייזער אַליין וואָלט דאָך פאַר-ווערט דעם זון זיינעם צו זאָגן קדיש נאָך זיך. האָבן אַלע מסכים געווען מיט שמואל-יצחק שמש און ער האָט באַלד ביים ערשטן קדיש איבערגענומען דאָס קדיש זאָגן נאָך ר' לייזערן. און חיים איז אַוועק פון בית-עולם ווי אַ פרעמדער און אַפילו נישט געריסן קיין קריעה נאָכן טאַטן.

11. חיים מטורף פראַוועט הוליאַנקעס ביי זיך אין הויף

דאָס שטעטל איז געווען זיכער אַז חיים איז אַפילו קיין שבעה אויך נישט געזעסן. ס'זענען דאָך קיין צען יידן צו מאָל נישט געווען

וואָס זאָלן וועלן גיין אין טומאה-הויז דאַווענען, ער זאָל קאָנען זאָגן קדיש, און אין בית-מדרש אַרײַן האָט חיים נישט געוואָגט צו קומען. לויט ווי ס'שטעטל האָט געקאָכט און געזידט קעגן אים, וואָלט מען אים דאַרט דורס געווען, דעם מטורף און מחלל-שבתניק.

זײַן זיכער אָרט איז איצט געווען אין הויף און אין הויז הינטערן הויכן פאַרקאָן מיטן אײַזערנעם טויער און ענגן טירל — צווישן די גויים, משרתים און פאַראָבקעס מיט די צוויי שוואַרצע כלבים, די מחבלים, וואָס האָבן געליאַרעמט מיט זייער געבילעריי און האווקעריי ווי נאָר ס'האָט זיך ווער דערנענטערט צום טומאה-הויז. ווי ווילדע זענען זיי געלאָפן צום טויער בײַם דערשפירן אַ פרעמדן.

שמואל-יצחק שמש האָט נישט פאַרפעלט, חלילה, קיין קדיש נאָך לייזערן, געלערנט אַפילו אַ פרק משניות אין טאָג פונעם יאָרצײַט. צום ערשטן יאָרצײַט האָט חיים געשיקט מיט זײַן משרת פינף קנאַ־קעדיקע קערבלעך פאַר אים, פאַרן שמש, פאַר זײַן קדיש זאָגן און אויף בראָנפן און לעקעך פאַר ייִדן תהילים-זאָגערס און משניות-לער־נערס וואָס האָבן נישט פאַרגעסן לייזערן. שמואל-יצחק האָט אַפילו נישט געוואָלט קוקן אויפן משרת מיטן פאַפירגעלט אין האַנט, נישט אַריבערגעלאָזט אים איבער דער שוועל, נאָר געהייסן זײַן פינחסן גיין זאָגן דעם משרת אַז חיים איז טריף און זײַן געלט איז טריף. אָסור בהנאה.

— אָן טרעפּני אי יעגאָ פּיעניאָנדזע סאָן טרעפנע — האָט פינחסל איבערגעזעצט זײַן טאַטנס ווערטער פאַרן משרת.

נאָך דער מעשה מיטן געלט האָט חיים צונויפגענומען ר' שלמהס ספרים, די חמשים, גמרות, סידורים, סליחות, אַלטע צאנה-וראנהס, ס'בשמים-ביקסל, אַ גרויס גלאָז און אַ ווײַס געפלאָכטן הבדלה-ליכט. דעם חנוכה-לאָמפּ, אַ שופר — אַרײַנגעלייגט אַלץ אין זעק, ווי קאַר־טאָפל און רעטעך, און עס אָפּגעשיקט אין בית-מדרש אַרײַן, און דעם ווינטער מער נישט געשיקט די פּניאַקעס אין בית-מדרש צו הייצן דעם אויוון.

פון דעמאָלט אָן האָט חיים מער נישט געהאַט קיין מגע-ומשא מיטן שטעטל. ער איז געבליבן אָפּגעשלאָסן אין זײַן הויף צווישן די משרתים און פאַראָבקעס, צווישן די פערד און בהמות און די צוויי גרויסע הינט, וואָס טיטקין, דער שטאַלמענטש און קוטשער האָט מיט געבראַכט מיט זיך אין הויף אַרײַן. חיים איז מיט די הינט געווען פאַנבראַט, חברים. זיי האָבן געגעסן פון זײַנע הענט, געלעקט און געחנפעט זיך צו אים; געלאָפן פאַרויס זײַן ברישקע, געבילן זייער

„נאַבאַק״, מאַכט אַ וואַרע פאַרן פּריץ, ווען ער איז געפאָרן אין וואַלד אַרײַן, צום טאַרטאַק, אָדער צו דער פּאָסאַצקע־פאַבריק אין דערבײַיִקן שטעטל יעדן טאָג אַ חוץ פּרײַטיק.

דער פרײַטיקדיקער טאָג איז בײַ די פּריצים און זייער חברותא אַלע מאָל געווען ערב קאָרטנשפּילן און געשפּילט האָט מען אַ מאָל בײַ דעם פּריץ און אַ מאָל בײַ אַן אַנדערן. זינט חיים איז געוואָרן באַלעבאָס איבער ר׳ שלמה באיערס שלאָס האָט מען אָנגעהויבן שפּילן בײַ אים יעדן פרײַטיק בײַ נאַכט. דער טאָג איז בײַ אים געווען אַן ערב־טאָג, ערב קאָרטנשפּיל, ערב הוליאַנקע. מ׳האָט דאָרט געקאָכט און געבאַקן, געבראָטן פאַר די פּאַנעס, די פּריצים מיט זייערע פּרײַ־צישע ווײַבער, משרתים און פערדמײַסטערס. מ׳האָט געפּוצט און גע־רייניקט די שטובן פאַר די פּריצים און די שטאַלן פאַר די פּריצישע פערדלעך.

אין שטעטל האָבן קורסירט אויסטערלישע „סלוכן״ און שמועות וועגן ווילדע מעשים וואָס ס׳טוען זיך אָפּ אין דער קאַמעניצע, אין ר׳ שלמה באיערס הויז.

דער רב האָט געשיקט שמואל־יצחק שמש, ער זאָל זאָגן חיימען, אַז ער וויל אים זען. ער בעט אים, זיך מטריח זײַן און קומען צו אים. ס׳איז פּקוח־נפש, זײַן אייגן נפש און דער קהילה־קדושהס. צו חיימען אָבער איז שוין איצט נישט געווען מער צוצוקומען. ווײַטער ווי צו דער דרויסנדיקער זײַט פון אײַזערנעם טויער פונעם טומאה־הויז איז שמואל־יצחק נישט דערגאַנגען. די בייזע הינט האָבן מיט זייער בילן און ריטשען פאַרטויבט און פאַרטומלט זײַן קלינגען אין גלאָק פונעם טומאה־הויז וואָס איז געשטאַנען צו פוסנס דעם בערגל אַן אַראָפּגעקוקט צו אים אונטן בײַם הויכן פּאַרקאַן. ער וואָלט גע־שווירן אַז חיים קוקט אַראָפּ צו אים, זעט אים דורך זײַן פענצטער, נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסן, זאָלן זײַנע כלבים רעדן פאַר אים, ער שיקט אַפילו נישט קיין משרת זאָגן אַז ער וויל אים נישט זען, אַז ער וויל נישט מיט אים רעדן. אַזאַ חוצפה פון אַ מחוצף איז נאָך נישט געזען געוואָרן! אַן אמתער בן־סורר!

12. דער רב גייט מאָנען ירושה־רעכט אין טומאה־הויז

די ייִדן אין שטעטל האָבן זיך געטרייסט וואָס ס׳טומאה־הויז שטייט ווײַט פאַררוקט אויפן פאַרשטאָט און געפינט זיך נישט אין שטעטל צווי־שן זיי. אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט די קאַמעניצע געשײַנט אין געגלאַנצט אין שטעטל אַרײַן, געריסן די אויגן מיטן ים ליכט וואָס

ס׳האָט זיך געגאָסן פון דאָרט און חוצפּהדיק אַראָפּגעפינקלט איבערן גאַנצן אָרום. אַז מ׳האָט נאָר אויפגעהויבן די אויגן צו דער צפונדי־קער הימלזייט האָט מען זיך באַגעגנט נישט מיט קיין באַשיידן ייִדיש הויז, נאָר מיט דער פאַרשייטער טומאה גלייך ווי זי וואָלט געשטאַנען צווישן זיי און שטעכט אַלעמען אין די אויגן. ייִדן האָבן פאַראיבל געהאַט אויפן רב, דעם מרא־דאתרא זייערן, וואָס ער טוט גאָרנישט אָפּצוּווענדן די זינד, אויסצורוימען ס׳שלעכטס וואָס וועט חלילה ברענ־גען די תוכחה אויף זיי. דער שטן האָט זיך באַזעצט צווישן צוויי שטעטלעך און ייִדן שווייגן, און דער רב שווייגט.

די יתומים, שוועסטער־קינדער פון ר׳ שלמהן, די יורשים נאָך אים האָבן דערקוטשעט דעם רב די טעג מיט זייערע תביעות און טענות. געוויינט, געבעטן און געפרעגט: — היתכן? ווי איז עס גע־הערט געוואָרן אַזאַ גזלעוואַיע? אַ פרעמדער קומט און ירשנט און אַ שטאָט שווייגט?! האָבן ייִדן אויפגעהערט שווייגן און טאַקע גע־שריגן: — רצח וירש! חיים האָט געהרגעט און געירשנט! רצחת וגם ירשת! חיים איז אַן אַכזר, אַ כזבן, אַ שקרן, אָן אַ פונק רחמ־נות! אַ שקץ! אויף זיין אייגענעם טאַטן האָט ער נישט געהאַט קיין רחמנות. ער האָט זיין טאַטן געטריבן אין קבר אַריין. גורם געווען דעם טויט פון צוויי ערלעכע ייִדן, דעם טאַטן און ר׳ שלמהן, דעם באַ־לעבאָס זיינעם וואָס ער האָט אים נאָך אויך באַגזלט. איצט גזלט ער פון די יתומים, די יורשים. דער וואָס לעבט אייביק זאָל זיך אָננעמען זייער עוולה.

דער רב האָט נאָך אַ מאָל געשיקט שמואל־יצחק שמש צו חיימען, אים מתרה זיין און רופן, ער זאָל קומען לדין, צו דער דין־תורה מיט די יתומים. חיים האָט זיך אָבער אַפילו נישט געוואָלט ווייזן פאַרן שמש. בגפו יבוא בגפו יצא. און ער איז צוריק געקומען מיטן זעלבן מיט וואָס ער איז געגאַנגען — מיט ליידיקן. דער רב האָט שוין גע־זען אַז ס׳איז מן השמים, ער זאָל נאָך אַמאָל גיין צום מטורף, און געבעטן דעם אין הימל, ער זאָל דאָס מאָל מער אויספירן. ס׳גייט דאָך נישט אין קיין פניאָקעס, נאָר אין גערעכטיקייט, אין צדק פאַר די יתו־מים און יושר. צווישן די יתומים זענען דאָ כלה־מיידלעך וואָס דאַר־פן נדרים. ער איז אַ שליח־מצווה און שליחי־מצווה אינן נזוקין. ער קען אפשר אין זכות פון די יתומים ווייך מאַכן ס׳האַרץ פון חיימען, מחזר למוטב זיין אים. ער איז דאָך פאָרט אַ ייִדיש קינד, אַ זון וואָס האָט געהאַט אַ טאַטן אַ ירא־שמים און אַ מאַמען אַן אשה צדקניות.

חיים האָט אַפילו די פירטקע נישט געעפנט פאַרן רב. דורך די

שטאכעטן פון טויער האט ער געזאגט דעם אלטן רב, אז ער איז זיך משער אז זיין הויז איז אסור און מע טאר נישט אריבערטרעטן זיין שוועל. דעריבער האט ער זיך אליין מטריח געווען און איז געקומען צום טויער, הערן וואס דער רב וויל.

— ביסט מצער, חיים, די קהילה־קדושה, טוסט אן עגמת נפש א שטאט יידן, דער טאטע דיינער האט נישט קיין רו אין קבר. וואס מיינסטו וועט זיין דער סוף? פארוואס קומסט עס אונדז? — האט דער רב געדרוקט דעם קאפ צווישן די שטאכעטן, געזוכט זיך אנצוטרעפן מיט חיימס פנים, מיט זיינע אויגן.

— איך האב אייך קיינעם נישט געטון קיין שלעכטס, גארנישט צוגענומען ביי קיינעמען. דאס וואס איך האב איז מיינס. איך זיץ דא אויפן בארג, טשעפע נישט קיינעם, כ'גיי מיר מיין וועג. ווער הייסט אייך קוקן אהער? — האט חיים געזאגט מיט חוצפה און חוזק, ווי ער וואלט זיך גערייצט.

— פארזינדיקסט זיך און אונדז אלעמען, חיים — האט דער רב געקרעכצט — כל ישראל ערובים זה בזה, און די יתומים, ר' שלמהס שוועסטער־קינדער, די כלה־מיידלעך דארפן נדן. דו האסט דאך צוגעזאגט אויסצוצאלן די יורשים וואס וועלן עס וועלן. ווען זשע וועסטו מקיים זיין דיין הבטחה?

— יורשים, יורשים... וואס פארא יורשים זענען זיי? וויפל האבן זיי אויף דעם געארבעט? יורשים אן קאפּוּויטיק — האט חיים געזאגט אין געאייל און געוויזן מיט דעם זיין אומגעדולד.

— חיים, הרצחת וגם ירשת? געדענקסט מיט וואס ס'האט זיך געענדיקט? געדענקסט אחאבס סוף? באדענק זיך, חיים, באדענק זיך... זאלסט נישט דארפן חרטה האבן...

א צעהיצטע רויטקייט האט פארפלייצט חיימס פנים, פארקראכן אים הינטער די אויערן. די אדערן זענען אים אויפגעלאפן איבערן האלדז, ווי דינע פורפורנע שטריקלעך. ער האט זיך אנגעכאפט פאר די אייזערנע שטאכעטן, גלייך ווי עס וואלט אים געווארגן, געשטיקט. ס'האט אים פארפעלט אטעם און כוחות זיך צו האלטן אויף די פיס. מיט ביידע הענט האט ער זיך געקלאמערט אין די אייזערנע שטאכעטן.

— ירשתי, רבי, יא, אבל לא רצחתי! כ'האט גערירשנט ווייל איך בין דער יורש, נישט בלויז דער יורש, דער איינשאפער פון דער ירושה. איך און מיין טאטע האבן געשאפן דאס רייכטום פון די בארים. איך בין דער אמתער יורש. נישטא קיין אנדערע יורשים.

ירשתי, כ׳האָב געירשנט, ווײַל כ׳בין ר׳ שלמהן געווען געטרײַער פון זײַן זון. כ׳האָב אים נישט פאַרלאָזט.

— הייסט עס אַז דו ווילסט נישט מטיב זײַן גאָרנישט? ווילסט נישט טון וואָס צדק איז פאַר די יתומים. ווילסט נישט מתחיל בתשו־בה זײַן? נישטאָ בײַ דיר קיין רחמנות אַפילו אויף קיין יתומים, האָסטו דאָך נישט קיין יידישקייט אין זיך, ביסטו דאָך טאַקע אַוועק, ווי דײַן טאַטע ע״ה האָט געזאָגט, לתרבות־רעות, רחמנא־לצלן! באַ־דענק זיך, חיים, כ׳זאָג דיר נאָך אַ מאָל: חזור לתשובה, אל תוסיף חטא על פשע, זאָל דײַן הויז בלײַבן אַ יידיש הויז.

— זאָל אײַך נישט אַנגיין, רבי, וואָס ס׳טוט זיך בײַ מיר אין הויז, זאָל זיך אײַך דאַכטן עלעהיי אַ תיפלה. גייט עס אײַך עפּעס אַ סך אָן וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אין דער תיפלה? מישט אײַך נישט צוויי־שן מיר און אים אויבן — האָט חיים אַרויפגעוויזן מיטן פינגער צום הימל, זיך אויסגעדרייט און גענומען אַוועקגיין, וואַקלענדיק זיך אויף די זײַטן פון אויפרעגונג.

— ער גייט שוין אַפילו ווי אַ מטורף, דער אכזר, דער משומד. עלעהיי אַ תיפלה, זאָגט ער. אַ יידיש הויז איז אַ מקום־קדוש ווו מ׳איז מתפלל כל היום. מע זאָגט מודה אני מיט קינדער, נטילת ידים וברכת המזון. מ׳איז מעבר די סדרה, מע זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, מע לערנט אַ בלאַט גמרא. ווער ס׳מאַכט חרוב אַ יידיש הויז איז ווי ער וואָלט חרוב געמאַכט אַ וועלט אַ גאַנצע. נאָך אַ נס וואָס ס׳הויז שטייט מחוץ למחנה, נישט בתוך, נאָר בײַם וואַלד, דאָס עבודה־זרה־הויז— האָט דער אַלטער רב נאָכגעטראַכט נאָך חיימס אַוועקגיין. ס׳געביל פון די הינט, וואָס האָבן זיך אַ יאָג געטון צום פּלויט, האָבן אים אויפגעוועקט פון זײַן פאַרטראַכטקייט.

13. פריצישע ברישקעס און קאַטשן יאָגן

פון הויז אויפן באַרג

אַ נישט־אויסגערופענער חרם האָט זיך, ווי אַ וואַנט, געשטעלט צווישן דעם מטורף מיט זײַן טומאה־הויז און די יידן אין שטעטל. מ׳האָט געוויכט דערפון, מ׳האָט עס אויסגעמיטן ווי מע מײַדט אויס אַ בלאָטע, אַ זומפּ, אַ צרעת, אַ מיאוסע זאַך. די גאָר פרומע, די אָפּגעהיטע, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט מיטן מטורף אויף דער ברישט־קע, האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פלייצע, זייערע אויגן זאָלן נישט קוקן אויפן אכזר, דעם משומד. אַנדערע האָבן אַרויסגע־

וויזן אַ גלײַכגילט, עלעהיי אַ פרעמדער, אַן אומבאַקאַנטער וואָלט פאַר זיי פאַרבײַגעפאָרן, וואָס קיינער קען אים נישט. אָבער אַלעמען האָט פאַרדראָסן, וואָס ר' שלמה באַיערס הויז, אַן אמת בית-ישראל, אַ כשר יידיש הויז, וואָס איז פול געווען מיט מעשים-טובים און מידות-טובות, אַ גמילות חסדים און צדקה-הויז מיט אַן אָפענער טיר פאַר אורחים — וואָס אַט אַזאַ הויז איז געוואָרן פאַרשוועכט און פאַראומריייניקט.

די גרעסטע קרענקונג און עגמת-נפש האָט דערפון געהאַט שרה, די באַיערס אַמאָליקע קעכין און הויזווירטין. זי האָט געפילט ווי חיים וואָלט פאַראומווערדיקט איר אייגן הויז. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ דאַרשט נאָך נקמה וואָס האָט נישט אויפגעהערט ברענען אין איר, נישט געלאָזט זיך אײַנלעשן, אײַנשטילן, נישט געלאָזט זי רוען. אין חלום האָט זי געזען ווי ס'הויז פאַלט אײַן געטראָפן פון אַ הינער און אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון חלום, האָט זי אַליין געהאַט חשק צו מאַכן אַ שרפה, פאַרברענען ס'טומאה-הויז מיטן מטורף אינעם. אָבער דעם כלב אויף צווי פיס היטן כלבים אויף פיר פיס און אויך צוויי פיסיקע.

זי איז איין מאָל געגאַנגען דורך אַ הינטערגעסל מיט אַ פאַרקירצטן וועג צו איר אַרבעט בײַ אַ קימפּעטאָרין. הירכגייענדיק ס'פּאַדוואַשל פון הויז, האָט זי דערזען ליגן אויף דער ערד צוויי טויטע פייגעלעך. זי האָט געקוקט אויף זיי און ס'האָט אין איר אויפגעפלאַמט דאָס נקמה-פײַערל. זי האָט זיי געזען אין די טעפּ פליישן וואָס קאָכן זיך פאַר די פריצים און פריצהטעס און געהערט די סומאַטאָכע אינעם טומאה-הויז איבער די געפינענע שרצים אין טעלער, געזען ווי די פּאַנעס לויפן פון הויז, פון הויף, ווי זייערע בריטשקעס יאָגן אַרויס פון טויער, ווי פון אַ שריפה.

פאַרוואָס עפּעס פייגעלעך? ער וועט זיך קאָנען פאַרענטפערן אַז זיי זענען אַרײַנגעפליגן אין טאָפּ אַרײַן. פאַרוואָס נישט קיין מײַז? זיי וואָלטן אָנגעמאַכט די אמתע בהלה בײַ די פריצהטעס. ס'וואָלט זיי פאַרמיאוסט געוואָרן די הוליאַנקעס דאָרט, דער גאַנצער הויף, ס'הויז דער מטורף. זיי וועלן אים פאַרטרײַבן פון זייערע הייף, צונעמען בײַ אים די וועלדער. ער וועט ווערן אויס עושר און דאָס קאָן אים נאָך ברענגען צו תשובה.

אין אַ שבתצונאַכטס נאָך ליכט אָנצינדן, איידער יידן קומען אַהיים מאַכן הבדלה, האָט שרה גענומען די שקאָרמיצן מיט די געכאַפּטע מײַזלעך און איז אַוועק צום טומאה-הויז. אַלע זענען אינעווייניק שוין געווען בגילופין, גוט אָנגעשיכורט. ס'טויער איז געשטאַנען אָפן

און געוואָרט אויף שפּעטע געסט. די הינט זענען געווען מיט די פּרי־צים, בײַ זייערע פּיס. אויך חיים האָט געהאַלטן זײַנע כלבים לעבן זיך, גערימט זיך מיט זיי און זיי אויסגעליבט. די טעפּ האָבן זיך געקאָכט אין איר אַמאַליקער קיך. דורך עפּעס אַ נס איז דאָרט קיי־נער נישט געווען. שרה האָט איבערגעקערט די שקאַרמיצן אין די טעפּ אַרײַן און איז פֿאַרשוווּנדן מיטן וועג וואָס האָט געפֿירט אין וואַלד אַרײַן, נישט צו טרעפֿן זיך מיט וועמען פֿון די שפּעטע פּאַנעס בײַם אָפּענעם טויער.

אין מיטן די הבדלות און „ויתן לך" האָבן ייִדן געהערט ווי בריטש־קעס און קאָטשן יאָגן פֿון באַרג גלײַך ווי ס׳וואָלט דאָרט געווען גע־ברענט. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, מ׳האָט געזוכט באַשייד פֿונעם געלויף פֿון טומאה־הויז שבת בײַ נאַכט. ס׳איז געווען ס׳ערשטע מאָל ווי מ׳איז פֿון דאָרט געלאָפֿן, אַנשטאָט צו פֿאָרן אַהין. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען ס׳געלייפֿערײַ. און ייִדן האָבן געבעטן גאָט, אַז ס׳זאָל זיך כאָטש אויסלאָזן צום גוטן פֿאַרן שטעטל.

די איינציקע, וואָס האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו וווּנדערן אי־בערן געלויף פֿון טומאה־הויז, איז געווען שרה, ר׳ שלמהס געוועזענע קעכין. נאָך דער מלוה־מלכה, נאָך די זמירות און נאָכן בענטשן זע־נען די מער נײַגעריקע אַרויס פֿון די הײַזער, געוואָר צו ווערן וואָס ס׳איז דאָרט געווען אַזאַ בהלה אויפֿן באַרג. אָבער די קאָמעניצע איז געשטאַנען, ווי אַלע שבת צו נאַכטס, פֿאַרגאָסן אין ליכט. בלויז אין עטלעכע פֿענצטער איז געווען פֿינצטער. שרה האָט געוווּסט אַז דאָס זענען די פֿענצטער פֿון די שלאָפֿצימערן, ווו קיינער איז שוין נאָך דער צעשטערטער הוליאַנקע נישט געשלאָפֿן. און די ליכטיקייט אין די איבעריקע צימערן איז שוין געווען אַ שטאַרע, גלאָצעדיקע ווי מיט בלינדע אַפּלען. די שאָטנס פֿון מענטשן האָבן זיך דאָרט מער נישט באַוויזן.

14. דער שטאָל־אויפֿזעער נעמט נקמה אין ייִדישן פּריץ

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז דורכן שטעטל דורכגעפֿאָרן אַן איינזאַם פֿורל, וואָס האָט געפֿירט פֿון באַרג דעם וואַלדוועכטערס פּע־טער און מומען — די קעכין מיטן זשאַנדצע איבערן הויף און איבער די שטאַלן. חיים האָט זיי די זעלבע נאַכט פֿאַרטריבן פֿון הויף. צו מאָרגנס איז שוין די קאָמעניצע אויפֿן באַרג געשטאַנען אין פֿינצטער־ניש אַרום קלויסטער האָט מען זיך דעם זונטיק דערציילט אין גרופּ־קעלעך וועגן ווילדע זאַכן וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין ייִדישן דזשע־

דזשיצם הויף, ווי ער האָט געוואָלט שלעכטס טון די פּריצים וואָס זענען קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

אַנדערע האָבן דערציילט אַז מ'האָט דאָרט געוואָלט עמעצן סמען, מ'האָט געקאָכט הונטפּלייש און געבראָטן קעץ, ווי די דײַטשן טוען עס און פאַרטרינקען מיט זייערן עסיק, אַז איינער פון די פּריצים האָט זיך טאַקע פאַרסמט און דער זשאַנדצע מיט דער קעכין זענען אַנטלאָפן, אויך דער יידישער פּריץ איז פאַרשוווּנדן און מע זוכט זיי אַרום.

חיימס קוטשער, טיטקין, וואָס איז אַ פאַרשפּעטיקטער געקומען אין קלויסטער אַרײַן, האָט באַשטעטיקט אַז די שולדיקע, דער זשאַנצע מיט זײַן ווײַב זענען פאַרטריבן געוואָרן פון הויף. דער יידישער פּריץ האָט זיי פאַרטריבן, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַלטן ריין די קיך און ס'האָבן זיך דאָרט אַרײַנגעכאַפּט מײַז. איצט זוכט מען אַ נײַעם זשאַנדצע מיט אַ נײַער קעכין פאַרן הויף.

טיטקין, דער קוטשער, וואָס האָט נישט גוט געלעבט מיט דער קעכין און אויך פּײַנט געהאַט איר מאַן, דעם זשאַנדצע, איז איצט געוואָרן באַלעבאָס איבערן הויף ביז חיים וועט אויסזוכן אַ צווייטן אויף יענעמס אָרט. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט אָננעמען אַ שטעלע אין אַ הויף וווּ מע גיט צו עסן קעץ און מײַז און ווער ווייס וואָס נאָך דער טײַוול טוט דאָרט אַלץ אָפּ. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט טיטקין געקריגן פאַר זיך אַ צווייטן שמײַסער און שטאַל-אויפזעער. ער איז געבליבן זשאַנדצע אָבער שוין נישט אויף לאַנג, ווײַל דער גאַנצער טומאה-הויף האָט שוין לאַנג נישט אָנגעטריבן.

דער נײַער שמײַסער און שטאַל-אויפזעער, וואָס האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן פון טיטקינען אָנצוקומען אין חיימס הויף אַרײַן, איז געווען אַן עלטערער ברודער פון פאַרטריבענעם זשאַנדצע. ער איז געקומען נקמה נעמען אין יידישן דזשעדזשיץ. חיים אַליין האָט אים געגעבן די געלעגנהייט און סטימול אויסצופירן די נקמה. נאָך אַ צײַט האָט חיים איבערגעבעטן עטלעכע פּריצים און זיי האָבן צוריק אָנגעהויבן קומען אין זײַן הויף. די מעשה מיט די מײַז האָט ביסלעכווײַז געוואָרן פאַרגעסן. מ'איז זיך צוריק צונויפגעקומען אין די פּרײַוואַטיק צו נאַכטסן צו די קאָרטנשפּילן און הוליאַנקעס ווי אַמאָל.

אַלץ איז געווען צוריק ווי אין די אַמאָליקע גוטע צײַטן ביז ס'איז געקומען דער פרילינג. דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין. אין שטעטל האָבן זיך געשטעלט בלאָטעס. אויך אויפן באַרג האָט מען, ווי אַלע מאָל פרילינג, אַרויסגענומען פון די שפּײַכלערס די הילצערנע

טראַטואַרן, אויסגעלייגט זיי איבער די בלאָטעס און די פּריצים און פּאַ:עס האָבן געקאָנט אַרומגיין איבערן הויף ווען ס'האָט זיך זיי פאַר־וואָלט אַ ביסל פרישע לופט. און אַז ס'זענען געקומען די רעגנס, האָט מען אויף די נאַסע בלאָטיקע טראָטואַרן אויסגעשפּרייט ראָגאָזשעס. די פּריצים זאָלן האָבן טרוקן אונטער די פיס און זיך נישט פאַרבלאָטיקן. אין דער סומאַטאָכע מיט די מײַז האָט מען די ראָגאָזשעס געלאָזט ליגן און פוילן אין שפּײַכלער און פאַרגעסן זיי צוצוגרייטן פאַרן צווייטן פרילינג.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער מיט גרויסע פרעסט און שניי־זאַווערוכעס. ס'גאַנצע שטעטל און דער באַרג מיט חיימס הויף זענען געווען אײַנגעדעקט אין שניי, וואָס האָט גענומען צעגיין מיטן אָנקום פונעם פרילינג און די הילצערנע טראָטואַרן האָבן געזינקען אין דער טיפער שנייבלאָטע. די פּריצים האָבן זיך געקלאָגט אויף די בלאָטיקע טראָטואַרן, וואָס העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. חיים האָט באַפוילן דעם שטאָל־אויפזעער אָן עטלעכע פאַראַבקעס אויסצושפּרייטן די ראָגאָזשעס.

דער שטאָל־אויפזעער איז צוריק געקומען און געמאָלדן חיימען:

— נישטאָ קיין ראָגאָזשעס... אַלע זענען פאַרפוילט... זיי צע־פאַלן זיך...

אַ בגילופנדיקער האָט חיים שיכורלעך אַ זאָג געטון:

— שינד אָפּ די פעלן פון די פערד און בהמות, כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך חיים צעכאָכאָטשעט און אַלע האָבן מיטגעלאַכט פון זײַן חכמה, געקאָטשעט זיך פון געלעכטער. בלויז דער אַלטער קוטשער און שטאָל־אויפזעער איז געבליבן ערנסט. אין זײַן מוח האָט אַ בליץ געטון אַ משונהדיקער געדאַנק. די שיכורע פּריצים אָבער האָבן נישט געזען דאָס נקמה־פלעמל אין אַלטנס אויגן. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט זייערע שטאַרע פאַרגלאָזטע בליקן און אַ חוץ די גלעזער אין די הענט נישט געזען אַרום זיך גאָרנישט.

דער אַלטער איז אַוועק מיט די פאַראַבקעס אין די שטאַלן און געטון זײַן האַרם באַפעל. ער האָט אַוועקגעקוילעט חיימס צוויי קאַש־טאַנעס, געשאָכטן אַלע בהמות, אָפּגעשונדן די פעלן, ווי חיים האָט געהייסן, און די פעלן אויסגעשפּרייט אויף די הילצערנע טראָטואַרן, ווי דער באַלעבאָס האָט זיי באַפוילן.

איצט זענען די פּריצישע געסט נישט געלאָפן אַליין פון חיימס הויף. שבת אין דער פרי, ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען ניכטערע,

האָבן זיי געזען די פעלן פון די בהמות און פון זייערע פערד אויסגע־שפּרייט אויף די הילצערנע טראָטואַרן. זיי זענען אַליין געווען עדות אַז אַזוי האָט חיים באַפוילן דעם אַלטן שמײַסער און די פּאַראַבקעס, אַז זיי זאָלן אָפּשינדן די פעלן... זיי האָבן דעם משוגענעם חיים מיטגע־נומען מיט זיך אין זײַנס אַ ברישקע וואָס זיי האָבן צוגעטשעפּעט צו אַ ברישקע פון אַ פּריץ, וואָס האָט אויף דער לעצטער זומערדיקער הוליאַנקע געפינען אַ מויז בײַ זיך אין טעלער און ער האָט געשווירן אַז דער חיים איז משוגע.

15. די אויפגעבראַכטע פּריצים פירן חיים מטורף אין משוגעים־הויז

שבת פאַרטאָגס, ווען יידן זענען געגאַנגען צום דאַווענען, האָבן זיי געזען אַז אויפן באַרג רודערט זיך עפּעס. טיטקין, חיימס אויפזעער איז אין גאַלאָפּ דורכגעלאָפן אויף אַ פערד דורכן שטעטל און צוריק־געפירט מיט זיך אַ פּאָליציייסקן צום באַרג. „נו, מסתמא האָבן זיך דאָרט די שיכורים צעשלאָגן" — האָבן יידן געטראַכט. חיים אַליין איז זיי מער נישט אָנגעגאַנגען. ער איז שוין אַ מחוץ־למחנהדיק, מו־קצה מחמת מיאוס. זיי האָבן געוואָלט פון אים פּטור ווערן אַזוי, אָן נקמה. אָבער אַז זיי וועלן אים דעם שבת פּטור ווערן אויף אַן אמת — אויף דעם האָבן זיי זיך נישט גערעכנט.

חיימס לעבעדיקע לוויה, וואָס די פּריצים האָבן אים געמאַכט דעם שבת, האָט די יידן אַרויסגעריסן פון זייער שבתדיקן נאָכמי־טאָג־שלאָף. דערשראָקענע זענען זיי געשטאַנען בײַ די פענצטערס און צעפּראַלטע טירן און צוגעקוקט זיך ווי מען שלעפּט דעם לעבע־דיקן פּגר אויף אַ ברישקע אָן פערד, אָן טיטקינען, אָן זײַן קוטשער מיט דער קנאַקעדיקער בײַטש, אָן זײַנע פײַערדיקע קאַשטאַנעס, אָן די כלבים. קוים וואָס מע זעט אים אַרויס פון דער לוויה־קאַטש.

אין דער ברישקע איז חיים געלעגן אַ געבינדענער ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה. פאַר אים זענען געפאָרן פּריצים און נאָך אים פּאַ־נעס. טיטקין מיטן שטאַל־אויפזעער זענען צוזאַמען מיט די פּאַראַב־קעס נאָכגעגאַנגען פון הינטן, ווי בעת אַן אמתער לוויה. אַרום חיימס ברישקע זענען געריטן פּאָליציייסקע און קאָזאַקן, וואָס האָבן געהיט, מע זאָל אים, חיימען נישט ממיתן, דורם זײַן איידער ער קומט אָן אין משוגעים־הויז, וווהין מ'האָט אים געפירט אויפן סמך פונעם עדות

זאָגן פון די פּריצים און פּאַנעס, אַז חיים, דער יידישער דזשעדזשיץ איז משוגע צום טויט, ווילד. ער איז אַ געפּאַר פּאַר מענטש און בהמה.

— ברוך דיין אמת! — האָבן ייִדן ביַי די פענצטערס און טירן נאָכגעזאָגט, ווי ער וואָלט געווען אַ מת, אים באַדויערט און מיט די בליקן אַרויסבאַגלייט זײַן לוויה פון שטעטל: — מיט קבורת חמור איז ער געזיכערט, מע זאָל שומר ומציל זײַן, וואָס ס׳קען אַלץ ווערן פון אַ מענטש, אַז אָך און ווי וואָס דער חיים האָט פון זיך געמאַכט; וואָסערע צרות דער מענטש קאָן זיך אַלץ אָנטון בידים און וואָסערע אומגליקן ער קאָן ברענגען אויף זיך — האָבן וויַיבער אַריבערגערעדט איינע צו דער אַנדערער איבער די פּלויטן אַריבער.

דעם שבת זענען ייִדן געגאַנגען פריִער ווי אַלע מאָל אין בית־מדרש אַרײַן צו מנחה און שלוש־סעודות, איבערגענומענע האָט מען איבערגערעדט וועגן דעם אויסטערלישן געשעעניש, דעם וווּנדער און נס וואָס ס׳איז געשען דעם שטעטל. מ׳איז פּטור געוואָרן פון אַן אכזר וואָס האָט געקאָנט אָנברענגען צרות אויף ייִדן. זײַן סוף איז געקו־מען אַ סך גיכער ווי מ׳האָט זיך געריכט און טאַקע פון גוייִשע הענט.

אַ טייל האָט אים באַדויערט נישט אָנרופנדיק אים בײַם נאָמען. אַנדערע האָבן באַדויערט לייזערן מיט זײַן ווײַב, די טויטע טאַטע־מאַמע וואָס האָבן נעבעך נישט קיין רו אין קבר, שמואל־יצחק שמש מיט די משניות־לערנערס האָבן זיך דערמאָנט אַז בקרוב רוקן זיך אָן זייערע יאָרצײַטן. לייזערס טאַקע באַלד סליחות־צײַט און אירס אַ ביסל שפּעטער. און במחשבה צוגעזאָגט צו לערנען, בלי־נדר, אַ פּרק משניות צו זייערעביידנס יאָרצײַטן.

דאָס גרויסע אײַזערנע שטאַכעטן־טויער מיט די קאָזאַצקע פּיקעס איז איצט געשטאַנען אָפן, צעפּראַלט, געהאַנגען ווי אַ מאָל די היל־צערנע טירלעך אויף דער פּלייצע פונעם הילצערנעם פּלויט. דער הויף איז געווען פּוסט, קיין לעבעדיקער דוך איז דאָרט נישט געווען צו זען און קיין הונט האָט דאָרט נישט אַרײַנגעשמעקט. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און די קאַמעניצע איז פאַרוואָקסן געוואָרן מיט קראָפּיווע און ווילדגראָז. ווילדע געוויקסן זענען זיך צעקראָכן איבערן טומאה־הויז. ווילד בריִעכץ און שטעכלקעס האָבן פאַרוואָקסן די שטיגן, ווי נישט אַרײַנצולאָזן אַהין קיינעם. קיין לעבעדיקער נפש זאָל דאָרט מער נישט באַטרעטן די שוועל.

די הילצערנע טראָטוואַרן האָבן געגומען פוילן און שימלען. בייזע ווינטן האָבן אָנגעטראָגן שמוץ און שטויב, בלעטער־אָפּפאַל פון אַרום.

די פעלן פון די געקווילעטע פערד און בהמות האָבן פאַרסרחעט דעם באַרג, פאַרפעסטיקט דעם הויף, דאָס הויז. כלערליי אינזעקטן, ווערעם און פליגן האָבן זיך דאָרט געראַיעט אין די חמרים. די זון האָט געבאַקט און געבראָטן דעם פאַרוואָרלאָזטן און פאַרווילדעוועטן באַרג. דער טומאה־הויף האָט געפינצטערט ביי טאָג, ווי ביי נאַכט, געשראָקן מיט דער שדימדיקער פוסטקייט און וויסטקייט יונג און אַלט.

דער באַרג מיטן טומאה־הויז זענען איצט געהאָנגען איבערן שטעטל ווי סטראַשידלעס, שרעק־געשפּענסטערס. זיי האָבן געוואָרנט און דערמאָנט, מע זאָל זען וואָס פון מענטשן קאָן ווערן ווען זיי פאַרגעסן אין גאָט; ווי זייער גאַנצע האָרעוואַניע, זייער נאָמען און עשירות גייט צו גרונט ווען מע לאָזט זיך פירן פון שטן המשחית. זיי פאַלן אין אָפּגרונט און קאָנען מער אין זייער לעבן נישט קריגן קיין תיקון.

פ י ש ל ק ל ע ז מ ע ר

איידער פישל מצבה-קריצער האָט זיך פאַרדינט דעם נאָמען קלעזמער און געשפּילט אויף יידישע חתונות, האָט מען אים גערופן פישל דראַגונער. ער האָט געהאַט דעם געשטעל, די גראַציע פון אַ קאַוואַלעריסט. ווען ער האָט באַדאַרפט גיין אין מיליטער אַריין, האָט אים פּאָניע גלייך צוגעטיילט צום דראַגונער פּאָלק, געגעבן אַ פערד און אַ לאַנגע שווערד — אַ פּאָלנער דראַגונער.

אין דער פייערלעשער-קאָמאַנדע האָט ער זיך פלינק, ווי אַ מאַלפּע, אַרויפגעדראַפּעט אויפן סלופּ צום אַליאַרעם-גלאָק — גרייט צו אַליאַרמירן די שטאָט בעת אַ שריפה. ער איז אַ פלינקער געקראָכן אויף די לייטערס, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף די הילצערנע קאָזשלעס, ווי אויף אַ פערד, געשפּרינגען איבער זיי, ווי איבער ברענענדיקע שוועלן, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פייערלעשער-טורעם אין דער אונטערגעשטעלטער גראָבער פויערישער לייוונטענער שאַטקע-נעץ און געבליבן שטיין אויף זיינע פיס ווי אַן אַקראָבאַט אין אַ צירק. דאָ טאַקע, ביי די פייערלעשערס האָט ער געקריגן דעם צונאָמען דראַגונער און פון דאַנען האָט זיך דער נאָמען פאַרשפּרייט איבערן שטעטל צוזאַמען מיטן אַנדערן צונאָמען וואָס מ'האָט אים דאָ געגעבן: דער מוזיקאַנט.

זיין קלעזמערישע קאַריערע האָט פישל דראַגונער אָנגעהויבן אין דער מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע ביי די פייערלעשערס. מ'האָט אים צוגעטיילט אַ מעשענע טרובע באַלייגט מיט גרינלעכע שימלפלעקן. די טרובע האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אַמאָל געפּאָקט און געמאָזלט, און די פּאָקן ווילן זיך נישט פאַרהיילן, זיי אייטערן ווי אָפענע וווּנדן. וויפל פישל האָט נישט גערייניקט און געפּוצט די טרובע, האָט גאָרנישט געהאָלפן. די גרינלעכע שימל-טראָפּנס האָבן געהאַלטן אין איין רינען. צום סוף איז אים די טרובע פאַרמיאוסט געוואָרן און ער איז אַנטלאָפן פון דער מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע און איר פאַרשימלטער טרובע.

ס'איז דעמאָלט געווען זומערצייט. דורכן שטעטל איז דורכגעפאָרן אַ טאַבאָר ציגיינער. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט הינטערן שטעטל ביים ברעג וואַלד, אויפגעשטעלט זייערע בוידן, געמאַכט דאָרט זייער צירקאַרענע אונטערן פרייען הימל. פאַרצויגן אַ שטריק פון בוים צו בוים און זענען געגאַנגען איבערן שטריקל ווי איבער אַ בריק. זיי האָבן געוויזן פאַרשידענע אַקראָבאַטישע שטיק, געמאַכט קאָזשלקעס, געהאָנגען אין דער לופטן ממש אויף אַ פּאָדעם, געלעקט פייער פון ברענענדיקע שטורקאַצן און זיך געשטאָכן מיט מעסערס. ביי טאָג זענען זיי

געגאַנגען איבער די געוועלבער און מער געגנבעט ווי געקויפט. אַזוי האָבן געזאָגט די סוחרים. אויף יידן איז אָנגעפאַלן אַ שרעק און אומרו, אַ מורא ס'זאָל עפּעס נישט געשען זייערע קינדער, טעכטער און זין. אין די נעכט איז ביי די ציגיינער געווען פריילעך און לעבעדיק. נאָך די צירק־פאַרשטעלונגען האָבן די פידלען זייערע געשפּילט, געוויינט און געהאַצקעט פריילעכע און טרויעריקע ציגיינערישע מעלאָדיעס, וואָס האָבן געצויגן ביי דער נשמה, גערופן צום טאַנצן, געכישופט, פאַרטראָגן צום הימל, צו די שטערן, צו דער לאַכנדיקער לבנה אינעם הימלישן קיניגרייך.

גלייך אין דער ערשטער צירקנאַכט האָט פּישל דראַגונער דערהערט שפּילן זייערע פידלען און ער איז ווי פאַרכישופט געוואָרן פון זייערע זיסע נאָגנדיקע פאַרבענקטע פידלטענער. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיי אַרויפצו אינאיינעם מיט די פייערצונגען פון די צעלייגטע פייערן אַרום די בוידן און פון די פלאַמפייערדיקע טענצערס מיט די קופּער־רויטע צעהיצטע פּנימער, באַלויכטענע פון די פלאַמען. ער איז אַריינגעפאַלן אין זייער כישופדיקן עקסטאַז, מיטגעטאַנצט אַ צעפייערטער און שוין געבליבן מיט זיי, מיט דער גרופּע ציגיינערס ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל. געטאָגט מיט זיי און גענעכטיקט ביי די פייערן צווישן די וועגענער פונעם ציגיינערישן טאַבאָר. געקליבן טרוקענע צווייגן אין די וועלדער פאַר די ביינאַכטיקע פייערן. געגנבעט אויבס פון די סעדער, אַראָפּגענומען גרינוואַרג פון די פעלדער, אַן עוף פון די קורניקעס. און דער אַלטער ציגיינער סילעמאַן, האָט אים געלערנט שפּילן אויף זיין פידל פאַרן ברענגען אים קאַלט וואַסער פון די קוואַלן.

— אַ ציגיינער וואָס קען נישט טאַנצן — האָט דער אַלטער סילעמאַן געגלעט ס'פאַרשטעקטע אוירינגל אין אויער — אַ ציגיינער וואָס האָט נישט קיין געלענק צו שפּילן פידל, ווי אַפּשלאָגן ווינטער אַ חזירל פון שטאַל — איז נישט קיין ציגיינער.

סילעמאַן האָט געהאַט לעבן זיך אַן אייניקל, סיטראַ, מיט צוויי פינקלדיקע פאָספאָר־גרינע אויגן וואָס האָבן פאַרבלענדט מיט זייער בליציקן פייער, ליכטיק געמאַכט אַרום זיך מיט זייער גרינעם בלענדיקן שיין. זי איז געווען אַ שטיק פלאַם, אַ מויד אַ ברען, מיט אַ קאָפּ פעכשוואַרצע סאַמעטענע האָר. איר שלאַנקע פיגור און געטאָקטע גלידער האָבן גערייצט און געצויגן צו זיך. מיטן היציקן שטורמישן טעמפּעראַמענט איז זי געווען געראָטן אין זיידן. זי האָט געהאַט די זעלבע כאַראַקטער־שטריכן ווי ער, נאָר דינערע, איידעלערע מיט אַ פרישקייט און יוגנטלעכן רייץ.

פישל דראַגונער איז איר געפעלן פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן יענע נאַכט צווישן די טעלעגראַף־סלופּעס מיטן פאַרצויגענעם שטריק. זי האָט ווי געשוועבט אין דער הייך. זי איז אויבן געגאַנגען פאַרזיכטיק אויף די שפּיץ פינגער קוים אָנרירנדיק דעם געשפּאַנטן שטריק. מיט די גרינע פייערשפּריצן פון אירע ביינאַכטיקע אויגן האָט זי אים געפירט נאָך זיך, ווי אַ נאַכטוואַנדלער, צו די בוידן, צו די פייערן, וווּ זי האָט געטאַנצט און געשוועבט ווי צונויפגעמישט מיט די העלישע פלאַמען.

ער איז געשטאַנען אין שאָטן פון די ביימער, געטובלט זיינע אויגן אין איר פלאַמיקער צעבלענדטקייט און געפּאַלן אַ מידער צווישן די בוידן. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, ער זאָל זיך אויפהייבן און אים צוגעפירט נענטער צום פייער. אין רויטן אָפּשיין פון די פלאַמען איז ער איר נאָך מער געפעלן געוואָרן. זי איז אַרום אים געשפּרינגען אַ פלינקע ווי אַ קאַץ, זיך אָנגעהאַנגען אָן אים, געקושט אים און געהאַלדזט, און אים אַריינגעצויגן אין טאַנצנדיקן ציגיינער־ראָד אַרום צעפלאַקערטן פייער. נאָך די הייסע ציגיינערישע טענץ האָט מען זיך געזעצט צו דער סעודה. זי האָט אים צוגערופן, ער זאָל זיך זעצן לעבן איר און אים געלערנט עסן אויפן ציגיינערישן שטייגער די שטיקער געבראָטענע פלייש פון דער אַלגעמיינער שיסל. ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט זי אים צוגעפירט צום זיידן און אים געזאָגט אויף ציגיינעריש לשון, אַז ער זאָל פאַרבעטן דעם גאַסט אויף נאַכטלעגער לעבן איר אויסגעבעטע געלעגער, און דער אַלטער האָט גערן דערפילט זיין אייניקלס פאַרלאַנג.

סילעמאַן, כאָטש שוין אַלט און שוואַך אויף זיינע אויגן, האָט גענומען זיין פידל און אָנגעהויבן שפּילן האַסטיק, שטורמיש, ווי אַ געוויטער וואָלט געשטורעמט מיט דונערן און בליצן; ווי אַ שלאַקסרעגן וואָלט געגאָסן אָן אויפהער און פאַרגאָסן די פעלדער אַרום, אַלע וועגן, דעם גאַנצן זינען.

— בלייב מיט אונדז, דו זעסט דאָך, סיטראַ האָט דיך ליב — האָט דער אַלטער ציגיינער אַוועקגעלייגט די פידל און אָנגענומען פישלען ביי דער האַנט.

ווי פון אונטער דער ערד איז זי אויסגעוואַקסן פאַר זיי, די שלאַנקע סיטראַ. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביי פישלס זייט: — בלייב ביי אונדז דאָ — האָט זי נאָכגעזאָגט דעם זיידנס רייד און זיך געלאַשטשעט צו אים מיטן גאַנצן קערפּער וואָס האָט זיך געבעטן מיט אַלע גלידער אַרומגענומען צו ווערן מיט וואַרעמקייט, געגלעט צו ווערן

מיט ליבשאַפט. אירע רייד, אַזעלכע ווייכע און פולכנע, האָבן אים אויסגעזען מאָדנע, נישט ווי זי וואָלט גערעדט נאָר געמיאַוקעט ווי אַ קעצל. פישל האָט נאָכגעגעבן אירע אַלע גליסטענישן און לעכצע־נישן. און נאָך יענער הייסער גיהנומדיקער נאַכט איז ער געוואָרן אַן אייגענער אין ציגיינערישן טאַבאָר. ער איז געגאַנגען רייסן יאַגדעס און אויבס פאַרן אַלטן און אים געבראַכט פריש קאַלט קוואַלוואַסער צום טרינקען. סילעמאַן האָט אים דערפאַר געלערנט אַ סך זאַכן וואָס קומען צו ניץ אין לעבן. ער האָט אים געלערנט שפילן פידל בלויז פון געהער און אַרויסקריגן די געפילפולסטע טענער וואָס קאָנען רירן אַ שטיין, צענעמען אַ מענטש. אים געוויזן ווי אַזוי אַראָפּצודרייען ס'קעפל פון אַן עוף ס'זאָל קיין פּיפּס נישט געבן. פאַרקוועטשן אַ חזירישן שנוק, אַז ס'חזירל זאָל פאַרשפאַרן צו ריטשען, ווען מע טראָגט עם אַרויס פון חזיר־שטאַל, און אויפוועקן ס'דאָרף פויערן.

איין מאָל נאָך אַזאַ גנבה אין אַ דאָרף האָט מען אים, נישט דעם חזיר, געפינען. מ'האָט אים אָוועקגענומען פון די ציגיינערס און אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אַהיים פון וואַנען ער איז געקומען און דאָרט האָט מען זיך געכאַפּט אַז ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט גיין דינען דעם צאַר. ווידער האָט מען אים געשיקט מיטן עטאַפּ צו דער מילי־טערישער קאָמיסיע, ווו מ'האָט אים געזאָגט: — „גאָדין!״ ער טויג פאַר אַ זעלנער. זיינע פלינקע פיס וועלן זיין צוגעפּאַסט פאַר אַ סאָל־דאַט אַ פוסגייער. די פאָלק־קאָמיסיע האָט אָבער נישט געטיילט די מיינונג פון דער ערשטער קאָמיסיע און זי האָט פישלען צוגעטיילט צו די דראַגונערס. ער האָט געקריגן אַ פערד מיט אַ שווערד און אַ פיקע ביי דער זייט, ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן און באַשיצן, און זי זאָל אים באַשיינען מיט איר שטאָלענעם גלאַנץ און מיטן פענדל אויפן שפּיץ.

פונעם גאַנצן דראַגונערישן קאָמפּלעט האָט פישל צו מערסטן ליב געהאַט ס'פערד. ס'האָט אים דערמאָנט די ציגיינערישע פערד מיט די בוידן, אין דער שיינער סיטראָן מיט איר זיידן סילעמאַן וואָס האָט געשפּילט פידל ווי אַ מייסטער. ס'פערד האָט זיך גיך צוגעוווינט צו פישלען און אויסגעפאָלגט אַלע מיליטערישע באַפעלן, געשפּרינגען איבער קלעצער און פלויטן, געגאַנגען אין אַטאַקע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ דראַגונער פערד.

אין אַ טאָג איז פישל געקומען אין שטאַל אַריין און אָנגעזאָגט דעם פערד זיינעם אַ גוטע בשורה: נישט בלויז ער אַליין, פישל, גייט אין דער מוזיק־קאָמאַנדע, ער נעמט אויך מיט אים, זיין פערד, וואָס וועט שוין מער נישט דאַרפן שפּרינגען, גאַלאָפּירן. מע וועט אים מער

נישט נעמען צו קיין מילחמה־איבונגען, נאָר אויף פּאַראַדן, פּאַרוויי־לונגען, אויף לוויות פון געפאַלענע גרויסע מיליטער־לייט, אַפיצירן און גענעראַלן.

פישל האָט געקריגן אַ שיינענדיקע פינקלדיקע מעשענע טרובע, און ס׳פערד — אַ שיינעם געשפּאַן, אַ קאָלירפולן רייטגעזעם, אַ בלאַנ־קעדיק געניקלט ציימל אין פּיסק אַריין. אויך די שפּאָרן זענען איצט געווען אַנדערע, נישט אַזעלכע שאַרפע רעדלעך וואָס שניידן זיך איין אין דער פעל, מאַכן לעכער אין די זייטן. די ניקלנע שפּאָרעלעך זענען געווען מער אויף פוץ, פון שיינקייט וועגן, זיי האָבן בלויז געגעבן אַ קיצל אין דער פערדישער זייט.ביידע, ס׳פערד און פישל זענען געווען צופרידן. פישלען אָבער האָט געצויגן צום ציגיינערישן טאַבאָר. ער האָט געבענקט נאָך סיטראָן, נאָכן אַלטן סילעמאַן מיטן פידל.

איין מאָל, ווען פישל האָט מיט זיין פערד און טרובע באַגלייט ס׳פאָלק מיט מוזיק אויף מאַנעוורעס אין די וועלדער, האָט ער ביים ברעג וואַלד אָנגעטראָפן סילעמאַנס גרופּע, די אַלטע ציגיינער־באַנדע מיט סיטראָן צווישן זיי. ביי נאַכט האָט פישל איבערגעלאָזט ס׳דראַ־גונער פאָלק מיטן פערד און איז אָנגעקומען צו די ציגיינער ווען זיי האָבן אָפּגעצויגן פון וואַלד אויפן באַפעל פונעם פאָלקאָווניק. ער איז שוין דאָ געבליבן און זיך געלאָזט צוזאַמען מיט זיי אין וועג אַריין. זיי האָבן אים געהיט, אויסבאַהאַלטן, נישט געלאָזט אים אַליין. זיי האָבן אים שוין מער נישט געשיקט גנבענען, נישט רייסן קיין יאַגדעס פאַר סילעמאַנען און נישט ברענגען קיין קוואַלוואַסער. זיי האָבן אים געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין דער בויד. נישט געלאָזט אים אַרויסשטעקן דעם קאָפּ. פון פאַרנט איז געזעסן סילעמאַן מיטן אָנטרייבער און גע־היט דעם וועג פאָרויס צוזאַמען מיט די אַנדערע בוידן. סיטראַ, אַ דערפרייטע, איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן. געלעגן מיט אים אינע־ווייניק און געהיט די צופאָרן הינטער זיי ביז מ׳איז אַוועק ווייט פון די מאַנעוורעס־וועלדער און ער איז אַזוי אַרום אַרויס פון דער סכנה געכאַפּט צו ווערן.

די ציגיינערס האָבן זיך איצט שוין געהיטן די ביינער. זיי האָבן אים שוין נישט דערלויבט צו זיין קיין אויסשפּירער, קיין גנבישער אויסקוקער, וו מע קאָן דערטאַפּן אַ פעטע הון, אַן אויסגעפּאַשעטע חזירל. ער האָט געטון הויזאַרבעט, גערייניקט די פערד, געשמירט די רעדער פון די וועגענער, געקליבן האָלץ נאָענט פון וואַלד. סילעמאַן האָט אים צוריק געלערנט שפּילן פידל, און סיטראַ האָט מיט אים געפירט אַ פייערדיקע ליבע ביז ס׳האָט זיך אונטערגערוקט די צייט ווען ס׳איז באַשטימט געוואָרן די חתונה פון פישלען מיט סיטראָן.

פֿישל האָט אָנגעהויבן קריגן קאָשמאַרע נעכט. ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן האָט ער געזען לוויהס און חתונהס. אָט פֿירט מען אים צו דער חופּה און פֿריילעכע מחותנים, פֿאַרשטעלטע אויף ציגיינערס, טאַנצן אים אַנטקעגן אין אַ ווילדן פֿאַרשייטן טאַנץ מיט ציגיינערקעס אין די לאַנגע און לויזע קרינאָלינע־קליידער מיט סיטראַן אין מיטן, אָנגעטון אין אַ וועלאָן מיט אַ לאַנגן שליעפּ, ווי אַ כּלה צו דער חופּה. פֿאַר זיי אַלע גייט אַ טרויעריקער שמואל־יצחק שמש מיט אַ צדקה־פּושקע אין איין האַנט און פֿיר חופּה־שטאַנגען אין דער צווייטער און ער קלאַפּט מיט דער פּושקע: — צדקה תּציל ממוות!

אָט דאַכט זיך אים ווי חברה־קדישא־לייט טראָגן אים, אָן אויסגעצויגענעם אויף אַ מיטה צום טהר־שטיבל. זיי פֿאַרען זיך אַרום אים שווייגנדיקע, לייגן אים אויפֿן טהר־ברעט, וואָס זעט אויס ווי זיין מאַמעס זאַלצברעט. זיי וואַשן אים אַרום, טוען אים זיין רעכט. אָט טוט מען אים אָן אַ קיטל ווי אַ חתן צו דער חופּה. מע לייגט אים צוריק אויף דער מיטה און אין געאייל טראָגט מען אים צום בית־עולם. זיין טאַטע, מרדכי דער מצבֿה־קריצער גייט נאָך און קוועלט וואָס דער זון זיינער קומט אויף אַ יידישן אופֿן צו קבֿר־ישׂראל. דער אַלטער ציגיינער, סילעמאַן, וואָס גייט ביי זיין זייט, טראָגט נאָך אַ טלית און הינטער זיי גייט סיטראַ אין איר פּעכערדיק געבלימט קלייד לאַנג ביז צום טריט. ער זעט ווי זי וויינט, זי ווישט די טרערן. אַלע ווייבער באַוויינען אים: — אַזאַ שיינער יונג!

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ באַגאָסענער מיט אַ קאַלטן שווייס. ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין רו. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער אינעם ציגיינערישן טאַבאָר.

* * *

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, ווען דער וואַלד איז געווען דורכגעוואָרפֿן מיט העלע פֿלעקן זון און די ציגיינער האָבן זיך געלייגט רוען מידע נאָך פֿון דער נעכטיקער צירק־פֿאָרשטעלונג, איז פֿישל אַוועק אין וואַלד אַריין קלייבן צווייגלעך און דרענגלעך פֿאַר די ביינאַכטיקע פֿייערן. פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ געדרויש פֿון גאַלאָפּירנדיקע פֿערד און קאָזאַקישע באַפֿעלן אַרום די בוידן. די הינט האָבן געבילן, פֿאַרטייבט צו ווערן. נאָר סילעמאַן און סיטראַ האָבן זיי איבערגעשריגן, אַז ס׳זענען נישטאָ דאָ קיין פֿרעמדע צווישן זיי, בלויז ציגיינער, אייגענע מענטשן.

פֿישל האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָס שרייען זיי אַזוי הויך, אַז ער

זאָל הערן און בלייבן פאַרשטעקט אין וואַלד. ער איז טאַקע דאָרט פאַרבליבן אַפילו ווען ער האָט שוין געהערט דעם אַלטן שפּילן אַ פריילעכס אויפן פידל, וואָס ס׳איז געווען אַ סימן, אַז ער מעג שוין צוריק קומען צו די בוידן, די געפאַר איז שוין אַריבער. פישל אָבער האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק צים טאַבאָר. ער איז געקראָכן אַלץ טיפער אין געדיכטן וואַלד, ווייט פונעם געדויש אַרום די בוידן. מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג האָט ער זיך געלייגט אויפן ווייכן מאָכיקן גראָז צווישן קוסטן און הויכעביימער און איינגעזינקען אַ מידער אין טיפן שלאָף.

צו מאָרגנס פאַרטאָגס האָבן אים אויפגעוועקט די פייגל און חיה־לעך מיט זייערע צווייטשעריען און פישטשרייען. ער איז אויפגע־שטאַנען אַן אויסגערוטער מיט אַ קלאָרן קאָפּ און באַנייטע כוחות צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין. אין דער שאָטנדיקער קילקייט פון וואַלד האָט ער דערפילט הונגער און אַ מידקייט אין די פיס פונעם כסדרדיקן גיין נאָך אַנאַנד. ער האָט דערהערט אַ ווידער־קול, אַ ווייטן עכאָ פון אַ הינטיש געביל. זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון וואַנען ס׳איז געקומען דער עכאָ, און זיך געלאָזט גיין מיט דער שמאָלער סטעשקע און דערפילט אַ טעם פון רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ברענענדיק פייכט האָלץ וואָס גיט מער רויך ווי פייער. מיטן שמאָלן וואַלדוועגל איז ער צוגעקומען צום וואַלדוועכטערס ביידל. ס׳געבילע־ריי איז איצט געוואָרן שאַרפער, וואָרענענדיקער. אויף דער שוועל פונעם שטיבל האָט זיך באַוויזן דער גאַיאָוועער מיט אַ באַוואַקסענעם קאָפּ האָר און מיט אַ גאָרשטש באָרד פאַרקאָלטנט און פאַרקנוילט. ער איז אַרוים זען אויף וועמען דער הונט בילט אַזוי און רייסט זיך פון דער קייט.

— זאָל גאָט געבן געזונט — האָט דער וואַלדוועכטער באַגריסט פישלען.

— גאָט זאָל אייך בענטשן — האָט פישל צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע, וואָרפנדיק בליקן צום הונט וואָס האָט זיך געריסן צו פישלען נאָר אים צו דורסן.

— נו, באַרויק זיך — האָט דער גאַיאָוועער אים געהאָלטן פאַרן האַלדזרימען — דו זעעסט האָך אַז ס׳איז אַ מענטש, וואָס זשע רייסטו זיך אויף דער קייט? און ווענדנדיק זיך צו פישלען אים אַריינגעבעטן צו זיך — גייט אַריין אינעווייניק, גייט אַריין. ווי קומט איר אַהער? ס׳איז דאָך וויאָרסטן פון אַ שטעטל. פון וואָסער שטעטל זענט איר? איר האָט געבלאָנדזשעט? — האָט ער אונטערגעטריבן פישלען אין

ביידל אַריין, ווו ס׳האָט געברענט אַן אויוון און אַ טשייניק וואַסער האָט אויף אים געזאָטן.

— אַ גאַנצן טאָג געבלאָנדזשעט — האָט פישל געגעבן אַ פיר מיט דער האַנט איבערן צעשויבערטן קאָפּ האָר — פאַרקראָכן אין אַ פרעמדן וואַלד אַ פּנים — האָט פישל באַשטעטיקט און אַריבערגע־טרעטן די שוועל פונעם ביידל.

— און וווּהין גייט איר עס איצט? — האָט דער גאַיאָווער אַלץ געוואָלט וויסן.

— איצט ווייס איך שוין אַליין נישט — האָט זיך פישל צע־שמייכלט היימישלעך — צי קיין גאַרוואָלין, צי קיין דעמבלין? — און זיך צוגעכאַפּט מיט די צוויי אויסגעשטרעקטע הענט צום ברענענדיקן אייוועלע.

— נו, וואָס שטייט איר? פילט זיך היימיש, זעצט אייך, אָט דאָ, אויפן טאַפּטשאַן.

דער אַלטער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן קאַסטנטיש ביים פענצ־טער צוויי מענאַשקעס און אָנגעגאָסן אין זיי אַ מוטנע פאַרבלאַזע פלי־סיקייט, אַ טיי אַזאַ פון אָפּגעניצטע אַלטע טיי־בלעטער, אים דער־לאַנגט מיט אַ שטיקל צוקער און אַליין אויך גענומען זופן פון דער מענאַשקע דאָס מוטנע טיי־געטראַנק.

דער הונט אין דרויסן האָט זיך גענומען רייסן פון דער קייט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פון רעדער און טרעשטשען פון צווייגן, אַ הירזשען פון פערד אַלץ נענטער צום ביידל. ווי דער הונט אין דרויסן איז אויך פישל איצט אומרואיק געוואָרן. ער האָט אַראָפּ־געצויגן די דראַגונער שטיוול פון די פיס און זיי פאַרשטופּט אונטערן טאַפּטשאַן. ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס דער וואַלדוועכטער איז רואיק גלייך ווי ער וואָלט געוווּסט ווער ס׳קומט צו אים.

— די פּיעכאָטנע קיך קומט צוויי מאָל אַ טאָג נאָך וואַסער צו מיין ברונעם — האָט דער אַלטער נישט איבערגעריסן ס׳זופן די טיי.

אין דרויסן האָבן די פערד מיטן וואַסערפאַס זיך פאַרקערעוועט צום פּלומפּ הינטערן ביידל. פאַרבייפאָרנדיק ס׳ביידל האָבן די אַרמיי־קוכערס אַריינגעשריגן: — „זדראַסטוווּיטיע!” גוטמאָרגן! און דער גאַ־יאָווער האָט זיי אַפילו קיין בליק נישט געשענקט. אַריינגעוואָרטשעט אין דער מענאַשקע אַ קללה די מאָסקאַלעס: — ברעכט האַלדז און נאַקן און זאָל מען שוין אייערע פּטור ווערן פון די פּוילישע וועלדער.

— מע וואָלט זיי שוין געמעגט פּטור ווערן פון גאַנץ פּוילן — האָט פישל פאַרבעסערט, וואַרעמענדיק זיך ביים אויוון.

— ווי גאָט איז אמת, איר זענט גערעכט. זיי האָבן זיך צעלייגט

אויף דער פּוילישער ערד ווי אַ פּעסט, עסן אונדזער ברויט, טרינקען אונדזער וואַסער און לעבן מיט אונדזערע פרויען.

די זעלנערס האָבן געפּלומפּעוועט ס'וואַסער פונעם ברונעם, גע־קריצט מיטן אייזן ביז זיי האָבן אָנגעפילט דעם וואַסערפאַס און אַנט־לאָפן פון הינטערןביידל, וואָרפנדיק זייער „צום ווידערזען" דעם פאַר־מאַכטן ביידל און באַקומען צוריק אַ וואָרטשע פונעם הונט.

— זיי וועלן זיך אין גיכן אָפּטראָגן פון דאַנען, די מאַסקאַלעס, די מאַנעוורעס ענדיקן זיך שוין באַלד — האָט דער אַלטער אַרויסגע־הויבן דעם קאָפּ פון דער מענאַשקע — ווילסט אפשר עפּעס עסן? אונטערן רושט ליגן געבראָטענע קאַרטאָפל.

— ביסט גוט צו מיר אויך אָן עסן, אָט אַזוי ווי דו ביסט — ביסטו פאַר מיר אַ גוטער מלאך — איז פישל נישט אָפּגעטראָטן פון וואַרעמען אויוון.

— און דו ביסט אַ שליח פון גאָט. אויב דו ווילסט מיר מיט עפּעס העלפן, קאָנסטו דאָ בלייבן. זינט מיינע איז אַוועק אין קלויס־טער־הייפל אויפן צמענטאַזש, יאָגט דאָ אַ קעלט און דער עלנט הערט נישט אויף צו נאָגן. נישט גוט צו בלייבן אַליין אויף דער עלטער.

פישל האָט אַ הונגעריקער געהערט די אַלע אומעטיקע רייד און מיטגעפילט מיטן אַלטן איינזאַמען מענטש דאָ ביים ראַנד פון וואַלד. ער האָט אַפּערגענומען די שטיוול זיינע און ביי די אויערן זיי גענומען אַרויפציען אויף די פיס. ער האָט זיך צוגעזעצט מיטן אַלטן עסן די געבראָטענע קאַרטאָפל מיט פעניצלעך חזיר־שמאַלץ. נאָכן עסן האָט דער וועכטער אַריינגעפירט דעם הונט, צוגעפירט אים צו פישלען און פאַרהייבנדיק דעם הונטס מאָרדע געזאָגט:

— גזשעב, דער פאָן וועט דאָ בלייבן מיט אונדז, ער איז אונד־זערס אַ פריינד... אַן אייגענער... זיי גוט צו אים...

גזשעב האָט געקוקט אויפן גאַסט מיט אַ פאָר קלוגע אויגן, ווי ער וואָלט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס מ'האָט אים געזאָגט. ער האָט אַ שמעק געטון צו פישלס פיס, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דעם פאַר־דעכטיקן בליק אָנגעשטעלט אויף פישלען. מיט קנאַפּן חשק געדרייט מיטן ווידל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ באַווייז פונעם גאַסט אַז ער איז אַן אמתער פריינד.

פישל האָט אים אַ גלעט געטון איבער דער ברוינגעפלעקטער פעל און לייכט אים געקראַצט איבער'ן שטערן וואָס ס'פאַרשאַפט די הינט הנאה. גזשעבן האָט עס צופרידן געשטעלט. ס'האָט פאַרטריבן פון אים זיינע חשדים. ער האָט זיך געזעצט איצט באַטראַכטן דעם גאַסט. געקוקט אויף אים מיט ווייכע מילדע אָבער טרויעריקע אויגן.

ער האָט שוין געוווסט, גזשעב, אַז ווען ס'קומט אַ נייער מענטש, גייט דער באַלעבאָס אַוועק און לאָזט אים איבער מיטן פרעמדן, וואָס ווי גוט יענער זאָל נישט זיין צו אים, קאָן מען צו קיין פרעמדן מענטש נישט האָבן קיין צו גרויסן צוטרוי. און די אויגן זיינע האָבן פישלען אויסגעזאָגט זיין זאָרג.

דער גאַיאָווער האָט זיך טאַקע באַלד גענומען גרייטן אין וועג אַריין. אַפּערגענומען דעם שטעקן מיטן קיישל פון אונטערן בעט אַפּער, אָנגעטון ס'האַלב-פּוטערנע געלע וועסטל און איז אַוועק צו דער טיר, אָנזאָגנדיק גזשעבן, ער זאָל זיך גוט אויפפירן און פאָלגן וואָס דער נייער פריינד וועט אים הייסן טון. דער וואַלדוועכטער האָט אים אַרויס-געפירט און צוריק פאַרהעקלט די לאַנגע קייט צום האַלדזרימענדל:

— דו דאַרפסט זיין אין דרויסן און היטן, זאָלסט קיינעם נישט צולאָזן נאָענט צוםביידל ביז מע וועט דיך נישט הייסן. האָסט פאַרשטאַנען?

דער הונט האָט געקוקט אויף אים מיט אָנגעשפּיצטע אויערן ווי איינער וואָס פאַרשטייט אַלץ וואָס מע וויל פון אים און צוגעוואַר-טשעט אַלצדינג אויסצופאָלגן. באַלד איז דער גאַיאָווער צוריק אַריין אין ביידל נאָכן שטעקן און קיישל, אָנגעזאָגט פישלען נישט צו האָבן קיין גרויסע מחזקות מיט די קאַלמיקן, וואָס וועלן נאָכמיטאָג קומען שעפּן וואַסער, און ער איז אַוועק. פישל איז געבליבן זיצן ביים וואַ-רעמען אויוון און האָט אָנגעהויבן דרעמלען. גזשעב, אויף דער קייט אין דרויסן, האָט זיך איינגעדרייט מיטן עק אונטער זיך אויפן בערגל מיסט ביים אַלטן דעמב. באַלד איז אָנגעלאָפן אַ שלעפּצוג מיט גערויש און געפּרייך און זיך געשניטן אַ וועג אין דער ווייט. דער געדיכטער וואַלד האָט איינגעדישעט זיין פרייכן און געסאַפּעריי. און ווידער איז שטיל געוואָרן אין אַרום.

גזשעבס וואָרטשענדיק געביל האָט אים אויפגעוועקט פון דרעמל. ער האָט אים צו וויסן געגעבן אַז די קאַלמיקן זענען געקומען שעפּן וואַסער פון ברונעם. פישל איז אַרויס אין דרויסן אַ קוק געבן וואָר ס'איז. דער מיליטערישער וואָגן מיטן וואַסערפאַס איז פאַרביי דעם ביידל און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברונעם. דער פלומפ האָט גע-נומען ריטשען און קריצן מיטן אייזערנעם שטאַנג אַרויף-אַראָפּ... פישל איז צוריק אַריין אין ביידל און פאַרמאַכט די טיר. פלוצעם איז שטיל געוואָרן ביים פלומפּ. גזשעב האָט זיך צעבילט אַן אומצופרידענער, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט אויף עמעצן. פון דרויסן זענען דערגאַנגען אַהער קללות אין ביידל אַריין, רוסישע „מי-שברכס" און דער אָפּהילך פון זעלנערישע שטיוול. ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. צוויי קאַלמיקן האָבן זי אויפגעשפּאַרט און אַריינגעשטופּט די קעפּ מיט די

פלאַכע קאַלמיקישע קײלעכיקע פּנימער װי די לבנהס. מיט די שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך האָבן זײ דורכגעשפּיזלט פישלען. דער עלטסטער האָט געהאַלטן אין דער האַנט ס׳הענטל פונעם פּלומפּ און די צעבראָ־כענע שרויף װאָס האַלט דעם שעפּלעפּל װאָס ברענגט אַרויף ס׳װאַסער פון ברונעם.

— פאַרריכט! — האָט ער געשריגן צו פישלען און אַ װאָרף געטון ס׳הענטל מיט דער שרויף איבער דער שװעל — פאַרריכט עס, הינ־טישער זון!

פישל האָט זײ געװאָלט געבן צו פאַרשטײן אַז ער האָט נישט קײן אַנונג אין די זאַכן און װײסט נישט װי אַזױ עס צורעכט צו מאַכן. זײ װעלן דאַרפן װאַרטן ביז דער גאַיאָװער װעט קומען פון שטאָט. אָבער זײערע געשרײען האָבן אים פאַרטויבט. די קאַלמיקן האָבן נישט געװאָלט װיסן פון גאָרנישט:

— אָדער דו װעסט פאַררי‌כטן דעם פּלומפּ, אָ נישט װעסטו גײן מיט אונדז צום פּאָלקאָװױ־קאָמאַנדיר, פאַרשטאַנען?

בײדע האָבן אַרויסגעצויגן די קרומע מעסערס זײערע, די קינד־זשאַלן און זײ אָנגעשטעלט אויף פישלען, װײזנדיק אים מיט זײערע שפּיצן, ער זאָל גײן צו דער טיר:

— הײדאַ, געגאַנגען!

— אַז גײן, איז גײן — האָט פישל זיך געלאָזט צו דער טיר, פאַר־געסנדיק אין גאַנצן אַז ער טראָגט אויף זיך די מיליטערישע דראַגונער שטיװל.

מיט די אויסגעשטרעקטע מעסערס האָבן אים די קאַלמיקן אַרײנ־געפירט צום קאָמאַנדיר מיטן פירקאַנטיק צוגעשניטענעם צאַרישן בערדל:

— װאָס הײסט, דו װילסט נישט פאַררי‌כטן דעם פּלומפּ? מירן דאָך בלײבן אָן װאַסער, דו מערזאַװעץ אײנער! — האָט דער פּאָל־קאָװױ געדונערט אויף אים.

— יעי באָגו, װי כ׳קאָן נישט. כ׳בין נישט דער גאַיאָװער, זײן פרײנד בין איך, געקומען אים זען, פאַרטרעטן, ער זאָל קאָנען גײן אין שטאָט אַרײן אײנקויפן זאַכן — האָט פישל זיך פאַרענטפערט, שטײ־ענדיק אויסגעצויגן װי אַ װירע פון דראַגונישער געװױנשאַפט, גאָר־נישט װי קײן פויער, װי זײן אויסזען האָט געװיזן.

דער קאָמאַנדיר האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און פאַרהאַלטן זײן בליק אויף די קאַװאַלערסקע שטיװעלעך — דאָס אײנ־ציקע לײטישע אין זײן גאַנצן נעבעכדיקן צעקנײטשטן און צעקנאָ־דערטן הולך.

— ווי קומען צו דיר די שטיוול? — האָט דער קאָמאַנדיר, אָנגע־וויזן אויף זיי מיטן פינגער — די שטיוול זענען דאָך מיליטערישע.

— כ'האָב זיי געקויפט — האָט פישל געענטפערט קורץ און שאַרף, ווי אַ זעלנער דאַרף ענטפערן.

— געקויפט? האָסט זיי געגנבעט! ווו נעמט אַזאַ ווי דו צו באַ־צאָלן דעם פּרייז וויפל אַזעלכע שטיוול דאַרפן קאָסטן? — איז דער קאָמאַנדיר אַרומגעגאַנגען אַרום פישלען פון אַלע זייטן, נישט אַראָפּ־נעמענדיק די אויגן פון די שטיוול מיט די אָפּדרוקן פון די שפּאָרן־פּאַסקעס און שפּאָרן איבער די קנאָפּלען — ביסט אַ גנב און אַ ליגנער! צי אַראָפּ די שטיוול! אָדער דו פאַרריכטסט דעם פלומפּ! — האָט דער פּאָלקאָווי־קאָמאַנדיר אַ קוק געטון אויף די קאַלמיקן, וואָס זענען גע־שטאַנען פון דער ווייטנס גרייט זיך צו וואַרפן אויף פישלען און אַראָפּ־ציען פון אים די שטיוול אויב מע וועט הייסן.

— גוט, כ'וועל פאַרריכטן — האָט פישל נאָכגעגעבן — כ'וועל זען צו געפינען אַן אַנדערע שרויף, אָדער עפּעס אַ האָקן.

— כ'וויל גאָרנישט וויסן, פאַרריכט דעם פלומפּ — האָט ער באַפוילן פישלען און זיך געווענדט צו די קאַלמיקן — אויב ער וועט נישט ברענגען אין אָרדענונג דעם ברונעם, ברענגט מיר די שטיוול זיינע אַפילו מיט די פיס! — האָט ער זיי באַפוילן און אַלע אַרויסגע־טריבן, געהייסן גיין.

דער יינגערער קאַלמיק האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד, דעם איינגעשפּאַנטן אין וואַסער־וואָגן מיטן עלטערן קאַלמיק פון איין זייט פאַס און פישלען אויף דער צווייטער זייט. מיט אימפּעט האָט דער קאַלמיק אַ טרייב געטון ס'פערד פאָרויס און אַוועקגעיאָגט מיט זיי צום וואַלד.

פישל מיט די קאַלמיקן האָבן אומעטום געזוכט און נישט געפונען קיין שום זאַך, מע זאָל קאָנען אַריינפּאַסן ס'הענטל אין די צוויי אייזער־נע אויערלעך פונעם פלומפּ אַז ס'זאָל זיך האַלטן. זיי האָבן איבער־געקערט ס'גאַנצע שטיבל, געזוכט אין אַלע ווינקלען און לעכער, אין די שופלאָדנס, אונטערן טאַפּטשאַן און גאָרנישט געפונען.

— זאָל איך אפשר גיין אין שטאָט אַריין, אָדער ווער פון אייך?

— נישט מיר, דו גיי אין שטאָט אַריין און קום גלייך צוריק — האָט דער עלטערער זיך געזעצט אויפן בריקל ביים צעבראָכענעם פלומפּ — באַלאַמוטשע נישט לאַנג, איינס און צוויי לאָמיך דיך צו־ריקזען.

— כ'קאָן נעמען ס'פערד? — האָט זיך פישל געלאָזט גיין צום וואָגן אויסשפּאַנען ס'פערד.

— אַ פֿאַלקאָווי פֿערד ווילסטו נעמען אין שטאָט אַריין? — האָבן בײדע קאַלמיקן אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גזלנישע אויגן, אַזש ס׳לשון איז בײ אים אָפּגענומען געוואָרן — לויף און קום באַלד צוריק אויב דו ווילסט האָבן פּיס צו טראָגן די שטיוועלעך — האָבן זײ אים נאָכגעשריגן. פֿישל האָט אַ גלעט געטון גזשעבן און זיך געלאָזט גײן מיט די באַנרעלסן אין שטאָט אַרײַן.

ווי נאָר ער האָט זיך דערווײַטערט פֿון זײ און זײער בליק האָט אים שוין נישט געקאָנט גרײכן, האָט ער זיך אָפּגעקערט פֿון וועג און פֿאַרקערעוועט צום וואַלד, אָפּצוואַרטן דעם גאַיאָוווער, אים וואָרענען, זאָגן וואָס ס׳דערוואַרט אים. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט דערהערט טריט אינעם טונקל געוואָרענעם וואַלד בײַ דער זײַט פֿון די רעלסן. ער איז אַרויס פֿון באַהעלטעניש און אַנטקעגן געגאַנגען דעם וואַלדוועכטער וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון שטאָט. ער האָט אים געוויזן מיט אַ פֿינגער אויפֿן מויל, אַז ער זאָל שווײַגן און אים דער־צײלט וואָס ס׳איז געשען און ווער ס׳וואַרט אויף אים אין שטיבל.

— דו בלײב דאָ — האָט אים דער גאַיאָוווער אַ שעפּטשע געטון — וואַרט ביז כ׳וועל דיך רופֿן.

פֿון זײַן באַהעלטעניש אַרויס האָט פֿישל געהערט די קאַלמיקישע קללות און זידלערײַען, געזען דורך די געדיכטע באַבלעטערטע צווײַגן ווי זײ אײַלן אַוועק מיטן לײדיקן וואַסערפֿאַס וואָס האָט זיך געקאַ־טשעט און געטראַסקעט אַ הוילער אויפֿן צעפּאָרענעם וועג.

גזשעב האָט זיך ווידער צעבילט. מיט זײַן געבילערײַ האָט ער פֿאַרטרײַבט דאָס אַוועקגאַלאָפּירן פֿון די פֿערד. און אין וואַלד איז גע־וואָרן שטיל. דער גאַיאָווער האָט אָפּגעהעקלט די קײט פֿונעם דעמב בײַם בײדל און ער איז אַוועק מיט גזשעבן צוריק ברענגען פֿישלען פֿון זײַן באַהעלטעניש אין וואַלד:

— וואַסער אויף טײ וועט אונדז נישט פֿעלן. כ׳האַלט שטענדיק צווײ קאַנען אין רעזערוו. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון קײשל אַלץ וואָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט אין שטאָט. זײ האָבן אָפּגעגעסן וועטשע־רע, געשמועסט נאָך אַ ווײַל וועגן דעם פֿאַרלויפֿעניש מיט די שלימזל־דיקע זעלנערס און געמאַכט נאַכט אין שטיבל.

צווײ טעג האָבן די קאַלמיקן זיך נישט געוויזן. דער גאַיאָוווער האָט דערווײַל דערבײַוועט פֿון ערגעץ אַ שרויף, צוריק פֿאַרלײגט דאָס אײַזערנע הענטל און ווידער האָט דער פּלומפּ געגעבן קאַלט מחיהדיק קוואַלוואַסער פֿונעם טיפֿן ברונעם אַרויס. צוזאַמען מיט די שלעפּצונג, מיט די משא־פּאַיעזדן האָט זיך געשלעפּט די צײַט, פֿאַרשלעפּט מיט זיך דעם ווינטער. ס׳איז געקומען פֿרילינג אויף דער וועלט. אין אויפֿ־

געטייעטן וואַלד האָבן אויפגעלעבט די ביימער. די צייט איז געפלאָסן מיטן רויש פון די בלעטער און נאָכן זומער מיט די גרויסע היצן איבער די פאַרשטויבטע וועגן האָט זיך אונטערגערוקט דער האַרבסט מיט די קאַלטע ווינטן און דערעסנדיקע רעגנס וואָס זענען געקראָכן אין די ביינער. אַז פישל האָט אַריינגעקוקט אין וואַסער־שפּיגל פון קובל האָט ער זיך רעכט נישט דערקענט, געזען דאָרט עפּעס אַ פרעמד פּנים, נישט זיינס, אַזוי האָט ער זיך געענדערט דורך דער צייט. אַ באַוואָקסענער אַ לאַנגהאָריקער האָט ער איצט אויסגעזען ווי אַ נזיר מיט אַן אָפּגעצויגן אַסקעטיש פּנים מיט אַ געקרייזלטער קאָלטענעוואַטער באָרד ענלעך צו אַ רוסישן פּאָפּ, ס'האָט אים בלויז געפעלט די סערמיענגע און שוואַרצן הויכן קיילעכיקן קאַפּל.

* **

מיטן פאַלן פון ערשטן נאַסן שניי אין וואַלד האָט פישלען געצויגן אין שטעטל אַריין. ער האָט שוין איצט מער נישט געוואָלט בלייבן שטעקן אין וואַלד אויף איבערן ווינטער און אין גאַנצן פאַרווילדעוועט ווערן. אין אַ קאַלטן זוניקן טאָג נאָך אַ פרישן שנייפאַל האָט ער זיך געזעגנט מיטן וואַלדוועכטער און מיט גזשעבן און איז אַוועק אין שטעטל זען ווי ס'וועט אים גיין דאָרט צווישן יידן און גוים, צי איז ער טאַקע אַזוי געענדערט אַז קיינער וועט אים מער נישט דערקענען.

ער איז אָנגעקומען אין שטעטל אַ טאָג פאַרן יאַריד, און גלייך אַוועק צום קאַלך־אויוון. אפשר וועט ער דאָרט קריגן אַן אָרט צום שלאָפן און אַ מאָל אויך אַרבעט. דער קאַלך־אויוון האָט טאָג און נאַכט געברענט ווי ס'גיהנום. שבת איז געווען איינגעהייצט בלויז איין אויוון. פון די אַנדערע האָט איינער זיך שטענדיק געקילט. דעם צווייטן האָט מען אויסגעליידיקט און געגרייט צום איינהייצן, אָנצוברענען גענוג קאַלך איידער ס'קומען די גרויסע פרעסט מיט די שניי־זאַווערוכעס וואָס לעשן ס'פייער און לאָזן נישט ברענען דעם קאַלך.

ס'איז טאַקע געווען אַזוי ווי פישל האָט זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט זיך פאַרדונגען צו אַרבעטן ביים קאַלך־אויוון צו מאָרגנס נאָכן יאַריד און דערווייל דאָרט איבערגענעכטיקט די ערשטע נאַכט. פאַרטאָגס האָט ער זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין. ער איז נאָכגעגאַנגען פורלעך, פויערן און פויערטעס וואָס האָבן געטריבן בהמות און חזירים, געטראָגן קאָשיקעס הינער און גענדז און זעק קאַרטאָפל צום יאַריד. אויפן מאַרק זענען שוין געווען אויסגעשטעלט שטעלכלעך און סטראַגאַנעס, בוידן און וועגעלעך מיט אַרויסגעהאָנגענע סחורות. ער האָט שוין דאָרט געטראָפן זיינע שטעטלשע יידן, יאַריד־פאָרערס, טאַנדייטניקעס, שניידערס, געגריוועטע שוסטערס. דער טעפּער מיט זיינע טעפּ,

שיסלען און וואַזעס. אויך דער וואַטע־מאַכער מיט זיינע וואַטענע שפּענ־צערס און קאָלדרעס.

פון וויטנס האָט ער דערזען ליפּע שוסטער מיט זיין אייגענעם געשפּאַן. די בויד באַהאַנגען מיט שטיוול, שיך, ווויליקעס און לאַפּ־טשעס. אויך וואַדיאַנקער, דער אייזנקרעמער פון שטעטל איז דאָ גע־ווען מיט זיינע קאַסעס און סערפּן, שניידמעסערס און גראַבליעס און מיטן פּריוושטיין — דעם מליץ־יושר, אַז זיינע קאַסעס זענען פון שטאָל טהר — ביי זיינע פּיס. ער האָט געקלאַפּט און געקלונגען מיט דער קאָסע אויפן שטיין און די וויברירנדיקע קלאַנגען צוגעטראָגן צו די אויערן פון די פּויערן אַרום און זיך צעשריגן אין בינטל פּויערן אַרום אים:

— גיט אַ קוק אויף דער קאָסע, ריינער שטאָל! נאָר שטיינער צו שניידן! זי וועט נישט צעבראָכן ווערן!

צו אים, צו וואַדיאַנקערן, זייער שכן פונעם פּאַדוויש פון דער מצבה־קריצעריי, וואָס האָט אים, פּישלען, גוט געקענט, האָט ער זיך צוגעשטעלט אויסצופּרווון, צו זען צי ער וועט אים דערקענען כאָטש דורכן קול.

— מאַכט עס נאָך אַ מאָל, עפּעס האָט דער קלאַנג אַ ברוך — האָט פּישל זיך אָנגערופן און די פּויערן אַרום האָבן פּאַטאַקעוועט.

וואַדיאַנקער האָט אויף אים ביטולדיק אַ קוק געטון:

— אַ ברוך אין קלאַנג זאָגט איר, פּאַטערל? ווען האָט איר לעצטנס געהאַלטן אַ קאָסע אין האַנט? — און ווידער אַ קלאַפּ געטון מיט דער קאָסע אין שטיין און געזוכט אין פּויערן־געזעמל דעם פּויער, צו לאָזן אים הערן דעם קלאַנג פון ריינעם שטאָל און אים מער נישט געפונען אַרום זיך.

פּישל איז שוין איצט געשטאַנען לעבן אינוואַליד, דעם בעטלער, וואָס פלעגט זיך אַרומשטופּן אויף די יאַרידן אין שטעטל אויף אַ לאָקשנברעט מיט רעדלעך, מיט שמאַטעס אויף די הענט און שפּילן אויף אַ האַרמאָשקע. ער איז געזעסן אויפן ראָג גאַס און אויסגעשפּילט עפּעס אַ טרויעריק לידל.

— איך שפּיל אויף אַ פידל — האָט אים פּישל געזאָגט.

— גיי צום טייוול, פּויערישער קאָפּ! — האָט די קאַליקע אים צוריקגעוואָרפן אַן ענטפער.

— דיין האַרמאָשקע כריפּעט, דערפאַר האָסטו נישט קיין גראָשן אין בלעכל.

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, — האָט דער קריפּל געשריגן.

— איך מיטן פידל און דו מיט אַ לידל וואָלטן אַ סך בעסער געווען געמאַכט — האָט פישל נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט — דו מיינסט נישט אַזוי? — נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט זיך פישל פון אים אָפּגעקערט און איז אַוועק צום צווייטן בעטלער וואָס איז געזעסן אַ ביסל ווייטער פונעם קאַליקע וואָס האָט אים נאָכגעשריגן: — גיי אין גיהנום אַריין, אַלטער נאַר!

— אַ קאַליקע נעבעך, כ׳מיין זיין גוטס און ער שרייט, שעלט זיך — האָט זיך פישל געווענדט צום צווייטן בעטלער וואָס האָט שוין געהאַט אויפגעהערט זינגען און באַטראַכט דאָס טשיקאַווע פּויערל מיט די קאַוואַלערסקע שטיוועלעך וואָס ער קריגט זיך אַזוי מיט אַ קאַליקע.

— נו, לאָמיך הערן וואָסער גוטס האָסטו פאַר אים, פּאַטערל, — האָט דער צווייטער בעטלער געוואָלט וויסן.

— כ׳האָב אים געזאָגט, ווען ער שפּילט אויף אַ פידל, אַנשטאָט אויף דער גרילצנדיקער האַרמאָשקע, וואָלט זיין בלעכל נישט געווען ליידיק.

— איך, ווי דו זעסט, האָב אַ פידל, האָב איך נישט קיין פינגער — האָט ער געוויזן פישלען די רעכטע האַנט אָן פינגער מיט רויט פלייש ביי די קנעכלעך — געשניטן שעצקע און פאַרבראַקט די פינגער — האָט ער געשמייכלט צו פישלען.

— דו געפעלסט מיר, כ׳וועל שפּילן פאַר דיר אויף דיין פידל וועסטו זען וואָס כ׳קען.

— אַמאָל האָב איך נישט שלעכט געריבן מיטן סמיטשיק — האָט דער בעטלער געמאַכט אָרט אויף דער באַנק פאַרן נייעם באַקאַנטן.

— נו, איז אָפּגעמאַכט? — האָט פישל זיך געוואָלט פאַרזיכערן — וואָס האָסטו צו פאַרלירן?

— אַזאַ גרויסער יאַריד און מע ברענגט אַהיים וואָסער אויף קאַשע. שווערע צייטן, איר זעט דאָך, פּאַטערל, נאָך האַלבן טאָג שוין און אין בלעכל אַ גריוויניקל מיט צוויי קאָפּיקעס — האָט דער בעטלער אונטערגעהויבן ס׳בלעכל מיט די מטבעות.

— ווייסטו וואָס? פאַרקויף מיר די פידל. כ׳האָב אַ רובל מיט קאָפּיקעס, און פאַר דער רעשט וועל איך שפּילן ביז דו וועסט זאָגן: „ס׳איז באַצאָלט”. וויפל ווילסטו פאַר דער פידל? זאָג, וויפל האָט זי די ווערט?

— היינט גאָרנישט. אַ צעפּאָרענע פידל. קיין לייטישן טאָן גיט זי נישט אַרויס פון זיך. כ׳קען זי רעכט נישט אָנסטראָיען — האָט דער בעטלער מודה געווען.

— לאָמיך זען — האָט פֿישל פֿאַרגעשלאָגן — די ערשטע צוויי יאַרידן שפּיל איך אויף פּראָבע.

דער בעטלער האָט פֿישלען אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט מיט די פֿינגער:

— דאָס שותּפֿות איז געמאַכט.

די זון איז פֿאַרקראָכן טיפֿער אין מערב. די פּויערן האָבן זיך גענומען צעפֿאָרן פֿונעם יאַריד. אַלע האָבן זיך שוין געפּאַקט אין וועג אַריין, צונויפֿגענומען די סחורות — גרייטע אַהיימצופֿאָרן אין זייער שטעטל אַריין. פֿישל איז געגאַנגען אַהיים צום בעטלער אין שטוב אַריין, זיך באַקענען מיט דער „כלי", וואָסער פּנים זי האָט, צי די פֿידל האָט עפּעס אַ ווערט.

מיט ציטערדיקע הענט, האָט ער גענומען די פֿידל אין דער האַנט אַריין. קוים באַרירט די סטרונעס. לייכט אַ צופּ געטון איינע, אַ צווייטע. אויפֿן געדאַנק איז אים געקומען יאָסל קלעזמער, סילעמאָן דער אַלטער ציגיינער, און ווי יענער האָט ער איצט אויך אַזוי געסטרויעט זיין פֿידל און אַנגעשטעלט אויפֿן אויער און אויף די פֿינגער. אַ צי געגעבן לייכט מיטן סמיטשיק, קוים באַרירט די סטרונעס, אַ צופּ געטון אַ סטרונע ביז די פֿידל איז געוואָרן אָנגעסטרויעט. ביידע, פֿישל און דער בעטלער האָבן געקוואָלן פֿונעם שותּפֿות און פֿון דער פֿידל וואָס האָט איצט אַרויסגעגעבן פֿון זיך אַ ריינעם, קלאָרן, לויטערן טאָן.

אויפֿן אַנדערן טאָג נאָכן יאַריד האָט גענומען אַרומיאָגן אַ שניי־זאַווערוכע איבערן יאַריד־שטעטל, אַרום קאַלך־אויוון, איבער די דעכלעך און קוימענס פֿון די ברענענדיקע אויוונס, געלאַשן און איינגעדישעט ס'פֿייער, נישט געלאָזט מער ברענען דעם קאַלך. פֿישל איז אַוועק צום בעטלער שאַרפֿן די פֿינגער, זיי צוגעוווינען צו דער פֿידל, זיי זאָלן זיך פֿלינקער בייגן, באַוועגן זיך פֿרייער. ער האָט דעם טאָג געמאַכט ס'פֿידעלע רעדן, זינגען, טרעלן און וויינען מיט בענקשאַפֿט און טרויער. ס'האָט פֿאַרכישופֿט דעם בעטלער מיט זיין בלינדער מאַמען און פֿאַרזעסענער שוועסטער.

דאָס עלטערע מיידל האָט איצט גענומען אויסבעטן אַ ווייך און וואַרעם געלעגער פֿאַרן פּויער, דעם פֿידל־שפּילער לעבן זיך דאָרט אויפֿן פּיעקעליק איבערן איינגעהייצטן וואַרעמען אויוון.

אין פֿישלס אויסגעהונגערט לייב, אויסגעהונגערט נאָך אַ פֿרוי, ליבשאַפֿט, צערטלעכקייט, האָט איצט אויפֿגעוואַכט דער דראַנג צום לעבן, צום געניסן פֿון לעבן, פֿון די אַלע גוטסן וואָס ס'לעבן פֿאַרמאָגט. ער האָט זיך אַריינגעצויגן צום בעטלער, אים אַוועקגעגעבן זיין רובל

מיט קאָפּיקעס פאַר דער פידל. די ווינטערדיקע טעג זענען קליין, די שעהען פון די יאַרידן — געציילטע, און ווייניק די וואָס קומען אויף די יאַרידן. פישל האָט נאָך צוגעברענגט אין שטוב אַריין וואָס ער האָט פאַרדינט ביי די קאַלך־איווונס. סוף ווינטער, נאָענט צו פּסח און פּאַסכאַ האָט פישל אויפן יאַריד, נאָך אַ טאָג אַ סך שפּילן און ווייניק נדבות — פאַרקויפט זיינע דראַגונישע קאַוואַלערסקע שטיוועלעך, צוגעצאָלט דעם שותּף זיינעם, דעם בעטלער ביז פינף רובל, וואָס ס'איז אים געקומען פאַר דער פידל און פאַרן רעשט געלט זיך געקויפט ביי ליפע שוסטער אַ פּאָר געגריוועטע שיך.

— קיין סך וועט דיר שוין נישט צוקומען, מיין איך, און די פידל וועט מיר געהערן — האָט ער געזאָגט דעם בעטלער.

— האָב חתונה מיט ציטקען — האָט די אַלטע געזאָגט צו פישלען, קוקנדיק קאַסאָקע אין מיטן שטוב אַריין — און די פידל וועט פון איצט אָן זיין דיינע.

דער בעטלער און פישל האָבן ביידע געשוויגן. די אַלטע איז ווייטער צוגעשטאַנען:

— ביסט דאָך שוין סיי ווי אָן אייגענער אין דער מישפּחה. מיט ציטקען אויפן געלעגער און מיט די הענט אין דער שיסל. אויב דו שעמסט זיך צו גיין מיט איר אין קלויסטער אַריין, מע זאָל דיך נישט באַוואַרפן מיט האָפּן, וועט דער גלח קומען אַהער.

פישל האָט אויסגעהערט דער בלינדערס צודרינגלעכע רייד און געזוכט צו פאַרטרייבן פון זיך די פרישע צרה וואָס גייט אויף אים:

— דו ביסט גערעכט און ס'איז ריכטיק אַלץ וואָס דו זאָגסט, נאָר נאָך וואָס טויג ציטקען אַן אַלטער בעטלער וואָס האָט די ווערט וואָס די שטרוי אין סטאַדאָלע?

— נו, מאָרגן איז אַ יאַריד־טאָג — האָט דער בעטלער זיך אָנגערופן — נעם זיך צו דער פידל, גרייט זיך גוט צו... וואָס בעסער ס'שפּילן, גרעסער די נדבות.

פישל האָט געשפּילט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געקלאָגט און געוויינט אויפן פידעלע ביז די אַלטע האָט אים געשיקט צו ציטקען אויפן פּיעקעליק און אַליין זיך גענומען אויסבעטן אויף דער ערד ביים אויוון און אויך געהייסן דעם זון זיך גיין לייגן שלאָפן אויף זיין שעניק ביי דער טיר. אין שטיבל איז איצט נישט מעגלעך געווען אַ פּוס אַריינצושטעלן פון ענגשאַפט. אויך דער טיש מיט דער באַנק זענען געווען פאַרנומען. אויף זיי זענען איצט אַרויף די בענקלעך צום זיצן, צו מאַכן פּלאַץ פאַר די געלעגערס אויף דער ערד.

באין ברירה איז פישל געקראָכן צו ציטקען אויפן פיעקעליק, ער האָט זיך אָבער געלייגט אַ ביסל אָפּגערוקט פון איר, ווי אַלע מאָל פריער איז ער געליגן כמעט אויפן ברעג פונעם געלעגער און נישט געקאָנט אַזוי געשווינד איינשלאָפן. אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט ער געהערט ווי די אַלטע האָט זיך צוגעשאַרט צום זון ביי דער טיר און אים געמוסרט, געדאָט צו אים טענות:

— וואָסער ברודער ביסטו? ווי דערלאָזסטו אַז דער אַלטער היצעל זאָל אויסניצן דיין שוועסטער אַ גאַנצן ווינטער און דו צווינגסט אים נישט, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן?

— דאָס איז איר זאַך, נישט מיינע. פאַר וואָס האָט איר ביידע נישט געצווינגען די אַנדערע, די יונגע, וואָס האָבן גענאַשט די סמעטענע, און ער דאַרף באַצאָלן פאַר דער פאַד-סמעטענע? פאַר וואָס וואַרף איך זי נישט אַרויס, זאָג בעסער, און ווער פון איר פטור, וועט זיין מיט אַ מויל ווייניקער צום עסן — האָט דער בעטלער געענטפערט מיט ביטערקייט און צוריק-טענה.

— ווערסט נאָך זען — האָט אים די אַלטע געוואָרנט — ער וועט נאָך ביי דיר צונעמען די פידל און אַוועק. וועסט בלייבן ביי גאָרנישט און זי וועט גאָרנישט האָבן. צווינג אים חתונה האָבן מיט איר און דו וועסט האָבן אים מיט דער פידל. ער וועט דיר זיין אַ הילף, פאָלג מיך, דעם אַלטן נאַר — האָט זי זיך ביי אים געבעטן.

— מע קאָן אים נישט צווינגען. ער האָט אונדז אַזוי אויך אַ סך געהאָלפן. די שברי-כלי איז זיינע. ער האָט פאַרקויפט די שטיוול פאַר אונדז. די פידל געהערט אים. ער וועט סיי ווי נישט שטיין מיט איר, מיט ציטקען.

— און ליגן מיט איר וויל ער יאָ, דער אַלטער נואף! איך וועל אים ווייזן. כ'וועל אַליין גיין נאָכן גלח. אויב ער וועט נישט וועלן חתונה האָבן מיט איר, וועט ער ביי מיר גיין אויף קאַטאָרגע, דער אַלטער ווייבערניק. ער האָט צו מיר אויך געוואָלט קריכן ווען כ'לאָז אים — האָט זי געציישעט ווי אַ שלאַנג.

— זאָגסט אַ ליגן! — האָט דער בעטלער אַ ריטשע געטון — ער וואָלט צו איר אויך נישט געגאַנגען ווען דו שיקסט אים נישט אַרויף. דו האָסט באַדאַרפט גיין אויבן און אים לייגן אונטן. דו ביסט שולדיק און אויך איך בין שולדיק, וואָס כ'האָב עס געלאָזט...

— כ'וועל אים אַ מעשה אָנטון, ס'קיכמעסער וועט ער ביי מיר קריגן אין האַלדז אַריין — האָט זי אַרויסגעציישעט און גענומען צוריק קריכן צו איר געלעגער ביים אויוון.

אויך ציטקע האט געמוזט הערן דעם אויסטויש פון רייד צווישן דער מוטער מיט איר ברודער און אוודאי מסכים געווען מיטן ברודער, אז זי קען נישט די ווייבערישע קונצן פון צובינדן צו זיך מענער, זיי זאלן זיך האלטן ביי איר. זי קען נישט שפילן אין קיין קאץ און מויז מיט קיין מאן, און אוודאי נישט מיט דעם וועמען זי האט ליב און ליב האט זי אלע מענער וואס קומען מיט איר אין באריר. וועמען זי האט ליב דעם גיט זי זיך איבער מיט דער פולער מאס און נעמט מיט דער זעלבער מאס.

ציטקע האט פלוצעם א צי געטון צו זיך פישלען, זיך איינגענורעט אין אים, זיך געלאשטשעט צו אים מיט אלע אירע אברים. ווי א דארשטיקע איז זי צוגעפאלן צום קוואל ביז זי איז געווארן זאט און אנ־געזעטיקט. ווען ס׳האט אנגעהויבן אריינגראען אין שטוב ארײן דורך די לאדן־שפעלטעלעך האט אים דער בעטלער געוועקט צום אויפשטיין, צו גיין מיט אים שפילן אויפן יאריד.

דעם יאריד־טאג האט פישל ארויסגעצויגן פון זיין פידעלע א סך בענקעניש און אומענדלעכן טרויער. אלע טרויעריקע לידער פונעם אלטן ציגיינער, פון סילעמאנען האט ער אויסגעשפילט דעם טאג, און אויך צוגעמישט א ים יידישן טרויער און צער. די יאריד־מענטשן האבן געהערט זיין שפילן און געווארפן אין בלעכל זילבערנע מטבעות, גריוו־ניקלעך. אויך קופערגעלט האט נישט געפעלט דעם טאג פון ערב יום־טובדיקער שפע וואס איז פון זיין שפילן שוין געווארן יום־טובדיק, פייערלעך. מענטשן האבן זיך כסדר אפגעשטעלט, זיך צוגעהערט צו די באצויבערנדיקע טענער נאכן אריינווארפן זייערע מטבעות. א סך האבן זיך אומגעקערט און צוגעווארפן עפעס צו זייערע פריערדיקע נדבות. ס׳בלעכל איז פול געווארן א סך פריער ווי אין אלע פארגאנ־גענע יארידן.

נאכן אויסליידיקן ס׳בלעכל עטלעכע מאל, האט דער בעטלער גע־זאגט צו פישלען:

— די פידל איז דיינע. היינט האסטו זי אויסגעצאלט. אפשר צוויי רובל ליגן שוין אין מיין קעשענע און ס׳בלעכל איז שוין ווידער פול. נעם די פידל און גיי וווהין דו ווילסט...

— א גרויסן דאנק דיר, גוטער ברודער. די פידל איז מיינס און ס׳שותפות איז דיינס. ווען ס׳וועט מיר ווידער אויסקומען צו זיין דא, וועל איך שפילן מיט דיר — האט פישל אריינגעלייגט די פידל אין שייד און זיך דערנענטערט צו די פויערישע פורלעך בעטן, מע זאל אים מיטנעמען וווהין זיי פארן.

די יאריד־פויערן האבן זיך געאיילט און נישט געהערט וואס ער רעדט צו זיי, וואס ער וויל פון זיי און אוועקגעיאגט מיט די פורן. קיינער פון זיי האט נישט געוואלט קיין בעטלער, מעג ער זיין דער גרעסטער פידל־שפילער און פארשאפן מיט זיין שפילן די גרעסטע הנאה — אים געבן א נאכטלעגער. אלע האבן אים אפגעזאגט. די עטלעכע פויערישע פורמאנקעס לעבן ליפע שוסטער האבן אים אפגע־שיקט צו ליפען, און אים צוגעהאלפן אויסבעטן ביי אים א יאזדע, ער זאל אים מיטנעמען צו זיך אין שטעטל אריין:

— פאר מיט ליפען. די צווייטע וואך וועט זיין דער יאריד אין זיין שטאט — האבן אים אלע געראטן און טאקע אריבערגעשריגן צו ליפען, ער זאל אים מיטנעמען, דעם פידל־שפילער. ס׳וועט אים זיין היימלעכער אין וועג. ער וועט אים אנטרייבן די פערד און ער, ליפע, וועט זיך קאנען אויסרוען.

כיטרע פויערלעך — האט ליפע געטראכט, אבער נישט געוואלט נאכגעבן:

— כ׳פאר דאך נישט אין זיין געגנט, ער איז דאך פון דארף...

— ער וויל טאקע פארן אין שטאט אריין, ליפע, אבי נישט צו בלייבן דא — האבן די לעצטע עטלעכע פורלעך זיך א ריס געטון מיט איין מאל און אנטלאפן. אויפן ליידיקן מארק נאכן יאריד זענען גע־בליבן ליפע מיט זיין חיים־לייב און פישל דער בעטלער מיט זיין פידל אונטערן ארעם.

ער איז אליין, א נישט דרייסטער צוגעגאנגען צו ליפען און אים געבעטן, ער זאל אים מיטנעמען מיט זיך. ער וועט פאר זיי אנטרייבן ס׳פערד ביז אין זייער שטאט, אדער ביז ווילקע. אין דעם דארף האט ער א פריינד און ביי אים וועט ער איבערווארטן ביזן יאריד אין שטעטל.

— אז דו קענסט שפילן אויף פידל — האב איך געהערט, אבער לייצעם האלטן? פון וואנען קאן א פידל־שפילער האלטן א פאר ליי־צעם? — האט ליפע געפרעגט א קלאץ־קשיה — כ׳גלייב אז דו קענסט דעם וועג קיין ווילקע.

— א שיינע פראגע, וואסי, ווילקע געפינט זיך דען הינטער די טאטרענבערג? — איז פישל שוין געקראכן אין וואגן אריין — גרייט צו נעמען די לייצעם און לאזן זיך אין וועג אריין.

— אז דו ביסט אזוי זיכער, טא נא! — האט אים ליפע געגעבן די לייצעם און געהייסן דעם צעניאריקן זון זיינעם, חיים־לייבן, זיך זעצן הינטערן ערל און זען צי ער יכולט. אויב יא איז הרי־טוב, אלא

נישט, זאָל ער אַליין איבערנעמען די לייצעס פון אים — האָט אים ליפע געזאָגט אויף יידיש און איז אַריינגעקראָכן טיף אין בויד אַריין, זיך געלייגט אויף די ראַגאַזשעס אַפּרוען און באַלד גענומען איינדרעמלען אַ מידער פון אַ גאַנצן טאָג שטיין אויפן יאַריד.

***

ווען זיי זענען שוין געהאַט דורכגעפאָרן ס'וועלדל און אַרויסגעקומען אויפן שאָסיי וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין, האָט זיך ליפע שוסטער גענומען וועקן, נאָר אויפגעכאַפּט זיך ערשט הינטערן שטעטל. פישל האָט געגעבן אַ צי די לייצעס און פאַרהאַלטן ס'פערד. די בויד האָט זיך אויפגעהערט טרייסלען. זי איז געבליבן שטיין. ליפע איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער בויד, צוגעלאָפן צום בעטלער מיט אַ געשריי:

— וואָס שטייט מען? פאַר וואָס פאָרט מען נישט? — דערזען אַז מ'איז שוין נישט ווייט פון דער שטאָט, שוין אַריבער ס'ווילקעוועלדל און ס'דאָרף, האָט ער דערלאַנגט דעם פויער אַ האַלב קערבל, אים געוווּנטשן אַ גוטן שליטוועגס, איבערגענומען די לייצעס און אַריינגעטריבן אין שטאָט אַריין.

פישל האָט געהאַט בדעה צוריקצוגיין קיין ווילקע, איבערוואַרטן ביזן יאַריד אין שטאָט. צום סוף האָט ער מיטן אויפגיין פונעם טאָג פאַרקערעוועט צוריק אין שטעטל אַריין מיטן געדאַנק צו גיין צו יאָסל קלעזמער איידער יענער גייט דאַווענען, אים בעטן אָנזאָגן זיין טאַטן, אַז דער זון זיינער איז דאָ צוריק, צוגרייטן אים פאַר זיין צוריקקער אַהיים צו זיך אין הויז אַריין. נישט איין מאָל האָט יאָסל קלעזמער ווייך געמאַכט דעם בייזן טאַטן און פאַרהיט פישלען פון קלעפּ.

ער האָט אויך געוואָלט בעטן יאָסלען, ער זאָל אים צונעמען פאַר זיין אונטערשפּילער, ער זאָל זיין זיין באַהעלפער אויפן אָרט פון געשטאָרבענעם רחמיאלן. אָבער דורכגייענדיק ס'געסל אויפן וועג צו יאָסלען, איז ער גאָר פּלוצעס אָן טראַכטענישן אַריין אין טאַטנס הויז. ער האָט אַפילו נישט אָנגעקלאַפּט, נאָר זיך דורכגעשטופּט דורך דער קוים געעפנטער טיר. אַלע שכנים אַרום זענען נאָך געשלאָפן. ער איז געבליבן שטיין אין דער פינצטערער קיך און געוואַרט ס'זאָל אים ווער דערהערן. אין גאַנצן הויז איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. די הרובע איז געשטאַנען קאַלט, אָן אַ גלאָווניע פייער, אָן אַש. גאָרנישט ווי אַמאָל. ס'איז איצט נישט געווען צו דערקענען דעם מצבה־קריצערס הויז. אַזוי שטיל איז דאָ. דורך דער הינטערטיר איז ער אַריין, פישל,

אין פּאָדווישל, פון דאָרט צו דער שלאָפנדיקער אוליצע און צו יאָסל קלעזמער וואָס האָט זיך געגרייט גיין אין בית-מדרש אַריין צו שכמה. יאָסל האָט געמיינט אַז דער האַלצהעקער איז עס געקומען אָנהאָקן האָלץ. ער האָט זיך געבייזערט און געעפנט די טיר צו זאָגן אַז ער זאָל קומען שפּעטער אַ ביסל. ווען ער האָט דערזען דעם גאַסט, איז ער נשתומם געוואָרן און האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן:

— פישל? יאָ, פישל? דאָס ביסטו?

— ווי זענען אַלע ביי אונדז אין הויז? — האָט פישל זיך נישט גערירט פון אָרט.

— דער טאַטע דיינער איז אַוועק פרי אין בית-מדרש אַריין, ווי זיין שטייגער איז. זינט דיין מאַמע עליה השלום, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן, איז אַוועק אויפן עולם-האמת, גייט ער דאַווענען נאָך פאַרן האָנענקריי און קומט אַהיים נאָך וואַרעמס. מע זאָל אַזוי נישט וויסן פון ניקאָליים צרות, ווי כ'ווייס נישט ווי אַזוי אים צו זאָגן אַז דו ביסט דאָ. ווי אַזוי דו זעסט אויס וועט ער שוין אַליין זען — האָט זיך יאָסל קלעזמער געצופּט ס'בערדל אין גרויס פאַרלעגנהייט, געקעמט עס מיט די פינגער, באַטראַכט דעם פּאַרוואַקסענעם פּאַרשוין. אין גאַנצן ענלעך צו אַ פּויער פון פּויערנלאַנד, אַ שרעק אין דער וועלט!

— דערוויל זאָג בלויז אַז כ'בין דאָ — און אַזוי על רגל אחת אים דערציילט פאַר וואָס ער זעט אַזוי אויס און וועט נאָך אַ לאַנגע צייט מוזן אויסזען ווי אַ נישטדאָיקער.

— קודם, זעץ זיך שבעה אויף אַ שעה צייט נאָך דער מאַמען דיי־נער, אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל זי האָבן — האָט יאָסל אים אונטערגערוקט אַן איבערגעקערטן טאַבורעט, געהייסן אים אויסטון די שיך און זיך אַראָפּזעצן נידעריק, ווערן אַן אָבל. און אַליין זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. ער איז אַוועק אין בית-מדרש אַריין, אויפגעזוכט דעם מצבה־קריצער און זיך געשטעלט דאַווענען לעבן אים און געקרעכצט אַזוי ווי ער.

אויך יאָסל איז געווען אַן אַלמן און האָט געטרויערט נאָך זיין ווייב. געמוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז דער מענטש לעבט נישט אייביק. נאָך דעם קלאַפּ איז געקומען אַ צווייטער. דער טויט פון זיין באַהעלפער, רחמיאלן, דער פידל-שפּילער, זיין צווייטע האַנט. איצט איז זיין העלפער פינחסל טרומייטער וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אין דער פייערלעשער-קאָמאַנדע. היינט פּאַרטרומייטערט ער יידישע חתו־נות. אָבער יאָסל פאַלט נישט ביי זיך אַראָפּ. ער האָט זיך נישט אַראָפּ־געלאָזט ווי דער מצבה-קריצער נאָך זיין ווייבס טויט.

פישל האָט דערקענט דעם טאַטנס טריט ווי נאָר זיי האָבן זיך דערטראָגן אַהער פון דער אוליצע צום קלעזמערס שטוב. ער איז שיער פון דער הויט נישט אַרויס ווען ער האָט דערהערט דעם פאָטערס קרעכצן אין פאָדערהויז איידער ער איז אַריבער די שוועל, געעפנט די טיר און אַריין אין הויז. ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם חשבון פון דער צייט איז פישל אַזוי געבליבן זיצן אויפן טאַבורעט-בענקעלע, נישט אויפגעשטאַנען, נישט אַנטקעגן געגאַנגען דעם פאָטער. ער איז אַזוי געבליבן זיצן מיטן פּנים אין די הענט און מיט די אויגן צום דיל.

— נו, שטיי שוין אויף, עבר זמן בטלו קרבנות — האָט זיך ביים פאַרביטערטן טאַטן אַרויסגעכאַפּט אַ שטאָכווערט אויפן זונס אָפּגעבן כּבֿוד אַזוי שפּעט דער געשטאָרבענער מאַמען זיינער — גיי, וואַש זיך די הענט און קום אַהיים — האָט דער מצבֿה-קריצער געזאָגט שטייענדיק הינטער אים מיט דער אַרויפגעלייגטער דלאָניע אויף פישלס אַקסל.

— כ'דאַרף דאָ בלייבן מיט ר' יאָסלען — האָט פישל געזאָגט מיט אַ מאָט קול און דערציילט דעם טאַטן, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער פון סלוזשבע, אַ דעזערטיר, און ער טאָר זיך נישט געבן צו דערקענען ווער ער איז. ער וועט בלייבן ביי ר' יאָסלען, ווי זיין אַרויסהעלפער, זיין אונטערשפּילער עד שיעבור זעם, ביז מע וועט אין אים פאַרגעסן.

דער מצבֿה-קריצער האָט אַ שווערן קרעכץ געטון, קוקנדיק אויפן פאַרגרעבטן פויערישן אויסזען פון זיין זון, דעם תּרבות-רעהניק, וואָס האָט ביי פאָניען פאַרלוירן די רעשט פון זיין יידישער צורה, אַ באַוואָקסענער ווי אַ פּאָפּ, ווילד, ווי אַ חיה פון וואַלד. ווער ווייס מיט וואָס ס'וועט זיך ענדיקן דאָס אַליץ? אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער פּאָזשאַרנע-קאָמאַנדע און אַזוי איז עס ווייטער געגאַנגען באַרג-אַראָפּ. איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין די גויים וואָס זענען געקומען אין שטוב אַריין און זיך אויסגעפרעגט אויף פישלען וואָס איז ווי אין וואַסער אַריין.

— גיי, שער זיך כאָטש אָפּ לכּבֿוד פּסח. כ'וועל דיר ברענגען אָנטועכץ. מסתּמא בין איך אַזוי ווערט ביים רבונו-של-עולם — האָט דער טאַטע אָפּגעזיפצט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— יאָ, גיי צום פעלדשער און שער זיך אַ ביסל אונטער איידער דו ווערסט אַן עמך-קלעזמער. גיי שוין, וועסטו זיין דער ערשטער — האָט אים יאָסל קלעזמער אונטערגעטריבן.

דער טאַטע האָט אים געברענגט ס'אָנטועכץ, אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע מיט אַ שוואַרץ טוכן היטל מיט אַ דאַשיק. פישל האָט זיך איבערגעטון. דער טאַטע האָט געקוקט אויף אים און געקרעכצט. ס'איז

אַלץ נישט דער פישל, אַפילו נישט פון דער פּאַזשאַרנע־קאָמאַנדע. פּאַניע מאַכט פּאַר אוים ייד, מעקט אָפּ דעם יידישן פּרצוף־פּנים, רחמנא־לצלן.

— פּרייטיק וועסטו גיין אין מרחץ אַריין מיט ר׳ יאָסלען. אַז דו ווילסט קאָנסטו קומען קריצן מצבות, וועסטו דערווייל האָבן מיט וואָס זיך צו פּאַרנעמען.

— כ׳מיין צו ווערן ר׳ יאָסלס אונטערשפּילער, אויף רחמיאלס אָרט. כ׳האָב אַ פידל, אַ גוטע פידל — האָט פישל געזאָגט שטיל און נישט געקוקט דעם טאַטן אין די אויגן אַריין, ווי אַ פאַרזינדיקטער.

— דיר צו לענגערע יאָרן — האָט יאָסל אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן — וואָס האָסטו געזאָגט האָסטו? — אַ פידל? קענסט שפּילן אויף פידל?

אויך דער מצבה־קריצער האָט נישט געגלייבט זיינע אויערן. ווי קומט צו זיין פישלען קלעזמעריי? פון וואַנען האָט ער גענומען אַ פידל? ער וויל נאָך ווערן אַן אונטערשפּילער אויף חתונות. איז נישט בעסער איבערצונעמען די חזקה פון טאַטן און זיידן אין דער שטיינקריצעריי? וועט ער אַליין איצט זיין דער לעצטער דור אין דער אַלטער מישפּחה מצבה־קריצערס?

יאָסל קלעזמער האָט גענומען אַרומגיין אַרום פישלען, ווי ביי אַ כלה־באַדעקנס. איצט וועט ער ענדלעך פּטור ווערן פונעם טרומייטער וואָס פּאַרריטשעט יידישע חתונות, לעכערט דעם מוח, צעמישט אים די פינגער איבער די סטרונעס:

— ווו איז די כלי, לאָמיך זען? עפּעס אַ לייטישע זאַך? — איז יאָסל געוואָרן אַן אויפגעהייטערטער פון דער נייס.

— כ׳האָב די פידל געלאָזט אין הויז איידער כ׳בין געקומען אַהער — האָט פישל אַריינגעקריגן לעבן אין זיך פון יאָסלס אַרומטאַנצן אַרום אים.

— נו, ר׳ מרדכי — האָט יאָסל זיך צוגערוקט צום מצבה־קריצער און אָנגעוויזן אויף פישלען — זעט איר שוין ווי דער רבונו־של־עולם פירט זיין וועלט? זיין השגחה איז גרויס, פול מיט רחמים און צדק. כ׳האָב זיך געשראָקן, געמיינט אַז נאָך מיר וועט קומען דער טרומייטער און פאַרטרומייטערן יידישע כלהס, היימישע חתונהס. וואָסער פּנים קאָן שוין האָבן אַן אונטערפירן, צי אַ מצווה־טענצל באַגלייט פון אַ טרומייטער? כ׳זאָג אייך, ר׳ מרדכי, אַ נס, אַ נס מן השמים!

דער מצבה־קריצער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר, גרייט צום גיין, האָט איצט געשוויגן, נישט צו וויסן צי ער האָט

געהערט יאָסלס רייד, צי נישט. יאָסל האָט אָבער פאַרט געוואָלט דער־נענטערן טאַטע און זון,ביידע צוויי עלנטע מענטשן:

— נו, ר׳ מרדכי, זעט איר כאָטש סאַראַ קינד איר האָט? אַ זון שטעלט זיך אין סכנה און גייט זען דעם טאַטן אין טאַטנס הויז. איי, בנים חיי מזוני, טאַטעניו! איך האָב צו דעם נישט זוכה געווען.

דעם מצבה־קריצערס ברעמען האָבן געצוקט און די אַקסלען האָבן ביי אים געציטערט, זיך געהויבן. מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אין דער לופטן און מיט טרוקענע ליפּן האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— געלויבט דעם באַשעפער! ער פירט אַזוי, זאָל זיין אַזוי. אָבער תכלית? איז דאָס אַ תכלית?

— איי, איי, ר׳ מרדכי, זינדיקט נישט. דער רבונו־של־עולם פירט אַלץ מיט אַ תכלית. ווייניק יונגעלייט ווערן פאַרלוירן ביי פּאַניען? נו, איז עס נישט קיין תכלית אַז אייער פישל זאָל ווערן אַ קלעזמער, כ׳פרעג אייך?

דער מצבה־קריצער איז אַ טרויעריקער, אָבער אַ דעצידירטער אַרוים פון יאָסלס הויז נישט פאַרזוימענדיק זיך לאַנג איז ער צוריק געקומען און געברענגט מיט זיך די פידל. מיט גרויס חשק האָט זיך פישל צוגעכאַפּט צו דער פידל ווייזן וואָס ער קען. פלינק און געניט האָט ער זי געגעבן אַ טראָג צו צום אַקסל און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צוגעשפּאַרט די גאָמבע און גענומען פירן דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס, פּרווון דעם טאָן, אָנסטרויען זי צום שפּילן — גרייט פאַר פּראָבע, אויפן פאַרהער פון יאָסל קלעזמער, און מיט זיכערקייט אין זיך אָנגעהויבן שפּילן.

יאָסל קלעזמער, ווי אַ גוטער מבין, האָט געקוואָלן פון אַלע זיינע תנועות ביים אָנשטעלן די כלי, האַלטן דעם סמיטשיק לייכט איבער די סטרונעס, ווי אַ מאַגיקערס כישוף־שטעקעלע וואָס ציט אַרויס פייגל פון צילינדערס, קאָלירטע סטענגעס פון אַרבל. פישלס פינגער האָבן גענומען שוועבן איבער די סטרונעס און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ הימלי־שע נגינה, ווי די לויים וואָלטן געשפּילט אויף די האַרפן און פידלען. יאָסל האָט זיך געשטעלט ביי זיין זייט און מיט פאַרמאַכטע אויגן מיטגעשפּילט מיט פישלען, געצויגן מיט די ברעמען, געקנייטשט דעם שטערן און ווען זיי האָבן געענדיקט שפּילן האָט יאָסל צוגעקלאַפּט שטיל מיט די פינגער:

— אַ קינסטלער פּערווע גילדיע! — האָט יאָסל זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון פישלס שפּילן — ר׳ מרדכי, אייער זון איז אַן אמתער קלעזמער!

ווען ר׳ מרדכי מצבה-קריצער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אָן אַ וואָרט, אָן אַ „זיי געזונט" אַרויס פון ר׳ יאָסלס שטוב, האָט זיך יאָסל קלעזמער אָנגערופן צו פישלען וואָס איז געבליבן געפּלעפט פון זיין טאַטנס פלוצעמדיקן אַפּטראָגן זיך:

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, פישל, אַלץ וואָס דו שפּילסט איז שיין און גוט, נאָר נישט יידישלעך. ס׳גיט אַ צופּ ביי דער נשמה, ס׳צע-רודערט, נאָר ס׳איז ציגיינעריש, ווילד, ס׳שמעקט מיט הפקרות. דערפאַר איז דיין טאַטע אַוועק. האָסט מיך פאַרשטאַנען? דאַרפסט שפּילן מיט מער דבקות, אַ טיפערן קנייטש און בייג. ס׳זאָל אויך אַן אמתן דער-פרייען, דערהייבן. אָט דאָס איז יידישלעך. אַ יידישער קלעזמער, פישל, איז נישט קיין מוזיקאַנט — האָט ר׳ יאָסל געזאָגט מיט זאָרג — אַ יידישער קלעזמער איז אַ שליח-ציבור, אַ בעל-תפילה, וואָס וויל גרייכן די שערי-שמים, עפענען די שערי-רחמים דורך נגינה. צום גליק איז נישטאָ קיין חתונה ביז נאָך אַלע היומס, נאָך אַלע ימים-טובים. דער-ווייל וועסטו צייט האָבן צו גרייטן זיך ביז צו דער גרויסער חתונה פון חיים באַיערס טאָכטער.

די צייט איז דערווייל געלאָפן און שוין האָט זיך אונטערגערוקט דער זמן-חתונה מיט די פאַרפאַרענישן און אין שטעטל איז געווען היימ-לעך, ששון-ושמחה. אויף דער חתונה-סאַלע, ביים באַדעקנס, צום חופּה-פירן האָט געשיינט און געגלאַנצט אַ נייער קלעזמערישער שטערן — פישל דער קלעזמער מיט זיין פידעלע. חתן-כלה זיינען געזעסן ביי זייער גאָלדענער יויך און פישל האָט געשפּילט מתיקותדיקע שטיקלעך אויף זיין פידל.

ביז אין טאָג אַריין האָט מען געטאַנצט. ס׳איז גאַרנישט מיד גע-וואָרן. פון אַלע ווינקלען האָט מען געהערט רופן: — ר׳ פישל, שפּילט אַ וואָלס!... ר׳ פישל, שפּילט אַ וואָלעכל!.. ר׳ פישל, דעם רבינס רינה וגילה!... פאַר די עלטערע פרויען האָט ער אויסגעפירט אַ שער. אויף דער חתונה פון חיים באַיערס טאָכטער האָט פישל דער קלעזמער באַ-שיינט ר׳ יאָסלען, און יאָסל האָט אים פון דער חתונה אָן גערופן: ר׳ פישל. טאַטעס פון פאַרקנסטע טעכטער האָבן דאָ געפּאַלגט זייערע וויי-בער און גלייך אויפן אָרט, אויף דער גבירישער חתונה, זיך פאַרזי-כערט מיט ר׳ פישל קלעזמערס באַזעצן און אונטערפירן זייערע טעכטער צו דער חופּה. פון חיים באַיערס סאַלע האָט זיך פישל קלעזמערס נאָמען צעטראָגן ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער גובערניע. טאַטעס האָבן באַשטימט זמן-חתונהס לויט דעם ווי ר׳ פישל וועט קענען שפּילן. גרויס דרך-ארץ האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן ר׳ פישלס אָפּזאָג אַנטקעגנ-

צורייטן דעם חתן נאַשפּיץ פון חיים באַיערס קאַטש און די אַנדערע פורן מיט מחותנים און אַ פאַרשטעלטער שפּילן אויפן פידל:

— אַ קלעזמער בין איך, נישט קיין לץ! אַ קלעזמער איז נישט קיין פּאַיאַץ!...

פון דעמאָלט אָן האָט ר׳ פישל קלעזמערס נאָמען אָנגעהויבן שיינען און שמען אין שטעטל. אַ חתונה אָן אים איז געווען אַ שטילע קליינע חתונה, נישט געווען פון וואָס צו רעדן, וואָס צו דערציילן און אוודאי נישט וואָס צו געדענקען.

נאָך דער גרויסער פריילעכער חתונה ביי די באַיערס האָט זיך יאָסלס האַנטציטערניש פאַרערגערט. זיי האָבן זיך געטוישט מיט די ראָלן אויף די חתונות. פישלען האָט ער געגעבן די ערשטע ראָל און זיך אַליין גענומען די ראָל פון אַן אונטערשפּילער. יאָסל איז געווען צו־פרידן צו שפּילן די צווייטע פידל אונטער פישלען. און אַז ס׳איז יאָסלען געוואָרן ערגער, די האַנט האָט שוין נישט געפאָלגט און דער סמיטשיק האָט זיך געצאַפּלט איבער די סטרונעס, געצופּט זיי און געריסן, און די האַנט האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט צו האַלטן דעם בויגן, איז ער איצט נאָכגעגאַנגען פישלען ווי אַ שאָטן. דער שאָטן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער ביז ער איז פאַרשוווּנדן פון הינטער פישלען. ווען פישל מיט פּינחסל זענען געגאַנגען אויף אַ חתונה איז שוין איצט יאָסל קלעזמער געבליבן זיצן אין הויז איינער אַליין.

אין אַ טאָג איז יאָסל געקומען פון דאַווענען און האָט געלאָזט וויסן פישלען, אַז ער האָט אָנגענומען אַ חתונה ביי יאָסל גאָלד אויף י״ב חשוון מיטן באַדינג: אויב. ס׳הייסט, אויב פישל איז מרוצה. פישל האָט געקנייטשט דעם שטערן, זיך צו דערמאָנען אויף וואָסער דאַטע ער האָט גענומען צו שפּילן אויף דער חתונה פון יחזקאל אַלאַרזשס טאָכטער מיט מענדל בעדנאַזשס זון וואָס דאַרף גלייך נאָך דער חופּה גיין דינען פּאַניען. אַן אומגעדולדיקער האָט ער גענומען זוכן אין חשבונות־ביכעלע און נישט געקענט געפינען. ער האָט זיך דערמאָנט אַז די באַשטעלונג ליגט ביי אים אין וועסטל־קעשענע. ער האָט דער־טאַפּט ס׳צעטעלע און געזען אַז ס׳איז אויף דער זעלבער דאַטע: י״ב חשוון, און צוגעטראָגן ס׳צעטעלע יאָסלען, ער זאָל זען.

— איי, אַ פּאַסקודנע מעשה! — האָט יאָסל אַריינגענומען די ציטערדיקע האַנט אין דער אַנדערער — יאָסל גאָלד איז אַ גביר, אַ חזיר גדול, אַ יאַדעשליוועך דערצו. וועסט זען, ס׳וועט נאָך זיין גרויסע צרות מיט אים.

— וואָס האָט איר מורא, ר׳ יאָסל? איר האָט דאָך אים געזאָגט: אויב . . .

— יאָ, און ער האָט געזאָגט: נו, שוין.

— גייט זשע גלייך אַריבער צו אים און זאָגט אים אַז כל הקודם זוכה. דער אַלאַרזש איז געקומען פריער און מענדלס זון גייט באַלד נאָך דער חופה דינען פּאַניען. זיין חופה קאָן מען נישט אָפּלייגן.

ר׳ יאָסל קלעזמער איז צוריקגעקומען פון יאָסל גאָלד אַן אויסגעשעפּטער, אַ טרויעריקער מיט אַ פאַרזויערט פּנים.

— נו, וואָס איז געוואָרן? — האָט אים פישל געפרעגט ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל.

— כ׳האָב דען נישט פריער געוווסט? ער זאָגט אַז די שטאָט האָט מער פון אים ווי פון אַלאַרזשן, וואָס קהל צאָלט פאַר אים דעם פּאַטענט, ער זאָל מעגן קוועטשן דעם אייל. אַ צווייטער, זאָגט ער, קאָן איבערוקן דעם זמן חתונה, נאָר ער וויל נישט.

— אַזוי, ער קאָן, נאָר ער וויל נישט! — האָט פישל זיך געצופּט ביים שפּיץ באָרד — איז דער דין: כופן אותו עד שיאמר רוצא אני, וועט מען אים נייטן ביז ער וועט זאָגן: כ׳וויל שוין.

אפשר איבערעדן מיטן אַלאַרזש? — האָט יאָסל געזוכט אַן אויסוועג.

— ביים אַלאַרזש האָט איר געפּועלט מע זאָל אָפּלייגן דעם זמן־חתונה, נו, וועט דער צאַר אויך אָפּלייגן דאָס נעמען מענדלס זון, בנימינען צו די סאָלדאַטן?... כ׳וועל אַליין גיין צום גביר — האָט פישל געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש — ביי מיר איז אומר ועושה, געזאָגט און געטון.

ער איז אַוועק, פישל, אַן אויפגערעגטער און צוריק געקומען אַ צערודערטער מיט אַ צעפלאַמט פּנים. ער האָט אין גאַנצן געציטערט פון כעס:

— כ׳האָב נישט געגלייבט מיינע אויערן — איז פישל געגאַנגען אויף און אָפּ איבער דער שטוב — ער קען מיינע חטאים. ער ווייסט ווער איך בין, כ׳זאָל אים נישט פאַררעדן די ציין, כ׳בין דעם מצבה־קריצערס זון. ער ווייסט אַלץ. אָדער כ׳שפּיל אויף זיין טאָכטערס חתונה, אָדער כ׳וועל שפּילן אין דער קאַטאָרזשנער קאָמאַנדע אין סיביר.

— אַזוי האָט ער דיר געזאָגט, דער קאָנטרעבאַנדטשיק? — האָט יאָסל זיך אין גאַנצן געטרייסלט פון אויפרעג. מיר זענען גוט אַריינגעפאַלן. ס׳אַ מיאוסע מעשה. פאַרפאַלן, וואָס ס׳דאַרף זיין, וועט זיין.

אין יום־החופה פון בנימינען דעם בעדנאַזשס מיט רחלען דעם אַלאַרזשס זענען די צוויי קלעזמערס, פישל מיט זיין פידל און פינחסל

מיטן טראמפייט געקומען אויפשפילן די מחותנים. צום ערשט האט מען אויפגעשפּילט דער כלהס הויז און גלייך איז מען אוועק צום חתנס הויז און דארט געשפּילט ביז מ'איז געקומען נעמען דעם חתן צום כלה-באדעקנס. אויך לייבעלע בדחן איז געווען און געזאגט איבער דער כלה קודם החופה, ווי ביי די רייכע, און מ'האט מיט מזל געפירט חתן-כלה צו דער חופה און ר' פישל קלעזמער האט געשפּילט ביז אין דרויסן האט שוין אנגעהויבן טאגן און די חתונה-געסט האבן זיך אנגעהויבן פונאנדערגיין.

אויך ביי יאסל גאלד האט די קאפּעליע, וואס איז אראפּגעבראכט געווארן פון דער גובערניע-שטאט, געשפּילט ביז העט אין ווייסן טאג אריין, ביז זמן קריאת שמע של שחרית. עטלעכע פון זיי זענען געבליבן — צו שפּילן אויף די שבע-ברכות, וואס זענען געווען שבעה ימי מישתה, כיד המלך. צום סוף האבן די קלעזמער ארויסבאגלייט די מחותנים און זענען אליין אויך אוועקגעפאָרן.

נאך יאסל גאלדס אפּפּראווען א גאנצע וואך זיין טאכטערס שבע-ברכות, וואס זענען געווען שענער ווי בנימינס און רחלס חתונה, זענען זשאנדארן און קאזאקן באפאלן אין מיטן דער נאכט ר' יאסל קלעזמערס הויז. מ'האט גענומען זוכן אין אלע ווינקלעך און קעמערלעך, איבערגעקערט די שטוב מיטן קאפ אראפּ. זיי האבן געזוכט דעם יונגן דראגונער פישעלעוויטש, דעם קאוואלעריסט פון דער צארישער ארמיי און געטראפן בלויז צוויי אלטע יידן מיט בערד. איינער איז געלעגן קראנק אין בעט און דער צווייטער אין דער לאנגער קאפאטע וואס האט אים באדינט.

— ווער איז דא דער קאוואלעריסט פישעלעוויטש ? ! — האט געדונערט דער עלטסטער קאזאק.

— נישטא אזעלכער, נישטא און נישט געווען — האט ר' יאסל זיך אויפגעזעצט אין בעט ציטערנדיק און טרייסלענדיק מיט די הענט ווי אין קאנוולסיע.

— ארויס פון בעט, דו סימולאנט איינער — האט דער קאזאק באפוילן — דו מאכסט זיך קראנק, דו...

פישל איז צוגעלאפן העלפן ר' יאסלען ארויסגיין פון בעט.

— און איצט צום לעצטן מאל — האט דער קאזאק גענומען טרייסלען און שאקלען דעם קראנקן יאסלען — ווו איז דא אויסבאהאלטן פישעלעוויטש?

— מיר זענען דא אליין, אין צווייען — האט ר' יאסל געוויינט פאר יסורים — איך, א קראנקער און צעבראכענער מענטש און דער וואס העלפט מיר, מער איז דא קיינער נישטא.

— און וווּ ביסטו? — האָט דער קאָזאַק זיך צעשריגן און אַ קלונג געטון מיט דער שווערד, אַרויסגעלאָזט דעם קראַנקן פון זיין האַנט און אַריינגעכאַפּט פּישלען אין זיינע דלאָניעס, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, און אים געמומען דריקן די ריפּנביינער.

— איך... איך... — האָט פּישל געשטאַמלט אין ווייטיק און שרעק, געמישט אַפּגעהאַקטע, אָפּגעריסענע ווערטער, ווי אַ חסר־דעה, געבויגן דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, געפינטלט מיט די אויגן, פאַרגלאָצט זיי צום הימל, ווי ער וואָלט אויסגעגאַנגען אין קאָזאַקס הענט.

— צום טייוול! — האָט דער קאָזאַק אים אָפּגעלאָזן און אַרויס־געכאַפּט די שווערד פון דער שאַשקע — ביי מיר קענסטו זיין דער דעזערטיר פּישעלעוויטש, און פאַר צעהאַקן אַ דעזערטיר קומט גאָר־נישט... זאָג, ווו איז באַהאַלטן פּישעלעוויטש?!

ר׳ יאָסל איז געזעסן אין איין צאַפּלעניש ביים קאָפּשטיק פון בעט און געזען ווי פּישל שטייט אַן איינגעשרומפּענער ווי אַ קינד פאַרן צעפּייערטן קאָזאַק מיט דער פאַרהויבענער שווערד, נאָר זי אַראָפּצו־לאָזן אויף פּישלס קאָפּ.

— גוואַלד, וואָס טוסטו? זעסט דאָך, ער איז משוגע! — איז יאָסל צוגעלאָפן מיט די לעצטע כוחות צום גזלנישן קאָזאַק מיט דער פאַר־הויבענער שווערד.

— נו, דער טייוול נעמט אייך ביידע! לייג אים אין בעט אַריין, משוגענער! — האָט דער קאָזאַק אַ געשריי געטון און איז אַרויס מיט דער אַנטבלויזטער שווערד אין דרויסן אַרויס מיטנעמענדיק מיט זיך זיינע באַגלייטערס:

— עפּעס אַ משוגעת, דער טייוול זאָל עס נעמען, אַ פאַלשער דאָנאָס — האָט ער צו זיי געזאָגט — איינער אַ משוגענער און דער צווייטער אַן אַלטער אַ קראַנקער, קיין שום דראַגונער איז דאָ נישטאָ.

— אַוודאי אַ טעות — האָבן די אַנדערע זעלנערס צוגעגעבן — אָדער אַ שפּיצל אויף חוזק.

אויך אַלע, וואָס האָבן אַ מאָל געקענט דעם מצבה־קריצערס זון, דעם דראַגונער און מוזיקאַנט פון דער פאַזשאַרנע קאָמאַנדע, וואָלטן אויך מסכים געווען, אַז ס׳איז עפּעס אַ טעות, אַזוי געענדערט איז ער געוואָרן, דער פּישל קלעזמער, אין איין מינוט.

נאָך דער מעשה מיט יאָסל גאָלדס קאָזאַקן זענען ביידע קלעזי־מערס, ר׳ יאָסל און ר׳ פּישל, מער נישט געווען די זעלבע. ר׳ יאָסלען האָט די קרענק איינגעבויגן אין דרייען, און פּישל איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ דולער. ער האָט ווייניק גערעדט, זיך אָפּגעלאָזט, נישט צום

דערקענען. בלויז אויפגעפּאַסט אויף ר׳ יאָסלען, ווי פריער, באַדינט אים, אויפגעזאָטן שוואַרצע ציקאָריע, עפּעס וואַרעמס, און שעהען לאַנג געשטאַנען ביים פּענצטער, ווי ער וואָלט אויסגעקוקט אַז די קאַזאַקן זאָלן צוריקקומען און אים צונעמען. אויף דער פידל האָט ער נאָר געשפּילט ווען ר׳ יאָסל האָט אים געבעטן, ער זאָל פאַר אים שפּילן עפּעס אַ זמרל. פישל האָט פאַר אים געשפּילט מיט האַרץ און מתיקות ביז ר׳ יאָסל האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיי מער נישט געעפנט. ער איז איינגעשלאָפן אויף אייביק אונטער די זיסע קלאַנגען וואָס פישל האָט אַרויסגעקריגן פון זיין פידל.

פישל איז אַוועק נאָך דער חברה-קדישא און האָט באַגלייט ר׳ יאָסלען ביז צו דער טיר מיט זיין פידל. ער איז נאָך דעם אַליין אַוועק אויפן בית-עולם און אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון ר׳ יאָסלס לוויה. ער האָט אים אַ קעגנגעשפּילט אויף דער פידל זיין באַליבטן זמר, בורטשענדיק צום שמש וואָס האָט געקלאַפּט מיט דער פושקע:

— שוטים, אַ קלעזמער באַגלייט איר מיט צדקה תציל ממות? מיט געזאַנג דאַרף מען אים געזעגענען. צדקה און באַנקעם ווי קאַ-זאַצקע נאַהייקעס.

פון דעמאָלט אָן, ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט פישל אָנגע-הויבן אַרויסגיין אין די בין-השמשותן צו נישט-געשטויגענע חתונות. געפירט אומגעזעענע חתן-כלה צום באַדעקנס, באַזעצט די כלה אין מיטן יאַרידמאַרק, באַגלייט ס׳יונגע פּאָרל צו דער חופּה אין שילהויף, אונטערגעשפּילט די מחותנים, די פרויען און מענער וואָס ער האָט געטראָפן אין גאַס, און אַזוי אָפּגעשפּילט די חתונה אין מיטן מאַרק ביז שפּעט ביי נאַכט. ער איז טייל מאָל אַרויפגעקראָכן אויפן שפּרינג-טורעם פון די פייערלעשערס, געשפּילט דאָרט אין די באַגינענס ביז טאָג, ווי אויף די רייכע חתונות.

פאַר די, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן אַרום אים, ווי אויף אַ בייז וווּנדער, האָט ער פאַר יעדן געהאַט אַן אויפשפּיל: — משוגענער, וואָס קומסטו הערן אַ משוגענעם? מיינסט, כ׳שפּיל פאַר דיר? כ׳שפּיל פאַר די וואָס זענען מער נישטאָ, אָבער זיי הערן מיך בעסער פון אייך אַלע. איר זענט דאָך אַלע טויב. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום עולם אונטן און זיי איינגערוימט אַ סוד: — איר זענט דאָך ווי די גוישע געטער, זיי האָבן אויערן און הערן נישט, האָבן אויגן און זעען נישט, האָבן מיילער און רעדן נישט, נאָר שטייען ווי איר, ווי די גולמס. אַוועק פון דאַנען! כ׳שפּיל פאַר מענטשן מיט נשמות און פאַר די נשמות פון מענטשן. זיי הערן מיך. איר זענט טויב ווי די וואַנט. איר זענט אַלע

צעדרייטע. און פאַר משוגעים שפּיל איך נישט. כ'שפּיל פאַר סילעמאַנען, פאַר גזשעבן מיטן גאַיאַוועד שפּיל איך, פאַרן בעטלער מיט זיין בלינדער מאַמען, פאַר ציטקען אויפן פּיעקעליק. ר' יאָסל הערט מיך, מיר גייען ביידע אַרום ווי אָדם הראשון אין גן־עדן. אַוועק, איר רשעים! איר קאָנטרעבאַנדיסטן, איר!... און ער האָט זיך צעוויינט אויף דער פידל.

באַלד איז אַנגעלאָפן דער סטאַרשי, וואָס האָט מיטגעבראַכט דעם סטראַזשניק. אויך דער קאָמענדאַנט פון די פייערלעשערס איז געקומען צו לויפן און האָט געוואָרנט פישלען, אויב ער גייט נישט אַראָפּ פונעם שפּרינגטורעם, גייט ער אַרויף און צעברעכט אים די פידל. דאָס האָט געהאָלפן. פישל האָט באַהאַלטן די פידל הינטערן כאַלאַט און מיט איין האַנט זיך אַראָפּגעדראַפּעט פון די קרומע ספּיראַלע שטיגן און דריקנדיק די פידל צו זיך, האָט ער זי באַוויינט, ווי זי וואָלט שוין נעווען אַ צעבראָכענע.

אין דער נאַכט, ווען אין טאַביאַשעס סקלאַד האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה, האָבן די פייערצונגען זיך אויסגעשפּרייט און אויסגעצויגן ווייטער און אַנגעהויבן באַלעקן דעם דאַך מיט די ווענט פון יאָסלס צעלניק־געשעפט. דער קאָנטרעבאַנדיסט האָט קאָמאַנדעוועט מיט זיינע זין ביים גיסן ס'וואַסער, ביים לייגן נאַסע ראָגאָזשעס, אַלטע איינגענעצטע שמאַטעס און זעקלעך זאַמד. פישל איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און האָט געקוקט ווי נעראָן ווען רוים האָט געברענט. ווען די אַלע מיטלען — נאַסע זעק און שמאַטעס — האָבן נישט געהאָלפן און די שריפה איז געוואָרן גרעסער, האָט פישל אויפגעשפּילט אויף דער פידל און צוגעזונגען בדחנישע גראַמען:

— ברען, יאָסל, ברען! אַזאַ גוטע שיינע שריפה האָט נאָך ס'שטעטל נישט געזען. כ'ווינטש דיר, ס'זאָל ווערן גרעסער דאָס שיינע פייער, ווייל אונדז אַלעמען ביסטו ליב און טייער. די שריפה זאָל אויך דיך נישט מיידן און אַ נשרף זאָלסטו שוין אייביק פאַרבלייבן.

אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַן אָרעמע חתונה אין שטעטל האָט ר' פישל קלעזמער אויפגעלעבט, ער איז געקומען צו זיך, צוריק אַריין אין דער הויט פון אַלטן ר' פישל קלעזמער, ווי ס'וואָלט זיך צוריקגעקערט צו אים דער רוח־הקודש. ער האָט ווייטער אַלעמען ווי פאַרכישופט מיט זיין שפּילן. ווער ס'האָט נישט געוווּסט פון זיין קרענק, פון זיין עצבות, האָט נישט געגלייבט דאָס וואָס מע זאָגט אים. מחותנים און געסט, וואָס זענען געקומען פון ווייט צו דער אָרעמער חתונה, האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָנזעטיקן מיט ר' פישל קלעזמערס שפּילן.

ווי אמאל אין די גוטע צייטן, האט מען פון אלע זייטן פארלאנגט און געבעטן: — א וואלעכל, ר׳ פישל, א וואלס! א שער! דעם רבינס ניגון! רינה וגילה, ר׳ פישל! דעם מאדזשיצערס מארש, ר׳ פישל!

ר׳ פישל האט געשפילט אפילו אומגעבעטן פאר די קבצנים, אביו־נים אויף זייערע ארעמע חתונות, פאר עמך, שוסטערס און שניידערס, באשיינט זייערע ארעמאנסקע שמחות געבעטן און אומגעבעטן, גע־שפילט אויף די יארידן פאר די פויערן כל־נדרי, כבקרת רועה עדרו, אלי אלי.

אין די וואכעדיקע טעג, אן חתונות און אן יארידן, האט פישל קלעזמער געשפילט צווישן שיל־ און בית־מדרש־הויף פאר די קינדער, די דאווענערס און לערנערס. איז אנגעקומען א גביר, א שיינער ייד, האט פישל אויפגעהערט שפילן. ער האט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן הינטן ביז יענער איז פארבייגעגאנגען און שוין געווען אויף דער אנדערער זייט גאס, דעמאלט האט ער צוריק אנגעהויבן שפילן.

ווינטערצייט האט פישל קלעזמער געשפילט אין הקדש פאר די ארעמע לייט, די קראנקע און עלנטע. ער האט געשפילט פאר זיי אין די קאלטע נעכט און זיי געווארעמט מיט זיינע חסידישע ניגונים, דעם רבינס מארש, שושנת יעקב, מיר איז גוט, מיר איז גוט... אינעם הקדש איז אויך פישלען געווען גוט. ער האט זיך ארייגעקליבן אהער און זיך דארט אויפגעהאלטן ביז זיינע פינגער און זיין שכל האבן אים אויפגעהערט דינען, ביז זיין פידל איז אויסגעגאנגען צוזאמען מיט אים, וואס דער נאמען זיינער איז געווען אויף אלעמענס ליפן: פישל קלעזמער.



א י נ ה אַ ל ט:

זייט

במקום אַ הקדמה — 7

די לעבעדיקע מתּנה — 19

די דין־תּורה און דער שדים טאַנץ אין שיל

1. תשעה־באָב אין שטעטל — 29
2. ר׳ ישראל דיינס שאלה — 31
3. דער דיין גיט צוריק די נדנים — 33
4. דער גירוש פונעם שטעטל — 34
5. שמואל־אַהרן און דער קאָזאַק פון דער צאַרישער אַרמיי — 35
6. דאָס שטעטל נאָכן ערשטן מילחמה־שטורעם — 38
7. אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — 40
8. ווו איז אַהינגעקומען צלאָוועס צירונג — 42
9. ביקור־חולים־קוויטלעך אַנשטאָט נדן־געלד — 44
10. פייגע־מירלם מאַכט שוואַרץ־שבת דעם דיין — 47
11. איטשע־לייב שוסטער זאָגט מוסר... — 50
12. פייגע־מירלם יורש ווערט גערופן לדין — 52
13. גאַנץ קהל לויפט אין שיל אַריין צו דער דין־תּורה — 55
14. דער מישפּט אין שיל ביי אָנגעצינדענע ליכט — 57
15. דער רב בלאָזט שופר ביים אָפענעם אָרון־קודש — 62
16. ר׳ ישראל דיין איז מוחל פייגע־מירלם יורש — 66
17. דער שדים־טאַנץ אין די ביינאַכטיקע שילפענצטערס — 67
18. די שדים טרעטן אָפּ פאַרטאָג פון דער שיל — 73

דער בעל־מלאכה — 78

דער סטאָליער און דער ביסקופּ

1. אַן אויסטויגער אין לעבן — 97
2. די זעלטענע רבנישע שטול — 100
3. שעפּסל מאַכט אַ שטול פאַרן ביסקופּ — 102
4. שעפּסל סטאָליער ווערט אַ בעל־מום — 105
5. ר׳ חיים באַיער און שעפּסל סטאָליער בּאַראָטן זיך — 107

6. שעפסל ווערט גבאי־ראשון פון חברה „מלבוש־ערומים" — 111
7. אַ פריש אַנשיקעניש — דער דעקאַן פונעם ביסקופ — — 113
8. פטור געוואָרן פונעם ביסקופס שטול — — — — — — — 114
9. דער ביסקופ לאָזט אַרעסטירן דעם סטאָליער — — — — — 115
10. דער קראַנקער חיים באַיער פּרוווט מזל ביים נאַטשאַלניק 117
11. ר' חיים באַיערס פטירה און שעפסלס צוזאָג — — — — 118
12. שעפסל ווערט ענדלעך פטור פון ביסקופ און זיין שטול — 120

דער באַפרייטער חנוכה־לאָמפ — — — — — — — — — — 122

די פורים־שפילערס — — — — — — — — — — — — — — 135

מ ס י ר ת ־ נ פ ש — — — — — — — — — — — — — — 147

דער אַכזר און די נקמה

1. דער יידישער פריץ וואָס האָט פאַרגויישט זיין הויף — — 170
2. דער וואַלד־סוחר און דער וואַלדהעקער — — — — — — 171
3. חיימל ווערט דעה־זאָגער אין טאַרטאַק — — — — — — — 173
4. דעם בעל־חלומות אַבראַמטשיק ציט אין דער וועלט אַריין 175
5. חיימל נעמט איבער די האָלץ־מיסחרים — — — — — — — 177
6. דער קראַנקער באַיער איז מגלה אַ סוד — — — — — — — 179
7. חיימל פאַרטראַכט אַ שותפות... — — — — — — — — — 182
8. ר' שלמה באַיער פילט זיך אָפּגענאַרט — — — — — — — 185
9. חיימען פאַרדרייט זיך דער קאָפ נאָך באַיערס טויט — — 187
10. דער רב מוסרט חיימען און לייזער גייט אַ גאַנג — — — 189
11. חיים מטורף פראַוועט הוליאַנקעס — — — — — — — — 191

פישל קלעזמער — — — — — — — — — — — — — — 204

ZVI SHUBER

THE ENCHANTED WORLD OF LONG AGO

COPYRIGHT BY AUTOR

TORONTO CANADA
PRINTED IN ARGENTINA



Idisch Land

Buenos Aires

1973